STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00056

DER YIDISHER KAUBOY

Isaac Raboy

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Louis & Mildred Resnick
in honor of
Joseph Abraham Aini their first great grandson born May 19, 1998

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ראַבאָי

דער
יידישער קאַובאָי

(ראָמאַן)

פאָלקס־פאַרלאַג
אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פאַרבאַנד

ניו־יאָרק, 1942

Copyright, 1942

ICUF, 189 Second Avenue

New York, N. Y.

פון אונדזער ביבליאָטעק

אברהם און חיקע באַנק

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

Printed in U.S.A.

490

אַסטאָריאַ פּרעס, 61 איסט 4טע סטריט, ניו יאָרק



א. ראַבאָי

געצייכנט — מאַקס ראַבאָי

דאָס דאָזיקע ווערק, דאָס ערשטע בוך פֿונם איקוף־פֿאַרלאַג, איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון כאַסיע שאַפּיראָ, אינם אָנדענק פֿון איר מאַן, דעם פּריצייטיק־פֿאַרשטאָרבענעם קולטור־טוער און איקוף־פֿריינט

חיים שאַפּיראָ,

פֿון ניוטאָן, ביי באָסטאָן.

א. ראַבאָי

א. ראַבאָי געהערט, כראָנאָלאָגיש, צו דער גרופּע „יונגע“ אין דער ייִדיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. מיט אים צוזאַמען, אין די לעצטע יאָרן פֿונעם ערשטן און אין די ערשטע יאָרן פֿונעם צווייטן יאָרצענדליק פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, משה־ליב האַלפּערן, משה נאַדיר, דוד איגנאַטאָוו, מאַני לייב, זישע לאָנדוי, ראובן אייזלאַנד, י. חיימאָוויטש און אַנדערע שרייבער. די „יונגע“ האָבן געהערט צו פֿאַרשיידענע ריכטונגען: אויב זיי האָבן טעאָריזירט וועגן זיך, ווי וועגן אַ קאָלעקטיוו, האָבן זיי אַוודאי ניט געטראַכט פֿון אַ באַשטימטער קונסט־ריכטונג — וואָרום צווישן אָפּאַטאָשו דעם דעמאָלטיקן נאַטוראַליסט, לייוויק דעם סימבאָליסט, מאַני־לייב דעם אימפּרעסיאָניסט און ראַבאָי דעם רעאַליסטישן ראָמאַנטיקער איז קוים געווען אַ צד השוה אין פּרט פֿון מאַניר, סטיל, פֿאָרמע. די „יונגע“ האָבן אויך ניט געבילדעט קיין „שול“ אין פּרט פֿון אידעאָלאָגיע: עס איז שווער צו געפֿינען אַ פּאָזיטיווע אידעען־קרובהשאַפֿט, ניט צו רייִדן וועגן אַידעען־געמיינשאַפֿט, צווישן זישא לאָנדוי, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון דער וועלט, משה־ליב האַלפּערן, וואָס האָט געוויטאָגט פֿון די אומפֿולקאָמענהייטן פֿון דער וועלט, לייוויק, וואָס האָט זיך פֿיל מער אינטערעסירט מיט די אייגענע איבערלעבונגען, ווי מיט דער גאַנצער גרויסער אָביעקטיווער וועלט; אָפּאַטאָשו, וואָס האָט זיך געוואונדערט מיט קינסטלערישן נייגיר איבער די טשעקאַוועקייטן פֿון דער אַמעריקאַנישער וועלט; משה נאַדיר, וואָס האָט זיין ניו־יאָרק פֿאַרצירט מיט פֿליטערלעך און פּאַטשערקעס געבראַכט פֿון דער גאַליציאַנער־נאַראַיעווער וועלט, און ראַבאָי, וועמען ס'האָט גאָר געצויגן אַרויסצוציבערן פֿון זיין פֿאַנטאַזיע אַ שענערע, אַן אידעאַליזירטע וועלט. אויך איז ניט געווען ביי די „יונגע“ קיין באַשטימטער אָרגאַניזירטער צענטער, וואָס זאָל זיי פֿרואוון פֿאַרבינדן, זיי געבן איינהייט און ריכטונג. זייער איינציקער צענטער איז געווען שלומס קאַפֿע, און זייער גייסטיקע היים זיינען געוואָרן די זאַמלביכער „שריפֿטן“, וואו דער דיאַפּאַזאָן פֿון פּאָעזיע, למשל, איז געגאַנגען פֿון ווערלען ביז וואָלט וויטמאַן.

און דאָך איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס ס'פֿאַראייניקט אָט־די גרופּע, וועלכע מען קען מיט רעכט אָנרופֿן אַ פּלעיאַדע, ווייל פֿון איר האָבן זיך אַרויסגעאַנטוויקלט עטלעכע שטערן פֿון דער ערשטער גרויס. זיי אַליין האָבן געמיינט, אַז זיי אונטערשיידן זיך פֿון די צוויי פֿריערדיקע דורות ייִדישע שריפֿטשטעלער אין אַמעריקע (ווינטשעווסקי, באָוושאָווער, עדל־

שטאָט, ראָזנפֿעלד און קאָברין, ליבין, פּינסקי) דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין „איזמען": זייער מאָטאָ איז, כלומרשט, געווען „ניט סאָציאַליזם און ניט נאַציאָנאַליזם", אָדער, ווי איינער פֿון זיי האָט דאָס פֿאָרמולירט: זיי ווילן ניט קיין ג ע ט ע ר. זיי האָבן זיך באַוואוסטזיניק אָפּגעטיילט פֿון די עלטערע שריפֿטשטעלער, וואָס זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטן, האָבן זיך אינטערעסירט מיט סאָציאַלע פֿראַגן און געשטיצט די אַרבעטער־באַוועגונג און אַמאָל אויך געצאָלט צינז דעם נאַציאָנאַליזם (ווי אַזוי מען קען פֿאַראייניקן איינס מיטן צווייטן איז אַן אַנדער פֿראַגע: דאָ האָט געשפּילט זיין ראָלע דער אָפּאָרטוניזם). דער אמת איז אָבער, אַז אויך ביי די „יונגע" האָט מען געקענט אַנט־דעקן די „איזמען" באָטש אין קלענערע דאָזעס: לייוויק איז געווען אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט זיין סיבירער רעקאָרד; אייזלאַנד האָט אין זיינע אידיליעס שיר ניט געגעבן אַ טאָן פֿון אַשס „שטעטל"־דיקע מאָטיוון; משה־לייב האַלפּערן איז געווען אַ סאָציאַליער בונטאַר; אָפּאַטאָשו האָט געוויזן גאַנץ קלאָרע סימפּאַטיעס פֿאַר דער אָרעמשאַפֿט; איגנאַטאָוו האָט געמאַכט עקספּערימענטן אין חסידישער מיסטיק, בשעת משה נאַדיר האָט מיט זיין סאַטירע געפּרואווט באַקעמפֿן דעם סאָציאַליזם (אַ נ ט י ־ סאָציאַליזם איז אויך אַן „איזם"). די „יונגע", ווי אַלע אַפֿילו די „פּארנאסישסטע" קינסטלער איבער דער גאָרער וועלט, האָבן זיך בשום אופֿן ניט געקענט אויסבאַהאַלטן פֿון אידעאָלאָגיע, און ווערליק די סביבה, אין וועלכער זיי איז אויסגעקומען צו פֿונקציאָנירן אין אַמעריקע, האָבן זיי זיך אויך ניט געקענט אויס־באַהאַלטן פֿון סאָציאַלע פּראָבלעמען.

זיי אַליין האָבן אפֿשר דעמאָלט ניט געקענט פֿאָרמולירן דאָס, וואָס ס'האָט זיי געמאַכט פֿאַר אַ גרופּע. פֿון דער אָביעקטיווער היסטאָרישער דיסטאַנץ לאָזט זיך אָבער דער כאַראַקטעריזיר־מאָמענט לייכט דערקענען: די אַלע „יונג'ע" האָבן זיך אָריענטירט אויף אַ קולטורעלן לעזער. זיי האָבן געשריבן פֿאַר אַ מער־אַנטוויקלטן עולם, ווי דער עולם פֿון די עלטערע שריפֿטשטעלער־דורות.

סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער דור שריפֿטשטעלער האָבן אין זינען געהאַט דעם „עמך". זיי האָבן פֿאַר זיך געזען דעםברייטן פּראָ־לעטאַרישן און קליינבירגערלעכן עולם (שאַפּ־אַרבעטער און פּעדלער), פֿאַר וועמען זיי האָבן געשריבן און צו וועמען זיי האָבן (באַ־וואוסט אָדער אומבאַוואוסט) צוגעפּאַסט זייער שפּראַך און זייער מאַניר. דאָס הייסט בשום אופֿן ניט, אַז זיי האָבן דעגראַדירט זייער טאַלאַנט אָדער פֿאַרביליקט זייער שפּראַך: חלילה. דאָס הייסט נאָר, אַז זיי האָבן בסדר געהאַט פֿאַר די אויגן דעם מאַסן־לייענער, וואָס זיי האָבן וועגן אים געטראַכט, אַז ער שטייט אויף אַ נידעריקער

מדרגה, אַז ער האָט קיין אויער ניט פֿאַר די פֿײַנערע ניואַנסן, אַז ער האָט קיין חוש ניט פֿאַר טעמעס, וואָס טרעטן אַריבער דעם גדר פֿון זײַן ענגען עקזיסטענץ־קרייז, אַז ער איז בלינד פֿאַר די איידעלערע עסטעטישע ווערטן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פּאָפּולערע ליטעראַטור פֿון אַ באַשטימטן מין. די פּאָפּולערקייט האָט אין זיך געהאַט סיי פּאָזיטיווע, סיי נעגאַטיווע זײַטן, וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן וועגן דעם. די פּאָפּולערקייט גופֿא איז אָבער אַ פֿאַקט.

קעגן אָט־דער פּאָפּולערקייט איז אויפֿגעשטאַנען די גרופּע „יונגע“. זיי האָט זיך געדאַכט (מיט רעכט אין אַ סך פּרטים), אַז עס פֿאָדערט זיך אַ ליטעראַטור אַ רײַכערע. אַ מער פֿולבלוטיקע, אַ מער פֿילפֿאַרביקע, אַזעלכע וואָס זאָל ניט מורא האָבן צו ריידן מיט אַן אייגענעם קול אויף איר אייגענער שפּראַך, ניט קימערנדיק זיך, צי מען וועט זי פֿאַרשטיין, צי ניט. זיי האָבן געהאַט פֿאַר די אויגן אַ לייענער, וואָס קען געניסן אַ ליטעראַטור אַ דערוואַקסענע, אַ גלײַכבאַרעכטיקטע מיט אַנדערע ליטעראַטורן.

דער דאָזיקער לייענער האָט עקזיסטירט ערשט ווי אַן עמבריאָ: דאָס איז געווען דער „אויסגעגרינטער“ מאַסן־מענטש, וואָס האָט זיך שוין גענוג „אַרויפֿגעאַרבעט“ צו קענען הנאה האָבן פֿון די בעסערע ליטעראַרישע ווערק, אָבער ניט אַנגעוואָרן זײַן צובונד צו יידיש. דאָס איז געווען דער זייער דינער, אָבער דאָך שוין אויפֿגעקומענער, שיכט פֿון יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער אינטעליגענץ (לערער, שרײַבשטעלער, מאָלער, טעאַטער־מענטשן), וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש. די גרופּע „יונגע“ האָט, אַזוי צו אַזוי, געפֿילט, אַז זי קען שוין ריידן ניט פֿון אויבן אַרונטער, נאָר ווי גלײַכע צו גלײַכע. און דאָס האָט געגעבן אַ באַזונדערן כאַראַקטער דער אַרבעט פֿון אָט־די שרײַבער.

אין אמתן האָבן זיי אַ טעות געהאַט אין חשבון; ס'איז אָבער געווען אַ טעות, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט דורך אים פֿאָרמעל פּראָפֿיטירט. זיי האָבן אונטערגעשאַצט דעם פּראָלעטאַרישן מאַסן־לייענער, וועלכער האָט סוף־כל־סוף געבילדעט דעם ראשו ורובו פֿון זייער לייענער־עולם און וועלכער האָט זיי געענערט אַ פֿערטל יאָרהונדערט מיט זײַן באַוואונדערונג, ליבשאַפֿט און מאַטעריעלע מיטלען; אָט־דער טעות האָט זיך אָפּגעשפּיגלט צום שלעכטן אין זייער אידעאָלאָגיע, אין דער אויסוואַל פֿון זייערע טעמעס: דערווײַטערונג פֿון דער מאַסע; אינדיוויזם; געיעג נאָך עקזאָטיק; פּסיכאָלאָגיזם; אידעאַליזאַציע פֿון עבר און אַז. וו. אין פּרט פֿון שפּראַך און ליטעראַרישן אויסדרוק האָט די גרופּע „יונגע“ דאָך געמאַכט אַ טריט פֿאָרויס אין פֿאַרגלײַך מיט די עלטערע. אָן איבערטרײַבונג קען מען זאָגן, אַז זי האָט געשאַפֿן אַ נײַע יידישע ליטעראַרישע שפּראַך, אַז זי האָט דערהויבן די יידישע ליטעראַטור אויף אַ הויך,

וואָס האָט אויסגעזען אוממעגלעך פֿריער מיט עטלעכע יאָר, אַז זי האָט זי באַרייכערט מיט אַ גרויסע צאָל נייע מאָטיוון און האָט אַנטוויקלט די מ י ס ט ע ר ש אַ פֿ ט , וואָס דער נ י י ע ס ט ע ר דור, דער פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר , דאַרף ערשט קענען אויסנוצן, כדי צו דערהויבן די א י צ ט י ק ע יידישע ליטעראַטור אויף נאָך אַ גרעסערער הויך.

* * *

א. ראַבאָי איז בכלל אַן אייגנאַרטיקער מענטש. אַ זון פֿון אַ בעסאַראַבער שטעטל — און דאָך איינער פֿון די גרויסשטאָטישסטע מענטשן, וואָס אונזער ליטעראַטור האָט אַרויסגערוקט. אַ זון פֿון אַ בירגערלעכער פֿאַמיליע — און דאָך אַ פּראָלעטאַריער, וואָס קען דאָס פֿאַבריק־לעבן פֿון אייגענער לאַנגיאָריקער אומאויפֿהערלעכער דערפֿאַרונג. אַ מענטש פֿון אָרטשאַרד סטריט און סאָפֿאָלק סטריט און אַטורני סטריט, מיט די שעפּער און קראָמען און פּושקאַרטס און בעיסמענטס און דעם גאַנצן הו־האַ — און דאָך ניט קיין תושב אין דעם איסט־סאַיד געמויזעכץ: אין יעדער תנועה און האַוואַיע זיינער פֿילט זיך איינער, וואָס לעבט מיט זיין טיפֿסטן מהות אין אַן אַנדער וועלט, עפּעס אָן אַ שיעור אַ לויטערער און אַ ברייטער און שוואונגפֿולער און מאַניעגדיקער; און טאַקע ו ו י י ל אַט־די וועלט לאָזט זיך אין אים דערקענען פֿון דעם ערשטן קוק אָן, דעריבער ווערט ער אַליין אַ שטיק וואונדער: אַ היגער און ניט־היגער, אַן אונזעריקער און אַ שטענדיק־ניט־דערקאָנטער, אַ פּראָסטער און אַזאַ מערקווירדיק קאָמפּליצירטער. אַ שאַפּ־מענטש — און אַ גאָר היימישער אין די ברייטע אַמעריקאַנער פֿעלדער, אין דער אומענדלעכער מערבדיקער ווייט־פּרעירי, אין די גראָז־סטעפּעס, וואו עס יאָגן זיך די גרויסע סטאַדעס פֿערד און עס רייטן די קאַובאָיס. אַ מענטש אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער, אַ צוריקגעצויגענער — און אָנגעפֿילט מיט אַ גבורה, וואָס איז שטאַרקער פֿון אייזן. אַ מענטש אַ גייסטיקער, וועמעס יעדע שורה זינגט וועגן דעם פּרימאַט פֿון גייסט איבער מאַטעריע, וועגן אויפֿבליץ פֿון גייסט אינעם חושך פֿון כאַאָס — און אַ ליבהאָבער פֿון פֿיזישע צוזאַמענשטויסן, פֿון מגושמדיקן קראַפֿט־אויסדרוק, פֿון מעכטיקער באַוועגונג. אַ מענטש אַ יידישער ביזן מינדסטן נאָגל, מיטן יידישן טאָן און יידישן שטיינער און יידישן ריטם און אַמאָל טאַקע יידישן קרעכץ אויך — און אין דער זעלביקער צייט אַ פֿערד־יונג, אַ פּויער, אַן ערד־אַקערער און גאָרטן־פֿלאַנצער מיט אַ „ניט־יידישער“, ד. ה. ביי גרויסע מאַסן יידן זעלטן געזעענער צערטלעכקייט צו רוי־ערד, ערד־זאַפֿט, ערד־קראַפֿט, תבואה, בוים, פֿון וועלכע ער, ראַבאָי, פֿילט זיך ווי אַ טייל אויף אַ כמעטפּאַנטעאיסטישן אופֿן. אַ געלאַסענער דערציילער מיט אַ שטילן בנעימותדיקן קול און אַ צנועדיקער מינע — און הינטער דעם רואיק־לויפֿנדיקן טייכל פֿון זיין ספּור המעשה גייט אַן אומרואיק ווייבריזן פֿונעם ניט־דערזאָגטן.

אַן אייגנאַרטיקער מענטש — אַ. ראַבאָי. אייגנאַרטיק איז געווען זיין ליטעראַרישער וועג.

ער האָט אָנגעהויבן מיט די „יונגע". ער איז געווען זייער שווינ־דלינג. אָבער ער האָט צווישן זיי פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט. ער האָט געהערט צו דער מינדערהייט זייערער, וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט דער מאַסע. ער האָט געבראַכט אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט אַ געניטע באַקאַנטשאַפט מיט שאַפּ־אַרבעט, אַ געניטע באַקאַנטשאַפט מיט פערד־צוכט און מיט אַגריקולטור, וואָרום ער איז געווען דורך יאָרן אי אַן אַרבעטער, אי אַ פערד־ציכטלער, אי אַ שילער אין אַן אַגריקולטור־שול. ער האָט אָבער געבראַכט נאָך עפּעס: אַ ליבשאַפט פאַר די עקספּלו־אַטירטע, אַ געפיל פון אומצופרידנקייט צוליב דעם סאָציאַלן אומרעכט אויף דער וועלט, אַ שטרעבונג צו גערעכטיקייט.

ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישן וועג מיט עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען עקזאָטיש ביי יידן: „הער גאָלדנבערג", „אַ פּאַס פון ים". דאָס האָט שטאַרק אויסגענומען, ווייל ס'איז געווען גאָר ניי אין דער יידישער ליטעראַטור: יידן, וואָס אַקערן די ערד ערגעץ וואו אין קאָנעטיקוט אָדער אין ניו־דזשוירזי; יידן, וואָס פאָרן אַרוים אין דער ווייטער וועסט, פאַרדינגען זיך ווי „פאַרם־הענט" ביי ניט־יידישע פאַר־מערס, טוען די שווערע און גאָר „ניט־יידישע" אַרבעט פון אַקערן און זייען און שניידן און רייטן אויף ווילדע פערד און טיילן דאָס לעבן פון די איינגעפונדעוועטע, פאַרהאַרטעוועטע און שטרענגע פאַרמערס־באַלעבאַטים, כדי נאָכן סעזאָן אַרויסגעשיקט צו ווערן, ווי אומנויטיקע, און ווידער נעמען וואַנדערן איבער דער ברייט פון די שטאַטן. ס'איז געווען אומגעריכט, פאַרכאַפּנדיק. ס'האָט אויסגעזען ווי אַן אַרויסרוף דער שטאָט. ס'האָט ווי געטראָגן מיט זיך אַן אידעאָלאָגיע: זעט, ווי דאָס מענטשלעכע לעבן קען זיין פאַרשיידן פון דעם שאַפּ־מאַנאָטאָן.

אָבער אַ. ראַבאָי איז ניט אויסן געווען די עקזאָטיק. אפשר האָט ער גאָר קיינעם ניט געוואָלט מוסרן אָדער לערנען. ער האָט געוואָלט דערציילן אויף זיין אייגענעם שטייגער, וואָסערע מענטשן עס זיינען דאָ אויף דער וועלט. עס האָט אים געצויגן צו מאָלן אַ סביבה מיט פערד און מיט ווילדן רייט, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט. און דער סוד, פאַרוואָס די זאַכן האָבן געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, איז געווען ניט נאָר אין דער טעמאַטיק, נאָר אין דעם טאַלאַנט פונעם שרייבער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ טאַלאַנט אַ זאַפטיקן, אַ פען אַ זיכערער, אַן אויג, וואָס זעט פאַרבן, אַ באַאָבאַכטער, וואָס דערפילט מענטשן און שטעלט זיי פאָר לעבעדיק און רירעוודיק, אַ דערציילער, וואָס ווייסט, ווי אַזוי אַריינצופירן אין אַ מעשה און פאַראינטערעסירן און אָנהאַלטן דעם אינטערעס און דערפירן צו אַ סוף און פאַרענדיקן אַזוי, אַז ס'זאָל בלייבן דער איינדרוק פון אַן אויסגעפורעמטן שטיק לעבן.

ס'האָט זיך געפֿילט אינעם שרייבער אַ פֿרישקייט, אַן עכטקייט, אַ פּאַטעטישקייט, אַן ערלעכקייט פֿון באַשרייבונג, אַ בצמצומדיקייט פֿון אויסדרוק, אַ לויטערקייט פֿון פֿאַרבן. ראַבאָיען האָט מען באַלד דערקענט. אַ. ראַבאָי האָט פֿאַרנומען אַן אויבן־אָן אין דער נייער, „יונגער" ליטעראַטור. ראַבאָיס קאַריערע איז געווען אַ „געמאַכטע".

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט זיך שוין געהאַלטן אָן די טעמעס, וואָס האָבן אים אויסגעטיילט פֿון דער גאַנצער גרופּע (איין דוד איגנאַטאָוו האָט געפּרואווט די זעלביקע טעמעס: „פֿיבי" און אַנדערע דערציילונגען, נאָר ס'האָט זיי געפֿעלט די אוממיטלבאַרקייט פֿון ראַבאָיס שאַפֿן; ס'איז ניט געקומען פֿון אַזאַ טיפֿן קוואַל). ער וואָלט שוין גענומען דאָס דאָרף און די נאַטור און די פֿערד פֿאַר זיין ליטעראַרישן „פֿערדל". ניט אַ. ראַבאָי. אים האָט געצויגן ניט אַזוי צו זיין איינגאַרטיק, „באַזונדער", ווי צו דערציילן דאָס, וואָס ער האָט געוואוסט וועגן מענטשן און זייער לעבן. און געוואוסט האָט ער גאָר אַ סך וועגן אַ סך זייטן פֿונעם יידישן מאַסן־לעבן סיי אין דער אַלטער בעסאַראַביע, סיי אין די געדיכטע יידישע געגנטן פֿון ניו־יאָרק.

האָט אַ. ראַבאָי ניט מורא געהאַט אָפּצוקירעווען זיך — אויף דערווײלע — פֿון די טעמעס, וואָס האָבן אים געגעבן דעם גרויסן דערפֿאָלג, און זיך נעמען צו אַזוינע געביטן, וואָס זיינען געווען דאָס טראַדיציאָנעלע אייגנס פֿון דער יידישער אַמעריקאַנער ליטעראַטור: שאַפּ, פּושקאַרט, גרינער, טענעמענט, בענקשאַפֿט פֿון אַרבעטס־מענטש צו מענטשלעכערן לעבן. פֿון גרעסערע ווערק, וואָס מען קען אָנרופֿן „נאָוועלעס", קורצער ראָמאַן, גייט ער אָפּט איבער צו גאָר קליינע שילדערונגען, אַמאָל מיניאַטורן. דאָ קומט אים אויס צו קאָנקורירן מיט אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער. אָבער אים דערקענט מען. ער בלייבט איינגאַרטיק, ראַבאָאיש.

און דאָ האָט געקענט קלאָר ווערן פֿאַר אַ גענויעם באַאָבאַכטער, אַז ראַבאָיס וועגן הויבן זיך אָן פֿאַנאַנדערגיין מיט די וועגן פֿון די „יונגע". פּראָסט־פּשוט: אים ציט צו די האָרעפּאַשנע מאַסן. ער איז איינער פֿון זיי. ער פֿילט זיך אָרגאַניש צונויפֿגעבונדן מיט זייערע קאָלעקטיווע ליידן און פֿאָדערונגען און אויך קאַמפֿן. ער רעדט ניט צו די זעלביקע מענטשן, וועמען עס האָבן זיך געמאָלן די „יונגע": ניט צו די קאַפֿעבירגער, וואָס האָבן פֿאַרביטן די ברייטע וועלט אויף שאַרפֿזיניקע און אָפֿט ראַפֿינירטע „קאָלעגיאַלע" געשפּרעכן, ניט צו דער אויסגעפֿאַנטאַזירטער סופּערסענסיטיווער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געהאַרפֿט זיין דער אייגנטלעכער געברויכער פֿון די ליטעראַרישע ווערטן. א. ראַבאָי האָט ניט געהאַט קיין צייט פֿאַר דער קאַפֿע און קיין באַזונדערע סימפּאַטיע פֿאַר דער מערסטנס־ניט־עקזיסטירנדיקער „ליטעראַרישער" אוידיטאָריע. ער איז ניט געווען קיין מיטגליד פֿון דער אויפֿגעקומענער יידישער

באַהעמע. ער האָט דערפֿאַר אָבער געהאַט אַ לעבעדיקן חוש פֿאַר די שאַפֿ־מענטשן און אַ נאַטירלעכע נייגונג צו זייער אופֿן ריידן.

אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז א. ראַבאָי, זייענדיק נאָמינאַל אַ מיטגליד פֿון דער גרופּע „יונגע“, פֿון דעם, וואָס מיר האָבן, צוליב טערמינאָלאָגיע־באַקוועמלעכקייט, באַצייכנט ווי דעם „דריטן דור יידישע שרייבער“ אין אַמעריקע, האָט פֿאָרגעזעצט די בעסטע טראַדיציע פֿון דעם צווייטן. ער האָט אַריינגענומען אין זיך דאָס נייע, דאָס גוטע, וואָס די „יונגע“ האָבן געבראַכט אין פּרט פֿון העכערער ליטעראַרישער קולטור, ברייטערע קונסט־מאַסשטאַבן, אָבער לויט זיין מהות איז ער געווען אין דעם זעלביקן ברייטן שטראָם, אין וועלכן עס איז געגאַנגען דאָס שאַפֿן פֿון שרייבער־סאָציאַליסטן, שרייבער מיט אַ סאָציאַלן באַוואוסטזיין. ראַבאָי האָט געהערט צו די „יונגע“, אָבער געוואָרן איז ער אין אמתן אַ מין בריק צווישן דעם צווייטן דור און דעם דריטן. דורך אים מער ווי דורך אַנדערע „יונגע“ האָט די טראַדיציע פֿון סאָציאַלער יידישער ליטעראַטור אַריבערגעשפּאַנט אין אַ נייער תקופֿה.

דאָס מערקווירדיקע דערביי איז דאָס, וואָס ראַבאָי אַליין האָט, לויט זיין שפּעטערדיקן עדות זאָגן, ניט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט געפֿאָלגט זיין שאַפֿונג־דראַנג — און ניט געפֿרעגט קיין שאלות. ער האָט געשריבן וועגן די זאַכן, וואָס האָבן זיך געבעטן פֿאָרגעשטעלט צו ווערן — און דאָס האָט אים באַפֿרידיקט. ער האָט זיך בכלל ווייניק געקימערט וועגן אידעאָלאָגיעס, ריכטונגען, שולן. ער איז, דאַכט זיך, געווען איינער פֿון די אינסטינקטיווסטע שרייבער ביי יידן.

אָבער דאָך איז ער ניט געבליבן — אינגאַנצן אומבאַוואוסט — אויסער דעם איינפֿלוס פֿון די „יונגע“. דאָס האָט זיך געלאָזט פֿילן ניט אַזוי אין דער טעמאַטיק, ווי אין דעם סטיל. געווען ביי אים אַ ראָמאַנטישקייט, וואָס האָט ווי אַ דינער הויך באַדעקט זיין פֿונדאַמענטאַלן רעאַליזם. געווען אַ צוגאָב פֿון אימפּרעסיאָניזם, וואָס האָט אַמאָל פֿאַרווישט די קאָנטורן. געווען אַ ליריזם, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג אַריבערצוגיין אין אַ מין לייכטן מיסטיציזם.

ס'איז ניט געווען זיינס, זיין אייגנס. אָבער ס'האָט זיך געפֿונען אין זיינע ווערק און ס'האָט זיי געגעבן דעם אָנבליק פֿון „ליטעראַרישקייט“, בשעת דער מענטש האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין אַ שאַפֿער פֿון עכטער ליטעראַטור.

אָט איז אַ ביישפּיל. הירש זיידנבערג איז אין זיין יוגנט באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן. ער האָט געלעבט מיט אַן אָרעם מיידל. זי געלאָזט אויף הפֿקר אַ טראָגעדיקע און אַליין חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. הירש זיידנבערג איז איצט אַ מיטליאָריקער רייכער מאַן. א. ראַבאָי וויל דער־ציילן, אַז דאָס פֿאַרברעכן איז אים ניט אָפּגעגאַנגען גלאַט. שרייבט ער אַן עסקיז, ווי אַזוי זיידנבערג פֿאָרט אַרויס איינער אַליין ביינאַכט אין

וואַלד. זיידנבערג זעט „אַ געשטאַלט מיט הויכע דינע פּיס, לאַנגע שאַרפֿע הענט, מיט אַ דינעם גוף, דורך וועלכן מען קען זען. אַזוי ווי דורך אייז, גייט אויף פֿון הינטער דעם בריקל״. טראַכט ער, אַז דאָס איז אַ שד, און ער פֿאַרט ווייטער. דערזעט ער אָבער ביים לינקן פֿליגל פֿונעם שליטן אַ פֿרויען־געשטאַלט מיט אַ רויטע קאָפּ האָר. זי טראָגט אַ קינד ביי דער ברוסט. און די געשטאַלט וואַקסט אויס, און ער זעט זי דייטלעכער, און זי רעדט:

„דו, הירש, ביזט דאָן יונג געווען, און יעדן שבת נאַכטס פֿלעגט זיך דער וואַלד אָנציגדן און פֿלאַקערן מיט דעם זעלבן פֿלאַם, און וועלכן איך און דו האָבן זיך געבאָדן. און קיינער פֿלעגט ניט זען . . . און איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן אָוונט האָב איך דערפֿילט, אַז איך באַדאַרף אַ קינד צו דיר געבוירן. מען האָט מיר אָנגעזאָגט פֿון דיין חופּה־נאַכט מיט אַן אַנדערער שטעטלדיקער טאָכטער. די כאַלופּקע, אין וועלכער איך בין געלעגן און געברומט פֿון מיינע ווייען, איז פּלוצים איינגעפֿאַלן. איך בין געבליבן אויף דעם נאַקעטן פֿראָסט. די ביימער זיינען אַלע צעלאָפֿן פֿון שרעק. און איך בין, איינע אַליין, פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין אַ שטיק אייז.

„און אַז עס קומט אָן דער פֿרילינג, ווער איך צעגאָסן אין אַ קלאָרן וואַסער, פֿון דער זון, און פֿליסנדיק צווישן די גראָבע דעמבעס, מיט אַראָפּבאַרג, גיס איך זיך אַריין אין דעם קליינעם קרא־קרא־קרא־טייכל.״

דער סוף איז: הירש זיידנבערג וואַרפֿט אַוועק זיינע געשעפֿטן און זיין ווייב, ער גייט אַרום איבער די געסלעך אָן אָפּגעריסענער, מיט אַ פֿאַרוואַקסן אָפּגעבערענטן פּנים, און יעדן איינעם, וואָס ער באַגעגנט, זאָגט ער שטיל:

„מיין וואַלד ברענט״.

אַז עס קומט ווינטער, פֿאַרשווינדט ער ערגעץ אין די וועלדער און קיינער קען אים ניט אָפּזוכן („מיין וואַלד ברענט״).

דער ראָמאַנטיזם איז דאָ אין דעם גאַנצן אופֿן פֿון שילדערן זיידנבערגס איבערלעבונגען, אין דער באַשרייבונג, ווי דאָס אומגליקלעכע מיידל־מוטער איז אומגעקומען, און אין דער גאַנצער מיסטעריע, וואָס א. ראַבאָי האָט אויסגעוועבט אַרום דעם משוגע־ווערן פֿון זיין העלד. אַלצדינג אָטעמט דאָ מיט ראָמאַנטיק: שטאַרקע אויסערגעוויינלעכע ליידנשאַפֿטן, געהיימ־ניספֿולע סביבה.

אָבער אויך אין אָט־דעם פּעריאָד, ווען די געזונטע פֿאַרם־אַרבעטער און פֿערד־יונגען זיינען ביי אים געווען באַשאַנקען מיט ראָמאַנטישע אייגנ־שאַפֿטן און אין אַ ריין־ראָמאַנטישן עסקיז האָט ער אַריינגעטראָגן סימנים פֿון געזונטן רעאַליזם, האָט ראַבאָיען כסדר געצויגן צו אַנדערע מאָטיוון. סאָלאָמאָנס פֿינף הונדערט אַרבעטער גייען דווקא ניט אַרויס אין סטרייק. זיי זיינען מסתמא נאָך ניט גענוג באַוואוסטזיניק און גענוג אָרגאַניזירט.

אָבער סאָלאָמאָנס טאָכטער, וועלכע אַרבעט ביי אים אין אָפּיס, האָט אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין אַ יידישער צייטונג וועגן דער עקספּלואַטאַציע אין איר פֿאָטערס שאַפּ. שטייט דאָרט:

„מיין פֿאָטער באַדאַרף ניט האָבן קיין פּלאַץ אין אייער געזעלשאַפֿט — איר פֿירער פֿון אייער פֿאָלק און מענטשן פֿון פֿרייעם געדאַנק און פֿאָלקסוואָרט. מיין פֿאָטער קריכט ארויף צו דעם עקאָנאָמישן טורעם אויף אַ לייטער, וואָס ער פֿלעכט פֿון מיידלשע צאַרטע הענט. ביי מיין פֿאָטער אין שאַפּ זיצן ביי פֿינף הונדערט מיידלעך און אַרבעטן פֿאַר אַ לוין, וואָס שקלאַפֿן וואָלטן אָפּגעשטויסן. ביי מיין פֿאָטער אין שאַפּ זיצן פֿינף הונדערט מיידלעך טאָג איין, טאָג אויס, און זיי טאָרן ניט אַ לאַך טאָן, ווי אַ מיידל דאַרף צו טאָן; זיי טאָרן ניט אַ זינג טאָן; זיי טאָרן ניט אַ שמועס טאָן איינע מיט דער אַנדערער, ווייל מיין פֿאָטערס מענטשן שטייען און וואַכן איבער זיי פֿון פֿריען מאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט. און איצט פֿרעג איך ביי אייך, צי איז דאָס רעכט, אַז אַזאַ מענטש, ווי מיין פֿאָטער, זאָל האָבן אַן אָרט צווישן אייך?" („סאָלאָמאָן").

ראָזי, די פֿאַרפֿאַסערין פֿון דעם בריוו, איז בלי ספֿק אַ ראָמאַנטישע פֿיגור. אָבער די באַדינגונגען, וואָס ווערן דאָ געשילדערט, און דער פּראָטעסט קעגן עקספּלואַטאַציע, וואָס שרייט אַרויס פֿון דעם בריוו, האָבן נאָר געוויזן די באַציאונג פֿונעם שרייבער צו דער קלאַסן־צעטיילונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט און צו דער לאַגע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָ איז שוין ניט קיין אַלגעמיינע פּאָעטישע בענקשאַפֿט נאָך אַ וועלט פֿון האַרמאָניע און שיינקייט. דאָ איז אַ גאַנץ קאָנקרעטער ארויסרוף צו פֿינף הונדערט מיידלעך: פֿאַרוואָס אָרגאַניזירט איר זיך ניט? פֿאַרוואָס קעמפֿט איר ניט קעגן שקלאַפֿישע באַדינגונגען?

ראָזי האָט באַשלאָסן אַרבעטן ביים פֿאָטער אין שאַפּ באַגלייך מיט אַלע מיידלעך. פֿיליפּ, איר רייכער חתן, געפֿינט די אונטערנעמונג „שפּאַנענד", „העכסט אינטערעסאַנט". ער פֿרעגט:

„און אויב דיין טאַטע וועט דיר ניט באַצאָלן געניג פֿאַר דיין אַרבעט, וועסטו זיך מיט אים צעקריגן און גיין אין אַנאַנדער שאַפּ?"

פֿיליפּ וויצלט זיך, אָבער ראָזי ענטפֿערט גאַנץ ערנסט:

„ניט נאָר אויב ער וועט מיר ניט באַצאָלן געניג, וועל איך זיך צעקריגן, נאָר אויך אויב ער וועט די אַנדערע מיידלעך ניט בעסער באַהאַנדלען."

דאָ איז געווען אַ דירעקטער צוגאַנג צום קלאַסנקאַמף אין זיינע זייער באַשטימטע פֿאָרמען. איבער דעם גאַנצן האָט נאָך געוויט אַ גייסט פֿון אומגעוויינטלעכקייט, פֿון איבערגעטריבענער קוים־רעאַלער העראָאיק (אַז אַפּקלאַנג, אגב, פֿון ראַבאָים אייגענער דערפֿאַרונג, ווארום ער אַליין האָט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון עקספּלואַטאַציע אין טאַטנס שאַפּ), אָבער דאָס איז געווען אין דער ליניע פֿון סאָציאַלע קאַמפֿן אין דער יידישער סביבה.

עס איז נאָר געווען נאַטירלעך, אַז אַט־די גרונט־אייגנשאַפֿט פֿון זיין קינסטלערישער אַרבעט זאָל אים סוף־כל־סוף ברענגען צום לאַגער פֿון די פּראָלעטאַרישע שריפֿטשטעלער און צו דער פּראָלעטאַרישער קלאַסנקאַמף־אידעאָלאָגיע. שוין אַ זייער באַרימטער שרייבער, אַ זייל פֿון דער ייִדיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, שליסט ער זיך אָן אָן דעם פּראָלעטאַרישן ליטעראַרישן פֿראָנט.

עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין. ראַבאָי האָט געהערט צום פּראָלעטאַרישן לאַגער נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ מיטגליד פֿון די „יונגע“. ער האָט קיינמאָל ניט געטיילט זייער אינטעליגענטישע אַראָגאַנץ. ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער איז אָפּגעטיילט פֿון דעם פֿאָלק און שטייט איבער דער מאַסע. ער האָט קיינמאָל ניט געגלויבט אין אַזאַ טעמאַטיק, וואָס זאָל זיין ספּעציפֿיש־„ליטעראַריש“. ער האָט געשריבן וועגן זיינע פֿאַרם־יונגען אין דער וועסט ניט צוליב אויסטערלישקייט, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט מאָלן אַ געוויסע, אים באַקאַנטע, סביבה. ער האָט געשריבן אויף אַן אופֿן, וואָס די אַרבעטער־מאַסע האָט געקענט פֿאַרשטיין.

א. ראַבאָי האָט זיך ניט געדאַרפֿט „א י ב ע ר ב ר ע כ ן“. ער האָט ניט געדאַרפֿט „אַריבערגיין“. ער איז געבליבן וואו ער איז געווען. ער האָט נאָר געדאַרפֿט צופּאַסן זיין אידעאָלאָגיע צו דער ליטעראַרישער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן אין דער פּראַקטיק. די אַרבעט גופֿא האָט ער געדאַרפֿט ענדערן נאָר אין געוויסע פּרטים, אין געוויסע אַספּעקטן. רעוואָלוציאָניזירן זי פֿון אָנהויב ביזן סוף האָט ער ניט געדאַרפֿט. ער האָט זי נאָר געדאַרפֿט, ווי ער האָט נאָכדעם געזאָגט „אויסגלייכן“. ער האָט געדאַרפֿט זיך אַליין קלאָר מאַכן, „צוליב וואָס ער שרייבט.“ דאָס איז אים געווען גאָרניט שווער. עס איז געווען ווי קומען אַהיים.

און אַזוי איז געשען, אַז א. ראַבאָי איז געוואָרן אַ מין בריק צווישן דעם דריטן דור אַמעריקאַניש־ייִדישע שרייבער, די „יונגע“, און דעם נייעסטן דור — די פּראָלעטאַרישע שרייבער. און דערפֿון איז שוין קלאָר, אַז אין דער פּערזאָן פֿון א. ראַבאָי האָבן מיר אַן איין־און־איינציקע דערשיינונג פֿון אונזער ליטעראַרישער וועלט; ער האָט געבראַכט אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור די סאָציאַלע טראַדיציע פֿון דעם צווייטן דור און די מייסטערשאַפֿט פֿונעם דריטן דור; ער האָט דאָס איבערגעשמאָלצן אין די שטראַלן פֿון דער היינט־צייטיקער קאַמף־אידעאָלאָגיע און אַרויפֿגעפֿירט אויף אַ נייער מדרגה.

* * *

מיט דער צייט ווערן ביי א. ראַבאָי די ראָמאַנטישע שטריכן אָפּגעשוואַכט, די רעאַליסטישע ווערן שטאַרקער. אימיצער וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַן איבערגאַנג פֿון יוגנטלעכקייט צו רייפֿקייט. דאָס אויך, געוויס. דעם קינסטלערס טאַלאַנט ווערט צייטיקער. דער שרייבער פֿילט אין זיך

מער כח צו שילדערן זיינע זעאונגען און אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען, ניט פֿאַרטושנדיק זיינע ליניעס און ניט אַנטלויפֿנדיק פֿון דער ווירקלעכקייט אין אַ וועלט פֿון אויסגעטרוימטע העלדישקייטן און אַרויסגעצויבערטע מעכטיקע געפֿילן. עס איז אין דער נאַטור פֿון אַ טאַלאַנט, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, אַז ער זאָל פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די מלבושים פֿון דאַמאַנטיק, ווי אַ פֿרוכט, וואָס האַלט אין וואַקסן, וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די בלומען־בלעטלעך. אויך אַזאַ ריז, ווי גאָרקי, האָט דורכגעלעבט אָט־דעם פּראָצעס. ניט מער — ביי אים איז דאָס געווען שנעלער. ווי ביי א. ראַבאָי.

דער איבערגאַנג צו געזונטן רעאַליזם איז אָבער ביי א. ראַבאָי געווען אויך באַאיינפֿלוסט דורך זיין אידעאָלאָגיע, דורך זיין נאָענטקייט צום קלאַסן־קאַמף, דורך זיין ברענענדיקער ליבשאַפֿט צו די האָרעפּאַשניקעס. פֿריער איז דאָס געווען אומבאַוואוסט; נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן פּראָלעטאַרישן פֿראָנט, איז דאָס געוואָרן באַוואוסט. איצט פֿאַרשפּאָרט ער אויסטראַכטן העלדן מיט גיגאַנטישע נאַטורן. ער געפֿינט זיי אין טאָגטעגלעכן לעבן. איצט דאַרף ער מער ניט שילדערן אויסגעפֿאַנטאַזירטע דראַמאַטישע סיטואַציעס: איצט דערקענט ער זיי אינעם לעבן אַרום אונז. דער „פֿאַר מאַרקעט" איז אַ שלאַכטפֿעלד, אין וועלכן עס ווערן אָפּגעטאָן די העלדישסטע מעשים. דער מיטינג־זאַל איז אַ קאָליזיי פֿון וואונדערבאַרע העראָאישע פֿיגורן. די געשיכטע פֿון פּראָלעטאַרישער איניקייט איז מער פֿאַרכאַפּנדיק פֿאַר ראַבאָי, ווי די שענסטע סאַגאַ.

א. ראַבאָי ווערט דער רעאַליסטישסטער פֿון אַלע אונזערע שרייבער — אַחוץ אפֿשר דוד בערגעלסאָן. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער, ראַבאָישער רעאַליזם. די ווירקלעכקייט איז דאָ דאָ מיט אַלע אירע שטריכן, מיט אירע מענטשן און זייערע באַציאונגען. אָבער געזען ווערט זי דורך אַ ספּעציפֿישן ליכט, וואָס גיט איר אַן אייגנאַרטיקן אויסזען. מען קען ריידן וועגן אַ באַזונדערער ראַבאָישער אַ ט מ אָ ס פֿ ע ר ע , אין וועלכער עס געפֿינען זיך אַלע זיינע העלדן. דאָס קען מען אייגנטלעך ניט גענוי באַשרייבן. דאָס דאַרף מען דערפֿילן, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט יעדער אַטמאָספֿערע. די זאַכן, וואָס געפֿינען זיך אויף אַ גרויסן פּלאַץ אין אַ גרויס שטאָט, ווערן געזען אין אַן אַנדער ליכט, ווי די זאַכן, וואָס אין אַן אַלפּען־געגנט הויך אויף אַ באַרגרוקן. ווען מען זאָל אַריבערטראָגן פֿון דער גרויס־שטאָט די געבײַדעס און אַלע אַנדערע זאַכן אויפֿן באַרג־רוקן, וואָלטן זיי אין דער באַרג־אַטמאָספֿערע געקראָגן אַ געוויסן אַספּעקט, אַנדערש ווי אין שטאָט. דער אונטערשייד איז — אין דער קוואַליטעט פֿון דער אַטמאָספֿערע. ווען מיר טראַכטן וועגן דעם כאַראַקטער פֿון ראַבאָיס רעאַליזם און פֿון דער אַטמאָספֿערע אין וועלכער זיי זיינען אויסגעבאָדן, קומט אונז טאַקע אויפֿן געדאַנק די לופֿט אין אַ באַרג־געגנט. אַ באַזונדערע דורכזיכטיקייט. אַן אויסערגעוויינלעכע לויטערקייט. אַ דאָ־זיין פֿון אַטמאָספֿערע, וועלכע פֿילט זיך ניט ווי אַטמאָספֿערע. אַ מערקווירדיקע בולטקייט

פֿון ליניעז, וועלכע שניידט פֿונדעסטוועגן ניט די אויגן. אַ העלער קלאַנגען־רעזאָנאַנס, וועלכער באַווירקט פֿונדעסטוועגן דעם אויער מיט אַ ווייכער האַרמאָניע.

דערפֿון שטאַמט שוין די באַזונדערע גלויבהאַפֿטיקייט פֿון ראַבאָיס שרייבן. ראַבאָיען גלויבט מען. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין „ליטעראַט". ער האָט ניט געשאַפֿן קיין ליטעראַטור צוליב ליטעראַטור. ער האָט געשאַפֿן ליטעראַטור צוליבן אמת. דאָס, וואָס ער שרייבט, איז דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און מוז דערציילן. דאָס, וואָס ער דערציילט, איז אַזוי אמת, אַז עס קען ביי קיינעם ניט דערוועקן קיין צווייפֿל, ווי עס דערוועקט ניט יעדער געגנשטאַנד אין דער נאַטור.

וואָס ווייטער, ווערט ראַבאָיס קונסט דירעקטער, נאַטירלעכער. אויך פֿריער איז ער געווען דער פֿיינט פֿון דער געפֿליגלטער פּראָזע. אויב זי האָט זיך ביי אים אַריינגעכאַפּט, איז דאָס געווען אַ דאַנק דעם איינפֿלוס פֿון די „יונגע". וואָס ווייטער עס אַנטוויקלט זיך זיין טאַלאַנט, אַלץ נאַטירלעכער זיינען די מיטלען פֿון זיין שאַפֿן. ער וועט בעסער ניט דערזאָגן, איידער איבערזאָגן. ער וועט בעסער נוצן אַ פֿאַרב, וואָס זעט אויס אַביסל בלאַסלעך, איידער אַ פֿאַרב, וואָס שרייט. אפֿשר אַ דאַנק דעם טאַקע באַקומט זיך די לויטערקייט, וועגן וועלכער מיר האָבן אָקאָרשט געשריבן.

אין זיין שטרעבונג צו אויסמיידן „ליטעראַרישקייט" דערגייט ראַבאָי אָפֿט צו אַ מין רעאַליסטישן פּראָטאָקאָליזם. זיינע שילדערונגען קענען אַמאָל באַטראַכט ווערן ווי רעפּאָרטאַזש. אָט איז אַ ביישפּיל:

„די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער „פֿרעים מעיקערס יוניאָן" זיינען געהאַלטן געוואָרן אין אַ ביר סאַלון אין אַן אונטערשטער צימער. דאָרטן זיינען אויף די ווענט געהאַנגען פֿאָנען פֿון רויטן סאַמעט מיט אויסגעהאַפֿטענע אותיות פֿון גאָלד־פֿעדים, אָבער דאָס זיינען חלילה ניט געווען קיין רויטע פֿאָנען אין דעם אמתן זין פֿון וואָרט, נאָר עס זיינען געווען אַזעלכע מענטשלעך פֿון „סאָסייעטיס" און לאַנדסמאַנשאַפֿטן. דאָ אין צימער איז געווען אַן „אָרון־קודש" מיט אַן „עמוד", מיט לייכטער און מיט אַלע כלי־קודש. און ביי דער וואַנט דריי פּלוש־געבעטענע פֿאָטעלן. דער מיטלסטער — אַ גרויסער מיט אַ הויך ווענטל און מיט צוויי לייבן אויסגעשניצט. די צוויי אַנדערע אַביסל קלענערע, אָבער אויך אויסגעבעט מיט פּלוש און מיט געשניצטע ווענטלעך" („ניין ברידער").

ראַבאָי אין זיינע לעצטע ווערק גיט אַזוינע באַשרייבונגען גענוג אָפֿט. דאָס באַציט זיך ניט נאָר צו דער שילדערונג פֿון זאַכן, נאָר אויך צו דער כאַראַקטעריזאַציע פֿון מענטשן. ראַבאָי איז איבערצייגט, אַז וואָס דויטלעכער ער וועט געבן די שטריכן, אַלץ בולטער וועט אַרויסטרעטן די זאַך אָדער די פֿיגור. אויבן־אויף קאָן זיך דאַכטן, אַז דאָס ברענגט אַריין אַ מין פּראָזאַאיזם. דאָס איז אָבער ניט דער פֿאַל. דאָס איז אַ באַזונדערע זייער אינטערעסאַנטע אייגנשאַפֿט פֿון ראַבאָיס שאַפֿן, דער עיקר פֿאַר די לעצטע יאָרן.

דאָס, וואָס א. ראַבאָי דערציילט, איז קיינמאָל ניט קיין פּראָזע. ערשטנס, שטייען פֿאַר זיינע אויגן אַזוינע גאַלעריעס פֿון מענטשלעכע טיפּן, מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן, צוזאַמענשטויסונגען פֿון אַ פֿאַרכאַפּנדיקער נאַטור, אַנטוויקלונגען אומגעריכטע, לייזונגען אויף נייע מדרגות, אַז אָפֿט איז דער קינסטלער אַליין, מסתמא, ניט זיכער, צי אים וועט געלינגען אַט־דעם רייכטום אַריינצושפּאַרן אין די ראַמען פֿון אַ דערציילונג אָדער ראָמאַן. צווייטנס איז פֿאַראַן זיין אייגענע, פּערזענלעכע, באַציאונג צו די זאַכן און געשעענישן, וואָס ער שילדערט, — און דאָס איז אַ באַציאונג, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פֿון גלייכגילט. דער מענטש ראַבאָי איז דורכגעשטורעמט מיט די שאַרפֿסטע געפֿילן, וואָס באַגלייטן זיין אַרבעט און שאַפֿן איר אויבערטאָן. ביי אים שטייט מסתמא ניט איין מאָל די פֿראַגע, ווי אַזוי דאָס אַלץ איינצוצאַמען אין די פֿאָרמען פֿון זיין קונסטווערק.

די לייזונג זוכט ער אין דעם סאָרט רעאַליזם, וואָס מיר האָבן באַצייכנט ווי פּראָטאָקאָליזם. ער נוצט די איינפֿאַכסטע פֿאָרמען, כדי אין זיי אַריינצופּרעסן דאָס ניט־איינפֿאַכע. ער מאָלט מיט דער גרעסטער אָביעקטיווקייט, כדי אַזוי אַרום צו פֿאַרקערפּערן זיין גאָר־ניט אָביעקטיוון צוגאַנג. דאָס, וואָס ס'באַקומט זיך, איז קונסט פֿון דער העכסטער מדרגה, ווייל אונטער אַ קלאָרער דורכזיכטיקער פֿאָרמע איז דאָ איינגעפּרעסט אַ וועלט מיט זאַכן און אַ גאַמע פֿון געפֿילן.

זאָל מען ניט מיינען, אַז ראַבאָי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיין ראָמאַנטיזם. אויך אין די נייסטע סטאַדיעס פֿון זיין שאַפֿן איז ער געבליבן ראָמאַנטיש. אָבער דער ראָמאַנטיזם איז שוין ניט מער אַ בכיוונדיק פּראָדוצירטע אויסערגעוויינלעכקייט. ראַבאָיס ראָמאַנטיזם איז איצט אַריינגעוועבט אין זיינע רעאַליסטישע ווערק ווי אַ פּועל יוצא פֿון דעם, וואָס ס'ווערט געשילדערט. דאָס איז קאַמף־ראָמאַנטיזם, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט מיט זייער איינפֿאַכע, ספּעציעל־אויסגעקליבענע „פּראָזאַאישע" ווערטער. דערפֿון ווערט דער איינדרוק נאָך שטאַרקער. ראַבאָיען אויף זיין נייערער מדרגה איז אויך ניט פֿרעמד קיין אידעאַליזאַציע. אָבער אויך דאָס איז איינגעגלידערט אין זיין ווערק אין דעם געוועב פֿון רעאַליסטישן דערציילן. דאָס גיט ראַבאָיען זיין דינאַמיק.

עס קען זיך אַמאָל דאַכטן, אַז א. ראַבאָי איז נאַאיוו. אָבער וואָס פֿאַר אַ טעות וועט מאַכן דער קריטיקער, וואָס וועט אָננעמען אַזאַ טעזיס. פּונקט ווי ראַבאָיס פֿאָרמע — איינפֿאַכקייט — אַנטהאַלט אין זיך אַן אינעווייניקסטן גרויסן פֿאַרמעג., אַזוי איז ראַבאָיס געמיט, ראַבאָיס צוגאַנג צו זאַכן. אין דער „אומגעקינסטלקייט" זיינער איז פֿאַראַן אַ מאַסע פּלאַן. אין זיין פּשטות איז באַהאַלטן אַ סך טיפֿקייט. אין זיין לייכטקייט איז פֿאַראַן אַ מאַסע קונסט־אַרבעט. דער רעזולטאַט איז אַ ווערק, וואָס איז דורכגעציטערט מיט לעבן און טראָגט אַן אייגענעם שטעמפּל.

א. ראַבאָי איז בטבע ניט קיין האַסער, נאָר אַ פֿריינט פֿון אַלצדינג, וואָס לעבט. אויב ער מאָלט דאָס מיאוסע, אויב ער שילדערט העסלעכע

כאַראַקטערן, טוט ער דאָס ווי אַ נאַטור־פֿאָרשער, וואָס אונטערזוכט אַלערליי באַשעפֿעניש. אין ראַבאָיס אַרסענאַל איז דאָ מער לעבן, ווי טויט, מער אויפֿבוי, ווי צעשטערונג, מער מענטשלעכקייט, ווי אוממענטשלעכקייט. דאָס הייסט ניט, אַז ווען מיר לייענען זיינע שילדערונגען, ווערן מיר ניט אָנגעפֿילט מיט צאָרן קעגן דעם סאָציאַלן איבל. ראַבאָי אַליין האָט אָבער אפֿשר רחמנות אַפֿילו אויף די ערגסטע עקספּלואַטאַטאָרס. ער דעקט זיי אויף. ער זעט זיי אין זייער מיאוסקייט. אָבער קיינמאָל פֿאַרגעסט ער ניט, אַז אויך דאָס זיינען מענטשן.

דאָס שטאַמט פֿון אַן אַנדער אייגנשאַפֿט אין ראַבאָיס כאַראַקטער. דערויף האָט שוין אָנגעוויזן ז. וויינפּער. ראַבאָי איז געקומען אין דער וועלט אַריין אַ באַלעבאָס. ער האָט ליב די וועלט, און ער דאַרף זיין אייגער פֿון די, וואָס באַהערשן זי אין שותּפֿות מיט אַלע אַנדערע האָרעפּאַשניקעס. די וועלט איז גוט, נאָר די שלעכטע אָרדענונג מאַכט פֿון איר אַ תּל. דאַרף מען ענדערן די אָרדענונג. אָבער מען דאַרף נאָכאַנאַנד ליב האָבן און שאַנעווען די וועלט. אין דער וועלט זיינען דאָ גאָר ניט שיינע פֿאַרשוינען. וואָלט די אָרדענונג געווען אַן אַנדערע, וואָלט מען זיי אויסגעגלייכט. וואָלטן זיי אויך געווען מענטשן. זיי זיינען מיאוס — און יעדע מיאוס־קייט עקלט. אָבער די וועלט איז מחיה. די וועלט איז אַ גרויסע באַלע־באַטישקייט, אין וועלכער דער מענטש קען לעבן און וואַקסן.

אַ באַלעבאָס פֿון אַזאַ גרויסן מאַיאָנטעק וועט אָנווענדן אַלע זיינע קרעפֿטן אויף אָפּצוריייניקן זיינע גערטנער און פֿעלדער פֿון מייז און שטשורעס און טכוירן און פֿוקסן און אַלערליי אַנדערע שעדיקער. אָבער זיין הויפּט־אויפֿמערקזאַמקייט וועט זיין געווענדט אויף דער אַרבעט, וואָס ברענגט לעבן, אויף די מענטשן, וואָס דאַרפֿן אַרויסברענגען פֿון דער ערד אירע פֿרוכט און איר שיינקייט.

אָט־די מענטשן זיינען דער הויפּט־העלד פֿון ראַבאָיס בריוט־פֿאַרצווייג־טער אַרבעט.

15טן נאָוועמבער, 1939.

מ. אַ ל ג י ן

פֿון אונדזער ביבליאָטעק
אברהם און חיקע באַנס
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפֿאָרניע

ערשטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

אייזיק האָט ניט געהאַט קיין געלט, ווי נאָר צו קויפן אַ באַן־בילעט ביז נאָרט־דאַקאָטאַ. און כאָטש ער האָט געדאַרפט פאָרן דריי מיט אַ האַלבן מעת־לעת, האָט ער זיך געמוזט באַגיין אָן אַ „סליפּער" (שלאָף־באַן). די ערשטע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט ווי עס איז, קעמפנדיק מיט זיין שלאָף. אין וואַגאָן איז געווען האַלב־ליכטיק. די באַן האָט זיך געשלעפט, ווי מיט אָקסן. אייזיק האָט געקוקט דורכן פענצטער, אָבער גאָר ניט געקאָנט זען. אַלץ איז געווען איינגעוויקלט אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט — צי דאָס איז געווען אַ קליין שטעטל, צי אַ וואַלד, אָדער פעלדער, אויף וועלכע עס איז נאָך געלעגן שניי.

אין וואַגאָן איז געווען צייטנווייז ענג; אָן אַנדערש מאָל איז אייזיק געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר. און ווי לאַנג די נאַכט איז געווען! אייזיק האָט אויסגערויכערט אפשר הונדערט פּיפּקעס, אַנגעשטאָפּטע מיט טאַבאַק. ער איז געווען אומגעדולדיק ביז גאָר. ער איז איצט געפאָרן אין אַ ווייט, פרעמד לאַנד — די וועסט.

די דאָזיקע וועסט האָט אייזיק געזען אָפט אין קינאָ. די פילמס האָבן געוויזן: אַז אין דער וועסט טראָגן מענטשן זיך אַרום מיט רעוואָלווערן. איין פּיצל קליינקייט, און זיי שיסן . . .

און פונדעסטוועגן האָט אים אַזוי געצויגן דאָרט צו זיין, וואָס גיכער. אייזיק האָט שוין צום הונדערטן מאָל איבערגעלייענט דעם באַן־בילעט, וואָס מען האָט אים געגעבן. אַ מאָדנער בילעט. עס זעט אויס ווי אַ צעטל צום לייענען; בעסער געזאָגט, אַ בראָשור מיט לאַנגע בלעטלעך מיט די נעמען פון שטעט, וועלכע אייזיק וועט דאַרפן דורכפאָרן. הונדערטער שטעט. זיצט ער און שטודירט דעם בילעט.

דער שלאָף קלעפּט זיינע אויגן. אָבער ער איז פון דער היים

געוואוינט צו שלאָפֿן אין אַ בעט. דאָ אויפֿן וויכן פּליושענעם זיץ פֿון וואַגאָן איז פֿאַר אים ניט געווען באַקוועם. דער וואַגאָן טרייסלט זיך, די רעדער קלאַפּן און דער לאָקאָמאָטיוו פּייפֿט יעדן מאָל אַזוי מוראדיק.

ענדלעך האָט אָנגעהויבן טאָגן. אין וואַגאָן איז ווידער געוואָרן לעבעדיק. עס האָבן אויפֿגעשטייגט ביי יעדער סטאַנציע נייע מענטשן. דאָס זיינען ניט געווען קיין ווייטע רייזענדע, נאָר האַרעפּאַשניקעס, וועלכע זיינען געפֿאָרען פֿון די קליינע שטעטלעך אין די אינדוסטריעלע געגנטן. עס האָט פֿאַרשמעקט מיט שוויס און פּראָסטע רייד.

אייזיק האָט זיך איינגעוואַשן דאָס פּנים אין וואַשצימער און פֿון זיין רענצל, וועלכעס ער האָט געפֿירט מיט זיך אין וואַגאָן, אַרויסגענומען אַ מאַראַנץ און אָפּגעשיילט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פֿרעמדע קוקן אויף אים. אים האָט דאָס אַביסל געאַרט, וואָס מען קוקט אויף אים. ער איז אַפֿילו אַביסל רויט געוואָרן. אפֿשר דאַרף ער ניט עסן קיין מאַראַנץ דאָ אין וואַגאָן. ביי די רייזענדע האַרעפּאַשניקעס — פֿאַרגרעבטע שטיוול מיט אָוועראָלס פֿאַרשמירטע. זייערע גראָבע, מגושמדיקע פּעלצלעך זיינען פֿאַרשמאָלצעוועט, די פּנימער ניט געראַזירט — און ער זיצט אַזאַ אויסגעפּוצטער אין אַ גוטן פּאַלטאָ, מיט אַ שוואַרץ־טריקאָ גאַרניטור. די הויזן זיינע האָבן נאָך אַ פֿרישן קנייטש און די שיך זיינע מיט אַ גלאַנץ אָפּגעפּוצט.

ווי אַזוי לאָזט מען אָט־די האַרעפּאַשנע ברידער וויסן, אַז ער אַליין איז אויך ניט פֿויל צו האָרעווען און אַז ער פֿאָרט אין דער וועסט, אַרבעטן אויף אַ פֿערד־ראַנדזש, וואו ער וועט מסתם ניט לעקן קיין האָניק?

די לאַנדשאַפֿט פֿון יענער זייט פֿענצטער איז געווען איינגעהילט אין אַ גראָען טומאַן. דאָ און דאָרט האָט געטאָן זיך אַ ריס אַרויס אַ שטוב מיט ביימער און פֿון קוימען פֿון שטוב האָט געזעצט אַ זייל מיט רויך. אָדער אַ מענטש מיט אַן עמער, גייט פֿון אַ שטוב. די באַן בלייבט שטיין לעבן אַ סטאַנציע. דער לאָקאָמאָטיוו באַפּט אָפּ דעם אָטעם און קרעכצט, ווי אַ קראַנקער מענטש, וועלכער ליידט פֿון אַסטמאַ. אַ פּייף פֿון פּייפֿל און די באַן הויבט אָן גיין פּאַמעלעך. קעפּ פֿון פֿערד געשפּאַנטע אין פֿאַטאָנדלעך. האַרט ביי די פֿאַר־בייגייענדיקע וואַגאָנען, עטלעכע מענטשן אין שאָפֿענע פּעלצלעך, מיט בייטשן אין די הענט. און ווידער קאַטשען זיך די רעדער פֿון דער באַן מיט זייער ריטמישן געקלאַפּעריי.

די זון גייט אויף. דער האָריזאָנט איז פורפור־רויט. די פּעלדער זיינען באַדעקט מיט שניי. אין ניו־יאָרק איז שוין כמעט ניטאָ קיין שניי און דאָ אויף די פּעלדער ליגט ער נאָך זייער גראָב און טיף. עס לויפֿן סעדער אין גלייכע ליניעס. ניו־יאָרק איז באַרימט מיט זיינע עפּל און מען רופֿט אים דער עפּל־שטאַט. עס ווערט אייזיקן דערעסן צו זען אַזוי פֿיל סעדער. עס איז מאָנאָטאָן צו קוקן אויף שוואַרצע ביימער און ווייסן שניי.

דער בייטאָגיקער קאָנדוקטאָר בייט זיך מיטן נאַכט־קאָנדוקטאָר. אין וואַגאָן ווערט ווידער לידיק. די האַרעפּאַשניקעס זיינען אַראָפּ אין די פֿאַבריק־סטאַנציעס. אַרום צען־עלף אַזייגער האָט די באַן געגרייכט די גרענעץ פֿון קאַנאַדע. ביי דער ערשטער סטאַנציע איז מען געשטאַנען גענוג לאַנג, כדי צו בייטן לאָקאָמאָטיוון. אייזיק האָט געגעסן איבערבייסן. זיין מוטער האָט אים מיטגעגעבן עסן אויף דער גאַנצער רייזע. זי האָט אים מיטגעגעבן קאָטלעטן, סאַרדינקעס, פֿרוכטן אַלערליי און פּוטערקוכן, וועלכן זי האָט געבאַקן זייער גוט און געשמאַק.

אייזיק האָט דערנאָך, ווען די באַן איז געפֿאָרן אַ גאַנצן טאָג אין דעם שטאַט אָהייאָ, ווידער געזען סעדער איינגעגראָבן אין טיפֿן שניי. דעם צווייטן אויפֿדערנאַכט איז די באַן אָנגעקומען אין שיקאַגאָ. דאָ איז מען געשטאַנען אַ פּאָר שעה. אייזיק איז מיט זיין רענצל אין האַנט אַריין אין וואָקזאַל, טרינקען אַ שעלכל קאַווע. אים האָט זיך זייער געוואָלט כאַטש אַ קוק טאָן אויף שיקאַגאָ, וועגן וועלכער ער האָט געהערט אַזוי פֿיל. ער האָט אויסגעטרונקען אַ שעלכל שלעכט־געקאָכטע קאַווע און איז אַרויס אין גאַס. ער איז צוגעגאַנגען ביז צו אַ בריק. געשטאַנען אַביסל אויף דער בריק און געקוקט אויפֿן טייך אונטן. אויפֿגעהויבן זיינע אויגן צום פֿיל־באַשטערנטן הימל און געטאָן אַ ציטער פֿון דעם שרעקלעך־שטאַרקן ווינט, וואָס האָט זיך געריסן צו אים אונטערן קאָלנער. ער האָט געטאָן אַ ברום צו זיך אַליין: — „אַט דאָס איז שיקאַגאָ!" אין גאַס איז געווען פֿינצטער־לעך און קאַלט. איז אייזיק צוריקגעגאַנגען צו דער סטאַנציע, איז אַריין צו זיך אין וואַגאָן און איז אַ פּאַוואָליע איינגעשלאָפֿן.

ווען ער האָט זיך, פֿון אַ שטאַרקן שטויס פֿונעם וואַגאָן, אויפֿגע־כאַפּט, איז שוין געווען ליכטיקער טאָג און די באַן איז — ווי אייזיק האָט אויסגעפֿונען ביים קאָנדוקטאָר — געלאָפֿן איבער מינעסאָטאָ.

קיין איין סימן ניט פֿון ביימער, פֿון וועלדער. גרויסע שטרעקעס

ווייסע, מיט שניי באַדעקטע פעלדער. אַ פלאַך לאַנד מיט קליינע בערג און טאָלן. די בערג זיינען ניט אַזוי גרויס, וואו די טאָלן קאַטשען זיך אַראָפּ.

די גאַנצע צייט פון זיין רייזע האָט אייזיק זיך געפילט מוטיק, נאָר איצט, ווייסנדיק אַז ער איז נאָענט פון זיין ציל, ווייל באַלד פון מינעסאָטאַ האָט די באַן געדאַרפט אַריינפאָרן אין נאָרט דאַקאָטאַ, איז אין אים פאַרגעקומען אַן איבערבייט.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אומרואיק. באַלד פאָרט ער אַריין אין נאָרט דאַקאָטאַ, אין דעם שטאַט וואו ער פאָרט אויף אַרבעט. עס האָט אים אָנגעהויבן באַנג צו טאָן אויף דעם גאַנצן ענין. ער האָט געצווייפלט אין זיינע כוחות. צי וועט ער קאָנען זיין דאָרט? צי וועט ער אויסקומען מיט דעם אַמעריקאַנישן יענקי, דעם באַלעבאָס פון דעם ראַנדזש? און ווער ווייסט צי ער וועט זיין קוואַליפיצירט פאַר דער אַרבעט?

אייזיק האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע אַ פּאַק מיט פּאַפּירן. דאָ אין פּאַק איז געווען זיין דיפּלאָם פון שול. דאָ האָט ער געהאַט מיט זיך צוויי בריוו. איינעם פון מר. געלער און איינעם פון מר. מאַלטבי. צוויי רעקאָמענדאַציעס צום באַלעבאָס פון ראַנדזש, מיסטער הילדנבערג.

שוין צום הונדערטסטן מאָל, אַז אייזיק האָט געלייענט אָט־די צוויי בריוו. איז עס טאַקע אמת, וואָס זיי שרייבן וועגן אים? מענטשן זשאַלעווען ניט קיין קאָמפּלימענטן — ווען זיי פאַרלירן דערביי גאָר ניט . . . אָט שרייבט מר. מאַלטבי וועגן אים, אַז ער קאָן דעם כאַראַקטער פון אַ פערד בעסער, ווי זיך אַליין.

פונוואַנען ווייסט מיסטער מאַלטבי, אַז אייזיק קאָן זיך אַליין זייער ווינציק?

די באַן האָט געדאַרפט קומען קיין סעינט פּאָול נאָכמיטאָג און פון דאָרטן האָט אייזיק געזאָלט טעלעגראַפירן צו הער הילדנבערג, כדי אים צו לאָזן וויסן, אַז ער קומט.

אייזיק פילט זיך צעבראָכן פון דער רייזע. די גאַנצע צייט האָט ער ניט פאַרפירט קיין אײן באַקאַנטשאַפט מיט קיינעם פון די רייזענדע. ער איז געווען אַזוי ניט־אַנטוויקלט געזעלשאַפטלעך, אַז עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער קאָן ניט ריידן מיט קיין מענטשן. אים איז געווען שווער צוצוטרעטן צו אַ נייעם מענטשן און ער האָט בעסער געוואָלט זיצן אויף זיין זיץ און קוקן דורכן פענצטער און מיט קיינעם ניט האָבן צו טאָן.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געביטן. אַלעמאָל זיינען געקומען נייע מענטשן. אייזיק האָט אַפילו געקאָנט הערן דעם אונטערשייד אין זייער ריידן. די מענטשן פון ניו־יאָרק שטאַט האָבן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, גערעדט אַנדערש ווי, למשל, די מענטשן פון אָהייאָ שטאַט. און איצט, פאָרנדיק איבער מינעסאָטאַ, האָט אייזיק באַמערקט, אַז דאָ ריידן די מענטשן אויך אַנדערש. און ניט נאָר איז זייער ענגליש אַנדערש, נאָר דער קלאַנג פון זייער שטים איז אַן אַנדערער.

אין אים האָט איצט געפּיבערט זיין גאַנץ וועזן. דאָס אומ־דערוואַרטעטע אויפן ראַנדזש האָט אים געצויגן ווי אַ מאַגנעט צו זיך, און ער האָט געפילט ווי עס לאָזן זיך ביי אים אויס די כוחות.

אייזיק האָט געוואַרט ביז עס איז אין וואַגאָן געוואָרן אַביסל ליידיק און צעעפנט זיין רענצל און געגעסן פון די אַלע גוטע זאַכן וואָס זיין מוטער האָט אים מיטגעגעבן. זיין זייגער האָט געוויזן האַלב נאָך צוועלף. מאָרגן אין דער צייט וועט ער שוין זיין אויף דער סטאַנציע גלאַדסטאָון, נאָרט־דאַקאָטאַ.

ער גיט זיך אַ טאַפּ זיין פּנים. די האָר פון זיין באָרד זיינען שוין היפּש אָנגעוואַקסן דורך די דריי טעג וואָס ער פאָרט שוין מיט דער באַן. מאָרגן אינדערפרי, באַשליסט ער, וועט ער זיך ראַזירן, כדי צו קומען קיין גלאַדסטאָון אַ פרישער און אַ ריינער.

ער איז, נאָכן עסן, אַביסל איינגעשלאָפן זיצנדיק ביים פענצטער און קוקנדיק אויף די ווייסע פעלדער.

אַז די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סעינט פּאָול האָט זיך אייזיק אויפגעכאַפּט. דאָ האָט ער געדאַרפט טעלעגראַפירן. ער איז מיט זיין רענצל אין האַנט אַראָפּ אויפן וואָקזאַל און געגעבן אַ טעלע־גראַמע. דער וואָקזאַל, אַ קליינער און פּראָסטער, האָט אייזיקן שאָקירט. און אַזוי ווי די באַן איז דאָ געשטאַנען אַ פּאָר שעה, האָט ער באַשלאָסן אַריינצוגיין אין שטאָט און אַ קוק טאָן, ווי זי זעט אויס. געהערט האָט ער, אַז עס איז אַ גרויסע שטאָט. אָבער פון דעם, ווי אַזוי דער וואָקזאַל האָט אויסגעוויזן, האָט אייזיק געטראַכט, אַז די שטאָט איז מסתם גרויס ווי אַ גענעץ.

איז ער געגאַנגען אין שטאָט אַריין. אמת, אַנטקעגן ניו־יאָרק האָט זי אויסגעזען ווי אַ דערפל. אָבער אָט גייט אייזיק איבער גאַסן און זיי לאָזן זיך ניט אויס. עס איז דאָ ניט געווען קיין שגיי, פון וואָס צו מאַכן אַ וועזן. די זון האָט געשיינט ווי אַ מערצאָווע זון שיינט

געוויינלעך. סעינט פּאָול האָט אייזיקן אויסגעוויזן מער אויסגעשפּרייט אין דער ברייט. די פּרעירי איז געווען גרויס.
אייזיק האָט אַריינגעטראָפן אין אַ יידישער גאַס מיט בשר כשר אויף קצבישע קראָמען. באַלד האָט ער דערזען אַ רעסטאָראַן. ער איז אַריין נעמען אַ שעלכל קאַווע.
דאָס קרעמל, אַ קליינס און ניט זייער קיין ריינס, איז געווען ליידיק. דער באַלעבאָס האָט אים דערלאַנגט אַ שעלכל קאַווע און אים געגעבן שלום.
— זיך געקומען דאָ באַזעצן? — פרעגט ער ביי אייזיקן.
— ניין, איך פאָר ווייטער.
— וואוהין? דאָ איז דען ניט ווייט גענוג? . . .
— איך פאָר אין נאָרט דאַקאָטאַ.
— וואָס עפּעס קיין נאָרט-דאַקאָטאַ?
— אַרבעטן.
— ביי שניידעריי?
— ניין.
— וואָס דען?
— ביי פערד.
— פערד?! דאָס איז אויך אַרבעט?
— איר זעט דאָך.
— מילא, זאָל זיין פון אַ פערד, אַבי פרנסה.
אייזיק האָט אויסגעטרונקען די קאַווע, באַצאָלט און זיך געזעגנט.
— פאָרט געזונט און זייט מצליח.
די הצלחה האָט זיך ביי אים באַלד אָנגעהויבן . . . ווען אייזיק איז געקומען צוריק צום וואַקזאַל האָט שוין זיין באַן אָנגעהויבן צו רירן זיך פון אָרט. האָט ער געגומען נאָכלויפן נאָך דער באַן און זיך ניט געקאָנט אַרויפכאַפּן אויף די טרעפּלעך פון די פאַרביילויפנ-דיקע וואַגאָנען. האָט ער גענומען שרייען. און מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַנציע האָבן אויך גענומען שרייען.
האָבן די קוכאָרעס פון דעם לעצטן וואַגאָן, פון דעם עס-פּאַרלאָר, דערהערט דאָס געשריי, זיינען זיי אַרויס אויפן באַלקאָן פון זייער וואַגאָן און דערזען ווי איינער לויפט נאָך מיטן רענצל. זיי האָבן אויסגעשטרעקט צו אים זייערע הענט און אייזיק האָט זיך אָנגעכאַפּט אין איינעמס האַנט. און אַזוי האָט אים יענער אַרויפגעשלעפּט אויף

דער באַן. ווען ניט דאָס וואָלט אים אויסגעקומען צו וואַרטן אויף אַ צווייטער באַן און ער וואָלט פֿאַרשפּעטיקט דעם הער הילדנבערג.

די נאַכט איז געווען פֿאַר אייזיקן אַן אמתע אָפּקומעניש. דאָ אין דעם ווינקל פֿון אַמעריקע זיינען זייער ווייניק מענטשן געפֿאָרן מיט דער באַן. עס איז געווען אומעטיק און אייזיק האָט ניט געקאָנט שלאָפֿן. צו דעם אַלעמען, איז אין וואַגאָן געוואָרן שטאַרק קאַלט. אייזיק האָט ניט געהאַט מער קיין וואַרעמע זאַכן, ווי זיין פּאַלטאָ. ער איז שיר ניט דערפֿרוירן געוואָרן. די פּיפּקע איז ביי אים ניט אַרויס פֿון מויל. און אין זיין לעבן האָט ער נאָך ניט איבערגעלעבט אַזאַ לאַנגע נאַכט.

דער קאָנדוקטאָר האָט אים געהייסן זיך לייגן אויפֿן באַנק, אָבער דער זיץ איז געווען צו קורץ פֿאַר אים און ער האָט ניט געקאָנט אויסשטרעקן זיינע פֿיס. און די באַן איז געלאָפֿן, אַלס עקספּרעס, און זיך אַזוי געוואָרפֿן. און אייזיק האָט געטראַכט, אַז זיין טעלעגראַמע איז שוין מסתמא אָנגעקומען צום הער הילדנבערג, און דאָס האָט אים נאָך מער אומרואיק געמאַכט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט ניט ריכטיק געשריבן די טעלעגראַמע. ער האָט געשריבן: — „איך פֿאָר!" דאָס אַליץ. ווען פֿאָרט ער און וואו פֿאָרט ער? פֿונוואַנען וועט הער הילדנבערג וויסן אָט־די זאַכן? ביי אים איז אָבער אין קעשענע שוין ניט געווען קיין איין פּעני. ער האָט געמוזט שפּאָרן געלט. האָט ער דערפֿאַר געשריבן צוויי ווערטער: „איך פֿאָר!" עס וועט זיין שיין, ווען דער הער הילדנבערג וועט ניט קומען אים באַגעגענען אין צייט.

פֿונדעסטוועגן איז געוואָרן טאָג, ווען עס איז געקומען די צייט און אייזיק איז אַריין אין וואַש־צימער זיך ראַזירן. די באַן האָט זייער שטאַרק געטרייסלט און עס איז געווען אוממעגלעך זיך צו ראַזירן. אייזיק האָט זיך צעפּאַסעוועט דאָס פּנים אויף עטלעכע ערטער. איצט האָט ער שוין אויסגעזען ניט אַזוי פֿויגלדיק, מיט זיין צעשניטענעם פּנים. אָבער וואָס קאָן ער טאָן? ער וואַשט זיך זיין פּנים מיט קאַלט וואַסער, אפֿשר וועלן די שניטן זיך פֿאַרהאַמעווען. אָבער דאָס קאַלטע וואַסער האָט ניט געהאָלפֿן און אייזיק האָט ניט געהאַט דערפֿון קיין נחת, אַז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף קומען אין אַ הויז צווישן פֿרעמדע מענטשן מיט אַ פּנים פֿול מיט שניטן. ער איז אַפֿילו ניט געווען פֿון די פּערזאָנען, וואָס ווילן מאַכן אויסערלעך אַ גוטן איינדרוק.

ער האָט געפֿירט מיט זיך אַ סך גוטע מעלות. שוין ניט רעדנדיק וועגן די קענטעניש, וואָס ער האָט געהאַט, ווי אַזוי אַרומ־צוגיין אַרום פֿערד. ווען איז דאָס אַמאָל אין נאָרט דאַקאָטאַ איינגעפֿאַלן צו באַזאַלצן מיט אַ ביסעלע זאַלץ די מאַלצייטן פֿאַר די פֿערד? זיכער איז עס זיי דאָרטן קיינמאָל ניט איינגעפֿאַלן. און ווער פֿון זיי דאָרטן אין נאָרט דאַקאָטאַ האָט אַמאָל געטראַכט וועגן שמירן די פֿערד מיט קעראָסין? און ווער ווייסט צי זיי קאַלכן דאָרט זייערע פֿערד־שטאַלן?

אייזיק האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז די באַן גייט שוין אויף נאָרט דאַקאָטער ערד.

ווען דער קאָנדוקטאָר האָט עס אים געזאָגט, איז אייזיקן שיר דאָס האַרץ ניט אַרויסגעפֿאַלן.

אייזיק האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. עס איז ניט געווען קיין שום אַנדערשקייט דאָ אין נאָרט־דאַקאָטאַ פֿון מינעסאָטאַ שטאַט. די ערד — פֿלאַך און באַדעקט מיט שניי. קיין איין בוים ניט. מיילן און מיילן איידער מען דערזעט אַ שטוב פֿאַרגראָבן טיף אין שניי. רויט־געפֿאַרבטע שטיבער, נידעריקע ביי דער ערד. הויכע וואַסער־מילן און גרויסע שטאַלן. און דאָס אַלץ אַזוי ווייט פֿון די באַן־רעלסן. פֿון צייט צו צייט אַ סטאַנציע, מיט אַ קליין געסל מיט שטיבלעך דערביי. די באַן בלייבט שטיין אויף אַ מינוט צוויי. אַלץ וואָס אייזיק קאָן פֿאַרכאַפּן מיט זיין אויג, איז אַ קוזניע מיט דעם צעבלאָזענעם פֿלאַם און דאָס קלינגען פֿונעם האַמער. פֿוןביידע זייטן פֿון דער באַן־ליניע, צוויי טיפֿע שניטן אין שניי און צייטנווייז באַגעגענען זיך צוויי הויכע בערג מיט שניי פֿון ביידע זייטן, וועלכע פֿאַרשטעלן פֿאַר דער באַן די גאַנצע וועלט.

וואָס וועט ער איצט טאָן אין אַזאַ שניי אויפֿן ראַנדזש? האָט אייזיק ניט געקאָנט וויסן.

ער איז אָנגעקומען צווישן צוועלף און איינס קיין גלאַדסטאָון. די באַן איז געבליבן שטיין און אויף דער פּלאַטפֿאָרמע ליגט זיין טראַנק מיט די אַנדערע צוויי וואַליזן. אייזיק מיט זיין רענצל אין האַנט גייט אַרום אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט פֿון דער אָפֿענער פּרעירי. אַ מאַן אין אַ שאָפֿענעם פּעלצל מיט לאַטעס אויף די עלנבויגנס און אויך מיט אַ גרויסער לאַטע אויף דער פּלייצע, קומט צו צו אים. זיין פּנים איז פֿאַרוואַקסן מיט גראָע שטעכלקעס און די קעפּקע איז ביי אים אַראָפּגערוקט ביז

איבער די אויגן, מיט לאַפּעלס איבער די אויערן און פֿאַרקנעפּלט אונטער דער באָרד. ער טראָגט צוויי פֿינגערלאָזע הענטשקעס פֿון געלן לעדער און אונטערגעשלאָגן מיט געלע שאָפֿענע האָר. אויף זיינע פֿיס הויכע שטיוול מיט שנורן פֿאַרשנורעוועט און אויף די שטיוול קורצע אַרקטיקס פֿון שוואַרצן געוואַנט מיט גומענע פּאַדעש־וועס. ביי אים אין מויל שטעקט אַ קאָרן־קאָב פּיפּקע אַ צעברענטע און אויף אַ דינעם רעדל פֿון טראַסטניק.

— דאָס זיינט איר? — פֿרעגט ער ביי אייזיקן.

— יאָ, דאָס בין איך. איר האָט דערהאַלטן מיין טעלעגראַמע?

— וואָסער טעלעגראַמע?

— די, וואָס איך האָב געשיקט פֿון סעינט פּאָול.

— ניט דערהאַלטן. אפֿשר ליגט זי אין פּאָסט־אָפּיס. מיר וועלן באַלד אַהין אַריינגיין, — זאָגט דער מאָדנער, פֿאַר אייזיקן, מענטש. ער נעמט ביי אייזיקן דאָס רענצל און שפּאַנט אויף דער סקריפּען־דיקער הילצערנער פּלאַטפּאָרמע. אייזיק גייט אים נאָך.

— אָבער מיינע זאַכן, — דערמאָנט זיך אייזיק אין זיין באַגאַזש.

— וועלכע זאַכן?

— מיין טראַנק מיט וואַליזעס.

— אַ טראַנק מיט וואַליזעס? — וואונדערט זיך הער הילדנבערג.
— צוליב וואָס אַזוי פֿיל באַגאַזש? און ווי אַזוי וועל איך עס קאָנען נעמען אויף מיין קליינעם שליטל? — האָט זיך געבייזערט הער הילדנבערג. אייזיקן האָט שוין לאַנג באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אים געזאָגט וועגן דעם באַגאַזש. ביי זיך אין געדאַנק האָט ער איצט פֿאַרגעוואָרפֿן זיין מוטער: „נאָ, זע וואָס דו האָסט געטאָן!” עס האָט שיר ניט געהאַלטן ביי דעם, אַז דער הער הילדנבערג זאָל הייסן אייזיקן, אפֿשר, צוריק פֿאָרן מיט זיין באַגאַזש.

— איך דאַרף אַ פֿאַרמער, ניט קיין סיילסמאַן, — האָט הילדנ־בערג געוואָרטשעט און איז פֿונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צום טראַנק און אים געטאָן אַ בריק מיט זיין שווערן גרויסן פֿוס.

— וועל, מיר וועלן עס מוזן איבערלאָזן אויף אַ צווייטן מאָל, — האָט הילדנבערג געזאָגט, — און איר, יונגערמאַן, קומט מיט מיר.

זיי זיינען אַריין אינעווייניק אין דער קליינע סטאַנציע־געביידע.

— העלאָ, ביל! — האָט הילדנבערג אויסגעשריען. — איך וויל, אַז דו זאָלסט האַלטן דעם דאָזיקן „גאַי”ס” באַגאַזש ביז איך וועל קומען עס אָפּנעמען.

— אָלרייט, טאָם, — האָט דער סטאַנציע־באַאַמטער געזאָגט.

הילדנבערג האָט געטראָגן דאָס רענצל און אייזיק איז אים נאָכ־געגאַנגען. זיי זיינען געגאַנגען מיט אַ קרומער סטעזשקע, אַן אויס־געטראָטענע אין שניי פֿון סטאַנציע ביז צו דער שורה מיט שטיבער, וואָס איז געווען דאָס שטעטל גלאַדסטאָון. אינדערמיט פֿון געסל איז געווען אַ גרויסע קראָם מיט צוויי פֿענצטער פֿאַרפֿרוירענע פֿון פֿראָסט און מיט אַ וועראַנדע. ביי דער פֿאַרענטשע פֿון דער וועראַנדע זיינען געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק צוויי פֿערד, ברוין־רויטע, מיט טיפֿע האָר באַוואַקסענע. די צוויי פֿערד געשפּאַנט אין אַ קליין שליטעלע, אויף אייזערנע שינעס און מיט אַן אויסגעבויגענעם פֿאָרנט־ווענטל און מיט אַן אויסגעבעטן זיץ. עס איז געלעגן אַ לעדערנע דעק־געבעט מיט שוואַרצע שאָפּענע פֿעל, מיט לאַנג געקרייזלטע האָר.

הילדנבערג האָט אייזיקס רענצל אַריינבאַהאַלטן אין אָט־דעם שליטל. אייזיקן איז געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה, ווען ער האָט דערזען אָט־דעם שליטן מיט די צוויי גוטע מוציקעס. ספּעציעל האָבן צו אים שטאַרק אַפּעלירט די כאָמוטן, אין וועלכע די פֿערדלעך זיינען געווען אָנגעטאָן. כאָמוטעס מיט בראָנזענע קנעפּ און פֿון גאָר אַ פֿיינער קוואַליטעט. דער מיסטער הילדנבערג איז ניט געווען אַזוי אָרעם, ווי עס האָבן אויסגעוויזן זיינע קליידער מיט די לאַטעס.

אייזיק האָט דערביוועט די רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿון זיין קע־שענע און זיי דערלאַנגט הילדנבערגן. ער האָט צוליב זיינע הענטש־קעס ניט געקאָנט עפֿענען די בריוו. ער האָט נאָר געפֿרעגט ביי אייזיקן וואָס דאָס איז. אייזיק האָט אים דערקלערט וואָס דאָס איז.

— אָלרייט, איך וועל לייענען אינדערהיים, — האָט הילדנבערג געזאָגט. — איצט, יונגערמאַן, זייט אַזוי גוט און קויפֿט פֿאַר זיך אַנדערע קליידער. איר זעט אויס ווי אַ סיילסמאַן.

אייזיק איז געוואָרן רויט און טויט.

— איך האָב ניט קיין געלט, — האָט אייזיק אָפֿנהאַרציק געזאָגט.

— מיר וועלן אַריינגיין אין קראָם. ער וועט אייך געבן אויף באָרג.

זיי זיינען אַריין אינעווייניק אין קראָם. אַ גרויסע קראָם מיט ראַפֿטן אָנגעפּאַקט מיט סחורה. אינדערמיט איז געשטאַנען אַן אייזער־

נער אויוון, רויט ווי פֿייער. עס האָט געשמעקט מיט געוואַנט, זשאַוועך פֿון אייזן און טוכלער ריח פֿון פֿלייש.

— העי, קעלי! — האָט הילדנבערג געטאָן אַ געשריי און די פּיפּקע ביי אים אין מויל האָט זיך געשאָקלט. — גיב דעם „גאַי” אויף מיין רעכענונג וואַרעמע זאַכן צום אָנטאָן.

קעלי, אַ דאַרער, נידעריקער פּאַרשוין אין אַ גראָען סוועטער, איז גיך צוגעלאָפֿן און ביי אייזיקן געפֿרעגט וואָס ער דאַרף.

אייזיק האָט אַראָפּגענומען זיין שטאָטישע פּאַלטאָ און אָנגעמאָסטן אַ שאָפּענעם פּעלץ געדעקט מיט גרינעם געוואַנט. דאָס מלבוש איז געווען האַרט און שווער.

— רייט! — האָט הילדנבערג געקאָמאַנדעוועט. — אין דעם וועט איר שוין ניט פֿילן קאַלט. איצט, גיב אים אַ פּאָר „מיטענס”, שטיוול מיט אַרקטיקס.

אייזיק האָט זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר הויכע שטיוול מיט די אַרקטיקס פֿון אויבן און ער האָט זיך דערפֿילט אַזוי שווער ווי אַ קלאָץ.

— אַ נייער מענטש? — האָט קעלי זיך געווענדעט צו הילדנ־בערגן.

— יעס. אַ מענטש פֿון דער איסט . . .

— איך האָף, אַז ער וועט דיך צופֿרידנשטעלן, טאָם.

— לאָמיר האָפֿן!

דאָס האָבן זיי גערעדט וועגן אייזיקן אין זיין געגנוואַרט. אייזיק האָט זיך דערפֿון געפֿילט ניט זייער שטאַרק באַקוועם. חוץ וואָס די שווערע שטיוול האָבן איינגעקרעמפּעוועט זיינע פֿיס און אויך דער שווערער פּעלץ האָט אים שיר ניט אָפּגעריסן די אַקסלען.

הילדנבערג האָט אייזיקן געהייסן אויפֿבינדן די פֿערד און אַליין האָט ער זיך דערוויל אַריינגעזעצט אין שליטן. די צוויי מוציקעס האָבן אומגעדולדיק געטענצלט מיט זייערע פֿיס אין דעם צעטראָטענעם שניי. דערנאָך האָט זיך אייזיק אַריינגעזעצט אונטער דער וואַרעמער דעק און די פֿערדלעך האָבן געטאָן אַן אימפּעטיקן ריר און מיט איין אויגנבליק איז דאָס געסל שוין געווען פֿאַרביי און דער שליטן איז אַרויס אויף דער פֿרייער פּרעירי.

צווייטער קאַפּיטל

פֿון גלאַדסטאָון ביז צום „ראַנדזש” איז געווען צען מייל. אָבער אַזוי ווי דער שניי אויף דער פּרעריי האָט שוין אָנגעהויבן צו שמעלצן זיך, איז דער וועג ערטערווייז געוואָרן מיט גריבער פֿול מיט וואַסער און אייז.

די צוויי מוציקעס זיינען געפֿלויגן, ווי צוויי פֿויגל, און הילדנבערג האָט געמוזט האַלטן די לייצעס זייער שטייף; ווען ניט, וואָלטן זיי צעטראָגן דעם שליטן מיט די צוויי פּאַסאַזשירן אינאיינעם.

דעם גאַנצן וועג האָט הילדנבערג ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט צו אייזיקן. און אַזוי ווי אייזיק איז אויך געווען בטבע אַ שווייגער, האָט ער אויך געשוויגן.

אייזיק האָט זיך אָבער געזאָרגט, טאָמער האָט ער געמאַכט אויף הילדנבערגן אַ שלעכטן איינדרוק און יענער וויל דערפֿאַר מיט אים ניט פֿאַרלירן קיין צייט.

אייזיק האָט זיך דערפֿאַר מחיה געווען, ווען דער שליטן איז ענדלעך פֿאַרפֿאָרן צו אַ פּלויט פֿון שטעכיקן דראָט און מיט אַ טויער אויך פֿון שטעכיקן דראָט. הילדנבערג האָט געזאָגט:

— מיר זיינען אינדערהיים. גייט אַראָפּ, איף יו פּליז, און עפֿנט דעם טויער.

אייזיק האָט זיך קוים אויסגעפּלאָנטערט פֿון דער פֿוטערנער דעק און איז מיט שטייפֿע טריט צוגעגאַנגען עפֿענען דעם טויער. עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט איידער ער איז געפֿאַלן אויפֿן שכל, ווי אַזוי צו עפֿענען דעם פּרימיטיוון שלאָס. אייזיק האָט געזוכט אַן אמתן שלאָס אָדער קייטל, און זיך ניט געריכט אויף דעם פּרימי־טיוון שלייף, מיט וועלכן דער טויער איז געווען צוגעבונדן.

הילדנבערג האָט דורכגעשאָסן דורך דעם ברייט־צעעפֿנטן טויער אין דער צייט, וואָס אייזיק איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געהאַלטן דעם דראָטענעם טויער אין זיינע הענט.

— פֿאַרמאַכט, איף יו פּליז, פּונקט אַזוי ווי איר האָט עס געפֿונען פֿון פֿריער פֿאַרמאַכט, — האָט הילדנבערג געקאָמאַנדעוועט מיט דער פּיפּקע אין זיין מויל.

אייזיקן זיינען הילדנבערגס פּעדאַנטישע נייגונגען, באַלד ביים אָנהויב, ניט געווען צום האַרצן. און אַז ער וועט חלילה פֿאַרמאַכן ניט אַזוי, ווי עס איז געווען פֿריער, איז וואָס? קומט אים צו קעפּן?

אָבער אייזיק האָט פֿונדעסטוועגן אַריבערגעוואָרפֿן דעם דראָטענעם שלייף איבער דעם סלופּ און דער טויער איז שוין ווידער געהאנגען אַזוי ווי אַלעמאָל.

עס האָט גענומען ניט לאַנג און דאָס שליטל איז געבליבן שטיין ביי אַ נידעריקער שטוב, וואָס צוליב איר פֿאַרזונקענקייט אין שניי האָט זי אויסגעוויזן כמעט ווי אַן וועגט. דער גרויסער דאַך, וואָס האָט זיך געוועלבט ביז צו אַ שאַרפֿן שפּיץ, איז אויך געווען ווי אַנגעטאָן אין אַ ווייסער קוטשמע מיט שניי. נאָר דער אָרעמער קוימען איז געשטאַנען אַ נאַקעטער מיט זיין לאַנגן האַלדז אינדערהויך. פֿון קוימען איז געגאַנגען אַ גלייכער זייל מיט רויך. עס האָט אין דער פֿראָסטיקער לופֿט געשמעקט מיט געבראָטן פֿלייש און פֿריש־געבאַקן ברויט.

אַ פֿרוי מיט אַן אויסערגעוויינלעך רויט פּנים און מיט אַ שוואַרצן, וואָלענעם שאַל אַרום איר קאָפּ מיט גרויסע אויגן אַרומגערינגלט מיט געשוואָלענע „טאָרבעס", די נאָז ביי איר פֿאַרריסן און ברייט אַזוי, אַז די נאָזלעכער האָבן געוויזן וואָס עס טוט זיך ביי זיי אינעווייניק, מיט גרויסע פֿליישיקע ליפּן, די אונטערשטע עטוואָס גרעסער פֿון דער אויבערשטער. דער גאַנצער געבוי פֿון איר קערפּער — שווער, פֿליישיק, גאָר ניט נאָך דער פּראָפּאָרציע פֿון אירע צוויי דינע פֿיס אין שיך מיט שאָפֿענע פֿעל אויסגעבעטט.

— דאָס איז דער נייער מאַן? — האָט זי הויך און גאָר ניט שעמענדיק זיך, געפֿרעגט אין אייזיקס אַנוועזנהייט.

— וועל, יעס, מאַמאַ — ענטפֿערט הילדנבערג און קרעכצנדיק קריכט ער אַרויס פֿון שליטל. אין דער צייט וואָס הילדנבערג קריכט אַרויס, שטייט אייזיק אין פֿראָנט פֿון די צוויי פּיטש־נאָסע מוציקעס, וועלכע וואַרפֿן אומגעדולדיק מיט די שיינע קעפּ. אייזיק האָט דעם דישל פֿון שליטן אָנגעשפּאַרט אין זיין ברוסט און געהאַלטן די צוויי מוציקעס ביי די צוימען. בשעת מעשה האָט ביי אייזיקן געציטערט דאָס האַרץ. ער האָט געדאַרפֿט מאַכן איין שלעכטן צוג און די צוויי פֿערדלעך וואָלטן אַוועקפֿליען.

די פֿרוי מיטן שוואַרצן שאַל האָט געהאָלפֿן אויסשפּאַנען די פֿערד. און דערנאָך איז הילדנבערג געגאַנגען פֿריער, ווי אַ וועגווייזער, און אייזיק האָט הינטער אים געפֿירט די צוויי פֿערד ביי די צוימען.

די שטאַל איז געשטאַנען מיטן טיר צו דער פּרעירי און צום

מערב צו. דאָרטן איז דער הימל געווען אַזוי וואונדערלעך שיין, אַזוי ווי אייזיק האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען. ניט אַנדערש, ווי עס זיינען געלעגן איבערן הימל קופּעס מיט ווייסן שניי. און די זון האָט זיך גערוקט צווישן די קופּעס שניי באַרג־אַראָפּ צום פֿאַרגיין. עס איז געווען אַ שאָד, וואָס אייזיק האָט זיין פּאָעטישע נשמה ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט אָט־דעם בילד. וואָס, וואָס — אַ פּאָעט איז ער געווען טיף אין זיין בלוט.

ער האָט אָבער שוין באַצייטנס אָנגעהויבן זיין טאָג אַרבעט. ער האָט אַריינגעפֿירט די צוויי פֿערד אינעווייניק אין שטאַל. דאָ איז געווען וואַרעם ווי אין אַ באָד. די פֿערד זיינען געשטאַנען אין באַזונדערע קעמערלעך אויף אַן ערדענעם דיל און געטופּעט אין דער ערד מיט זייערע פּיס. דער ריח פֿון שטאַל איז אייזיקן שוין לאַנג באַוואוסט און ער ווערט דערפֿון ניט איבערראַשט. אַלעמאָל ווען אייזיק קומט אַריין אין אַ שטאַל דערמאָנט ער זיך, ניט אָן אַ שמייכל, ווי אַזוי ער האָט געלייענט, אַז רייכע מיליאָנערסקע דאַמען באַגיסן זיך מיט אַזאַ פּאַרפֿיום וואָס שמעקט ווי דער ריח פֿון אַ פֿערד־שטאַל, כדי זיך צו באַרימען, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, אַז זיי גייען אַרום אַרום פֿערד.

אייזיק האָט באַלד ביים אַריינקומען אין שטאַל ווידעראַמאָל געקאָנט זען, אַז דער הער הילדנבערג איז ניט קיין קבצן, פֿון דער צאָל פֿערד, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען אין די באַזונדערע קעמערלעך, און פֿון זייער קוואַליטעט. די שטאַל אַליין איז געווען העכער אַ האַלב געבויט פֿון פּליטקע, גרויסע שטיינער ווי אַ מין סאָרט פֿאַד־וואַל. די אַנדערע העלפֿט — פֿון שווערן געהילץ מיט אַ גוטער סטעליע און מיט פֿענצטער. דער אינעווייניק איז געווען צעטיילט אין אַ סך טיילן מיט פֿאַלשע האַלבע ווענטלעך.

און אַזוי ווי פֿון דער ערד אַרויס זיינען אַרויסגעקומען צוויי פֿאַרשוינען. איינער אין לעדערנע הויזן מיט שאַפּענע האָר פֿונעם גאַרטל ביז איבער די קני. דאָס שאַפּענע פעלצל אויף אים ברייט צעקנעפּלט, און מיט אַ פּאַסמע האָר אויף זיין געשטופּלטן שטערן. דאָס פּנים זיינס אויך היפּש געשטופּלט און אין די דינע ליפּן האָט ער געהאַלטן אַ שטיקל שטרוי.

דער צווייטער, אַ מאָגערער און אַ הויכער, מיט אַ פּנים פֿון אַן אידיאָט, מיט צוויי אויסערגעוויינלעך לאַנגע שטיוול געשנורעוועט

מיט לעדערנע שנירלעך. ער האָט אייזיקן דערמאָנט אָן דעם שבת־גוי ביי זיי אין דעם בעסאַראַבער שטעטל, אין מיקיטאַן.

הער הילדנבערג האָט, באַלד נאָכדעם ווי די צוויי פאַרשוויגענע האָבן צוגענומען ביי אייזיקן די פערד און זיי אָוועקגעפירט, געזאָגט:

— לאָמיר אַריינגיין זיך אַרומוואַשן.

גייענדיק אין שטוב אַריין האָט אייזיק זיך ניט געקאָנט העלפן ניט צו כאַפּן אַ בליק אויפן הימל. דער גאַנצער מערב איז געווען צעפּאַסעוועט מיט רויטע, פּורפּור־בלויע, קופּער־געלע ליניעס. איבער די ווייטע מיט שניי באַדעקטע בערג איז געלאָפן אָן אָפּשאָטנקייט פון דעם רויטן שלעפּ, וואָס די זון האָט, ווי אַ פּאַווע געוואָרפן איר לאַנגן עק נאָך זיך. די ווייסע בערגלעך מיט שניי, וואָס די שטיקער כמאַרע אויפן הימל האָבן דערמאָנט, זיינען געווען אַרונגעזוימט מיט פייער־פלאַמיקע רעמלעך. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שיסן אַרויס קאַנאָנען אויף זייער שונא אַ שווערע קאַנאָנאַדע, ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי שטיל און רואיק אַרום און אַרום. אַזוי האָט אייזיק געטראַכט, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג אין אים דערוועקט אַ טיפער קוואַל פון ווערטער און פאַרגלייכענישן, כאָטש נעם די פען און זעץ זיך אַוועק שרייבן.

הילדנבערג האָט מיט זיין פּראָזאַאישער, עטוואָס הייזעריקער שטים אייזיקן איבערגעשלאָגן די געדאַנקען, ווען ער האָט אים גע־הייסן אַריינגיין אין שטוב אַריין.

אַריין איז מען פריער אין אַ גרויסער קיך, דורך די דאָפּלטע, דרויסנדיקע טירן. אַנטקעגן — אַ גרויסער אייזערנער אויוון, באַ־פּוצט מיט זילבער און ניקל. ביים אויוון מיט דער פּלייצע צו די אַריינקומענדיקע איז געשטאַנען אַ שיין געשטאַלט פון אַ יונגער פרויענצימער. שוין פון דער פאָרמע פון איר קערפּער און פון די געטאָקטע, האַלב־אָפּגעדעקטע און זייער דינע אָרעמס, האָט אייזיק ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָס איז אַ יונג קינד. דאָס דאָזיקע קינד האָט ווי אויף־צו־להכעיס ניט געוואָלט אומקערן דאָס פּנים. צי צוליב קאָפּריזנעקייט, צי אפשר האָט זי ניט געטאָרט דאָס טאָן.

דערפאַר איז די באַלעבאָסטע מיטן רויטן פּנים געקומען אַנטקעגן און געזאָגט צו אייזיקן:

— דאָס מאָל אַנטשולדיק איך אייך. אָבער געדענקט, ווען איר קומט אַריין אין שטוב דאַרפט איר אָפּרייניקן אייערע שטיוול. — בשעת זי האָט עס געזאָגט האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט פידבאָקעם

מיטביידע הענט, און זי האָט דערמאָנט אייזיקן אין אַ בעסאַראַבער מאָלדאַוואַנקע. זי איז געווען אַ סך איינגער פֿון דעם הער הילדנבערג. זי האָט מיט אירע גרויסע נאָזלעכער געטאָן אַ פֿאָך אַזאַ שטאַרקן אָטעם אויף דעם ניו־יאָרקער בחור, אַז זי האָט אים שיר ניט אומגעוואָרפֿן.

— וואָס איז דער נאָמען? — האָט זי געזאָגט מיט אַ געמאַכטער פֿאַרגרעבטקייט און ווי צו באַווייזן, אַז זי איר מער מאַן ווי פֿרוי.

— אייזיק, — האָט דער גאַסט געענטפֿערט מיט אַ שטאָטישן נויג.

— מיר וועלן דיך רופֿן אַי. מיר האָבן דאָ ניט קיין צייט אויף צערעמאָניעס. אַי — דאַטצ סעטלס איט!

אייזיק האָט געטאָן אַ קינדערשן שמייכל. אים איז געפֿעלן דאָס שפּיל. זאָל זיין „אַי". ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן רענצל אין זיינע הענט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם.

— עלען, — האָט די באַלעבאָסטע געטאָן אַ זאָג. — גיי, פֿיר אַרויף מיסטער אַי אין זיין צימער.

דאָס מיידל האָט געגעבן אַ לויף־צו צו אייזיקן, גרייט ביי אים צוצונעמען דאָס רענצל. אָבער אייזיק האָט איר ניט געוואָלט געבן דאָס רענצל. וואָס איז ער דען? ער וועט זיך ניט לאָזן באַדינען.

אייזיק איז נאָכגעגאַנגען נאָך עלענען, צוויי טרעפּ פֿון דער קיך אַראָפּ אין אַ גרויסן צימער מיט אַ טיש און צוויי לאַנגע, פּראָסטע בענק. פֿון דעם צימער האָבן זיך געוויקלט, ווי די שאַרף פֿון אַן עקבער, טרעפּ ערגעץ אַרויף אין דער הויך. די דאָזיקע טרעפּ האָבן געסקריפּעט אונטער עלענס געזונטע נאַקעטע פֿיס, אַנגעטאָנענע אין צוויי מענערשע טשאָבאַלאָטעס.

עלען האָט אייזיקן אַרויפֿגעבראַכט אויפֿן בוידעם. די קראָקוועס פֿון דאַך און די שינדלען זיינען געווען כמעט נאָך ווי ניי. אויפֿן דיל פֿון בוידעם איז געווען ריין, כאָטש דאָ און דאָרט זיינען געווען אָנגעשטעלט קאַנען מיט שמירעכץ, מיט טראָן, מיט פֿאַרב; עס איז געלעגן אַ בינט מיט לאַנגע בייטשן; אַ רינג מיט שטריק, פֿון דעם סאָרט וואָס קאָובאָיס נוצן צום כאַפּן פֿערד. אינדערמיט פֿון בוידעם איז געווען אויסגעמויערט אַ ציגלנער קוימען. און אָט ביי דעם קוימען זיינען געשטאַנען, אין דער ברייט פֿון בוידעם, דריי בעטן.

עלען האָט מיט אַ גלעט פֿון איר האַנט איבער דעם ווייסן קישעלע פֿון איין בעט אייזיקן שטומערהייט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז זיין בעט. דאָס געטאָן האָט זי מיט אַן איבערגעאיילטן דריי־זיך־אויס

געוואָלט אַוועקגיין. אָבער זי האָט זיך אומגערן אָנגעשטויסן אָן אייזיקן. ווען זי וואָלט געווען מער פֿאַרזיכטיק וואָלט זי אַזאַ צוזאַמענשטויס זיכער אויסגעמיטן. אָבער אַזוי ווי עס איז סײַ־ווי געשען און זי האָט עס ניט געקאָנט צוריקכאַפּן, האָט עלען שעמעוו־דיק געטאָן אַ שמייכל. איר ברונעט קליין פּנימל האָט אויסגעוויזן ווי דאָס פּנים פֿון אַ פֿאַרוואָגלט, אויסגעמוטשעט קינד. און איר שמייכל איצט האָט זי זיך קוים פֿאַרגונען, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עס איז אַ גרויסע זינד. זי איז זיך אַוועק צו די טרעפּ און גע־נומען גיין אַראָפּ אין שטוב.

— עלען, — האָט אַי געפֿילט כאַטש מיט איר אויסצורײדן אַ פּאָר ווערטער, — מעג איך שטעלן דאָס רענצל אונטערן בעט?

עלען איז שוין געווען אַזוי טיף אַראָפּ מיט די טרעפּ, אַז נאָר איר קאָפּ האָט זיך אַרויסגעזען. זי האָט אויסגעדרייט איר פּנים צו אייזיקן און צו אים אַ שאָקל געטאָן מיט איר קאָפּ, אויף וועלכן די פּעך־שוואַרצע האָר זײַנען געווען פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי צעפּ און די צעפּ אַרומגעבונדן אַרום דעם קאָפּ.

אַי איז געבליבן אַליין אויפֿן בוידעם. ער האָט אויסגעטאָן דאָס שאָפּענע פּעלצל און אַראָפּגענומען די „אַרקטיקס" פֿון זײַנע שיך. זײַן בעט איז געווען די דריטע פֿונעם קוימען. דאָס קישעלע ווייס און פֿריש אָנגעצויגן און דער מאַטראַץ פֿאַרשפּרייט מיט אַ ריין לײַלעך פֿון אַ געשטרייפּטער וואַרע פֿון גרין און געל, אָבער ריין־אויסגעוואַשן. צופֿוסנס פֿון בעט זײַנען געלעגן צונויפֿגעלייגט עטלעכע קאָלדרעס, מיט וועלכע ער האָט זיך געדאַרפֿט צודעקן.

— „אומזיסט און אומנישט געבראַכט בעטגעוואַנט מיט זיך", — האָט אייזיק געטאָן אַ טראַכט. — „מען וועט עס דאָ אַביסל לאַכן פֿון אים!..."

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט צי אימיצער הערט זיך ניט צו צו זײַנע געדאַנקען. ער האָט זיך צעלאַכט פֿון זיך אַליין, ווײַל עס איז דאָ אויפֿן בוידעם קיינער ניט געווען, חוץ אים. דורך דעם איינציקן פֿענצטער צו דער נאָרט האָט זיך גע־שפּרייט די פּרעירי, פֿלאַך ביז צום האָריזאָנט. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צופֿאַלן דער אָוונט. דער שניי אויף דער פּרעירי איז געוואָרן פֿיאָלעטעווע. עס האָט זיך געפֿילט ווי עס קומט אָן אַ קאַלטע נאַכט מיט אַ ווינט פֿון דער נאָרט. פֿון צייט צו צייט האָט דער ווינט געטאָן אַ שטאַרקן וואָיע אונטערן פֿענצטער.

אַי האָט אויפֿגעהאַנגען זיין פּעלצל אויף איינער פֿון די קראַקוועס, פֿון דעם רענצל אַרויסגענומען זייף מיטן האַנטוך און אַראָפּגעגאַנגען אונטן זיך אַרומוואַשן.

— אַי, מאַך עס גיך, דו מוזט זיין הונגעריק, — האָט די באַלע־באָסטע געזאָגט צו איזיקן. — דאָרט שטייט וואַסער. אָבער, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ ציקאַניש שמייכעלע, — פֿון היינט אָן און ווייטער וועט איר מוזן אַליין ברענגען וואַסער פֿאַר זיך. היינט מאַכן מיר מיט אייך אַן אויסנאַם, ווייל איר זיינט אַ נייער מענטש.

אייזיק איז צוגעגאַנגען צום ווינקל, וואו עס איז געשטאַנען אַ מע־דניצע אויף אַ קעסטל. דערביי איז געשטאַנען אַ קעסל מיט וואַסער און אינעווייניק איז געשוואומען אַ גרויסער בלעכענער שעפּער מיט אַ לאַנג הענטל.

אַי האָט אָנגעשעפּט אַ פּאָר שעפּער מיט וואַסער און זיך געוואַשן די הענט און דאָס פּנים מיט דעם שניידנדיקן, קאַלטן וואַסער, זיך געזייפֿט מיט דער שמעקעדיקער ניו־יאָרקער זייף און דערנאָך גע־ריבן דאָס פּנים מיטן האַנטוך.

יעדעס מאָל ווען ער האָט געקראָגן אַ געלעגנהייט דורכן האַנטוך צו כאַפּן אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם בליק צו עלען׳ען, האָט ער זי אַלץ געזען שטיין ביים אויוון. אויפֿן אויוון האָבן זיך געקאָכט אַ סך טעפּ און צו אַי׳ס גרויסן וואונדער האָט ער באַמערקט, אַז לעבן אויוון שטייען צוויי עמערס מיט שטיין־קוילן. עס הייסט, אַז זיי הייצן דאָ מיט קוילן! . . . די קיך איז געווען רייך, ריין און מיט ברייטקייט. ס׳זיינען דאָ געווען דריי פֿענצטער מיט פֿאַרהענגלעך. דאָס גלאָז פֿון די שויבן ריין, אַזוי ווי קרישטאָל. דורך איין פֿענצטער האָט זיך געזען דער זונפֿאַרגיי. דורך אַן אַנדער פֿענצטער האָט זיך געזען די פֿלאַכע נאָרט ביז צום האָריזאָנט און דורכן דריטן פֿענצטער די סאַוט־זייט מיט די הויכע בערג, וועלכע האָבן זיך געקייטלט און געפֿלאָכטן אַזוי ווי עלענס צוויי צעפּ, אַ באַרג אַרויס, אַ באַרג אַריין. צווישן די לעצטע צוויי פֿענצטער איז געשטאַנען אַ טאָפּטשאַן פֿון ווייסן האָרטן האָלץ. זיין דעק ווייס און ריין מיט דעם נאַטירלעכן קאָליר, וואָס די האָלץ האָט געהאַט פֿון דער מאַמעס בויך. אין טאָפּטשאַן זיינען געווען שופֿלאָדן. איינער אַזאַ שופֿלאָד איז געווען אָפֿן און עס האָט זיך אַרויסגעזען ווייס מעל פֿון דאָרטן.

אַי האָט זיך אָפּגעווישט און געכאַפּט אַ קוק אין דעם קליינעם שפּיגל וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט איבער דער מעדניצע.

ער האָט אויסגעזען שרעקלעך מיאוס מיט דעם צעקאַראַדאַטשעטן פּנים זיינעם און מיט די צעבאָרשטענע נאַסע האָר. אָבער דאָס קעמעלע וואָס איז דאָ לעבן שפּיגל געהאָנגען אויף אַ שטריקל, האָט אים געראַטעוועט.

— וואָס טוט מען מיט דעם אומריינעם וואַסער? — האָט אַי גע־פרעגט נאָכדעם ווי ער האָט זיך, ווי ס׳ביט איז, מיטן קעמל פאַרשע־נערט זיין פּנים.

— מע גיסט עס אַרויס, טייערער. — האָט די באַלעבאָסטע מיט איראָניע געזאָגט, — נאָר גיסט ווייט פון שטוב.

אַי האָט גענומען די מעדניצע אין זיינעביידע הענט און צוגע־גאַנגען צו דער טיר. ער האָט זיך ניט געקאָנט געבן קיין עצה, ווייל זיינע הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט דער שיסל. אָבער ענדלעך איז ער געפאַלן אויפן שכל צו האַלטן די מעדניצע אין איין האַנט און מיט דער אַנדערער עפענען די טיר. אַ שאַרפע קעלט האָט אים געטאָן אַ שניט אין פּנים, אין זיין נאַסן קאָפּ. דער ווינט האָט ווי געוואָלט ביי אים אָפּשניידן דעם קאָפּ.

אַי האָט אויסגעגאָסן דאָס אומריינע וואַסער. אָבער אַזוי ווי ער האָט אַזאַ אַרבעט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געטאָן, האָט ער נאַ־טירלעך אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אַנטקעגן ווינט און דער ווינט האָט באַטירלעך געטאָן אַ כאַפּ דאָס וואַסער און עס צוריק אויסגעגאָסן טאַקע אויף אים. זיין גאַנצער אָנצוג איז געוואָרן נאַס. און דאָס שיינע דערביי איז געווען, וואָס ער האָט עס גאָרניט געוואוסט, ביז ער איז אַריינגעקומען צוריק אין קיך אַריין און די באַלעבאָסטע האָט עס מיט אירע גרויסע אַלט־קלוגע אויגן, ניט אָן אַ שמייכעלע, באַמערקט. זי האָט געטאָן אַ פּאַטש מיט ביידע הענט:

— אַך! זעט נאָר, וואָס דער מענטש האָט געטאָן!

דאָס מיידל ביים אויוון האָט זיך אומגעקוקט און געטאָן אַן אויסגעווייטיקטן שמייכל. ערשט איצט האָט אַי זיך אָנגעקוקט און דערזען, אַז ער איז נאַס פון אויבן ביז אַראָפּ. ער איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשולדיקט קינד און שיר ניט אַריינגענומען אַ פינגער אין מויל אַריין.

— שטעלט זיך אַוועק ביים אויוון, — שרייט די באַלעבאָסטע און האַלט זיך איין פון לאַכן, אָבער אַי האָט באַמערקט אויף איר גרויסן, רויטן פּנים, אַז עס קראַמפּט זיך. ער איז אַ פאַרשעמטער

צוגעגאַנגען צום הייסן אויוון און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זעלבער פּאָזע, ווי עלען איז געשטאַנען.

—„אפשר איז גוט אַזוי?" — האָט ער געטראַכט. אָט שטייט ער נאָענט לעבן דעם וואונדערלעכן קינד. ער ווייסט נאָך ניט ווער זי איז. צי איז זי הילדנבערגס אייגן קינד, צי איז עס נאָר אַ דינסט ביי זיי. ווער זי זאָל ניט זיין — איז זי אַזוי שיין.

אַי האָט געפילט ווי די היץ פון אויוון זאַפּט זיך אַריין אין זיינע נאַסע קליידער. פון דעם געשטריקטן סוועטער האָט אָנגעהויבן זעצן אַ פּאַרע, און פון די נאַסע הויזן אויך דאָס נעמלעכע.

די באַלעבאָסטע איז אַריין אין צווייטן צימער. אַי האָט געהערט ווי זי דערציילט די מעשה מיטן וואַסער צו הער הילדנבערג. בשעת מעשה לאַכט זי דאָרטן מיט אַ מאַנצבילישן געלעכטער. אָבער אים אַרט ניט, ווייל ער איז דאָ ביים אויוון אַליין אויג אויף אויג מיט עלענען. דאָס וואָס זיי ריידן ניט אויס קיין איין וואָרט צווישן זיך, מיינט גאָרניט. זיין האַרץ רעדט צו איר.

ער וואָלט אַזוי געקאָנט אָפּשטיין אַן אייביקייט, ווען ניט דער פּאַקט, וואָס עס איז געוואָרן פינצטערער אַרום און די באַלעבאָסטע האָט געבראַכט צו טראָגן אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ און אים אַנידער־געשטעלט אויפן געזימס פון אויוון.

— עלען, — האָט די באַלעבאָסטע געגעבן אַ קאָמאַנדע, — גרייט צום טיש!

זי אַליין האָט געעפנט די טיר און אָנגעהויבן צו וואָיען ווי אַ וואָלף: הו־אוהו־או־הו! דער סאַפּער איז פאַרטיק.

אינגיכן האָבן זיך באַוויזן אין קיך די צוויי פאַרשוינען, וועלכע אַי האָט שוין באַגעגנט פריער אין שטאַל. זיי האָבן אַראָפּגענומען די פעלצלעך מיט די היטלען פון זיך און אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל אויפן דיל. זיי האָבן זיך געוואַשן, באַדינענדיק איינער דעם אַנדערן, גיסנדיק פונעם שעפער דאָס וואַסער איבער דעם צווייטנס הענט.

— באַי, אַ באַי, נעמט עס אַ פראָסט! — האָט דער וואָס מיטן שטרוי אין מויל געזאָגט. אייזיקן האָט געוואונדערט פאַרוואָס ער נעמט ניט אַרויס דאָס שטיקל שטרוי פון מויל. דער צווייטער האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר אידיאָטיש געשמייכלט און צוגעטרייסלט מיט זיין שמאָלן, מעלאָן־אַרטיקן קאָפּ. זיינע האָר זיינען געוועזן אָפּגעשאָרן ביז צום שאַרבן און איבערן שטערן האָט זיך שוין ביי אים

אָנגעהויבן אַ פּליך; זיין שטערן איז געווען שטאַרק צעקאַרבט מיט דינע קנייטשעלעך אויסגעפּאַלדעוועט אין גלייכע ליניעס. ביי דעם וואָס מיטן שטרוי אין מויל, איז געווען אַ געדיכטער קאָפּ מיט שטרוי־בלאָנדע האָר — עקזאַקט דער קאָליר פון איבערגעלעגן שטרוי. זיי האָבן ביידע פאַרמאָגט היפּשע פאַרוואַקסענע בערד. דער וואָס מיטן פליך האָט אַפילו אויסגעזען ווי אַ מאַנאַך מיט זיין שוואַרץ בערדל, צוליב דער בלייכקייט פון זיין פּנים. דער צווייטער האָט אויסגעזען ווי אַ וואַלד־רויבער. זיינע גראָע וואָסערדיקע אויגן האָבן געבלאַנקט ווי ביי אַ בייזער חיה.

— ווי פילט דער ניי־געקומענער? — איז ער פונדעסטוועגן צוגעקומען און געטאָן אַ שטאַרקן, ברודער־לעבן דריק אייזיקן די האַנט.

— מיין נאָמען איז אַרטור און מיין פריינטס נאָמען איז באָבי.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַי ווידעראַמאָל נשתומם געוואָרן, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז ער מיט די צוויי אַנדערע אַרבעטער זיינען געזעסן ביים טיש אינאיינעם מיט די באַלעבאַטים. אויף אַזאַ זאַך האָט ער זיך ניט געריכט. אויך עלען איז גערופן געוואָרן צום טיש נאָכדעם ווי זי האָט מיט דער באַלעבאָסטע צוזאָמען געבראַכט דעם גאַנצן סאַפּער צום טיש.

אַי האָט באַמערקט נאָך אַ נייע זאַך, און דאָס איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן דאָ אַנידערגעשטעלט דאָס גאַנצע עסן אויפאַמאָל צום טיש, אויך אַ טשייניק מיט קאַווע.

אויבנאָן האָט זיך געזעצט מיסטער הילדנבערג. באַלד נאָך אים האָבן זיך אויסגעזעצט די צוויי אַרבעטער אַרטור און באָבי אויף איין זייט לינקס און אייזיקן וויז־אַ־ווי אויף דער רעכטער זייט. די באַלעבאָסטע אויף אַ בענקל לעבן דעם באַלעבאָס און ביים צווייטן עק טיש קעגנאיבער הילדנבערג, און ביי דער טיר האָט זיך געזעצט עלען.

דריטער קאַפּיטל

ביים עסן האָבן אַלע געשוויגן, חוץ מאַדאַם הילדנבערג; זי האָט ביי יעדן געריכט געפרעגט צי עס געפעלט אַי׳ען דער מאכל.

— אין דער איסט מוז דאָס עסן זיין בעסער. דאָרטן זיינען מענטשן קליגער ווי דאָ אין דער וועסט.

אַי האָט צוליב געטאָן און געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג ניט געגעסן אַזוינע מאכלים, כאָטש אין אמתן האָט ער ניט ליב געהאַט,

ווי אַזוי זי האָט געמאַכט דאָס געבראָטנס. עס איז געווען האַלב־רוי און דאָס בלוט איז פֿונעם רינדערן פֿליש נאָך געדונען בשעת מען האָט עס געשניטן מיטן מעסער. די איבעריקע מאכלים, ווי די קאַר־טאָפֿל־זופּ, דער פֿאַרשפּייז פֿון צעהאַקטע פּאַטלאַזשאַנעס, דער צימעט־קאָמפּאָט פֿון רובאַרב, דער קוכן פֿון עפּל און צום סוף די געשמאַקע קאַווע, וועלכע מען האָט געטרונקען אָן מילך — זיינען געווען זייער געשמאַק און דער עיקר — דאָס ברויט איז געווען פֿריש און באַטעמט נאָך־וואָס פֿון אויוון.

נאָכן עסן האָט זיך הילדנבערג דער ערשטער אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט, אַלס סיגנאַל, אַז דער מאָלצייט איז געענדיקט. ער האָט אָנגעשטאָפּט זיין „קאָרנקאָב״־פּיפּקע און פֿאַררויכערט, נוצנדיק אַ שטיקל פֿייער פֿונעם אייזערנעם גרויסן אויוון וואָס איז דאָ געשטאַנען. ער האָט זיך שווער אָנגעהאָרעוועט איידער ער האָט אַרויסגעקראָגן אַ שטיקל פֿייער פֿונעם אויוון.

אַרטור האָט פֿאַרדרייט אַ ציגאַר־טיטון און באַבי האָט אָנגעפּילט אַ קליין, קאָמיש ליולקעלע מיט אַן אויסגעבויגן רעדל און מיט אַ בלעכן צודעקעלע מיט לעכעלעך, ווי אין אַ זײַערל.

איך האָט אויך אָנגעפּילט זיין פּיפּקע מיט דעם ניו־יאָרקער טיטון.

— וואָס פֿאַר אַ טאַבאַק רויכערט איר עס? — זאָגט הילדנבערג צו איך'ען. איך דערלאַנגט אים זיין פּעקל טיטון. הילדנבערג גיט אַ שמעק דעם טיטון און פֿאַרקרימט זיין נאָז.

— דאָס איז מעדיצין, ניט קיין טאַבאַק . . . איר פּרוּווט אונזער טאַבאַק. — און הילדנבערג דערלאַנגט איך'ען אַ לייוונטן בייטל מיט טיטון. איך דאַנקט און נעמט ניט.

איך האָט ניט געוואָלט באַליידיקן און גענומען דעם טאַבאַק ביי הילדנבערגן. עס איז געווען אַ געבראַקטער, שטיקלדיקער טיטון און אויסגעזוויזן האָט ער ווי צעהאַקטע שטרוי.

די פֿיר מאַנספּאַרשוינען האָבן אָנגעפּילט דאָס צימער מיט אַ סך רויך, און די פֿרויענצימער האָבן דערווייל אַראָפּגענומען דאָס געפּעס פֿון טיש. דער אויוון האָט געברענט און איז געווען פֿון אַלע זייטן רויט און אָנגעגליט.

אין דרויסן האָט געוואָיעט דער ווינט. אויפֿן טיש האָט גע־ברענט אַ קעראָסין־לאָמפּ מיט אַ פּאָרצעלייענעם, ווייסן אַבאַזשור. פֿון די געזימסן אַרום די פֿענצטער האָט מען געקאָנט זען, אַז די

ווענט פֿון הויז זיינען גראָב און מאַסיוו. אויפֿן דיל איז געלעגן אַ פֿיינער טעפּיך. די ווענט, ווייס־געקאַלכטע און רייך. דאָ און דאָרט אַ מיניאַטור־בילדל אין אַ רעמל.

אַרטור האָט אויסגעזויגן זיין ציגאַרעטל ביז צום סוף. אַזוי האָט אויף אַי׳ען געמאַכט דעם איינדרוק זיין רויכערן.

— ווען — האָט אַרטור זיך אָנגערופֿן — וואָס טוען מיר מאָרגן?

אַי האָט אָנגעשטעלט זיינע אַלע חושים, ווען ער האָט דערהערט רייד וועגן אַרבעט. אים האָט זיך שוין זייער געוואָלט עפּעס טאָן. די באַן־רייזע האָט אים אויסגעמוטשעט און עס האָט זיך שוין געבענקט נאָך אַביסל אמתער אַרבעט.

— איך דענק, אַז עס איז שוין די צייט אַרויסצופֿירן פֿאַר די פּערד אַביסל האָבער — האָט הילדנבערג געזאָגט.

— יאָ, עס איז שוין די העכסטע צייט — האָט אַרטור צוגעבאַמקעט.

— מאָרגן גאַנץ־פֿרי — זאָגט הילדנבערג — זאָלסטו אַרויסנעמען דיינע באָיעס און הויב אָן פֿון דעם סטויג אויף נאָרט־ווּעסט.

— דעם נייעם אויך? — פֿרעגט אַרטור, געבנדיק אַ וואָרף זיינע אויגן צו אַי׳ען.

— איך האָב אים ניט געבראַכט אַהער צו זיצן — זאָגט הילדנבערג.

— איך האָב געמיינט . . . אַ פּראָפֿעסאָר מיט אַ דיפּלאָמע . . . אפֿשר איז ער דאָ געקומען האַלטן לעקציעס פֿאַר די בראָנקאָס — זאָגט אַרטור און ווינקט מיט איין אויג צו אַי׳ען.

ערשט איצט האָט זיך אַי דערפֿילט מאָדנע אומבאַקוועם, זיין פּנים איז אַפֿילו אויך פֿאַרשעמט געוואָרן. און ווי אַלעמאָל אין אַזוינע מאָמענטן האָט ער געפֿילט עפּעס צו זאָגן און ניט געקאָנט געפֿינען קיין ווערטער.

ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין געלעגן אין זיין בעט, האָט אַי, ניט קאָנענדיק אַנטשלאָפֿן ווערן, געהאַט פֿאַרטיק עטלעכע ווערטער צו ענטפֿערן אַרטורן. אַי האָט איבערגעשפּילט אין זכרון די גאַנצע סצענע, ווי אַזוי הילדנבערג האָט גערעדט מיט אַרטורן וועגן אים, און זיין ענטפֿער האָט באַדאַרפֿט זיין: — נעווער מאַינד, פּראָפֿעסאָר, דיפּלאָמע — איך בין דאָ געקומען אַרבעטן!

דער ווינט האָט געריסן דעם דאַך איבער אַי׳ס קאָפּ. זיינע פֿיס זיינען געווען קאַלט ווי אייז און ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט

דערוואַרעמען. אין דרויסן האָט זיך געטראָגן אַ שרעקלעך שטאַרקע וואָיעניש, ווי פֿון טויזנטער און טויזנטער וועלף. די נאַכט האָט אַ טונקל־בלאָע אַריינגעקוקט דורכן פֿענצטער. די שטערן האָבן זיך געלאָשן ווי די ליכט אין אַ ווינט.

און די צוויי מיטשלאָפֿער, אַרטור און באַבי, האָבן געכראָפּעט, געפּייפֿט מיט די נאָזלעכער. די לופֿט אויפֿן בוידעם האָט געשמעקט מיט שוויס און מיט לעדער.

אַי האָט זיך איינגעדרייט צום צענטן מאָל און זיינע שלייפֿן האָבן געקלאַפּט:

— „איך בין דאָ געקומען אַרבעטן; געוווער מאַינד, פּראָפֿעסאָר...״
גאַנץ פֿרי האָט אַי דערפֿילט ווי מען טאַרקעט אים.

— פּראָפֿעסאָר, עס איז צייט אויפֿצושטיין.

דאָס האָט אים אַרטור געוועקט.

אַי האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ דערשראָקענער. אין פֿענצטער איז שוין געווען לייכט־בלוי. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין דער פֿינצטער. די אַנדערע צוויי בחורים האָבן זיך אויך אָנגעטאָן.

אַי האָט זיך געאיילט; אים האָט זיך זייער געוואָלט אַריבעריאָגן די אַנדער מיט זיין אָנטאָן זיך.

זיי זיינען אַלע דריי אַרויס אין שטאָל אומגעוואַשענע. דער פֿראָסט איז דורכגעגאַנגען די ביינער און אַי האָט דערפֿילט ווי זאַפּאַרעס גייען אַריין אין זיינע פֿינגער־נעגל.

אין שטאָל האָט אַי באַמערקט, אַז אַרטור טוט אַליין גאָרניט. ער שטייט מיטן ציגאַרעטל אין די הענט; ווי עס ווייזט אויס, היט ער זיך מיט זיין ציגאַרעטל און באַהאַלט עס אין אַרבל. אָבער ער טוט גאָרניט, נאָר ער שאַפֿט זיך מיט באַבין און מיט אים. שרייט פֿון צייט צו צייט אָן אויף זיי ביידן און יאָגט זיי, פּונקט ווי אַן אמתער פֿאָרמאַן ערגעץ אין אַ שאָפּ.

— העי, גיב זיך אַ ריר!

— העי, ניט אַזוי רייניקט מען מאַניור!

און ווען אַי האָט אַביסל מער געבאָרשטן אַ פֿערד, האָט אַרטור אויף אים זיך צעשריען: — וואָס דענקסטו איז דאָ, אַ באַרבער־שאָפּ?

אין דרויסן איז געוואָרן ליכטיקער און העלער. די זון איז אויפֿגעגאַנגען און געוואָרפֿן אַ פּאַס ליכט פּונקט איבער דער טיר פֿון שטאָל.

אַי און באַבי האָבן געשוויצט פֿון דער שווערער אַרבעט. אין

שטאַל האָבן זיך געפֿונען אַן ערך אַכצן פֿערד. פֿון אונטער יעדן פֿערד איז געווען וואָס אַרויסצורייניקן און יעדן פֿערד קעמען און באַרשטן, פֿירן זיי צום טרינקען צו דער פֿאַרפֿרוירענער קרעניצע און יעדן פֿערד געבן עסן.

און אַרטור טוט ניט אַריין אַ האַנט אין קאַלט וואַסער.

— קאָם אָן, פּראָפֿעסאָר, לאָמיר פֿאַרענדיקן!

— רופֿט מיך ניט „פּראָפֿעסאָר״! — בעט זיך ביי אים אַי.

— זיינט איר דען ניט אַ גראַדואירטער? — שמייכלט אַרטור ציניש.

— יעס.

— אָ־קעי! איר האָט אַריינגעטראָפֿן אויפֿן ריכטיקן אָרט — לאַכט אַרטור. — וואָס זאָגסטו, באָבי? . . .

— יעס סער! . . . — ענטפֿערט באָבי קורץ און גאַליק.

— וואָס מיינט איר? — דערשרעקט זיך אַי.

— איר וועט שוין אויסגעפֿינען, פּראָפֿעסאָר, אַז איר האָט אַריינגעטראָפֿן צום ערגסטן „סאַנאָוועביטש״ — זאָגט אַרטור און גיט אַ שפּיי אין דער קרים, מיט אַזאַ שאַרפֿן שאָס, ווי עס וואָלט פֿון זיין מויל געפֿלויגן אַ פֿייל צו דער ערד.

— דאָס שרעקט מיך גאָר ניט! — זאָגט אַי מיט אַ געמאַכטער בראַווקייט. טיף אין האַרצן אָבער האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט שוין געוואָלט וויסן, באַלד אויפֿן אָרט, וואָס דאָ קומט פֿאָר — אויב ער באַהאַנדלט מיך ניט גוט, דריי איך אויס די פֿערד אויף צוריק.

אַרטור האָט זיך צעלאַכט פֿון אַי׳ס רייד. אין דעם געלעכטער איז געווען פֿאַרניכטונג און אַ סך מעטאַל.

אַי האָט דערנאָך געגעסן איבערבייסן גאָר מיט אַן אַנדער געפֿיל, ווי דער וואָס ער האָט געפֿילט נעכטן ביי דער וועטשערע. איצט האָט ער שוין געזען, ווי דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע טרייבן אים צו, אַז ער זאָל עסן, און געפֿילט אַז זיי מיינען עס ניט. פֿאַרקערט, זיי טרייבן אומיסטן, כדי מען זאָל עסן ווינציקער.

נאָכן איבערבייסן האָט אַרטור געגעבן אַ קאָמאַנדע: — וועל, באָיס, מיר וועלן גיין עפּעס טאָן.

אַרטור איז געגאַנגען פֿריער און נאָך אים באָבי און אַי. דורכגייענדיק די קיך האָט זיך אַי באַגעגנט מיט עלענען און ער האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו זאָגן איר אַ „גוט־מאָרגן״. אַי האָט באַמערקט, אַז עלען ענטפֿערט אים ניט אויף זיין גוט־מאָרגן. זי האָט זיך גיך

און ווי אַ וויכער דורכגעיאָגט און אַוועק אין אַנדערן צימער.

שפּעטער, ווען אַי איז געשטאַנען אויפֿן הויכן סטויג מיט האָבער סנאָפּעס און פֿון דעם טיפֿן שניי אַרויסגעגראָבן די סנאָפּעס, האָט ער געטראַכט וועגן דעם וואָס עלען האָט ניט געענטפֿערט. ער איז שוין איצט געווען זיכער, אַז זי איז אַ דינסטמיידל ביי די הילדנבערגס, און אפֿשר האָט זי מורא צו פֿאַרלירן איר שטעלע.

דער ווינט איז געווען בייסיק, געבייטשט דאָס פּנים און די נאָז. אויפֿן סטויג איז געלעגן אַ טיפֿער שניי מיט אַ פֿאַרפֿרוירענעם גלאָז פֿון אויבן. דאָס דאָזיקע שנייאיקע גלאָז האָט זיך זייער שווער געבראָכן. די פֿרעירי האָט געבליאַסקעט אונטער דער זון, ווי אַ ווייסער שפּיגל, און ווען אַי האָט געוואָרפֿן די סנאָפּעס צום שליטן פֿון סטויג האָט דער ווינט די סנאָפּעס אָפּט געטאָן אַ כאַפּ אויף זיינע פֿליגל און זיי פֿאַרטראָגן ווייט, ווייט.

באַביס אַרבעט איז געווען צו לויפֿן כאַפּן אָט־די פֿאַרטראָגענע סנאָפּעס.

אויפֿן שליטן איז געשטאַנען אַרטור און זיי אויסגעלייגט סנאָפּ צו סנאָפּ אין שורות איבער דער לענג פֿון שליטן און דערנאָך נאָכאַמאָל איבער דער ברייט פֿון שליטן.

אָנגעלייגט אַ פֿולן שליטן מיט סנאָפּעס, האָט אַרטור גענומען די לייצעס און אַראָפּגעפֿאָרן מיטן סקאָס אין אַ טאָל אַריין. דער שליטן האָט זיך געגליטשט אויפֿן שניי און די פֿערד האָבן מיט זייערע העלדזער קוים איינגעהאַלטן דעם דישל.

אין טאָל האָט זיך ערשט אַנטפּלעקט אַ ווייסע ברייטקייט. איבערן שניי זיינען געווען אויסגעווירעט שמאָלע סטעזשקעס אין דער ברייט און לענג. דורך די סטעזשקעס זיינען געגאַנגען פֿערד אין שורות. די לאַנגע האָר אויף זייערע קערפּערס האָבן זיי געמאַכט אויסקוקן אַזוי ווי בערן, אָדער אַנדערע אויסטערלישע חיות.

— זיי האָבן דערשמעקט האָבער! — זאָגט אַרטור — זע ווי זיי קומען פֿון אַלע עקן!

זייער אַרבעט איז איצט באַשטאַנען פֿון וואַרפֿן יעדע ווילע אַ סנאָפּ האָבער איבערן שניי. אַזוי גיך ווי דער סנאָפּ האָט דורך די פֿליגלען פֿון ווינט זיך געטאָן אַ טראָג און אַ פֿאַל צום שניי, זיינען אים באַלד באַפֿאַלן אַ בינט מיט די פּרעירי־פֿערד און אים צעריסן אויף שטיקלעך. די ווילדע פֿערד האָבן זיך געביסן און געבריקעט איינער דעם אַנדערן. יעדער פֿערד האָט געוואָלט וואָס מער פֿאַר זיך

אַליין. עס האָט געטראָפֿן, אַז אַ פֿערד האָט געטאָן אַ כאַפּ אין זיינע ציין אַ גאַנצן סנאָפּ און איז מיט אים אַנטלאָפֿן. לויפֿנדיק איבער דער פּרעירי מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ אין דער הויך און מיטן סנאָפּ אין מויל. די קערנער פֿון דעם האָבער שיטן זיך איבער דעם שניי.

אַנדערע פֿערד לויפֿן יענעם „פֿאַרכאַפּער" נאָך, יאָגן אים אָן און פֿאַרבלאָקירן אים דעם וועג. ביי דעם פֿאַרכאַפּער איז דאָס מויל פֿאַרנומען. ער קאָן ניט בייסן. עס ווערט אַ געקוויטשעריי צווישן די ווילדע פֿערד. זיי הירזשען און צאַרענען, שפּרינגען מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אינדערהויך, שלאָגן אַרויס דעם סנאָפּ מיט די פֿאָדערשטע פֿיס פֿון דעם פֿאַרכאַפּערס מויל.

— דאָס זיינען אַלע הילדנבבערגס פֿערד? — וואונדערט זיך אַי.

— זיי זיינען ניט מיינע! — ענטפֿערט אַרטור סאַרקאַסטיש. — דער „סאַנאָוועביטש" האָט אַ סך פֿערד. און די אָרימע עלען מוז אַרבעטן, אָרים באַשעפֿעניש, פֿאַר אַ פּאָר פֿערד, וואָס איר טאַטע האָט געקויפֿט ביים „בעסטאַרד".

— איז עס ריכטיק? — קאָן אַי ניט פֿאַרשטיין.

— ריכטיק! — עדותט זיך אַרטור מיט באָבין. — ניט אמת, באָבי?

— יאָ, אַזוי רעדט מען . . . — זאָגט באָבי זיצנדיק טיף פֿאַרבאַהאַלטן צווישן די סנאָפּעס אַזוי, אַז נאָר זיין קאָפּ שטעקט אַרויס. ער האַלט זיין קליין פּיפּקעלע אין זיין מויל און זיין באָרד אַרום די ליפּן איז אָנגעפֿרוירן מיט אייז.

— דער „בעסטאַרד" הילדנבערג האַלט אַלע אָרימעלייט פֿון געגנט אין זיינע נעגל. ער נעמט ביי זיי צוויי הונדערט פּראָצענט פֿאַר יעדן דאָלאַר, און דאָס מיידל עלען וועט דאַרפֿן אַרבעטן ביי אים איר גאַנצן לעבן פֿאַר צוויי פֿערד. עך, עך, איז די וועלט ניט גוט צעטיילט! איינער האָט אַזוי פֿיל פֿערד און טויזנטער האָבן גאָרניט! מיר, די אָרימע „סאָקערס", וויסן גאָרניט, אַז מיר לעבן אויף דער וועלט!

אַרטור האָט זיך צעלאָזט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם הענטל פֿון גאָפּל, וואָס האָט מיט די שטאָלענע ציין געשטעקט אין אַ סנאָפּ.

איצט האָט ער ביי אַי'ען אין די אויגן אויסגעוויזן גאָר אַנדערש. אַי האָט אים מוחל געווען די אינדערפֿריעדיקע יאָגערייען אין שטאַל. איצט איז געשטאַנען פֿאַר אים גאָר אַן אַנדער אַרטור.

— איך בין אַ זון פֿון אַט־די אָרימע „סאָקערס״ — האָט אַרטור ווידער אָנגעהויבן. — מיינע עלטערן זיינען דאָ אויף דער פּרעירי געקומען מיט מיין זיידן, ווען די ערשטע „סעטלערס״ האָבן זיך דאָ באַזעצט. איך האָב שוין אַלס יינגל געמוזט אוועקוואַנדערן פֿון דער היים. עס איז ניט געווען גענוג ברויט פֿאַר מיר. איך בין אַ גוטער קאַובאָי און אַ גוטער מעכאַניק. אָבער, וואָס טויג מיין אַרבעט? איך זע ניט קיין ליכטיקע אַנדערע זייט פֿאַר מיר. וואָס שטייט מיר פֿאַר אויף דער אַנדערער זייט? זיך באַזעצן ערגעץ אויף אַ „האָומ־סטעד״ מיט אַן אָרימע מיידל און זי וועט מיר אַנשיטן אַ סך קינדער און איך וועל אַפֿילו קיין פֿערד ניט האָבן מיט וואָס צו אַרבעטן . . . ביטער, ביטער! . . .

— איר גיט מיר גוטע האָפֿענונגען, — זאָגט אַי האַרציק.

— ברודער, דאָס וואָס איך האָב, דאָס פֿאַרקויף איך, — ענטפֿערט אַרטור, אַרומווישנדיק דאָס אייז פֿון זיינע בלאָנדע וואָנצעס. — איך אויף אייער אָרט וואָלט ניט געקומען אַהער אין דער וועסט.

— אין דער איסט איז אויך דעם אַרבעטער ניט גוט — זאָגט אַי.

— איך וועל זיך אַלעמאָל בייטן מיט אַן אַרבעטער אין אַ פֿעקטאָרי.

— די אַרבעטער שטאַרבן פֿון הונגער — זאָגט אַי. — איך אַליין בין געווען אַן אַרבעטער אין אַ שאָפּ און ניט געקאָנט מאַכן קיין לעבן.

— איך וועל עס ניט גלויבן, — שפּאַרט זיך אַרטור.

— איך זאָג דעם ריינעם אמת.

— איך ווייס, אַז דעם אַרבעטער איז בעסער ווי דעם פֿאַרמער. איך ווייס עס!

— איר האָט אַ טעות.

— וואַרט, איר וועט פֿאַרזוכן דעם פֿאַרגעניגן, — טריאומפֿירט אַרטור און שפּייט אויס אין דער קרים אויפֿן שניי אַרויף — פֿון רייטן אַ גאַנצן טאָג אויף אַ בראָנקאָ. ביי אייך אין דער איסט שטאַרבן די יונגע בחורים אַוועק נאָך אַ רייטערל אויף דער פּרעירי. און דאָס איז עס, וואָס עס האָט אייך געבראַכט אַהער, פֿאַרשטיי איך.

— איך בין געקומען זיך פֿאַרפֿולקאָמענען אין פֿערד, — זאָגט אַי.

— עס איז נישטאָ וואָס צו לערנען. פֿערד זיינען אַלעמאָל קליגער פֿון דיר, כאָטש זיי זיינען ניט געגאַנגען אין קאָלעדזש.

אַרטור האָט דערביוועט פֿון אונטער זיינע פּעלצלעך אַ גרויסן,

בלייערנעם זייגער, וועלכער איז שוין געווען געל און אָפּגעריבן, און אַ קוק געטאָן ווי עס האַלט די צייט.

— וועל, באָיס, לאָמיר ענדיקן. עס איז באַלד די צייט פֿון מיטאָג.

דערהערט דאָס וואָרט מיטאָג, האָט זיך באַבי געטאָן אַ כאַפּ־אויף און אַרויס פֿון צווישן די סנאָפּעס און זיך גענומען צואיילן.

די חברה האָט אויסגעליידיקט דעם שליטן. עס זיינען ווידער געקומען צולויפֿן פֿערד אין גרויסע מאַסן. צוליב די לאַנגע האָר זייערע האָבן זיי געהאַט אַלע איין קאָליר, אַפֿילו די גראָע פֿערד האָבן פֿון דעם לאַנגן ווינטער איצט אויסגעוויזן טונקל־ברוין און געל־ברוין.

די זון האָט געוואַרימט און עס האָט געשמעקט מיט דעם ריח פֿון דעם אָנקומענדיקן פֿרילינג. אַי האָט אים געשנאַפּט מיט זיינע נאָזלעכער, דעם פֿרילינג. דער גרויסער שליטן מיט דעם שיסל־אַרטיקן קאַסטן אויף זיך איז געפֿלויגן גרינג, ווי געטראָגן ניט פֿון די צוויי פֿערד, נאָר ווי מיטן ווינט.

נאָכן אָנבייסן האָט הילדנבערג געהייסן אַי׳ען איינשפּאַנען פֿערד אין אַ גרויסן שליטן.

— מיר וועלן פֿאָרן אַרויסנעמען אייער באַגאַזש.

אויפֿן גאַנצן וועג האָט הילדנבערג ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט מיט אַי׳ען.

דאָס איצטיקע מאָל האָט שוין אַי אַליין געטריבן די פֿערד קיין גלאַדסטאָון און צוריק. אַז עס איז געקומען צו אַ שייד־וועג, האָט הילדנבערג געטאָן אַ ברום און באַוויזן מיט דער האַנט, וואו צו פֿאָרן.

געבראַכט דעם באַגאַזש אויפֿן פֿאַרם, איז געוואָרן אַ פּראָבלעם, וואו צו שטעלן דעם גרויסן טראָנק. ערשט איצט האָט אַי דערפֿילט דעם גרויסן חוזק פֿון פֿירן מיט זיך אין דער וועסט אַזאַ גרויסן באַגאַזש. איצט, אַז ער ווייסט שוין וואָס פֿאַר אַ פּערזאָן הילדנבערג איז; איצט, ווען אַרטור האָט אים שוין געעפֿנט די אויגן — ווייל ביז איצט האָט אַי געמיינט, אַז אויפֿן לאַנד וואו דער פֿאַרמער באַ־אַרבעט מיט שוויס די ערד איז גאָר נישטאָ קיין שלעכטס — איצט האָט אַי זיך דערפֿילט זייער אומגליקלעך מיט זיין שווערן באַגאַזש פֿון אַ זאַטן און איינגעפֿונדעוועטן.

און דאָך זיינען זיך צונויפֿגעקומען אַי אַרטור, אַי באַבי און זייערע פּנימער זיינען באַהויכט געוואָרן מיט אַ דין שמייכעלע, וואָס שטעכט אַי׳ען אין דער זיבעטער ריפּ.

אַי האָט באַשלאָסן בעסער דעם גאַנצן באַגאַזש ערגעץ אַוועקצו־שטעלן אין דער קאַמער, וואו הילדנבערג האָלט זיינע פּאַטעטאָנדלעך. זאָל עס כאָטש שטיין ווייט פון זיינע אויגן.

די גאַרניטורס מיט די געפּרעסטע העמדער, וואָס זיין מוטער האָט אים מיטגעגעבן, וועט ער סיי ווי ניט נוצן דאָ אין דעם ווייטן העק.

די טעג זיינען געגאַנגען ביז צו דער ענדע פון פעברואַר און דער חודש מערץ איז אָנגעקומען מיט זיינע פּוילע ווינטן און רעגנס און דער שניי איז צוביסלעך אַראָפּ פון דער פּרעריע. עס זיינען געקומען וואונדער־שיינע טעג און די נעכט זיינען געווען קאַלט, און קאַיאָטן האָבן געוואָיעט און פון ווייט האָט זיך געהערט דאָס אויפּ־פּראַלן פון דעם אייז אויפן טייך און פון די בערג האָבן געגאָסן וואַסערפאַלן אין די טאָלן. אַרום דער שטוב און שטאַל האָט די זון אויסגעטריקנט די ערד און עס האָבן שוין אָנגעהויבן צו שפּראָצן יונגע גראָזן.

אַי האָט זיך דורך דער צייט זייער גוט איינגעלעבט מיט די אַנדערע צוויי בחורים, אַרטור און באָבי, כאָטש די באַלעבאָטים איז עס זייער ניט געפעלן.

ספּעציעל האָט די באַלעבאָסטע געהאַלטן אין איין ריידן שלעכטס אויף די צוויי בחורים. ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט זי דערציילט, אַז זיי זיינען טרעמפּס און מען טאָר זיי ניט געטרויען קיין שום זאַך און אַז ער זאָל זיך היטן פאַר זיי, ווייל זיי וועלן ביי אים אַרויסגנבענען דאָס פּעקל טאַבאַק פון קעשענע.

דער באַלעבאָס אַליין האָט ווינציק גערעדט. דערפאַר אָבער האָט ער אַלעמאָל אַי'ען געגעבן באַזונדערע אַרבעט, כדי ער זאָל זיך ניט קאָנען מיט זיי צוזאַמענריידן. צוליב דעם צוועק האָט ער אַי'ען געמאַכט פאַר דעם אויפזעער איבערן אָגער זיינעם.

דער דאָזיקער אָגער איז געשטאַנען ווי אַ מיוחס אין אַ באַ־זונדערער שטאַל פאַר זיך אַליין. עס איז געווען אַ גראָמאַדנע, שוואַרץ־זיידן פערד מיט אַ ווייסן פלעק איבער זיין פּנים. געהייסן האָט דער אָגער דע אַרטאַגנען, און ווי גרויס ער איז געווען איז ער פונדעסטוועגן געווען זייער שטיל און גוט.

אַי האָט זיך מיט דעם אָגער באַקענט. פון אָנהויב האָט דער אָגער מורא געהאַט פאַר אים. אָבער צוביסלעך איז ער צוגעוואוינט געוואָרן צום בחור און אין אַ פּאָר וואָכן צייט אַי'ען ליב באַקומען.

ווען אַי פּלעגט נאָר אַריינקומען אין שטאַל צום אָגער איז ער באַלד צוגעגאַנגען צו אים און אָנגעהויבן זוכן, צי אַי האָט ניט קיין שטיקל צוקער אין די קעשענעס.

עס וואָלט אַי׳ען מער ניט געפעלט, ווען הילדנבערג ווערט גע־וואויר, אַז ער גיט דעם אָגער יעדן טאָג אַ שטיקל צוקער. די הילדנ־בערגס זיינען געווען, ווי אַי האָט זיך דערוואוסט צוביסלעך, זייער קאַרג. אַפילו אַביסל מילך פאַרגינען זיי זיך ניט צו האָבן ביים טיש. זיי שטעלן צוקער צום טיש נאָר צוליב די מענטשן, ווייל זיי אַליין טרינקען קאַווע אָן צוקער.

און אַי איז פאַרשווענדעריש מיטן צוקער.

דער אָגער האָט ליב אַי׳ען און אַי׳ס אַרבעט איז יעדן טאָג אַרויסצופירן אים מיט אַ לאַנגן שטריק אויף דער פּרעירי און אים געבן „עקסערסייז״. אַי שטעלט זיך אַוועק און נעמט טרייבן דעם אָגער אין אַ ראָד אַרום זיך, פריער פּאַמעלעך, דערנאָך שנעלער. אַי האַלט אַ בייטש אין די הענט — טאָמער פאַלגט ניט דער אָגער.

דער דאָזיקער „עקסערסייז״ געדויערט פון טאָג צו טאָג וואָס לענגער, און וועט אַזוי אָנהאַלטן דעם גאַנצן חודש מערץ, ווייל אין אַפּריל דאַרף שוין דער אָגער גיין צו די שקאַפּעס. און דורך די ווינטער־חדשים איז דער אָגער געוואָרן פויל און פעט.

דע אַרטאַגנען קומט אַרויס אינדרויסן און גיט אַ שמעק די לופט און שטרעקט אויס זיין ברייטן אויסגערונדעטן האַלדז און הויבט דעם קאָפּ אינדערהויך, פאַרבויגט די אויבערשטע ליפּ און גיט אַ פריידיקן לאַך און אַ הירזשע. זיין קול שניידט דורך די לופט, ווי דער פייף פון אַ באַן. ער גיט זיך אַ טרייסל און פון זיינע פאַר־וואַקסענע טיפע האָר גייט אַרויס דער שטויב. דער אָגער רייסט זיין קאָפּ צו דער פּרעירי, אַהין וואו די שקאַפּעס לויפן אַרום. ער שטעלט זיך אַוועק און שפּיצט אָן זיינע אויערן און האָרכט.

שיין איז צו קוקן ווי אַזוי אַ פערד האָרכט אין דער ווייטקייט!

אַנטקעגן אים זעט אַי אויס ווי אַ מילב קעגן אַ העלפאַנט. זיינע אויסגעטאַקטע שווערע פיס מיט די צעשפּרייטע רונדע קאָפּיטעס רופן טיף אין דער ערד אַריין מיט זייערע טריט.

די ערד טריקנט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מערער. פונעם שניי איז שוין כמעט קיין זכר נישטאָ. די טעג ווערן שוין לענגער, די זון וואַרימער. איבער די הימלען יאָגן אַוועק די וואָלקנס.

אַרטור און באָבי גרייטן די אַקערס. און אַי פֿירט זיך אַרום מיטן אָגער. עס איז אים פֿאַרדראָסיק פֿאַרוואָס דער באַלעבאָס טיילט אים אָפּ פֿון די צוויי אַרבעטער. ער קאָן מיט זיי ניט אויסריידן קיין וואָרט. עס ווילט זיך אַי'ען מיט אימיצן טיילן וועגן די איינדרוקן פֿון דער פּרעירי. ער האָט שוין געשריבן אַהיים אַ לאַנגן בריוו. אָבער אין אַ בריוו קאָן אַי ניט אַרויסשרייבן, וואָס ער פֿילט. אַ בריוו, מיינט ער, איז צו אָביעקטיוו.

ביז דעם סוף פֿון מערץ האָט שוין אַי געדאַרפֿט אַנזאָטלען דעם אָגער און מיט אים אַרויסרייטן אויף צוויי שעה יעדן טאָג איבער דער פּרעירי, און דאַן האָט זיך שוין די פּרעירי אָנגעטאָן אין גרינעם, אין אַזאַ שיינעם, גרינעם גראָז. און דער ווינט איז געוואָרן וואַרימער און געבראַכט אויף זיינע פֿליגלען די זיסע ריחות פֿון האָניק, מיט פֿרישער אויסגעבאַקענער ערד, מיט דורכגעלופֿטערטער, זון־געריי־ניקטער לופֿט.

אָנגעזאָגט האָט דער באַלעבאָס: — הער, אַי, רייטנדיק אויף דעם אָגער טאָרסטו ניט רויכערן, טאָרסט ניט רייטן מיטן וועג, טאָמער וועסטו באַגעגענען אַ פֿאַרמער מיט זיינע שקאָפּעס.

אָבער אַי האָט דעם באַלעבאָס ניט געפֿאָלגט. ווייט אויף דער פּרעירי פֿלעגט ער אַראָפּגיין פֿון זאָטל און פֿאַררויכערן זיין פּיפּקע. דער אָגער האָט געגליכן אַי'ס פּיפּקע, ער האָט אַפֿילו ליב געהאַט צו נעמען אין זיין מויל אַביסל טיטון פֿון אַי'ס הענט.

און דאָס גראָז האָט אַזוי ווי געבעטן זיך אָוועקצולייגן אויפֿן רוקן און קוקן אין דעם בלויען הימל. אַי האָט זיך אָפּט אויסגע־שטרעקט מיטן פּנים אַרויף און געהאַלטן אין זיין האַנט די לייצעס און דער אָגער פֿלעגט שטיין ביי אים צוקאָפּנס און דרימלען.

דערנאָך, קומענדיק אַהיים, פֿלעגט דער באַלעבאָס אָפּנעמען אַ רעפּאָרט, צי אַלץ איז געגאַנגען אין אָרדענונג, צי האָט זיך דער אָגער, חלילה, ניט אויפֿגערעגט אומזיסט.

— קומענדיקן חודש וועט ער האָבן זייער אַ סך אויפֿרעגונג — פֿלעגט הער הילדנבערג זאָגן מיט אַ ווואונק אין זיינע אויגעלעך.

און געזאָגט האָט הילדנבערג אָט־די ווערטער אין קיך, אין דער אַנוועזנהייט פֿון עלענען.

אַי האָט באַמערקט ווי ביי עלענען איז דער בלייכער האַלדז געוואָרן רויט. זי האָט איצט, ווי תמיד, עפּעס געטאָן ביים אויוון און זיך ניט אומגעקוקט אויף קיינעם.

— קומענדיקן חודש גייט דער אָגער צו די שקאָפּעס — האָט די באַלעבאָסטע זיך אַריינגעמישט און דורכגענומען אי׳עז מיט אירע באַזלעכער.

אַי האָט זיך געשעמט מיט אַזוינע רייד אין דער אַנוועזנהייט פון דעם קינד עלען.

פערטער קאַפּיטל

עס איז אָנגעקומען דער שיינער פרילינג אויף דער פּרעירי. די ערד האָט זיך באַדעקט מיט אַלערליי גראָזן. ווייסע, בלאָע און רויטע בלימעלעך האָבן זיך באַוויזן צווישן די גרינע גראָזן.

אַי איז אַלע טאָג אַרומגעפאָרן רייטנדיק אויפן אָגער איבער דער פּרעירי.

אַרטור מיט באָבין האָבן געאַקערט אין צוויי באַזונדערע ערטער. איינער אין מזרח־זייט און דער צווייטער אין מערב־זייט.

הילדנבערגס פעלדער זיינען געווען צעשפּרייט אויף אַ ברייטערן שטח איבער דער פּרעירי. ער האָט פאַרמאָגט פעלדער איינגעצוימטע אין דראָטענע פּלויטן. דאָרטן זיינען אַרומגעלאָפן זיינע ווילדע פערד און שקאָפּעס. די שקאָפּעס וועלכע האָבן געטראָגן, האָבן איצט זיך געלאָשעקט מיט קליינע לאָשעקלעך. אַפּריל, מאַי און יוני זיינען געווען די בעסטע חדשים פאַרן געבוירן פון לאָשעקלעך.

די באַלעבאָסטע האָט אויף איר פאָלקס־לשון וועגן דעם געזאָגט:

אַ לאָשעקל אין אַפּריל איז מער ווערט פון אַ מיל.
אַ לאָשעקל אין מאַי איז בעסער פון אַ וואָגן היי.
אַ לאָשעקל אין יוני לייכט ווי אַ זון.
אָבער אַ לאָשעקל אין יולי איז געגליכן צו נול.

די דאָזיקע באַלעבאָסטע האָט זייער מקרב געווען דעם ניו־יאָרקער בחור, דערפאַר וואָס זי אַליין איז געקומען פון אַ גרויסער שטאָט דאָ אַהער אויף דער פּרעירי. פונוואַנען זי איז געקומען האָט זי אַי׳ען ניט געוואָלט זאָגן.

— עס וועט אַמאָל אויסקומען, וועל איך אייך אויסזאָגן, — האָט זי מיט אַ געהיימען שמייכעלע געזאָגט.

אַי האָט זיך געוואונדערט: — איר זיינט ניט דאָ געבוירן אויף דער פּרעירי?

— אָ, איך בין ליידער דאָ ניט געבוירן . . .

אַי האָט זיך אויך געוואונדערט פֿאַרוואָס זי איז אַ סך יינגער פֿון דעם הער הילדנבערג. אָבער דאָס האָט ער איר ניט געקאָנט זאָגן, טאָמער איז עפּעס דאָ פֿאַראַן אַ פֿאַמיליע־טראַגעדיע.

אַי האָט באַמערקט, אַז עס איז ביי די הילדנבערגס ניט נאָר ניטאָ קיין קינדער, וואָס אַמאָל וואָלט עס געקאָנט הייסן, אַז ביי זיי זיינען שוין די קינדער פֿאַרהייראַט, נאָר דאָ אין שטוב האָט מען נאָך אַפֿילו איינמאָל ניט דערמאָנט דאָס וואָרט קינדער.

אַי איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער פּרעירי און פֿון דער נייער אַרבעט, וואָס ער האָט דאָ, פֿון דעם אָגער מיט וועלכן ער פֿירט זיך אַרום, ווי מיט אַ טייערן אוצר. עפּעס אַ קלייניקייט! מיסטער הילדנבערג האָט אים פֿאַרטרויט אַ צען־טויזנט־דאָלאַרדיקן אָגער פֿון דעם ריינעם פֿוירטשעראַנישן בלוט און מיט אַ פּעדיגרי פֿון עלטערן און עלטער־עלטערן פֿון ריינעם פֿוירטשעראַנישן בלוט.

— הערט, אַי, איך גיב אים איבער אין אייערע הענט, דערפֿאַר וואָס איר זיינט אַ געלערנטער יונג מיט אַ דיפּלאָמע, — האָט הילדנבערג געזאָגט צו אַי׳ען. — זעט, אַז דער „סטאַד״ זאָל זיין געזונט.

אַי האָט דעם אָגער אָפּגעהיט מיט זיין עסן. פּונקט צו דער צייט און אויפֿן זייגער אים געגעבן דריי מאָל אין טאָג עסן און טרינקען, און אים גערייניקט מיט אַ האַריקער באַרשט און געקעמט די האָר זיינע מיט אַ קעמל פֿון אייזן און גומי. אַי האָט דעם אָגער געשמירט מיט קעראָסין. דעם אָגערס שוואַרצע האָר האָבן געשיינט אַזוי ווי אַטלעס פֿון דעם קעראָסין. דער קעראָסין האָט אויך פֿאַרניכטעט אַלע לעבעדיקע ברואימלעך, וועלכע האָבן זיך אפֿשר געוואָלט אָנהויבן צו מערן און ווידמענען ביים אָגער אין די האָר. די גרויסע שטאַל ביים אָגער האָט אַי אַלעמאָל איבערגעבעט מיט פֿריש שטרוי. און ביי דער טיר האָט אַי צוגעמאַכט אַ רעשאָטקע געפֿלאָכטן פֿון דראָט, פֿון דעם מין דראָט וואָס מען רופֿט הינער־דראָט. אַזוי, אַז די הינער האָבן צום אָגער אין שטאַל ניט געקענט אַריינקומען, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז די הינער האָבן דאָרטן ביים אָגער ניט געקאָנט איבער־לאָזן זייערע לייז. די שוואַרצע, לאַנגע האָר ביים אָגער אויפֿן אויס־געבויגענעם האַלדז האָט אַי פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ שורה מיט צעפּלעך און אין יעדן צעפּל אַריינגעפֿלאָכטן אַ רויט סטענגעלע פֿון זייד. דאָס האָט אים צוגעגעבן אַזוי פֿיל חן און גראַציע. דער האַלדז ביים אָגער

אַן אויסגעבויגענער, ווי אַ שיינער בויגן. די רויטע סטענגעלעך אין די צעפּלעך, ווי גלעקלעך. יעדער ריר פון זיין האַלדז, וואָס דער אָגער האָט געמאַכט, איז שיר־שיר ניט צעקלונגען געוואָרן מיט דעם קול פון די רויטע גלעקעלעך. און עס איז שיין געווען צו קוקן, ווי אזוי דער אָגער האָט זיך מיט די דאָזיקע רויטינקע גלעקע־לעך־סטענגעלעך געגרויסט און קאָקעטירט . . .

דער אָגער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַי׳ען און זיך שוין כמעט פאַרשטאַנען אויף דעם וואָס אַי האָט צו אים גערעדט.

— „דער אָגער פאַרשטייט מיך בעסער, ווי מענטשן האָבן מיך פאַרשטאַנען" — האָט אַי אָפּט געטראַכט מיט פאַרדראָס דערפאַר, וואָס מענטשן האָבן אים, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, ניט פאַר־שטאַנען.

אַט פאַרשטייט אים ניט דאָס מיידל עלען, וועלכע דינט דאָ ביי די הילדנבערגס פאַר צוויי פערד, וואָס איר פאָטער האָט געקויפט ביי מיסטער הילדנבערג.

וואָס מער ער וויל זיין מיט איר נאָענטער, אַלץ מער ווייטער ווערט זי פון אים. ער פאַרשטייט, אַז עלען דאַרף זיך היטן פאַר די באַלעבאַטים. אַ יאָ, דאָס זאָל ער נאָך ניט פאַרשטיין?

אָבער אַי זוכט אויס דוקא אַזעלכע מאָמענטן, ווען קיינער פון די לעבעדיקע ברואים דאָ אויף דער פרעירי וואָלטן אַפילו ניט גע־וואוסט, און עלען זאָל אים כאָטש געבן אַ שטיקל שמייכעלע . . .

און דוקא אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי אים איגנאָרירט, זיך אַפילו אויף אים ניט אומגעקוקט. אפשר האָט זי אים פיינט? אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט זי אים פיינט? ער האָט איר דאָך קיין שלעכטס ניט נאָר ניט געטאָן, נאָר אַפילו ניט געטראַכט קיינמאָל צו טאָן. צי אפשר איז אַי אַזוי מיאוס? . . . מיט דעם דאָזיקן געדאַנק מאַכט אַי שלום. יאָ, ער ווייסט, אַז ער איז ניט קיין שיינער. ער האָט געהאַט דאָס אומגליק צו ווערן געבוירן אַזוי מיאוס, ווי אַ מאַלפּע. איצט נאָך, דאָ אויף דער פרעירי, ווען אַי האָט שוין וואָכן זיך ניט ראַזירט, זעט ער אויס טאַקע ווי אַן אמתע מאַלפּע.

— „דאָס זאָל זיין מיין לעצטע דאגה!" . . . — ענדיקט אַי זיינע מחשבות.

ער האָט בעסער אין די לעצטע טעג אָנגעהויבן זאָרגן וועגן עפּעס אַנדערש. אַרטור האָט אים אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט: — סעי, זיי

פֿאַרזיכטיק מיט דיין לוין, וואָס הילדנבערג, דער סאַנאָוועביטש, האָט דיר צוגעזאָגט.

— וואָס מיינסטו? — האָט אַי ניט פֿאַרשטאַנען.

— איך וואָרן דיך ווי אַ פֿריינט... דער בעסטאַרד האָט פֿיינט צו באַצאָלן.

— דיר צאָלט ער? — פֿרעגט אַי.

— מיט מיר האָט ער מורא אָנצוהויבן.

— און פֿאַרוואָס זאָל ער ניט מורא האָבן פֿאַר מיר? — פֿרעגט אַי.

— דו ביזט אַ פּראָפֿעסאָר... ווער וויסט איך דאָרטן...

— איך פֿיל זיך באַליידיקט, אַרטור, מיין פֿריינט. רוף מיך ניט פּראָפֿעסאָר. איך האָב דיך שוין טויזנט מאָל געבעטן...

— אָלרייט.

אַט־דער געשפּרעך האָט אַי׳ען איבערגעלאָזט אַ סך נאָכטראַכ־טעניש און זאָרג. ער האָט דאָ געאַרבעט פֿאַר 40 דאָלאַר אַ חודש. אַזוי איז געווען דער קאָנטראַקט מיט הילדנבערגן. און אַט איז שוין אַריבער צוויי חדשים און אַי האָט ניט געקראָגן זיין לוין. אַרטור מוזן וויסן וואָס ער רעדט.

אַי האָט געזאָגט הילדנבערגן אַפֿילו ניט אויף אַזאַ פֿאָלירטן אופֿן, גאַנץ פּראָסט און אומדערוואַרטעט, ווען הילדנבערג איז גע־שטאַנען ביי דער אָפֿענער טיר פֿון אַגער־שטאַל און געקוקט, ווי אַזוי אַי שמירט דעם אָגער מיט קעראָסין: — סעי, מיסטער הילדנבערג, וואָס וועט זיין וועגן מיינע ווידזשעס?

— אַ יעס, איך פֿאָר אין שטאָט וועל איך ברענגען געלט, — האָט הילדנבערג זייער ניט גערן געגליכן דעם דאָזיקן צוגאַנג פֿון דעם בחור אַי. הילדנבערג האָט באַלד געוואָלט מיט עפּעס מאַכן אַי׳ען פֿילן שלעכט, דערפֿאַר וואָס ער האָט געמאָנט געלט.

— סעי, דו פֿאַרשטינקסט מיין אָגער מיט קעראָסין!...

— וואָס רעדט איר? — ווערט אַי אַ דערצאַפּלטער. — גיט נאָר אַ קוק ווי דער אָגער זעט אויס פֿון דעם קעראָסין.

הילדנבערג האָט, ווייזט אויס, ניט געוואָלט מערער וועגן דער דאָזיקער זאַך אַפֿילו דעבאַטירן. ער איז געווען צו כיטרע. ער האָט זייער גוט געוואוסט, אַז קעראָסין איז אַ קאָראָזיוו און עס איז גוט פֿאַרן אָגער. הילדנבערג האָט געוואָלט און טאַקע געשפּילט די ראָלע פֿון אַ שטאַרקן מענטשן מיט אַ כאַראַקטער פֿון אַ ווינציק־ריידער

און בייזן שווייגער. ווען עס איז געקומען צו געלט־זאַכן, איז ער אויף אַן אמת געווען זייער קאַרג. ער האָט זיך ניט פאַרגונען אויס־צוגעבן אויף זיך אַליין קיין איין פעני קיין איבעריקע, כאָטש ער איז געווען רייך — אפשר דער רייכסטער רענדזש־מאַן אין נאָרט־דאַקאָטאַ. ער האָט אַפילו מורא געהאַט צו ריידן וועגן אויסגעבן געלט. זיין ווייב האָט אים שוין געקענט און אויף מיילן און מיילן דאָ אַרום אויף דער פּרעירי האָט מען געוואוסט, אַז הילדנבערג איז אַ קאַרגער טכויר . . .

און דער בחור פון דער איסט האָט אַ העזה ביי אים צו בעטן געלט!

—„ער ווייסט נאָך ניט מיט וועמען ער האָט צו טאָן!" — האָט הילדנבערג צו זיך אַליין געוואָרטשעט אַוועקגייענדיק פון דער אָפּע־נער טיר פון אַגער־שטאַל.

אויפן צווייטן טאָג איז הילדנבערג געפאָרן אין שטאָט אַריין און מיט זיך גענומען אויך זיין ווייב. ביים אַנבייסן האָט ער אָנגעזאָגט אַרטורן און באַבין, אַז זיי זאָלן אַקערן און אַ״ען האָט ער אָנגעזאָגט אַרויסצורייטן מיטן אַגער.

— מיר פאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן און וועלן זיין צוריק צום סאַפּער.

באַלד נאָך דעם מאָלצייט זיינען די באַלעבאַטים אַוועקגעפאָרן.

אַרטור און באַבי האָבן אַרויסגענומען זייערע פערד און אַוועק אויף זייערע באַזונדערע פעלדער צום אַקערן. אַי האָט אָנגעזאָטלט דעם אַגער און אַרויסגעריטן אַזוי ווי אַלע טאָג צו דער באַשטימטער צייט פון איינס דעם זייגער ביז דריי.

עלען איז געבליבן אין שטוב. זי האָט גערדאַרפט וואַשן דאָס געפעס, אויפראַמען די צימערן און דערנאָך מאַכן אַ געוועש.

אַי האָט געטראַכט, אַז היינט וועט ער האָבן די געלעגנהייט צו כאַפּן אַ פּאָר ווערטער מיט עלענען ווען ער וועט צוריקקומען פון דער פּרעירי.

די פּרעירי איז געווען שיין. אַי איז געזעסן רייטנדיק אויף דעם ברייט־ביינערדיקן אַגער. דאָס פערד איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך, כמעט ווי אַ פאַרטראַכטער.

אַי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו האַלטן אויפן פערד אַן אויג און אין דער אייגענער צייט אויך אָנפילן זיין פּיפּקע און רויכערן.

די פּרעירי איז אים נאָך געווען אומבאַקאַנט, און וואָס מער ער

האָט איבער די פּעלדער געריטן, אַלץ מער נייע שיינקייטן האָט ער אַנטדעקט.

פּלוצים האָט אַ באַמערקט ווי פון דער אַנדערער זייט פון אַ באַרג שטייגט־אויף די פיגור פון אַ מענטשן. צו באַגעגענען דאָ אַ מענטשן האָט אַי ניט דערוואַרט. און עס איז אים געוואָרן אַי מאָדנע פריילעך און אַי ער האָט דערפילט אַ מאָדנע, לייכטע איבערשרעקעניש.

אין דער מינוט האָט דער אָגער אויך אַנגעשפּיצט זיינע אויערן און אויסגעדרייט זיין קאָפּ אין דער זייט פונוואַנען דער מענטש האָט געשפּרייזט פון שפּיץ באַרג אַראָפּ צו זיי אין טאָל אַריין.

אַי האָט געטאָן אַ ציי זיינע לייצעס און דעם אָגער געגעבן צו וויסן, אַז ער זאָל זיך ניט באַאומרואיקן.

דער מענטש, קומענדיק נאָענטער באַרג־אַראָפּ, האָט זיך אַרויס־געוויזן צו זיין קיין ניט אַנדערער, ווי אַרטור אַליין — דער בחור, וועלכער האָט ערגעץ פון יענער זייט באַרג געאַקערט הילדנבערגס ערד.

אַי האָט געטאָן אַ ציי דעם אָגער אויף צו בלייבן שטיין. אַרטור איז דערווייל צוגעקומען און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, איך וויל אַביסל טאַבאַק אויף אַ ציגאַרעט.

אַי האָט אים געגעבן אַביסל טאַבאַק און אַרטור האָט געזאָגט:

— אַ דאַנק. עס איז אַ וואונדערבאַרער טאָג. עס ווילט זיך גאָר ניט אַרבעטן אין אַזאַ טאָג.

— איך האָב אויך פיינט צו אַרבעטן אין אַזאַ טאָג, — זאָגט אַי — אויף וועמען האָט איר געלאָזן אייערע פערד?

— דער טייוול וועט זיי ניט נעמען. איך גיי סיי־ווי באַלד צוריק, — גיט אַרטור אַ שפּיי אין קרום. — איך האָב פאַרגעסן מיט־צונעמען מיין טאַבאַק. איך האָב אייך באַמערקט פונדערווייטנס. איך דענק, אַז איר וואָלט געדאַרפט זיך אויסהיטן צו קומען אַזוי נאָענט מיטן „סטאָד” צו פערד געשפּאַנט אין אַן אַקער.

— איך בין נאָך אַ פרעמדער, — פאַרענטפערט זיך אַי. —פונ־וואַנען זאָל איך וויסן, וואו איר אַקערט?

— זאָל הילדנבערג ניט וויסן דערפון, — זאָגט אַרטור.

— זייט זיכער, אַז איך וועל עס אים ניט דערציילן.

— סאָ־לאָנג!

— גוד־באַי!

אַרטור איז אַוועק באַרג־אַרויף און איז אין עטלעכע מינוט פֿאַר־שוואונדן פֿון יענער זייט באַרג.

אַי האָט זיך אומגעקערט אויף צוריק, כדי ער זאָל ניט צוקומען זייער נאָענט צום אָרט וואו אַרטור האָט געאַקערט. דער אָגער קאָן נאָך דערשמעקן פֿערד און ווערן ווילד.

אָבער אין דער מינוט האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ גערויש, ווי עס וואָלט עפּעס אויסגעשאָסן, און באַלד האָט אַי דערזען ווי אויפֿן ראַנד פֿון באַרג האָבן זיך באַוויזן צוויי יאָגנדיקע פֿערד מיט די צע־באָרשטעטע האָר פֿון זייערע העלדזער און דער אַקער האָט זיך נאָך זיי נאָכגעשלעפּט, און אַ מענטש — מסתמא אַרטור — לויפֿט זיי נאָך און שרייט מיט באַנומענע קולות און מאַכט מיט די הענט.

דער אָגער האָט געטאָן אַ ציטער און אַ שפּרונג מיט דער זייט, ווי זיינע פֿיס וואָלטן זיך אין עפּעס בריענדיקס אָנגערירט. פֿון דעם שפּרונג זיינען אַי׳ס פֿיס אַרויס פֿון די סטרעמענעס.

אַי האָט זיך אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט אָן דעם האָרן פֿונעם זאָטל. איצט האָט אים דאָס זאָטל געקלאַפּט אין זיינעביינער. די פּיפּקע איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון אַי׳ס מויל און דער אָגער איז געפֿלויגן, ווי אַ וואַנזיניקער, איבער דער פּרעירי און אַי האָט ניט געהאַט קיין שום אויסזיכטן אים צו קאָנטראָלירן.

פֿאַרקערט, אַי האָט איצט געמוזט זיך אַליין היטן, אַז ער זאָל ניט אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן פֿונעם אָגער.

עס האָט אַזוי געדויערט אַ פּאָר מינוט איידער אַי איז געקומען צו זיך און זיך געקאָנט באַהערשן.

פֿון אונטער דעם אָגערס פֿיס זיינען געפֿלויגן שטיקער ערד מיט גראָז. די צוויי אייזערנע סטרעמענעס האָבן מיט אימפּעט געזעצט אין אָגערס בויך ווי אין אַ פּויק און דערפֿון איז דער אָגער וואָס אַמאָל ווילדער געוואָרן. און אַי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים.

איצט האָט אים דער אָגער ניט דערקענט און אויך ניט געהערט וואָס אַי האָט צו אים געשריען. עס איז אַי׳ען ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי אים צו לאָזן לויפֿן.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען. דער אָגער איז אַזוי לאַנג גע־לאָפֿן ביז ער איז מיד געוואָרן. אין דער דאָזיקער קורצער צייט

האָט ער זיך שטאַרק פֿאַרשוויצט און איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ ווייס־גראָען שוים איבער זיין גאַנצן לייב.

ווען דער אָגער איז אַליין געבליבן שטיין, האָט אי באַמערקט, אַז ער איז ערגעץ פֿאַרטראָגן ווייט אויף דער פּרעירי.

אָבער די זון אויפֿן הימל האָט אי׳ען געוויזן, וואו צו פֿאָרן צוריק אַהיים. און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט אי געדאַרפֿט שווער אַרבעטן איידער ער האָט דעם אָגער אַרומגעוואַשן און צוריק געבראַכט אים אין אָרדענונג.

אַי איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב נעמען קעראָסין. עס האָט אים געטאָן אַ ציטער דאָס האַרץ ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עלען איז אַליין אין שטוב און די באַלעבאָטים זיינען נישטאָ.

— איך דאַרף קעראָסין, — האָט אַי געזאָגט צו עלענען, וועלכע איז געשטאַנען איבער אַ באַליע מיט וועש. אין דעם זייפֿן־וואַסער האָט אַי אויך דערקענט זיין קויטיק וועש.

— איר ווייסט וואו עס שטייט, אָט דאָרט, — האָט עלען געזאָגט, ניט אויפֿהויבנדיק איר קאָפּ.

— עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק, — כאַפּט אַי קוים זיין אָטעם.

— פֿערד זיינען אַנטלאָפֿן.

— דאָס איז ניט קיין נייעס, — ענטפֿערט עלען גלייכגילטיק.

— ווער ווייסט וואָס מיט אַרטורן איז געשען! — שרייט אויס אַי, וועלנדיק דערמיט ציען עלענס אויפֿמערקזאַמקייט.

— איך האָב אים געזען פֿריער אַהיים ברענגען די פּערד, — זאָגט עלען קאַלטבלוטיק, צעקלאַפּנדיק אַי׳ס לעצטן פֿאַרזוך.

אַז אַי האָט דאָס דערהערט, האָט ער פֿאַרגעסן וואָס ער האָט געוואָלט ריידן מיט עלענען. ער איז באַלד אַרויס אין שטאַל און צו זיין שטוינען טאַקע געטראָפֿן די צוויי פּערד, מיט וועלכע אַרטור איז אַרויס אַקערן. אַרטור אַליין איז אין שטאַל ניט געווען. אַי האָט אים געזוכט און ניט געקאָנט געפֿינען. די צוויי פֿערד זיינען געשטאַנען און שווער געאָטעמט, וויגנדיק זיך אויף זייערע פֿיס מיט זייערע שווערע, פֿאַרשוויצטע קערפּערס. די פֿיס זיינען ביי זיי ביידע געווען צעהרגעט און בלוט איז גערונען פֿון די וואונדן.

אַי איז אַריין צום אָגער אין שטאַל און אים אויסגעשמירט מיט קעראָסין. אויפֿן אָגער איז שוין ניט געווען צו דערקענען, אַז עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט.

אַי האָט אַרומגעזוכט אַרטורן אַ שטיק צייט און אים ניט געפונען.

ער איז אַריין אין קיך און זיך געפילט דאָרטן ווי אַן איבעריקער. עלען האָט שוין איצט אויסגעדרייט די שטיקלעך וועש און ווען זי האָט גענומען מיט אירע דאַרע הענטלעך די באַליע מיטן גראָען וואַסער, איז אַי צוגעלאָפן, זי געטאָן אַ שטופּ אַוועק און אַליין גענומען די באַליע און זי אַוועקגעטראָגן צו דער טיר.

עלען האָט פאַר אים געעפנט די טיר. זי האָט נאָך אַפילו קיין שטיקל שמייכעלע ניט באַוויזן אויף איר פּנים.

אַי האָט אַוועקגעטראָגן די באַליע ווייט פון הויז און זי אויסגעקערט אויפן גראָז.

ער איז צוריקגעקומען און עלען האָט אים אַוועקגעפירט צו אַ קעמערל און אים געהייסן שטומערהייט דאָרטן אַוועקשטעלן די באַליע.

זי אַליין האָט אויף אַ שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן פון ווינקל פון שטוב ביז צו אַ סלופּ, אויפגעהאָנגען דאָס וועש.

פון דעם וועש האָט געשמעקט מיט זייף און אין אַנבליק פון דער זון האָט עס זיך געוויסט און געטריקנט.

אַי האָט מיט שווערע טריט געקלאַפּט אין דער ערד, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו עלען האָט געהאָנגען דאָס וועש. ער האָט זי ניט געוואָלט איבערשרעקן.

— האָסטו ניט געזען וואו אַרטור איז אַהינגעקומען?

— ניין, — ענטפערט עלען קורץ.

— זיינע פערד זיינען פאַרוואונדעט, — זאָגט אַי און נעמט אַן צוויי נאָזלעכער מיט דעם פרישן ריח פונעם וועש.

עלען שווייגט.

— מען וואָלט זיי געדאַרפט פאַרשמירן מיט מעדיצין איידער די באַלעבאַטים קומען אָן, — זאָגט אַי אומרואיק. — ווייסטו וואו הילדנ־בערג האַלט די מעדיצין־פלעשלעך?

— איך ווייס ניט.

— איך בין דאָ אַ נייער מענטש, אָבער דו ביזט דאָך שוין דאָ ניט פון היינט. ווי לאַנג ביסטו דאָ, מיידל?

— צוליב וואָס מוזטו עס וויסן? — גיט אים פלוצים עלען אַ שניט מיט אירע טיפע אויגן.

— גאָר ניט. מיר איז אינטערעסאַנט, — פאַרלירט זיך אַי.

— דו בעסער גיי אָוועק פֿון מיר. די באַלעבאַטים וועלן באַלד אָנקומען און מער דאַרף איך ניט, נאָר אַז זיי זאָלן מיך טרעפֿן מיט דיר.

— האָסט מורא?

— עס וועט דיר שאַטן פּונקט אַזוי פֿיל, ווי מיר.

— אָלרייט. אָבי איך האָב געהערט פֿון דיר אַ פּאָר ווערטער. איצט בין איך צופֿרידן, — זאָגט אַי און טוט אויס זיין קאַפּעליוש און טוט אים אָן צוריק.

דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען איבער די פֿילע קאַמערן און קעמערלעך און געזוכט צו געפֿינען וואו הילדנבערג האַלט זיינע מעדיצין־פֿלעשלעך פֿאַר פֿערד.

אַי האָט געזוכט אומזיסט. אים האָט שטאַרק באַאומרואיקט טאָמער וועט הילדנבערג קומען און דערזען די צעקאַליעטשעטע פֿערד . . .

אָבער ווען הילדנבערג איז אָנגעקומען איז ער אַפֿילו ניט אַריינ־געגאַנגען אין שטאַל אַריין אַ קוק טאָן אויף די פֿערד.

ביים עסן וועטשערע איז אַרטור געווען. אַי האָט זיך מיט אים איבערגעקוקט אין געהיים.

הילדנבערג האָט געפֿרעגט אַרטורן, צי דאָס אַקערן איז געגאַנגען גוט. אַרטור האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט היינט געאַקערט אָן קיין שום איבערשלאָג.

בשעת מעשה האָט אַי ניט אויפֿגעהויבן זיינע אויגן, כדי ער זאָל חלילה מיט עפּעס ניט קאַליע מאַכן.

נאָך וועטשערע זיינען די דריי בחורים אַרויס אַביסל אין דרויסן. עס איז געווען אַ שיינער אָוונט, דער ערשטער וואַרימער אָוונט אויף דער פּרעירי.

אַרטור האָט אַוועקגענומען אַי׳ען מיט באַבין הינטער דער שטאַל. זיי האָבן זיך דאָרט צוגעזעצט אויף אַן איבערגעקערטן שליטן. זיי האָבן פּאַררויכערט.

— וואָס זאָל איך טאָן? — האָט זיך אַרטור צו די אַנדערע צוויי חברים געווענדעט, — דער אַקער איז ביי מיר היינט צעבראָכן גע־וואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך.

— דערציייל דעם אמת, — זאָגט אַי. — האָב ניט מורא. מיר וועלן שטיין אויף דיין זייט.

— הילדנבערגן, דעם טכויר, דערציילן דעם אמת! — זאָגט אַרטור מיט פּאַרדראָס, — ער וועט מיך דערשיסן.

— נאָר דעם אמת! — זאָגט זיין מיינונג אויך באַבי.

— ניין! איך וועל אים דעם אמת ניט דערציילן. — שפּאַרט זיך אַרטור. — אָבער איך וויל, אַז קיינער פון אייך זאָל ניט וואַגן אים צו דערציילן.

די בחורים האָבן געענדיקט רויכערן און זיינען אַלע דריי אַריינ־געגאַנגען שלאָפן, כאָטש די נאַכט האָט געצויגן מיט אירע שטערן און מיט די גוטע ריחות, וואָס דאָס ווינטל האָט געבראַכט, אַז מען זאָל נאָך זיצן און אַריינאָטעמען אין זיך דעם ריח פון פרילינג.

אינדערפרי האָט ביים איבערבייסן הילדנבערג געהייסן ווידער־אַמאָל, אַז די בחורים אַרטור און באַבי זאָלן אַרויספאָרן אַקערן. אזוי צו אַ״ען האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל מיט אים אַראָפּפאָרן אויף דער פּרעירי אַ קוק טאָן וויפיל יונגע לאָשעקלעך עס זיינען שוין געבוירן געוואָרן.

— דאָס ערשטע לאָשעקל וואָס איר וועט געפינען, נעמט גלייך אַהיים, — האָט זיך מיסעס הילדנבערג אַריינגעמישט און איר פּנים איז געוואָרן רויט ווי אַ צוויק.

הילדנבערג האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון טיש און אַלע נאָך אים.

אַרטור מיט באַבין זיינען אַוועק אין שטאַל שפּאַנען די פערד און אַי האָט אויך געזאָטלט פאַר זיך און פאַרהילדנבערגן די צוויי זאָטל־פערד.

אָנגעזאָטלט די צוויי פערדלעך, איז דערנאָך אַי אַוועק צום אָגער, ווייל ער האָט אים נאָך געדאַרפט אַביסל אויסקעמען און אויסבערשטן.

ווען אַי איז שפּעטער געגאַנגען רופן הילדנבערגן האָט ער צו זיין שטוינען אויסגעפונען, אַז הילדנבערג איז אַוועקגעפאָרן מיט אַרטורן אין שטאָט אַריין.

עס האָט אַי״ען געגעבן אַ טיאָכקע אין האַרץ ווען ער האָט דער־הערט, אַז הידנבערג איז אַוועקגעפאָרן מיט אַרטורן אין שטאָט אַריין.

פרעגן שאלות ביי דער באַלעבאָסטע, האָט אַי ניט געוואָלט. ער איז אַוועק און צוריק אויסגעזאָטלט די פערד. אים איז געוואָרן מאָדנע ניט באַקוועם. ער איז געבליבן אַן אַרבעט פאַרן גאַנצן טאָג. אַי איז געווען אַזוי ערלעך, אַז ער האָט מורא געהאַט טאָמער נעמט

ער חלילה אומזיסט באַצאָלט. האָט אַי זיך דערמאָנט, אַז ער קאָן זייך אַ רימער. ער האָט אויסגעזוכט צעריסענע כאָמוטן און פֿרוי הילדנבערג האָט אים אָנגעוויזן וואו הילדנבערג האַלט דאָס היל־צערנע פֿערדל, אויף וועלכן אַי האָט אַ גאַנצן טאָג גענייט כאָמוטן.

אין אָוונט איז הילדנבערג געקומען צוריק פֿון שטאָט איינער אַליין, אָן אַרטורן.

ביי דער וועטשערע האָבן אַלע געשוויגן.

אַי און באָבי זיינען אַרויף שלאָפֿן אין דאַך־שטיבל אָן אַרטורן. זיי האָבן אויסגעמיטן איינער דעם אַנדערן — ווייל מען האָט דאָרט אויבן ניט געטאָרטריידן. אין דיל איז געווען אַ רעשאָטקע, דורך וועלכער עס איז אַרויסגעקומען וואַרימקייט פֿון אונטן. האָבן די באַלעבאַטים דאָך דורך דער רעשאָטקע געקאָנט הערן וואָס מען רעדט.

באָבי האָט באַלד פֿאַר זיך גענומען דאָס ערשטע בעט ביים קוימען. ער האָט געירשנט אַרטורן און אַי איז געבליבן אין זיין דריטן בעט. אַי האָט זיך געוואָרפֿן אין אַלע זייטן. אַרטורס גורל האָט אים ניט געלאָזט איינשלאָפֿן.

פֿינפֿטער קאַפּיטל

זעקס אינדערפֿרי האָט דער אַלאַרם־זייגער געקלונגען און באָבי מיט אַי׳ען זיינען אויפֿגעשטאַנען צו דער אַרבעט. עס איז געווען היינט מער אַרבעט אין שטאַל, ווייל אַרטור האָט געפֿעלט.

דער פֿרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער. די זון האָט זיך נאָר־וואָס גענומען דורכברעכן דורך דעם מיט בערג־פֿאַרוואָרפֿענעם האָרי־זאָנט. עס איז נאָך געווען קיל אין דרויסן, כאָטש דער קאַלענדאַר האָט שוין געהאַלטן ביים אָנהויב מאַי.

אַי און באָבי האָבן ניט געקאָנט ריידן צווישן זיך. די אַרבעט האָט זיי געהאַלטן צעטיילט. ווען איינער האָט גערייניקט די מאַניור האָט דער צווייטער דערווייל געפֿירט די פֿערד צום ברונעם. מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרטיק ווערן אַרום זיבן דעם זייגער צום איבער־בייסן. פֿרוי הילדנבערג איז געווען זייער אַ פּינקטלעכע מיט אירע מאָלצייטן.

ביים איבערבייסן האָט הילדנבערג געהייסן באָבין ווייטער אַקערן און אַי׳ען האָט ער געזאָגט, אַז ער זאָל אָנזאָטלען צוויי רייטערלעך.

— „דעם־איט!״ עס איז שוין מאַי, און מען דאַרף אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אויף דער פּרעירי.

אַי האָט אָנגעזאָטלט צוויי רייטערלעך און זיי אַרויסגעפירט פון שטאַל. הילדנבערג איז אַרויסגעקומען מיט צוויי שטריק איןביידע הענט. די שטריק זיינען געווען זאָרגזאַם צונויפגעלייגט און פּינקטלעך פאַרבונדן. הילדנבערג האָט די שטריק צוגעפעסטיקט צו די הערנער פון די זאָטלען, אויסגעפּרואווט די רימענס פון די זאָטלען אַרום די בייכער פון די פערד.

דאָס האָט אַי׳ען אַביסל באַליידיקט, — וואָס מיינט ער, אַז איך ווייס ניט ווי אַזוי צוצובינדן דאָס זאָטל אַרום אַ פערדס בויך?

— „מען דאַרף אים דערמאָנען וועגן ווידזשעס״ . . . — האָט אַי געטאָן אַ טראַכט. אָבער איידער וואָס־ווען איז שוין הילדנבערג מיט אַ לייכטע קרעכצעלע געזעסן רייטנדיק אויף זיין פערדל. אַי האָט זיך פלינק געטאָן אַ כאַפּ אַרויף אויף דעם צווייטן פערדל און ביידע רייטערלעך האָבן אויסגעשאָסן ווי פון אַ ביקס און זיך אַוועקגעטראָגן. די צוויי פערדלעך האָבן זיך געהאַלטן קאָפּ צו קאָפּ און אַי מיט הילדנבערגן זיינען געזעסן איינער לעבן צווייטן, וויגנדיק זיך אַראָפּ און אַרויף אויף זייערע זאָטלען.

— אַ שיינער טאָג! — זאָגט הילדנבערג.

— הום . . . — ענטפערט אַי אַביסל ברוגזלעך. — „וואָס הערט זיך בעסער מיט די ווידזשעס מיינע?״ . . . — טראַכט אַי. אָבער מאָנען ווידזשעס רייטנדיקערהייט האָט פונדעסטוועגן ניט געפּאַסט.

זיי זיינען געקומען צו אַ פּלויט פון שטעכיקע דראָט. אַי איז אַראָפּ עפענען דעם טויער. הילדנבערג איז דורכגעפאָרן און אַי האָט דורכגעפירט זיין רייטערל און פאַרמאַכט דעם טויער.

— אַ פיינער בחור, — האָט הילדנבערג געטראַכט וועגן אַי׳ען.

— מ׳קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן, כאָטש ער איז אַ ייד . . . — הילדנ־בערג האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט זיי, מיט די יידן. מען זעט זיי דאָ זייער ווינציק אויף דער פּרעירי . . . ער האָט זיי אָבער ניט ליב געהאַט . . .

הילדנבערגן איז געפעלן, ווי אַזוי אַי האָט זיך מיט פיל גראַציע אַרויפגעכאַפּט אויף זיין רייטערל, ווי אַ געבוירענער קאָובאָי. דאָס פערדל האָט זיך געטאָן אַ בויג־איין פון דער געוויכטיקייט פון אַי׳ס טראָט אין דעם טרעטער פונעם זאָטל.

— איך האָב ליב דעם אמת, — האָט הילדנבערג אָנגעהויבן, דער

ערשטער, נאָך אַ לאַנגן רייטן אין שוויגעניש. — ביי מיר איז אַ מענטש ניט מער ווי אַ מענטש . . . און אַ מענטש קאָן אַמאָל מאַכן אַ פעלער . . . אָבער, דערהויפּט מוז מען דערציילן דעם אמת.

אַי האָט פאַרשטאַנען וואוהין הילדנבערג צילט. דאָס מיינט ער מסתם דעם אומגליקלעכן אַרטורן. אָבער אַי האָט זיך געהיט מיט אַ וואָרט, ער זאָל חלילה ניט ברעכן זיין צוזאָג, וואָס ער האָט גע־געבן אַרטורן.

— און איר זייט אַ באַנטש סאַנאָוועביטשעס . . . פאַרוואָס האָט איר ניט דערציילט? — זאָגט הילדנבערג, אָנקוקנדיק שאַרף פון דער זייט אַי׳ען.

— מיר ווייסן פון גאָרניט, — ענטפערט אַי.

— און ווען איר ווייסט, וועט איר דער דערציילן איינס אויף דאָס אַנדערע? — זאָגט הילדנבערג מיט אַ צעקנייטשטן שמייכעלע אויף זיין פאַרוואָקסן פּנים מיט די ווייס־גראָע שטעכלקעס. — אָבער פאַר מיר איז נישטאָ קיין פאַרבאָרגענע זאַכן. הילדנבערגן נאַרט מען ניט אָפּ. איך פאַר אַהיים פון שטעטל און טראַכט: לאָמיר אַ קוק טאָן וואָס האָט אַרטור אויפגעטאָן מיטן אַקער. און איך האָב געפונען דעם אַקער ליגן אַ צעבראָכענעם ביי אַ צעריסענעם פּלויט . . .

אַי האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט ניט דאָס, וואָס הילדנבערג דערציילט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן אויף דער ברייטער פּרעירי. עס איז געווען אַזוי פריש און געזונט דאָס גרינע גראָז און פון הילדנבערגס רייד האָט געשמעקט מיט שפּיאָנאַזש, מיט דעם נאָך־ריח פון אַ מענטשן אַ באַלעגוף, אַ קאַרגן, וועלכער האָט נאָר אינזינען זיין אייגנטום . . .

אויף אַ ברייטער לאָנקע, פאַרשטעלט פון ביידע זייטן מיט צווי גרינע בערג, איז געשטאַנען אַ ווייס־גרוי פערד און לעבן אים איז געלעגן אויפן גראָז אַ לעבעדיק קליין באַשעפעניש מיט אַ קעפּל און צוויי אויפגעשפּיצטע אויערן.

— זעט, מיסטער הילדנבערג, איז עס ניט אַ לאָשעקל! — האָט אַי מיט פרייד אויסגעשריען.

— דעם־איט! איך דענק, אַז עס איז, — האָט הילדנבערג געטאָן אַ דוצקע מיט זיינע ביידע פּיס דעם ווייטערל אין ביידע זייטן בויך.

אַי האָט זיך אויפגעשטעלט מיט ביידע פּיס אין די זאָטל־טרעטערס און אין אַ פּאָר מינוט זיינען זיי ביידע צוגעפאָרן לעבן דער ווייס־גרויער שקאַפּע.

דאָס קליינע באַשעפעניש האָט זיך פון שרעק געטאָן אַ שטעל־אויף אויף זיינע צעשפרייטע, דאַרע פיסלעך און איז אַרונטער זיך צו באַשיצן אונטער דער מוטערס קאָפּ. עס איז געווען אַ ראָזעוו לאַשעקל מיט ווייס־גרויע פיסלעך. אויף זיין פנימל אַ ווייסער פלעק. עס האָט אויסגעוויזן ווי אַ יונגער הירש, וואָס האָט נאָך ניט קיין הערנער. די צוויי אויגן האָבן פון שרעק אַביסל אַרויסגעסטאַרטשעט און געוואָרן אויסגעגלייזט. דאָס לאַשעקל האָט זייער ווינציק אויס־געזען ווי זיין מוטער, אָבער דער אופן ווי אַזוי די ווייס־גרויע שקאַפּע האָט זיך געגרייט עס צו פאַרטיידיקן האָט שוין דערוויזן, אַז עס איז איר קינד. עס איז געווען וואונדערלעך־שיין און פּאַטעטיש. דאָס קערפּערל באַדעקט מיט געקרייזלטע ראָזעווע האָר, אַ שמאָלס און אַ קורצס, מיט הויכע דינע פיסלעך, מיט אַ קליינעם עק, ביי וועלכן עס האָבן געוואַקסן ווייסע האָר. עס איז ניט געווען גלויבלעך, אַז פון אָט־אַזאַ שיין, צאַרט באַשעפעניש זאָל אויסוואַקסן אַ האַרעפּאַשנער פערד.

— דאָס איז אונזער ערשטלינג! — האָט הילדנבערג געזאָגט אָן שום באַגייסטערונג, גלייך ווי אים קומט פון דער נאַטור אויף געוויסע פּראָצענטן אויף זיין קאַפּיטאַל.

אַי האָט אַ פאַרכישופטער אָנגעקוקט דאָס לאַשעקל און איז געבליבן זיצן אין זאָטל, ווי אַ פּאַראַליזירטער פון פרייד. און דאָס לאַשעקל איז געשטאַנען מיט זיינע פיסלעך צעשפרייט אונטער זיין מוטערס קאָפּ. די מוטער האָט געכראַפּעט מיט אירע נאָזלעכער און אירע אויערן האָבן זיך איינגעלייגט און אויפגעהויבן, די אויבער־שטע ליפּ האָט זיך פאַרהוילט און צוויי שורות ווייסע, שטאַרקע ציין האָבן ביי איר געקריצט און זיך געגרייט צום בייסן.

— איך דענק, אַז מיר זאָלן איר פאַרוואַרפן דעם שטריק — האָט הילדנבערג געזאָגט און זיך גענומען פאַרקען ביי דעם שטריק, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין זאָטל־האָרן.

די שקאַפּע האָט געפינטלט מיטביידע אויגן. די זון האָט אָפּ־געוואָרפן אַן אָפּשיין אין אירע שוואַרצאַפּלען און עס האָט פון אירע אויגן געשפּיזלט אויף די צוויי רייטער צוויי בייזע פיילן.

הילדנבערג האָט געטאָן אַ וואַרף זיין שלייף אויף דער שקאַפּעס קאָפּ. אָבער זי האָט באַוויזן דעם שלייף פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו די צוויי רייטער מיטן היגטן, אַזוי, אַז דאָס לאַשעקל איז נאָך אַלץ געווען ביי איר אונטערן קאָפּ. זי האָט פאַר־

וואַרפֿןביידע פֿיס און געטאָן אַ בריק מיט די טלאָען. דער ווייס־גרויער ביין פֿון אירע קאַפּיטעס האָט אָפּגעבליאַסקעט אין דער זון.

די רייטער זיינען אָבער געווען זייער ווייט פֿון דער שקאַפּע, אַז זי זאָל זיי קענען דערלאַנגען מיט איר צאָרנדיקן בריק.

— זי לעבט און בריקעט זיך, — האָט הילדנבערג געזאָגט דאָס באַוואוסטע אַמעריקאַניש פֿאָלקס־ווערטל. ער האָט איצט נאָכאַמאָל געטאָן אַ וואָרף דעם שלייף פֿון זיין שטריק און זי פֿאַרכאַפּט. די שקאַפּע האָט מיט אַלערליי מיטלען געוואָלט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם שטריק. אָבער דאָס מאָל איז דער שלייף געווען שוין אַרום איר האַלדז אַ פֿאַרצויגענער ביז צום ווערגן. זי האָט געשאָקלט מיט איר קאָפּ און געשפּיגן מיט ווייסער פּיענע, געטופּט מיט די פֿאָדערשטע פֿיס און געבריקעט מיט די הינטערשטע. איצט האָט הילדנבערג זיך גערירט פֿון אָרט מיט זיין רייטערל. די שקאַפּע האָט זיך איינגעגראָבן מיט אירע פֿאָדערשטע פֿיס אין גראָז און זיך צוריקגעהאַלטן מיט איר געוויכט. דער שטריק האָט זיך אָנגעצויגן ווי אַ טעלעפֿאָן־דראָט. דורך דעם שטריק איז געגאַנגען אַזוי ווי דורך טעלעגראַף־דראָט פֿון דער שקאַפּע ביז צום האָרן פֿונעם זאָטל דאָס שווערע אָטעמען פֿון דער שקאַפּע. זי האָט זיך געמוטשט אונטערגעבן, ווייל זי איז שיר ניט דערוואָרגן געוואָרן.

איצט, אַז הילדנבערג האָט זי גערירט פֿון אָרט און דאָס לאָשעקל איז געבליבן שטיין אַליין, איז אַי אַראָפּ פֿונעם זאָטל און צוגעגאַנגען זייער פֿאַרזיכטיק מיט זיין היטל אין דער האַנט, צו דעם שיינעם באַשעפֿעניש. אַי האָט מיטגעפּירט מיט זיך זיין רייטערל. ער האָט געמיינט, אַז מיט דעם היטל זיינעם וועט ער אָפּנאַרן דאָס לאָשעקל. עס וועט מיינען, אַז ער גיט אים עפּעס צום עסן.

דאָס לאָשעקל האָט נאָך, ווייזט אויס, ניט געוואוסט פֿון קיין אַנדער מין עסן, נאָר פֿון זיין מאַמעס מילך. און ווי קליין עס איז געווען האָט עס שוין געוואוסט, אַז דאָ גייט אויף אים אַ שונא. האָט זיך דאָס לאָשעקל אויסגעדרייט און דערלאַנגט אַי׳ען אַ בריק מיט זיינע הינטערשטע פֿיסלעך. אַי האָט באַצייטנס אָנגעכאַפּט אָט־די צוויי דינע פֿיסלעך. ווען ניט דאָס, ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ שאָדן זיי וואָלטן אים אָפּגעטאָן . . .

דאָס לאָשעקל איז געפֿאַלן צו דער ערד. אַי האָט עס גענומען אויף זיינע הענט און זיך קוים אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿן זאָטל.

דערנאָך, ווען זיי זיינען געקומען אַהיים, איז אין שטוב געוואָרן

אַ גרויסע שמחה. די באַלעבאָסטע איז אַרויס אַקעגן און אויך עלען.

— מיר וועלן עס רופן אַי, — האָט די באַלעבאָסטע סענטימענ־טאַליזירט.

הילדנבערג און אַי האָבן קוים מיט צרות אַריינגענאַרט די ווילדע שקאַפּע אין שטאַל אַריין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז שוין ניט איינמאָל געווען אין שטאָל. דאָס איז געווען איינע פון די עלטסטע שקאַפּעס, וואָס הילדנבערג האָט פאַרמאָגט. און זי איז אַ סך מאָל שוין געווען אין שטאַ און אַפילו געאַרבעט אויך. אָבער דערפון וואָס מען האָלט זי אַ יאָר אויף דער פּרעירי ווערט זי צוריק ווילד.

— וואָס פאַר אַ דאַרלינג סוויטהאַרט! — איז צום לאַשעקל צוגעפאַלן דאָס מיידל עלען און עס געקושט צווישן די אויערלעך און אַפילו אין קליינעם שוואַרצן מוילעכל. דערנאָך האָט זי דאָס לאַשעקל גענומען אויף די הענט און עס דערלאַנגט אַי׳ען. זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז דאָ אויף דער פּרעירי, אַריינגעקוקט טיף אין זיינע אויגן. אַי האָט גענומען ביי עלענען דאָס לאַשעקל און זיינע הייסע הענט האָבן אַנגערירט אירע נאַקעטע אָרעמס.

ער האָט אַריינגעטראָגן דאָס לאַשעקל אין שטאַל אַריין. אַלע פערד, וועלכע זיינען דאָרט איצט געווען האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ און באַגריסט דאָס לאַשעקל מיט פריילעכע אויסגעשרייען־הירזשען. די מוטער האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג און גע־פרינקעט, ווי זי וואָלט זיך געפּיעשטשעט.

הילדנבערג האָט פאַרגעשלאָגן נאָך איין מאָל אַראָפּצופאָרן אויף דער פּרעירי, פאַרן אָנבייסן. אים איז, וויזט אויס, געגאַנגען זייער שטאַרק אין לעבן ניט צו פאַרלירן קיין צייט אום אַריינצוכאַפּן וואָס מער אַרבעט פון אַי׳ען.

דאָס מאָל האָבן זיי געפונען זייער פיל שקאַפּעס מיט לאַשעקלעך אויף דער פּרעירי. און אומעטום איז די מוטער געשטאַנען אָפּגע־זונדערט מיט איר קינד פון די איבעריקע פערד. און וויפיל פערד הילדנבערג האָט פאַרמאָגט! פערד פון אַלערליי קאָלירן. שוואַרצע, ווייס־גראָע, רויטע און טערקאָטע. די רויטע האָבן זיך געפּאַשעט באַזונדער, די שוואַרצע באַזונדער און די טערקאָטע באַזונדער. יעדער קאָליר האָט זיך, ווי אַ באַזונדערע נאַציע, געהאַלטן אינאיינעם.

הילדנבערג האָט געפירט אַי׳ען וויזן די קאַרעל. און ניט אַזוי אים וויזן, ווי דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט די קאַרעל דורכקוקן, צי מען דאַרף דאָרט עפּעס ניט צורעכט־מאַכן.

די קאַרעל איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויסן הויף, אַרומגענומען מיט אַ הויכן פּלויט פֿון ברעטער —— פֿון אַכט פֿוס די הויך. אין איין ווינקל פֿון אָט־דעם גרויסן הויף איז געווען אַ שטאַל מיט אַ שינדלנעם דאַך און מיט אַ טויבן־שלאַק אויפֿן שפּיץ פֿון דאַך. טויבן זיינען אַרומגעפֿלויגן מיט זייערע ווייס־געפֿלעקטע פֿליגלען אין דער זון. דער דאַך איז געווען באַדעקט מיט גרינעם מאָך און די שטאַל — רויט אָפּגעפֿאַרבט און אויף אַ שטיינערנעם פֿונדאַמענט. צוויי גרויסע ריזיקע טויערן האָבן געפֿירט אינעווייניק אין שטאַל אַריין. די טויערן האָבן זיך געעפֿנט און פֿאַרמאַכט מיט דער הילף פֿון רעדלעך אויף אייזערנע פּרענטעס.

צו דעם הויף איז מען אויך אַריין דורך אַ טויער פֿון ברעטער. די ברעטער פֿון דעם הויף זיינען געווען צוגעקלאַפּט שטייענדיק מיט שפּיצן אַרויף צום הימל. יעדער ברעט איז געווען אַרומגעזעגט מיט אַ שפּיץ. דער טויער פֿון הויף איז אָבער געווען געמאַכט אין דער ברייט און פֿון אויבן באַשיצט מיט שטעכיק דראָט, איבערגע־צויגן אויף אייזערנע שטאַנגען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ און דאָרט איז געווען אַ דורכרייס אין פּלויט פֿון קאַרעל, און הילדנבערג מיט דער הילף פֿון אי׳ען האָבן אַלץ פֿאַרריכט. אין שטאַל אין אַ ווינקל־קאַסטן האָט זיך געפֿונען אַלערליי געצייג, טשוועקעס, שרויפֿן און אַנדערע נוצלעכע זאַכן.

הילדבערג האָט געוויזן אי׳ען די „קאַרצערס״, אין וועלכע מען פֿלעגט געוויינטלעך אַריינכאַפּן די ווילדע פֿערד ווען מען האָט זיי געדאַרפֿט איינברעכן.

—איצט בין איך שוין אַלט. איך „ברעך״ שוין מער ניט קיין בראָנקאָס, — האָט הילדנבערג געזאָגט, זיך גאָר ניט קווענקלענדיק מיט זיין אַלטקייט.

נאָכמיטאָג האָט אי אָנגעטאָן דעם אָגער אַ צוימל מיט צוויי אייזערנע צוועגנגלעך איבער דער צונג. די דאָזיקע צוועגנגלעך זיינען געווען אַזוי איינגעריכטעט, אַז מיט אַ צי פֿון די לייצעס האָבן זיי צוגעקוועטשט דעם פֿערדס צונג צום גומען. און דאָס האָט דעם פֿערד זייער שטאַרק וויי געטאָן און אים געבראַכט צום געוויסן, ניט קוקנדיק ווי ווילד ער זאָל ניט געווען זיין. אַנשטאָט לייצעס האָט אי צוגעבונדן אַ לאַנגן שטריק צום צוימל.

דער אָגער האָט דערשמעקט אינסטינקטיוו, וואוהין מען פֿירט אים איצט. די אויבערפֿלאַך פֿון זיין שיינער גלאַנציקער הויט האָט

זיך געכוואַליעט מיט קליינע קנייטשעלעך, און ער האָט נערוועז אונ־טערגעשפּרונגען אויף זיינע שווערע פיס. זיין האַלדז האָט זיך גע־שטרעקט אין דער לופטן און דער שיינער, לאַנגער עק מיט די בלישטשענדיקע האָר האָט געפּאָכעט ווי אַ פויגל מיט זיינע פליגל, איידער ער הויבט זיך אויף פליען.

הילדנבערג איז אַוועקגעפאָרן פריער רייטנדיק אויף דער פּרעירי איינצוזאַמלען אַלע פערד און אַי איז געגאַנגען צופוס מיטן אָגער באַרג־אַראָפּ מיט דער פּרעירי.

עס איז געווען מאַי אויף דער פּרעירי. די זון האָט געשמעקט מיט אַלערליי טייערע ריחות. די גראָזן האָבן זיך געהויבן מיט זייערע פאַרשיידענע בלעטלעך. דאָ זיינען געווען די קיילעכיקע קלאָווער־בלעטלעך און די שפּיציקע מעסערלעך פון טימאָטי.

אַי איז שיכור געוואָרן פון די אַלע ריחות. אים האָט די פאַנ־טאַזיע אַוועקגעטראָגן אויף אירע פליגלען. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין און זיך עטלעכע מאָל דערשראָקן, ווען ער האָט זיך אַרומגע־קוקט און דערזען לעבן זיך דעם קאָפּ פונעם אָגער.

פון צייט צו צייט האָט דער אָגער געטאָן אַ הירזשע.

— אידאָט, וואָס פּרייסטו זיך! — האָט אויף אים אַי אָנגעשריען.
און אין דער אייגענער מינוט אים געגומען גלעטן דאָס פּנים:

— ניין, ניין, איך האָב דאָס ניט געמיינט!

דער אָגער האָט געזוכט עפּעס אַ גאַש צו טאָן אין אַי׳ס הענט. זיינע שטעכיקע האָר אַרום זיינע ליפּן האָבן געקיצלט זיין האַנט. דער אָגער האָט אַפילו זיך פאַרגונען צו קריכן אים אין פּנים אַריין.

— ס׳ט אויפהערן?! איך האָב פיינט, אַז מען קושט מיך! — האָט אַי אויף אים אָנגעשריען.

ווען אַי איז שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה אָנגעקומען צו דער קאָרעל, זיינען שוין די שקאַפּעס דאָרט געווען פאַרטריבן. פונדער־ווייטנס, גייענדיק אַראָפּ צו דער קאָרעל מיט דעם סקאָסנעם באַרג, האָט די קאָרעל מיט די פיל־קאָלירנדיקע פערד אים אויסגעוויזן ווי אַ גרויסע יום־טובדיקע פאַרזאַמלונג. די שקאַפּעס האָבן געהירזשעט און דער אָגער האָט שוין באַצייטנס זיך גענומען שטעלן אויף די הינטערשטע פיס. אָבער אַי האָט געטאָן אַ צי דעם שטריק און די צוועגגלעך אין מויל האָבן דעם אָגער געבראַכט צו זיין באַוואוסטזיין. ניט קוקנדיק וואָס עס האָט אים ווי געטאָן, האָט ער פונדעסטוועגן

געטאַנצט, אויסבויגנדיק זיין שיינעם קערפּער און דעם האַלדז מיט די רויטע סטענגעס.

אַי האָט אים אַריינגעפירט אין דעם הויף און אים געלאָזט לויפן, באַכלאַזנדיק די גאַנצע לענג פון שטריק.

די שקאַפּעס זיינען אַנטלאָפן פון דעם אָגער אַזוי גיך ווי ער איז צו זיי צוגעקומען נאָענט. עס איז געוואָרן אַ באַוועגונג צווישן אַלע פערד און זיי האָבן זיך גענומען יאָגן אַרום און אַרום, אַרום דעם פּלויט פון הויף.

ביים אָגער האָט זיך צעברענט די ליידנשאַפט. ער האָט געהויבן זיין האַלדז און געשטשירעט מיט זיינע ציין, פאַרקאַטשענדיק די אויבערשטע ליפּ. זיינע נאָזלעכער זיינען געוואָרן רויט ווי פייער. ער האָט פאַרבלאָקירט אַ רויטינקע יונגע שקאַפּקעלע, וועלכע האָט געטענצלט אויף אירע שיינע געטאָקטע פיס מיט שמאָלע הויכע קאַפּיטעס, ווי זי וואָלט געטראָגן שיך מיט הויכע אָבצאַסן. ביי דער יונגער „מויד" האָבן געברענט צוויי שוואַרצע אויגן און אַ טשופּרינע האָר איז אַראָפּגעפאַלן פאַרשייט און ווילד צווישןביידע אויערן אויפן שטערן. זי האָט אויסגעבויגן איר שיין־געטאָקטן האַלדז ווי אַ פיילנ־בויגן. איר קערפּער האָט אַזש געשוויצט פון אָנשטרענגונג און גע־גלאַנצט אין דער זון, ווי ער וואָלט איינגעטאַנצן געוועזן אין פלאַמען. זי האָט דעם אָגער געטאָן אַ בייסיקן קוש אין מויל אַריין. ער האָט עס ניט דערוואַרטעט און אויך ניט ליב געהאַט.

אַי האָט זיך צעלאַכט: „ווייס אויך!" . . . — האָט ער געטראַכט.

דער אָגער האָט זיך באַלעקט מיט דער צונג און דערווייל איז די רויטע שקאַפּע אַנטלאָפן.

הילדנבערג האָט מיט אַ בייטש געטריבן אַלע פערד אין דער ריכטונג צום אָגער, און צו אַי'ען האָט ער געשריען, אַז ער זאָל געבן דעם אָגער די פרייהייט פונעם גאַנצן שטריק, אָבער אים ניט אָפּ־לאָזן איינגאַנצן פאַר קיין פאַל.

עס איז אָנגעקומען אַ טערקאַטע שקאַפּע מיט ווייסע און רויטע פלעקן. ביי איר זיינען די אויגן אויך געוועזן ווי מיט רויטע און ווייסע פלעקן. זי האָט געטראָגן איר עק טיף פאַרשטעקט צווישן אירע הינטערשטע פיס און עס האָט אויסגעוויזן ווי זי לאַכט מיט איין אויג. דער אָגער האָט זי אָפּגעשטעלט און אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף איר האַלדז. זי האָט אים געטאָן אַ ביס אין אַ קנעכל פון זיינע פיס. און אין דער מינוט איז שוין דער אָגער געשטאַנען מיט זיינע פאָ־

דערשטע פּיס אויף איר. זיין גאַנצער קערפּער אויסגעסטרונעט און אָנגעצונדן ווי אַ זייל מיט פלאַמיקער סמאָלע.

ביי דעם בחור אַי האָבן זיך געשפּיזלט די האָר אויפן קאָפּ, ווען ער האָט דערזען ווי די געפּלעקטע שקאַפּע האָט זיך שיר ניט צעבראָכן אויף צווייען. זי האָט געקרעכצט בשעת דער אָגער האָט מיט זיינע ציין געטאָן אַ כאַפּ דעם זשמוט האָר אויף איר קריזש. איין מאָמענט האָט עס אַי׳ען אויסגעוויזן, אַז דער אָגער וועט זי אויפעסן אַ לעבעדיקע.

אַי האָט געטאָן אַ צי דעם שטריק און דעם אָגער געבראַכט צוריק צו זיין באַוואוסטזיין. דער אָגער איז אַראָפּגעשפּרונגען און געבליבן שטיין אַן אויסגעשעפּטער מיט צעשפּרייטע, ברייטע פּיס אויף דער איינגעטראָטענער ערד פון הויף. די טערקאָטע שקאַפּע איז אַוועק, קוקנדיק מיט אַ זייטיק אויג, צי דער אָגער לויפט איר ניט נאָך. אַביסל ווייטער האָבן זי אַרומגערינגלט אַנדערע שקאַפּעס און צו איר געשמעקט מיט די נעזער און אַנטלאָפן פון איר.

אַזוי מיט איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער, און עס איז געוואָרן מאַנאַטאָן. דער אָגער האָט זיך אָפּגעקילט און שוין ניט געוואָלט אַפילו שמעקן צו די שקאַפּעס.

— עס וועט זיין גענוג פאַר היינט, — האָט הילדנבערג געזאָגט אַי׳ען. — אָט דאָס וועט זיין אייער אַרבעט אַלע טאָג דעם גאַנצן חודש מאַי און אויך אין יוני. איך וועל מער מיט אייך ניט דאַרפן אַרויסקומען. איך האָב אַנדערע אַרבעטן.

— אָקעי, — האָט אַי געענטפערט און געטאָן אַ טראַכט: „אפשר אים איצט זאָגן וועגן די ווידזשעס? עס איז שוין צייט, באַלד דריי חדשים, און נאָך ניט געזען אַ סענט ביי אים״.

אַי האָט זיך אויסגערייניקט דעם האַלדז פון דעם שטויב און געזאָגט:

— מיסטער הילדנבערג, ווען איז „פּעי־דעי״?

— אָ, יעס. איך האָב גאָר פאַרגעסן אין אייך. אָלרייט, אייער געלט איז אַזוי גוט ביי מיר, ווי אין דער זיכערסטער באַנק.

— אָבער, אַז איך אַרבעט, וויל איך מיינע ווידזשעס.

— צו וואָס טויג אייך דאָ געלט, אַז איר האָט אַלץ?

— איך וויל שיקן אַהיים, — זאָגט אַי אַ תירוץ.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך וועל זיין קומענדיקע וואָך אין שטעטל וועל איך פאַר אייך ברענגען געלט.

— פֿאַרגעסט נישט, פּליז.

און ווי אַלע מאָל, ווען אַי האָט ביי אים געמאַנט געלט, איז ער צו אַי׳ען געווען זייער פֿריינטלעך אויפֿן מאָמענט, אָבער שפּעטער מיט אים זיך אָפּגערעכנט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים.

אויף מאָרגן האָט הילדנבערג געהייסן אַי׳ען אַקערן און באַבין האָט ער באַפֿוילן אָנצוזאָטלען צוויי רייטערלעך.

באַבי האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט.

— וואָס קוקסטו מיך אָן. טו ווי איך הייס! — האָט הילדנבערג אויף אים זיך צעשריגן.

— „דאָס רעכנט ער זיך אָפּ מיט מיר דערפֿאַר, וואָס איך האָב געמאָנט ווידזשעס״ . . . — האָט אַי געטראַכט.

אין שטוב איז געווען איצט אַ שמחה. די באַלעבאָסטע האָט אַריינגעגאַרט דאָס לאַשעקל אין שטוב אַריין און אים געגעבן עסן פֿון אַ טעלער. אַזוי־אַ, האָט די דאָזיקע סצענע אָפּגעווישט דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אַי׳ען הילדנבערגס נייער באַפֿעל.

אַי האָט געשפּאַנט צוויי פֿערד אין זייערע שווערע כאָמוטן. און איידער ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט די כאָמוטן, וואָס זיינען געווען אַנדערש ווי אין דער איסט, איז שוין הילדנבערג מיט באַבין אַוועקגעריטן אויף דער פּרעריע.

אַי האָט זיך געפֿילט שטאַרק באַליידיקט, וואָס הילדנבערג האָט אים פֿאַרביטן די אַרבעט. אָבער ער האָט זיך אַליין אויסגערעדט דאָס האַרץ מיט דעם, וואָס ער וועט האָבן די ערשטע געלעגנהייט צו אַקערן די פּרעריע.

אַי האָט אָבער נישט געוואוסט וואו עס געפֿינט זיך דאָס פֿעלד וואָס ער דאַרף אַקערן. איז ער אַריינגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע און ביי איר געפֿרעגט.

זי איז געווען פֿאַרנומען מיט דעם לאַשעקל און זיך געבעטן ביי דעם שיינעם באַשעפֿעניש, אַז עס זאָל טאָן אַ זופּ פֿון טעלער. דאָס לאַשעקל האָט נישט געוואָלט. האָט זי מיט גוואַלד איינגעטונקט זיין מוילעכל אין דער פֿליסיקייט וואָס אין טעלער. זי האָט געקוויטשעט פֿון פֿרייד, ווען זי האָט באַמערקט ווי אַי שטייט.

— וואָס איז דער מער?

— איך ווייס נישט וואו צו אַקערן?

— ניט דאָ אין שטוב, — אויפן פעלד! — ווערט זי פלוצים ערנסט.

— אָבער איך ווייס ניט אויף וועלכן פעלד.

— אָלרייט, עלען וועט אייך וויזן, — זאָגט זי. — דו, עלען, גיי אַרויס וויזן, וואו דאָס פעלד איז.

עלען האָט געטאָן אַ צי מיט אירע אַקסל, מיט ניט־צופרידנקייט. אָבער זי איז פונדעסטוועגן געגאַנגען אים וויזן דאָס פעלד. אַי האָט גענומען די לייצעס און געטריבן די צוויי הויכע, שטאַרקע פערד מיט די באַשוירענע עקן. עלען איז געגאַנגען אויפצופריער און אַי האָט נאָך אירע טריט נאָכגעטריבן די פערד.

איצט האָט אים שוין ניט געאַרט, וואָס הילדנבערג האָט אים איבערגעביטן די אַרבעט. אָבער פאַרוואָס איז דאָס מיידל אַזוי דער־וויטערט פון אים? פאַרוואָס גייט זי ניט דאָ לעבן אים?

זי האָט אים צוגעבראַכט צום פעלד, וואו עס איז געשטאַנען דער אַקער, און זיך באַלד אויסגעדרייט צו גיין אַהיים.

— העלפט מיר איינשפאַנען, — האָט אַי געזאָגט צו איר.

זי האָט געטאָן אַ פיל־באַדייטנדיקן שמייכל.

— אַ מאַן! — האָט זי געזאָגט. — אַפילו איינשפאַנען דאַרף מען אייך העלפן!

— איך האָב נאָר געוואָלט זען, צי איר זיינט אַ גוטע, — שמייכלט אַי אַ באַליידיקטער.

— אויב דאָס איז אייער צוועק, טוט עס מיר זייער שטאַרק לייד.

— האָט זי אַרויסגעשטעקט אַ שטיקל צונג צו אַי'ען און איז גיך אַוועקגעגאַנגען.

זעקסטער קאַפּיטל

דער אַקער־מעסער איז געווען טיף פאַרגראָבן אין דער ערדביים אָנהויב פון אַ באַראָזדע. אַי האָט נאָכגעקוקט מיט פאַרבענק־שאַפט נאָך עלענס פיגור, וואָס האָט זיך געוויגט איבער דער פּרעירי, איבער די בויגעוודיקע פעלדער. ער איז געשטאַנען אַזוי מיט אַן אָפן מויל און עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט ער געבן אַ געשריי און זי צוריקרופן. די פיגור פון דעם מיידל איז געוואָרן קלענער, קלענער, ביז זי איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן פון אַי'ס אויגן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יענער זייט פון דעם באַרג.

אַי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז דאָ אַרויסגעקומען אַקערן. ער האָט איינגעשפּאַנט די צוויי פֿערד אין אַקער.

— נאַרישע קעפּ! — האָט אַי געשריען אויף די פֿערד, וועלכע זיינען געקראָכן מיט זייערע פֿיס אויפֿן דישל און אים שיר ניט צע־בראָכן. דאָס איז געווען אַ פּאָר פֿערד, ווירקלעך, אַזוינע נאַרישע, וואָס אַי האָט נאָך, זינט ער האָט צו טאָן מיט פֿערד, אַזוינע ניט באַגעגנט. איינער איז געווען אַ רויטער פֿון אָראַנזש־קאָליר מיט קליינטשיקע גרויע טראָפּנדלעך צעוואָרפֿן איבער זיין קערפּער דאָ און דאָרט. אָט־די גרויע טראָפּנדלעך האָבן אים געמאַכט אויסזען זייער ניט שיין. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ לאַנגן שמאָלן קאָפּ, מיט אַ האַרבאַטער נאָז און צוויי אויסערגעוויינלעכע לאַנגע אויערן, ווי ביי אַן אייזל. בשעת מען האָט צו אים גערעדט, האָט דאָס דאָזיקע פֿערד געשאָקלט מיטן קאָפּ און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער פֿאַרשטייט וואָס מען רעדט צו אים. אָבער אין דער אמתן האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט און געטאָן פּונקט פֿאַרקערט דאָס, וואָס מען האָט זיך ביי אים געבעטן צו טאָן.

דער צווייטער פֿערד אין שפּאַן איז געווען אַ קויטיק־גרויער אַלטעטשקער, וואָס האָט געקרעכצט, מסתם דערפֿאַר, וואָס זיינע ביינער האָבן אים שוין ווי געטאָן. צו דער אַרבעט האָט ער שוין ניט געהאַט קיין כוח. ער האָט זיך פֿאַרלאָזן אויף זיין צווייטן פּאָר צו שלעפּן דעם אַקער. אַליין איז ער געגאַנגען קוים נאָכשלעפּנדיק זיך אין רינטשיק פֿון דער באַראָזדע. אַז אַי האָט צו אים געטאָן אַ געשריי, האָט זיך דאָס אַלטע פֿערד געטאָן אַ כאַפּ־אויף ווי פֿון אַ דרעמל און דערנאָך באַלד ווידער געבליבן הינטערשטעליק.

— דיין באַלעבאָס האָט דיך שוין געדאַרפֿט אַוועקשטעלן אויף אַ פּענסיע, — האָט אַי געזאָגט צום גרויען פֿערד.

די ערד איז געווען אַ האַרטע און דאָס אַקער־מעסער האָט זי קוים איינגעביסן. עס איז ניט געווען אַזוי גרינג צו אַקערן דאָ אין נאָרט־דאַקאָטאַ, ווי עס איז געווען גרינג צו אַקערן אין ניו־דזשוירזי.

דאָס שטיק פֿעלד איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף אַ פֿלאַך פֿון אַ גרויסן טאָל צווישן צוויי הויכע, לאַנגע און סקאָסנע בערג. דער טאָג איז געווען קלאָר און שיין און די זון האָט געוואַרימט. פֿון דעם פֿרישן אויפֿגעאַקערטן פּאַס ערד האָט געזעצט אַ פּאַרע. אַי׳ען איז געגאַנגען אין לעבן צו מאַכן גלייכע ליניעס, כאָטש די ליניעס, וואָס באָבי האָט דאָ געמאַכט פֿריער, זיינען געווען צעקרימטע. עס

איז אים איצט זייער שווער אָנגעקומען אויסצוגלייכן די ליניעס און ער האָט זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ מיט די צוויי נאַרישע פֿערד. קיין בייטש האָט ער ניט מיטגענומען, האָט ער די גאַנצע צייט גע־דאַרפֿט ריידן מיט די פֿערד און מאַנעווירן מיט די לייצעס.

פֿון צייט צו צייט האָט ביי אים אויפֿגעוואַכט אַ געפֿיל פֿון אַ באַליידיקטן, דערפֿאַר וואָס הילדנבערג האָט ביי אים צוגענומען די אַרבעט מיטן אָגער.

אָבער ער האָט זיך געטרייסט און געזאָגט צו זיך אַליין: — „אויב באָבי וועט אַזוי גוט אַרבעטן מיטן אָגער, ווי גוט ער האָט דאָ צעהרגעט דאָס פֿעלד . . . ״

דאָס פֿעלד האָט אין דער אמתן אויסגעזען ווי אַ צעקראַצטע שטיק ערד און ניט ווי אויפֿגעאַקערט. עס זיינען ניט געווען קיין צוויי גלייכע באַראָזדעס. און צווישן די פֿלאַכטעס אויפֿגעאַקערטער ערד זיינען געווען דאָס, וואָס פֿאַרמערס רופֿן אָן „קעמלעך״, אַזוינע פּאַסן ערד מיט גראָז, וואָס דאָס אַקער־מעסער האָט פֿאַרפֿעלט איבער־צוקערן אויף דער לינקער זייט.

און אַי האָט ליב געהאַט שיינקייט אין אַ צעאַקערט פֿעלד. די ערשטע צוויי־דריי ליניעס, וועלכע ער האָט שוין היינט געמאַכט, זיינען געלעגן צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער אין גלייכע ליניעס. די שוואַרצע, פֿעטע ערד האָט זיך געשמאַלצן אין דער זון און גע־גלאַנצט פֿון דער שאַרף פֿונעם אַקער־מעסער.

ער האָט פֿאַררוּיכערט זיין פּיפּקע. זיין פּנים האָט זיך אַביסל באַרואיקט, ווען ער האָט פּלוצלונג דערזען פֿונווייטנס, פֿונעם באַרג רעכטס, אימיצן לויפֿן.

ער האָט באַלד אָנגענומען פֿאַרזיכטס־מיטלען. ערשטנס, האָט ער דעם אַקער־לעווער אַראָפּגעלאָזט טיפֿער אויף אַ צאָן. זאָל דאָס מעסער אַריינקריכן טיפֿער אונטער דער ערד. צווייטנס, האָט ער די לייצעס אַרומגעוויקלט צוויי מאָל אַרום זיינע הענט — ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אַפֿשר וועלן זיך די צוויי דומקעפּ, די פֿערד, דערשרעקן פֿאַר דער אַנקומעדיקער פֿיגור.

דערווייל האָט ער געאַקערט ביז די פּערזאָן וועט צוקומען. אַז זי גייט צו אים, איז ער געווען זיכער. אַי האָט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן די ליניע און זיך צוריק אומקערן אַזוי, אַז די אַנקומעדיקע פֿיגור איז שוין אויסגעקומען גייענדיק צו אים פֿון לינקס.

און ווער איז עס געווען, אויב ניט עלען אַליין! צי קומט זי ניט ביי אים בעטן אַנטשולדיקונג, צי האָט זי זיך גלאַט אַזוי אַרויס־געכאַפּט צו אים? צום טייוול, וואָס וויל זי פון אים איצט, ווען ער אַקערט?

אַי האָט ניט געדאַרפט לאַנג נאָכדענקען וועגן עלענס מיסיע צו אים. זי האָט נאָך אויף אַ גאָר ווייטער שטרעקע פון אים, שוין געשריען:

— העי, קומט גלייך אַהיים!

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט אַי אָפּגעשטעלט די פערד מיט גרויס שוועריקייט. איצט האָבן די צוויי דומקעפּ דוקא געוואָלט אַרבעטן און דוקא זיך געריסן מיט גרויס אימפּעט, ווי צום אַנטלויפן. אָבער ער האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז ער איז דער באַלעבאָס איבער דער סיטואַציע. דערווייל איז שוין עלען געווען נאָענט לעבן דעם אַקער. איר פּנים איז געווען בלאַס, ווי נאָר־וואָס באַשאָטן מיט פּודער. זי האָט געהאַלטן אַ שפּיץ פון איר פאַרטוך אין די הענט און געשריען אויף אַ קול, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז מען זאָל זי הערן פון יענער זייט באַרג:

— דער באַלעבאָס איז פאַרוואונדעט און דער אָגער האָט גע־קראָגן אַ בריק און בלוט רינט פון אים. קומט גלייך אַהיים!

— פאַרוואונדעט?! מיך האָט ער געשיקט אַקערן! — האָט אַי געמורמלט אָראָפּשפּרינגענדיק פון זיין פון אַקער. — גוט. עלען, העלף מיר אויסשפּאַנען.

איצט האָט עלען אים געהאָלפן אויסשפּאַנען. אַי האָט זיך מיט איר געריצט:

— דו ווייסט ווי אַזוי?

— איך ווינטש זיך, אַז בעסער וואָלט געווען ווען איך ווייס ניט ווי אַזוי, — האָט עלען געענטפערט.

— עס איז דיר דאָ ניט גוט?

— אַלץ הייסט ניט גוט . . .

— דו ביזט יונג — — —

— עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין שוין אַלט, אַז פון קינדווייז אָן אַרבעט איך שווער . . . אָבער לאָמיר גיכער גיין אַהיים, — בייט פלוצלונג עלען איבער איר געשפּרעך, — עס רינט פון אָגער דאָס בלוט.

— וואו איז ער פאַרוואונדעט?

— איך שעם זיך צו זאָגן, — גיט עלען אַ לאָז אַראָפּ אירע אויגן. אַי האָט שוין פֿאַרשטאַנען און ביי דעם מיידל מער גאָרניט געפֿרעגט.

— דער אַלטער וועט בלייבן אַ קאַליקע, — זאָגט עלען.

— איך בין צופֿרידן, — קילט זיך אַי דאָס האַרץ.

ער האָט געטריבן די פֿערד און עלען איז געגאַנגען לעבן אים אויף אַ דיסטאַנץ אָפּגעטראָטן.

— דיין פֿאָטער איז אַ האָומסטעדער?

— יאָ. אַלץ הייסט אַ האָומסטעדער, — ענטפֿערט עלען בייז. — אונזער חלק ערד איז פֿאַרוואָרפֿן ווייט פֿון שטאָט.

— דאָס איז גאָרניט אַזוי שלעכט, — טרייסט זי אַי. — אַ פֿאַרם דאַרף זיין ווייט פֿון שטאָט, אַניט איז עס ניט קיין פֿאַרם.

עלען קוקט אים אָן שאַרף מיט איין אויג פֿון איר פּראָפֿיל.

— אָבער אונזער פֿאַרם איז אין עק וועלט. מען זעט זייער זעלטן אַ מענטשן. הילדנבערג און די איבעריקע גרויסע בערן האָבן פֿאַר זיך אויסגעקליבן די בעסטע ערד.

— דאָס איז שלעכט, זעסטו, דאָס איז שוין ניט גוט, — זאָגט אַי. וויפֿיל אַקער לאַנד האָט דיין פֿאָטער?

— הונדערט און זעכציק אַקער.

— אַ וואוילע סומע.

— יאָ?! — און דאָ האָבן מיר ניט וואָס צו עסן, — לאָזט אַראָפּ עלען אירע אויגן צו דער ערד.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — פֿאַרשטייט ניט אַי. — איר האָט אַזויפֿיל ערד. וואָס־זשע, ביי אייך וואַקסט ניט קיין ווייץ?

— און אַז עס וואַקסט? — שטעלט עלען אָן איר פּראָפֿיל אַביסל טראַציק אַנטקעגן דער זון. אויף איר פּנים צעפֿלאַמט זיך איצט אַ זון־פֿלעק. זי איז ניט קיין אויסערגעוויינלעכע שיינהייט, ווי אַי איז געווען געוואוינט צו זען אַמאָל אין דער גרויסער שטאָט. אָבער עס איז דאָ אַזאַ פֿראָסטע אומבאַרירטע גאַנצקייט אין איר פּנים. דער קאָליר פֿון איר הויט איז אַזוי ווי דער קאָליר פֿון קערנדלעך ווייץ. דער האַלדז ביי איר איז ניט אַזוי גלאַט און צאַרט ווי ביי אַ שטאָטיש מיידל אין אירע יאָרן. אירע אַקסל־ביינער זיינען שאַרף, אירע בריסט קליין און איינגעפֿאַלן, אירע הענט דין און שוין באַצייטנס פֿאַרהאַרטעוועט און מיט אַ סך קנייטשן און אָדערלעך, ווי ביי אַ זקנה.

— און אַז עס וואַקסט ווייץ, וואָס האָבן מיר פֿון אים? אַז נאָך איידער דער ווייץ שפּראָצט אַרויס איז ער שוין פֿאַרטונקט אין חובות.

— ווי גרויס איז אייער פֿאַמיליע ?
— מיר זיינען צען אין צאָל.
— מיט איינעם ווינציקער ווי ביי אונז, — זאָגט אַי.
— ביי אייך איז דאָ ניין ?
— יאָ, ניין ברידער זיינען מיר.
— ניין ? און דו ביזט דער עלטסטער ?
— פֿונוואַנען ווייסטו ?
— איך שטעל זיך פֿאָר. אָט בין איך אויך די עלטסטע.

אַי ווייסט שוין, אַז זי איז די עלטסטע. איצט, אַז ער איז שוין מיט עלעגען אַזוי ווייט דערגאַנגען, וויל ער איר לאָזן וויסן, אַז ער איז דאָ געקומען ניט אויף אַ ווײַלע.

— ווי דענקסטו, עלען, איז דאָס אָרט טאַקע אַזוי שלעכט, איז די ערד שולדיק, צי זיינען דאָ פֿאַראַן אַנדערע שלעכטע אומשטענדן ?

— דאָס לאַנד איז זייער גוט, די ערד איז אַביסל טרוקן. עס איז דאָס, וואָס מען רופֿט „די טרוקענע געגנט”. מער ווי צען בושל ווייץ קאָן מען דאָ פֿון אַן אַקער ניט אַרויסקריגן.

— אַזוי ווינציק ? — קוקט זי אַי אָן, ניט מחמת דעם, וואָס ער וואונדערט זיך וואָס די ערד דאָ גיט אַזוי ווינציק ווייץ, נאָר דערפֿאַר וואָס ער וויל זי בעסער באַטראַכטן. אַי האָט אַזויפֿיל פֿאַרגעניגן צו קוקן אויף איר פּנים. עס איז דאָ אַזויפֿיל געזונטקייט און פֿאַרבאָרגענע פֿרייד אין אים. עס גלוסט זיך אים אַריינצונעמען דאָס דאָזיקע פּנים אין זיינע הענט.

— דאָס אַלץ וואָס די ערד גיט דאָ, — דאַכט זיך אַי'ען, אַז עלען פֿאַרשטייט אים דורך און דורך. ער זאָגט:

— הייסט עס, אַז פֿאַר מיר איז דאָ נישטאָ קיין האָפֿענונג ?
— פּרובירט אויס.
— דו ביזט דאָך אויף דער פּרעירי געבוירן ?
— איך בין געבראַכט געוואָרן אַהער אַלס קינד פֿון אונגאַרן.
— פֿון אונגאַרן ?
— יאָ, מיר זיינען אונגאַרן. דאָרטן האָט מיין פֿאָטער ניט געהאַט קיין ערד, האָבן מיר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.
— און איך בין אַ ייד.
— איך ווייס, די באַלעבאָסטע האָט מיר געזאָגט.
— ווי האָט עס אויף דיר געמאַכט אַן איינדרוק ?
— וואָס ? ! — פֿאַרשטייט ניט עלען זיין פֿראַגע.

— אָט דאָס וואָס איך בין אַ ייד.

— קיין שום איינדרוק ניט, — זאָגט עלען פּראָסט און אָפּנהאַרציק. אַי ווערט אַנטוישט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס ער, אַ יידישער יונגער בחור, האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און איז אַרויסגעקומען אין דער ווילדער וועסט, איז אַן אַקט פֿון בראַוואַדור און עס וואָלט אויף מיידלעך געדאַרפֿט מאַכן עפּעס אַן איינדרוק, זאָל זיין אַפֿילו אַ שלעכטן, אָבער דאָך עפּעס אַן איינדרוק פֿון אויסטערלישקייט.

— און איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַ העלד! — האָט אַי פּונדעסטוועגן זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז אַביסל קאָמיש, אויב ניט טראַגיש. — דער ערשטער יידישער קאָובאָי! . . .

— עס קלינגט אַביסל קאָמיש, — איז זיך עלען מודה. זי לייגט צו אירע הענט צו אירע קליינע בריסט און גיט אַ לייכטן שמייכל. זי פֿאַרענדיקט: — עס האָט מיר שוין דערעסן די פּרעירי. איך האָב דאָ קיין שום אינטערעס ניט. איך וואָלט בעסער געוואָלט כאָטש איינמאָל אַ קוק טאָן אויף ניו־יאָרק.

— עס איז נישטאָ וואָס צו זען. קופּעס מיט מענטשן, גרויסע, ריזיקע הייזער, אַ פֿאַרטויבטער טומל, זייער ניט קיין אָנגענעמע ריחות . . .

ער האָט עלענען דערלאַנגט די לייצעס.

— איך וויל פֿאַררויכערן, —האָט ער זיך ביי איר געבעטן. עלען האָט גענומען די לייצעס. אַי האָט אָנגעפּילט די ליולקע, פֿאַררויכערט און געלאָזט עלענען טרייבן די פֿערד. ער האָט באַמערקט, אַז זי ווייסט ווי אַזוי צו האַלטן די לייצעס אין אירע הענט.

— דו קאָנסט טרייבן! — פֿרייט זיך אַי.

— איך האָב אַלעמאָל געהאָלפֿן מיין פֿאָטער אויפֿן פֿאַרם, אַקערן, שניידן היי און אויך געטריבן מיטן „באַינדער", — האָט עלען געזאָגט אָן שום באַרימעריי, נאָך גיכער מיט אַ טאָן פֿון אָוועקמאַכן מיט דער האַנט.

— און ווער העלפֿט דיין פֿאָטער איצט?

— מיינע קלענערע שוועסטער און ברידער.

— ווי לאַנג, אַז דו אַרבעטסט ביי הילדנבערגן?

— דאָס צווייטע יאָר.

— אַנטשולדיק, דו אַרבעטסט, ווי איך האָב געהערט, פֿאַר צוויי פֿערד, וואָס דיין פֿאָטער האָט געקויפֿט ביי הילדנבערגן?

— ריכטיק. מיין פֿאָטער האָט ניט געקאָנט צאָלן פֿאַר די פֿערד. ער האָט זיי געקויפֿט ביים הילדנבערגן אויף אויסצוצאָלן יעדן יאָר. די פֿערד קאָסטן מיין פֿאָטער דריי מאָל אַזויפֿיל, ווי זיי האָבן די ווערט. אַזוי וויל הילדנבערג. האָט זיך געמאַכט, אַז צוריק מיט צוויי יאָר האָט דער האָגל „אויסגעדראָשן" אונזער ווייץ פֿון די זאַנגען. מיר זיינען געבליבן אָן אַ קערנדל ווייץ. באַצאָלן הילדנבערגן האָט מיין פֿאָטער ניט געקאָנט. הילדנבערג האָט געוואָלט צונעמען צוריק די פֿערד, האָט מיין פֿאָטער מיך געאָפּערט צו דער אַרבעט. די הילדנבערגס זיינען קאַרגע און האָבן אַזוי גיך ניט איינגעשטימט . . .

זיי זיינען דערוויייל צוגעקומען נאָענט צום הויף. אַי האָט צו־גענומען ביי עלענען די לייצעס. זי איז אַוועקגעלאָפֿן אין הויז אַריין און ער האָט אַריינגעפֿירט די פֿערד אין שטאַל. דאָרט אין אַ ווינקל אויף אַ קופּע מיט שטרוי איז געזעסן באַבי און גערויכערט אַ סיגאַרעטל.

דאָס אַליין, דאָס רויכערן אַ סיגאַרעטל אין שטאַל און נאָך אויף אַ קופּע מיט שטרוי, איז געווען אַ געוואַגטקייט ביי הילדנבערגן אונטערן נאָז. און גלאַט זיך דערלויבן צו זיצן אינמיטן טאָג ליידיק... אָבער באַבי האָט זיך זייער ווינציק געקימערט וועגן דעם.

— העלאָו, באַבי!

— העלאָו, אַי!

האָבן זיך ביידע מיט פֿרייד באַגריסט.

— וואָס האָט געטראָפֿן? — פֿרעגט אַי.

— דער „וואַטשימיקאָלעם" האָט געקראָגן דאָס, וואָס אים קומט. — זאָגט באַבי מיט אַ שמייכל אויף זיין קרענקלעך פּנים. אַי האָט, זינט ער איז דאָ, נאָך אויף זיין פּנים ניט געזען קיין שמייכל.

— אָבער ווי אַזוי איז עס געשען?

— ער האָט מיר ניט געטרויט דעם אָגער אין מיינע הענט. טראַכט איך מיר: גיי אַליין און ברעך דעם קאָפּ. און נאָר אַ שאָד, וואָס ער האָט נאָר צעבראָכן אַ פֿוס, — זאָגט באַבי מיט דעם סיגאַרעטל אין מויל.

אַי איז אַוועק אין הויז און געטראָפֿן הילדנבערגן זיצן אויפֿן בעט מיט ביידע פֿיס אין אַ טיפֿער שיסל מיט הייסער וואַסער. ער האָט געקרעכצט, איבעררייסנדיק יעדן קרעכץ מיט אַ פּאַוזע.

— האָסט שוין באַטראַכט דעם אָגער? — האָט הילדנבערג גע־פרעגט אַי׳ען.

— נאָך ניט.

— גיי אַרויס גיך און טו וואָס דו פאַרשטייסט. איך וויל ניט פאַרלירן אַזאַ טייערן פערד, — האָט הילדנבערג געזאָגט מיט פיל געבעט אין זיין שטים.

אַי איז אַרויס צום אָגער אין שטאַל. דער אָגער איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אין אַ ווינקל. דער שטאַלצער האַלדז איז געווען אַראָפּ־געבויגן ביז נאָענט צו דער ערד. אַי האָט אים באַטראַכט, אַרויפּ־געלייגט זיין האַנט דעם אָגער אויפן קריזש און אים געמונטערט:

— העי, ד׳אַרטאַגאַן!

אָבער דער אָגער האָט אים ניט געשאָנקען קיין שום אויפמערק־זאַמקייט. ביים פערד זיינען די אויגן געווען פאַרמאַכט. די וויעס זיינען געווען פאַרקלעפּט ווי מיט אייטער.

אַי האָט געהאַט אַביסל פּראַקטיקע אין היילן קראַנקע פערד נאָך פון דער אַגריקולטור־שול. ער האָט געוואוסט וואָס מען דאַרף איינגעבן אַ פערד צום מאָגן אָדער ענלעכע קלייניקייטן. אָבער דאָ איז פאַר אים געשטאַנען אַן אָגער מיט אַ וואונד אויף אַ געפערלעך אָרט אַרום דעם געשלעכט־אָרגאַן און צו דעם אָרט איז געווען אומ־מעגלעך צוצורירן זיך, סיידן פריער איינצושלעפערן דעם אָגער און אים מאַכן אומשעדלעך.

אַי האָט זיך אַנגעבויגן און באַטראַכט פון דער ווייטנס. ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, איז דער אָרגאַן־בייטל געווען ביים אָגער שטאַרק געשוואָלן. איצט איז דאָ אַ פּראָבלעם: — ווי אַזוי קומט מען אַהין צו מיט דער מעדיצין? אַי האָט זיך איצט געפילט, ווי אַ יונגער אומדערפאַרענער דאָקטאָר ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל מיט אַ שווערער אָפּעראַציע דורכצומאַכן, ניט וויסנדיק ווי אַזוי און ניט האָבנדיק די מיטלען עס דורכצופירן.

פונדעסטוועגן האָט אַי געבראַכט אַ בינטל פרישע היי און געגעבן דעם אָגער. ער האָט צום פערד גערעדט און אים געגלעט ביים פּנים. אָבער דער אָגער האָט זיך אַפילו צו אים ניט צוגעהערט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווי געווען פאַרטאָן אין אַנדערע וועלטן.

אַי האָט געבראַכט אַ מעסטל מיט האָבער און דער אָגער האָט אַפילו צו דעם ניט געטאָן קיין שמעק. און אַי האָט געוואוסט פון

פראַקטיקע, אַז ווען אַ פערד שטייט אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן און וויל ניט טאָן קיין שמעק אַפילו צו אַביסל גוטן האָבער, מוז דאָס פערד זיין זייער קראַנק.

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר? — האָט ער זיך מיט אַ טראַגישן טאָן געווענדט צום אָגער. — זאָג מיר, וואָס טוט דיר ווי?

אָבער אָי האָט זיך אַזוי ווי דערמאָנט אין עפּעס און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין.

— בעלאַדאָנע איז דאָ ביי אייך? — האָט ער געפרעגט ביי דער באַלעבאָסטע.

— יאָ, עס איז דאָ, — האָט די באַלעבאָסטע זיך אויסגעווישט די אויגן. — באָי, האָב איך עס איצט מיט דער פולער מאָס!...

— עלען, — באַפעלט אָי דעם מיידל, — שטעל צו אַ טאָפּ מיט וואַסער. און צו דער באַלעבאָסטע: — דאָס פערד איז זייער קראַנק, אָבער וויינען איז ניט גוט. וואָס וועט עס העלפן?

— איך וויין דערפאַר, וואָס ער איז אַזאַ פאַרביסענער, — ווייזט זי אויפן צימער וואו הילדנבערג איז איצט.

— וואָס איז דער מער מיט אים?

— דער אָגער איז אים אַרויף אויף אַ פוס און דער פוס ווערט געשוואָלן.

— רופט אַ דאָקטאָר.

— ער לאָזט ניט. קאַרג!...

— איז ביי אייך דאָ קלייען?

— דאַכט זיך, אַז עס איז ערגעץ דאָ.

— גוט. איך וועל מאַכן פאַרן אָגער אַ מעדיצין אויסצוטרינקען.

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעגאַנגען צו הילדנבערגן אין שלאָף־צימער און אים אָפּדערציילט, אַז אָי וויל געבן דעם אָגער אַ מעדיצין צום טרינקען.

— העי, יונגערמאַן, איך וועל אייך ניט דערלויבן דעם אָגער צו געבן טרינקען! איך גלויב ניט אין די דאָזיקע זאַכן! — האָט הילדנבערג געשריען פון שלאָף־צימער.

— אָקעי! עס איז אייער פערד! — האָט אָי געענטפערט צוריק אַ באַליידיקטער. ער איז אַרויס אין שטאַל צו באָביק, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קופּע שטרוי.

באָבי האָט זיך צעלאַכט און געוויזן אַ פול מויל מיט צעפוילטע ציין.

— ווען וועט זיין פּאַרטיק דער אָנבייסן? — האָט באַבי געפרעגט.

— זיי גיבן מיר אַ „פּעין אין די נעק״.

— „אַי שוד וואָרי!״

— וואָס איז ווירקלעך געשען?

— אַז ער טרויט ניט קיין מענטשן. ער ציטערט איבער זיין אייגנטום און האָט מורא טאָמער וועט אים בלייבן אַביסל ווינציקער.

— דו מיינסט, אַז ער איז דערפאַר באַשטראָפּט געוואָרן? — לאַכט אַי.

— ער האָט געקראָגן דאָס, וואָס ער האָט זיך פאַרדינט. ער וויל מיך לערנען ווי אַזוי אַרומצוגיין מיט אַן אָגער . . . האָט ער געקראָגן, אַ באַי, האָסט געדאַרפט זען, ווי ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און זיך געוואָרפן, ווי איינער וואָס האָט די פאַליקע.

— וואָס האָט געטראָפן?

— די שקאַפּע האָט געטאָן אַ בריק דעם אָגער בשעת ער איז אויף איר געשטאַנען מיט זיינע פאָדערשטע פיס. די טלאָען ביי די פרעירי־שקאַפּעס זיינען שאַרף, ווי די נעגל ביי ווילדע קעץ. זי האָט דעם אָגער שיר ניט אויפגעטרענט דעם בויך. האָט דער אָגער מיט ווייטיק געטאָן אַ שפרונג אַראָפּ פון דער שקאַפּע, אַזוי־אַ, מאַכנ־דיק אינדערלופטן אַ צירקל, און ער האָט גלייך אַראָפּגענידערט אויף הילדנבערגס פיס מיט זיינע לאַפּעס, טראַם־טי־די־ראַם. איך האָב געהאַט מיין „מאַני׳ס וואָירט״, זעענדיק אים, „וואַטשימיקאָלעם״, גריזשען די ערד אונטער זיך.

— איך האָב מורא, אַז דער אָגער גייט אַ גאַנג, — זאָגט אַי.

— בעסער זאָל ער גיין אַ גאַנג, „וואַטשימיקאָלעם״ . . .

— וועט זיין אַן אַנדער באַלעבאָס אויף זיין אָרט.

— איך ווייס עס, מיר דאַרפסטו ניט דערציילן, — זאָגט באַבי און דאָס סיגאַרעטל בלייבט ביי אים הענגען צוגעקלעפּט אויף דער אונטערשטער ליפּ. — איך וואַלגער זיך שוין דאָ אויף דער פאַר־דאַמטער פרעירי אַ שיין ביסל יאָרן. איך בין אַהער געקומען פון קאָנעקטיקוט.

— אַ קאָנעקטיקוט יענקי? — מאָלט זיך ביי אַי׳ען אויס אין קאָפּ דער טיטול פון אַ בוך פון מאַרק טוועין. דעם דאָזיקן בוך האָט אַי מיט זיך געבראַכט דאָ אַהער איבערצולעזן. אָבער ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אין אים אַפילו אַריינצוקוקן.

— יעס, דאָס בין איך אַליין, — ענטפערט באַבי. — איך וואַלגער

זיך דאָ אויף דער אַזויפּיל באַזונגענער פּרעירי און האָב שוין גע־אַרבעט וואו דו ווילסט נאָר אַליין און האָב נאָך אַלץ ניט אויף קיין הוצאות צו פאָרן צוריק אַהיים.

אַ״ען האָט עס געטאָן אַ ברי אויף דער נשמה. ער האָט זיך דערפילט ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט צום איבערבייסן אַ פאַר־שטונקען איי און עס האָט אים אַזש באַשלאָגן אַ ניט־גוטקייט. אָט איז ער דאָ אויף דער פּרעירי אַלס אַ פאַרשטייער פון אַ גאַנצער פאַמיליע, כדי זיך דאָ צו באַזעצן אויף ערד און אַזוי אַרום געזונט־מאַכן אַ גאַנצע יידישע פאַמיליע און זיך אַליין אויך. און דאָ מיט אים זיצט איצט אַ קינד פון אַ געזונטער פויערשער פאַמיליע, וועל־כער האָט ניט קיין איין געזונטן צאָן ביי זיך אין מויל. און וואו איז טאָקע די פּיל־באַזונגענע פּרעירי?

נאָר זיינע געדאַנקען זיינען איבערגעריסן געוואָרן מיט דעם, וואָס די באַלעבאָסטע האָט גערופן מיט אַ טרויעריק קול צום אָנבייסן.

די צוויי יאָטן האָבן זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ברען און זיינען אַריין צום אָנבייסן. עס איז געווען אַ״ס ריי צו ברענגען וואַסער פון דער פּאָמפּע. די צוויי אַרבעטער האָבן זיך געוואַשן, ווי דער שטייגער איז געווען, די הענט און די פּנימער און זיך פאַרקעמט מיט דעם אייזערנעם קעמל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטריקל ביים שפּיגל.

זיי האָבן געגעסן אָנבייסן און געהערט, ווי הילדנבערג האָט פון יענער זייט וואַנט אין שלאָף־צימער געקרעכצט. דער באַלעבאָסטעס פּנים איז איצט נאָך מער געווען אָנגעצונדן. זי האָט געגעסן און זייער אָפט מיטן ביסן אין מויל אַריינגעלאָפן צו הילדנבערגן און צוריקגעקומען מיט אַ זיפץ.

נאָכן אָנבייסן האָט די באַלעבאָסטע געהייסן איינשפּאַנען צוויי פערד אין פאַטאָנדל, כדי אָפּצופירן הילדנבערגן צו אַ דאָקטאָר.

— איך וויל פאָרן אין אַ פּראָסטן וואָגן! — האָט הילדנבערג געשריען פון שלאָף־צימער.

— זאָל זיין אין אַ וואָגן, — קרימט זיך די באַלעבאָסטע. — איך האָב אים געוואָלט מאַכן פילן ווייכער צום פאָרן, אָבער . . . — זי האָט פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ.

איידער זיי זיינען אָפּגעפאָרן, האָט די באַלעבאָסטע די צוויי אַר־בעטער געהייסן אַרויסגיין אַקערן. די צוויי אַרבעטער האָבן געטאָן וואָס מען האָט זיי געהייסן. זיי האָבן אָנגעכאָמוטעוועט די פערד און אַרויסגעפאָרן אין פעלד אַריין אַקערן.

עלען איז געבליבן אין שטוב אַליין. זי האָט געדאַרפֿט באַקן ברויט, אָנגרייטן וועטשערע און צוראַמען דאָס הויז. זי האָט געקנאָטן דאָס טייג מיט אירע הענטלעך און געטראַכט פֿון דעם בחור אַי. זי האָט געטרוימט, אַז ער זאָל זי אַוועקנעמען פֿון דער פּרעירי קיין ניו־יאָרק. זי איז געווען זיכער, אַז אַי וועט דאָ ניט קאָנען פֿאַרבלייבן. זי וועט אים, ווען עס איז, אַראָפּברענגען צו אירע עלטערן און זאָל ער זען, ווי אַזוי מענטשן מאַטערן זיך דאָ אויף דער פּרעירי. זי איז זיכער, אַז אַזוי גיך ווי אַי וועט דאָס זען מיט זיינע אויגן וועט ביי אים אויסוועפּן זיין חשק דאָ צו פֿאַרבלייבן.

כאָטש פֿונוואַנען ווייסט זי, אַז אַי איז געקומען דאָ צו פֿאַרבלייבן? אפּשר פֿון דעם, וואָס ער האָט היינט זיך ביי איר אַזוי נאָכגעפֿרעגט אויף אַלע איינצלהייטן.

עלען האָט געקנאָטן דאָס טייג. זי האָט פֿאַרגעסן, אַז עס איז שווער פֿאַר איר. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אירע הענט ווי אין קילן ליים מיט באָרוויסע פֿיס. דאָס ווייסע טייג האָט זיך געקלעפּט צו איר הויט. עס האָט דערפֿון געשמעקט מיט אַזאַ זיס־זויערקייט און זי האָט זיך געפֿילט אַזוי אויפֿגעיוירן פֿון דעם היינטיקן געשפּרעך מיט אַי'ען. זי האָט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אַזוי גערעדט אָפֿן מיט אַ יונגן בחור. עס האָט זיך איר אַלעמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָ אויף דער פּרעירי איז נאָר דאָ אומגליק, נויט און שווערע אַרבעט . . . אָט איז געקומען אַ יונג פֿון דער ווייטער איסט און וועט זי באַפֿרייען. עס איז דאָ אַ קליינע שטערונג. ער זאָגט אַליין, אַז ער איז אַ ייד . . . ווער האָט אים געהייסן זאָגן אויף זיך, אַז ער איז אַ ייד? נאָר, ניין, אירע עלטערן וועלן גאָרניט האָבן קעגן דעם. אירע עלטערן גייען סיי־ווי ניט אין קירך און האַלטן ניט פֿון קיין שום רעליגיע. קריסטמעס זיינען זיי פֿאַרוואַליעט מיט טיפֿע שנייען. דער פֿראָסט איז אָפֿט 20 אָדער 30 אונטער זיראָ. און איסטער פֿאַלט אויס סאַמע אין ברען, ווען מען דאַרף אַקערן און זייען. מען האָט די קינדער ביי זיי אין הויז קיינמאָל ניט געקאָנט קויפֿן קיין נייע קליידער. זיי גייען אַלעמאָל דוקא אויף קריסטמעס אָנגעטאָן אין שמאַטעס און ליגן אַרום אויוון, ווי קליינע חזירימלעך אַרום זייער מוטער. די קינדערלעך ביי זיי אין הויז זיינען געווען צופֿרידן, אַז עס איז געווען אַ פּיסנע שטיק ברויט. אַפֿילו אַ קאַרטאָפֿליע איז געווען אַ לוקסוס. הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד און דער טאַטע האָט ניט געהאַט פֿאַר וואָס צו קויפֿן קיין

קאַרטאָפליעס. ער איז שולדיק די פּראָצענטניקעס פאַר די פערד, פאַר די האַרנעסעס, פאַר דעם „באַינדער”, פאַרן היי־שניידער, פאַרן אַקער, פאַרן וואָגן, און ער איז שולדיק פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך אַליין פאַרבאָרגט, און זי, עלען, איז שוין אויך פאַרקויפט. ער וועט זיך שוין אין זיין גאַנצן לעבן ניט אויסצאָלן צו די יענקי־פּראָצענטניקעס. יאָר־איין, יאָר־אויס האָרעווען ווי אַן אייזל און די קינדער וואַקסן־אויס פאַרגרעבטע. עס איז פאַראַן אַ שול ווייט אויף דער פּרעירי און די קינדער קאָנען אַהין ניט גיין ווינטער, אין די טיפע שנייען, און זומער קאָנען זיי ניט גיין אין שול, ווייל זיי דאַרפן העלפן דעם טאַטן אויף די פעלדער. דאָס איז שניידן היי אָדער שניידן דעם ווייץ, אָדער דרעשן דעם ווייץ. דער זומער איז דאָ אַ קורצער. אין ניינציק טעג גייט דער זומער דורך און עס קומען שוין ווידער שנייען.

און וויפיל יאָר וועט זי עס דאַרפן אַרבעטן פאַר די צוויי פערד? זיכער, ביז אין גראָען צאָפּ אַריין! ניין, ניין, זי וועט ריידן מיט אי״ען, אַז ער זאָל זי אַרויסגנבענען פונדאַנען און זי וועט מיט אים אַנטלויפן אין דער איסט. דערנאָך וועט זי אַריבערנעמען איר פאַמיליע אויך אין דער איסט, ווייל אַלע אירע שוועסטער און ברידער שטייט דאָ פאַר פאַרקויפט צו ווערן צו פּראָצענטניקעס אויפן גאַנצן לעבן.

זיבעטער קאַפּיטל

הילדנבערג איז צוריקגעקומען אין אָוונט מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן פוס און מיט צוויי קוליעס. ער איז געווען אויפגעבראַכט אויף דער גאַנצער וועלט און זיך געשאָלטן און געוואָרפן די קוליעס צום דיל.

אַי און באַבי זיינען געקומען פון דעם אַקערן, אויסגעשפאַנט די פערד, און אַזוי ווי דער סאַפּער האָט היינט זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט, האָבן זיי ביידע געטאָן זייערע פליכטן אין שטאַל: געגעבן עסן און אָנגעטרונקען די פערד.

אַי האָט געבראַכט פאַרן אָגער אַ פרישׁ בינטל היי, אָבער דער אָגער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ ווינקל מיטן קאָפּ טיף אַראָפּגעלאָזט. ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט דער אָגער ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אים איבערשלאָגן זיינע אינערלעכע יסורים. ער איז איצט

געשטאַנען ניט נאָר אין גרויסע קערפּערלעכע יסורים, נאָר ער האָט אויך געליטן טיף אינעווייניק אויף גייסטיקער צעטראָגנקייט.

דער אָנגעגריפּענער אָרט ביים אָגער איז געווען שטאַרק געשוואָלן.

— האָ, באָי, — האָט אַי געזאָגט צום אָגער, — האַלט אָן פּאַסאָן!

— און אַי איז אַוועק און פּאַר אים געבראַכט אַ קעסל מיט פרישוואַסער. אָבער דער אָגער האָט ניט געוואָלט אַפילו אַ שמעק טאָן צום וואַסער.

פון דערפּאַרונג מיט פערד האָט ער געוואוסט, אַז ווען אַ קראַנק פערד זאָגט זיך אָפּ פון טרינקען איז ער זייער געפערלעך קראַנק. ער איז אַוועק און געבראַכט אַביסל האָבער מיט זאַלץ און דער אָגער האָט ניט געוואָלט זיך צורירן. ער האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און פון זיי האָט געקאַפּעט צוויי קליינע ריטשקעלעך טרערן.

דעם בחור האָט אַרומגענומען אַ צער פאַר דעם ליידענדן אָגער. מיט וואָס קאָן ער אים העלפן?

ער איז אַריין צום באַלעבאָס און אים געטראָפן זיצנדיק מיט אַן אויסגעשטרעקטן פאַרבאַנדאַזשירטן פוס און מיט צוויי קוליעס לעבן אים.

— איך דענק, אַז מען דאַרף שיקן נאָך אַ דאָקטאָר, — זאָגט אַי צו הילדנבערגן. — דער אָגער האַלט שמאָל.

— טו העל מיט אים! — גיט הילדנבערג אַ געשריי און אַ וואָרף מיט די קוליעס צום דיל. — גיב אַ קוק וואָס דער דאָקטאָר האָט געטאָן מיט מיר!

אַי האָט אַ קוק געטאָן, גלייך ווי ער האָט פריער ניט געזען די קוליעס.

— וואָס זאָגן זיי, איז מיט אייער פוס?

— העל! איך וועל זיך ניט צוהערן צו דעם, וואָס זיי זאָגן!

— שרייט אויס הילדנבערג. — האָסט אים געגעבן עסן?

— איך האָב אים געגעבן עסן און טרינקען, אָבער ער נעמט גאָרניט אין מויל אַריין.

— לאָז אים צורו!

— וואָס זאָרגסטו זיך? ער איז מיין פערד, — זאָגט הילדנבערג ווי ער וואָלט אַי׳ען געוואָלט טיף באַליידיקן.

דער בחור איז אַוועק אַביסל אַ באַליידיקטער. ער האָט געטראַכט צו זיך אַליין: „טאַקע, וואָס זאָרג איך זיך מערער פֿונעם באַלעבאָס?"

דער סאַפּער איז צוגעגאַנגען אין איילעניש. ביים טיש זיינען געזעסן אַי, באַבי און עלען. עלען האָט סערווירט. די דריי אַרבעטער האָבן ניט אויסגערעדט צווישן זיך קיין איין וואָרט.

עס האָט זיך געמערקט, אַז מאַדאַם הילדנבערג גייט אַרום מיט צוויי אַנגעשוואָלענע אויגן, ווי זי וואָלט זייער אַ סך געוויינט. זי האָט געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר ווי און זי קאָן ניט עסן.

נאָר אַז אַי און באַבי זיינען אַרויס אינדרויסן נאָכן סאַפּער, איז די מאַדאַם הילדנבערג געזעסן ביי דער שטוב אויף אַ באַנק.

ביידע אַרבעטער האָבן זיך צוגעזעצט לעבן איר אויפֿן גראָז. עס איז געווען אַ שיינער אָוונט. די שטערן האָן זיך נאָר-וואָס אָנגעהויבן צו באַווייזן אויפֿן ים-בלויען הימל. אין מערב-זייט איבער די געשלאָסענע בערג איז דער הימל געווען נאָך אַביסל רויטלעך און בלייך. עס האָט געשמעקט מיט גראָז און מיט זאַטקייט.

— ווי פֿילט דער אָגער? — פֿרעגט די באַלעבאָסטע.

— איך דענק, אַז מען דאַרף אַ דאָקטאָר, — זאָגט אַי.

— ביי הילדנבערגן וועט איר פֿועלן אַ דאָקטאָר! — זאָגט די מאַדאַם מיט אַ מאָדנעם טאָן פֿון איינעם וואָס וויל זיך קילן דאָס האַרץ. — ער איז אַזוי קאַרג, אַז אַפֿילו פֿאַר זיין ערשטער וויב האָט ער ניט גערופֿן קיין דאָקטאָר. זי איז געשטאָרבן דאָ אויף דער פּרעירי. און איך בין זיכער, אַז ווען ער רופֿט אַ דאָקטאָר, וואָלט איך ניט געווען געדאַרפֿט היינט זיין דאָ . . .

— ווי קומט עס, וואָס ער אַליין איז געפֿאָרן זען אַ דאָקטאָר?

— איר וואָלט געדאַרפֿט זען וואָס ער האָט מיר געטאָן דערפֿאַר, וואָס איך האָב אים געפֿירט צו אַ דאָקטאָר. איך האָב געוויינט דעם גאַנצן וועג.

— געוויינט?

— און איך שווער אייך, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך וויין. איך בין אַריינגעפֿאַלן אַזוי . . . ריכטיק! . . . עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס זיין ערשטע וויב איז אַוועקגעפֿאַלן. אָבער איך וועל זיך ניט לאָזן. מאָרגן פּאַק איך זיך איין און — גוד-באַי!

די צוויי אַרבעטער זיינען געזעסן אויפֿן גראָז, ביידע פֿאַרטראַכט אין זייערע אייגענע געדאַנקען. באַבי האָט געטראַכט פֿון זיין ווייטער

היים אין ניו־ענגלאַנד און אַז האָט געטראַכט וועגן זיינע ראָמאַנטישע חלומות דאָ אין דער ווייטער וועסט. עס איז אַלץ אויסגערונען . . .

די צוויי אַרבעטער האָבן מורא געהאַט זיך אַריינצומישן מיט אַ וואָרט צו דעם וואָס די באַלעבאָסטע האָט איצט אָנגערעדט אויף איר מאַן. היינט רעדט זי אויף אים שלעכטס און מאָרגן וועט זי זיך מיט אים איבערבעטן.

זי איז סיי־ווי, אויף מאָרגן, ניט אַוועק פון דער פּרעירי. זי האָט אינדערפרי געקאָכט איר געוויינלעכן ברעקפעסט און הילדנבערג האָט אַריינגעהונקען אויף זיינע צוויי קוליעס צום עסן, גלייך ווי ער וואָלט אַלעמאָל אַזוי געגאַנגען אויף זיי.

איצט איז ביים עסן פאָרגעקומען אַ נייע קריגעריי צווישן מאַן און ווייב. ער האָט געוואָלט פאַרזעצן קאַרטאָפליעס וואָס מערער, און זי האָט געזאָגט, אַז זי וויל בעסער פלאַקס.

— דו מיט דיין פלאַקס מאַכסט מיך קראַנק!

— און דו מיט דיינע קרעציקע קאַרטאָפליעס! . . .

— וואָס טויג דיר פלאַקס, אַז דו האָסט ניט קיין שפּינדל, ווי מיין באָבע פלעגט האָבן?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הילדנבערג האָט געהאַט אַ משוגעת צו קאַרטאָפליעס. כאָטש מען האָט דאָ אויפן פאַרם היינטיקס יאָר „געדאַמפט" צענדליקער וועגענער מיט קאַרטאָפליעס צוליב דעם, וואָס הילדנבערג האָט פאַר זיי קיין גוטן פּרייז ניט געקאָנט קריגן. אָבער ער האָט געוואָלט ווייזן די וועלט, אַז ביי אים אין נאָרט־דאַקאָטאַ וואַקסן קאַרטאָפליעס, גוטע, איירישע.

דאָס ווייב זיינס האָט ליב געהאַט פלאַקס. דאָס איז געווען איר באַליבטע פלאַנץ.

— פלאַקס, — האָט זי געטענהט, — איז דאָך אַזוי קליין, אַז וואו מען לייגט עס ניט אַוועק ליגט עס און טשעפּעט קיינעם ניט. און פאַרקויפט מען עס ניט היינט, קאָן מען עס פאַרקויפן איבעראַיאָר. ניט ווי די אומגעלומפּערטע פּאָטייטאָס, וועלכע פאַרנעמען אַ סך אָרט און קאָנען ניט ליגן מיר ווי איין ווינטער אין קעלער.

דאָס אַקערן איז שוין געווען געענדיקט. עס איז געווען אינמיטן מאַי און מען האָט שוין געדאַרפט באַלד זייען פלאַקס און אויך זעצן קאַרטאָפליעס.

דער מאַן מיטן ווייב האָבן זיך אַזוי לאַנג אַרומגעקריגט, ביז זיי האָבן זיך נאָכגעגעבן איינס דאָס אַנדערע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פֿון וואַשן און טובלען די זריעה אין פֿאָרמאַלדעהאַיד. עס איז געטאָן געוואָרן אַזוי: מען האָט אָנגעגאָסן אַ פֿול פֿאַס מיט וואַסער און אַהין אַריינגעגאָסן אַ קוואָרט פֿאָרמאַלדעהאַיד, דערנאָך געטונקט די קאַרטאָפֿליעס אין דעם וואַסער. שפּעטער די קאַרטאָפֿליעס צעשניטן אין שטיקלעך. אויף יעדער שטיקל האָט געמוזט בלייבן צוויי אָדער דריי „אויגעלעך".

אַי און באָבי זיינען דערנאָך אַרויס אין פֿעלד, וואָס איז געווען אַרום זעקס אַקער די גרויס.

עס איז ביידע בחורים געווען אַ גרויס פֿאַרדראָס צו אַרבעטן „אומזיסט". זיי אַליין האָבן דאָך אין אָנהויב פֿרילינג באַגראָבן אין אַ יאָר אַזויפֿיל קאַרטאָפֿליעס, אַז עס וואָלט געווען גענוג פֿאַר הונ־דערטער אָרימע פֿאַמיליעס צו עסן אַ גאַנץ יאָר. און איצט דאַרף מען זיך בויגן דעם רוקן אין דרייען און פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿליעס צוליב עפּעס אַ קאַפּריז פֿון אַ דענערוווירטן אַמעריקאַנישן פּריץ . . . פֿון אַזאַ אַרבעט איז די צוויי בחורים ניט צוגעקומען קיין נחת.

עס האָט זיי געגומען אַ גאַנצע וואָך צו מאַכן מיט פֿערד און מאַשין־סאָפּקעלעך אַזוינע טיפֿע ריוועשיקעס אין דער צעאַקערטער ערד. דערנאָך האָבן זיי זיך געבויגן און אויסגעגלייכט די שטיקלעך קאַרטאָפֿל מיטן שאָלעכץ צו הימל אַרויף און יעדעס שטיקל ווייט פֿונעם צווייטן אַ שטח פֿון אַ פֿוס. און מען מוז צוגעבן, אַז באָבי האָט ניט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט אַקוראַט צי לייגן די שטיקלעך קאַרטאָפֿל מיטן פּנים אַרויף . . . דער נאַרישער אַי האָט יאָ אָפּגעהיט אַלע רעגעלן און זיך באַצויגן ערנסט צו דער זאַך. און ער האָט זיך געפֿילט ווי אַן איבערגעבראָכענער נאָך אַזאַ אַרבעט. ער איז געלעגן גאַנצע נעכט און ניט געקאָנט שלאָפֿן. וואָס איז ער דען אַרויסגעקומען אין דער וועסט — ווערן אַ קאַרטאָפֿל־זעצער? ווען ער וואָלט געוואָלט אַרבעטן אויף אַ פֿאַרם ביי וועדזשעטייבלס, האָט ער דאָך עס געקאָנט טאָן אין דער איסט.

ער האָט שוין קוים דערלעבט דעם זונטיק, כדי ער זאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך אַביסל אָפּרוען.

„זונטיק היינט!" — האָט אַי זיך געפֿרייט און איז אויפֿגעשטאַנען פֿרי צו טאָן די געוויינטלעכע פֿליכטן אין שטאַל און דערנאָך האָבן פֿאַר זיך דעם גאַנצן טאָג. ער האָט זיך אָנגעגרייט אַ בוך, וואָס ער האָט מיטגענומען נאָך פֿון דער איסט כדי דאָ אין דער שטילקייט

איבערצולייענען. און ער האָט געזאָגט צום בוך: — „היינט גייען מיר שפּאַצירן אויף דער פּרעירי, איך מיט דיר!... ״

אויפֿן הויף איז אָנגעקומען אַ פּאַרמער מיט זיין ווייב אין אַ וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי פּערד. אַי האָט געהאָלפֿן דעם פּאַרמער אויסשפּאַנען. באָבי האָט אַריינגעפֿירט די פֿרעמדע פּערד. דאָס איז דאָ אין דער וועסט געטאָן געוואָרן אַלס אַ צייכן פֿון פֿאַסטפּריינט־לעכקייט.

— ווי פֿילט זיך דער באָי? — פֿרעגט דער פּאַרמער אַי׳ען. אַי האָט געמיינט, אַז דער פּאַרמער פֿרעגט זיך נאָך אויפֿן אָגער, האָט ער געענטפֿערט: — ניט אַזוי גוט!

דער פּאַרמער, אַ רויטער, אַן אָפּגעברענטער פֿון דער זון, און די פּאַרמערקע אויך אַן אָפּגעברענטע פֿון דער זון. ער אין אַ שטרוי־ענעם קאַפּעליוש און זי אין אַ באַבלימלטע פֿאַטשיילע, אַזוי ווי עס גייען אָנגעטאָן אין דער בעסאַראַביע די פּויערטעס. זיי קוקן זיך בײדע איבער און דער פּאַרמער זאָגט:

— וואָס איז דער מער מיט דיר?

— מיט מיר? גאָרנישט! — ענטפֿערט אַי.

— אַ מינוט פֿריער האָסטו געזאָגט, אַז דו פֿילסט ניט גוט.

— אָ, הער שוין אויף! — שרייט אויף אים אַן די פּאַרמערקע און זי פּאַרקניפּט שטייפֿער איר פּאַטשיילקע אונטערן שפּיציכיקן מאָרדעלע.

דער פּאַרמער נעמט די גרויסע בייטש און זיי גייען בײדע אַריין אין שטוב.

אין אַ מינוט צען שפּעטער איז פֿאַרפֿאָרן אַ צווייטער וואָגן אין הויף אַריין. ווידער העלפֿן אויסשפּאַנען. ווידער אַ פּאַרמער מיט זיין ווייב. איצט, אַז דער פּאַרמער פֿרעגט אַי׳ען „ווי עס פֿילט זיך דער באָי?״ ווייסט אַי שוין, אַז מען מיינט אים פּערזענלעך און ניט דעם אָגער.

עס האָבן אָנגעהויבן פֿאָרן וועגענער אין הויף אַריין. די פּאַר־מערס אויף יעדן וואָגן האָבן אויסגעוויזן אַזוי שטאַרק געראָטן איינער אין צווייטן, אַז עס האָט זיך אַי׳ען אויסגעוויזן, אַז זיי זיינען ברידער.

הילדנבערג איז אַרויסגעקומען אויף די קוליעס און געטאָן אַ וואונק צו אַי׳ען און אים אָוועקגענומען אויף אַ זייט.

— הער, דו זאָלסט זיי ניט לאָזן קריכן צום אָגער. איך וויל ניט, אַז זיי זאָלן געוואויר ווערן, אַז דער אָגער איז קראַנק, פֿאַרשטאַנען?

אין שטוב האָט מען ביי הילדנבערגן אין צימער זיך גערעכנט און געצאָלט. אַלע, וואָס זיינען געקומען, זיינען געווען בעל־חובות ביי הילדנבערגן. און דערנאָך האָט הילדנבערג גערופן אַי׳ען און אים געהייסן אַנזאָטלען אַ רייטערל.

אַי האָט זיך געקראַצט אין פּאָטיליניצע. אים האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס מען הייסט אים אַנזאָטלען דאָס רייטערל אום זונטיק. האָט ער דען ניט שווער געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך און דאַרף זיך היינט אָפּרוען?

דזשעק — האָט דאָס פערדל געהייסן. ער איז געווען ברוין אין קאָליר און האָט געהאַט צוויי קלוגע, שוואַרצע בורשטינען־אויגן.

— דזשעק, מיר גייען היינט אַרבעטן! — זאָגט אַי צום פערדל.

דאָס פערדל האָט געטאָן אַ ציטער, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אים גלוסט זיך זייער ניט צו האָבן אויף זיך היינט דאָס זאָטל.

באָבי איז געזעסן אויף דער קופּע מיט שטרוי אין ווינקל פון שטאַל.

— וואוהין?! — האָט ער זיך געוואונדערט וואָס אַי זאָטלט אָן דאָס פערד.

— מסתם וועט ער מיך שיקן ערגעץ מיט אַן אַרבעט, — זאָגט אַי אַ באַליידיקטער.

— מיך וואָלט ער ניט געקאָנט היינט שיקן, — זאָגט באָבי.

אין דער מינוט האָט אַריינגעהונקען הילדנבערג און באָבי האָט זיך באַהאַלטן טיף אין שטרוי, כאָטש מען האָט אים סיי־ווי פון דאָרט אַרויסגעזען.

— אַי, — זאָגט הילדנבערג, — איך וויל, אַז דו זאָלסט אַרויס־פאָרן אויף דער פּרעירי און צונויפזאַמלען אַלע פערד. די לייט ווילן אַרויסגיין אָנקוקן און אויסקלייבן פערד. זאַמל זיי איין אין דער קאָרעל. און וואו איז באָבי? — מאַכט זיך הילדנבערג, אַז ער זעט ניט באָבין אין דער קופּע שטרוי.

— אָט בין איך! — שרייט אויס באָבי און הויבט זיך אויף פון שטרוי.

— דו בלייב דאָ, אַרום דער שטוב.

— אָקעי! — ענטפערט באָבי.

אַי האָט געמיינט, אַז באַלד וועט דאָ אויסברעכן אַ קאַמף, אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. ער האָט שטילערהייט גע־

בורטשעט צו זיך אַליין און אויפֿגעבונדן דאָס פֿערד פֿון דער יאַסלע.

ער האָט זיך נאָך אינעווייניק אין שטאַל אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן זאָטל און איז אַרויסגעפֿאָרן.

— אויב זיי קליבן אויס פֿאַר זיך פֿערד, זאָלסטו די פֿערד כאַפּן און העלפֿן די פֿאַרמערס צובינדן זיי צו די וועגענער, — שרייט אים נאָך הילדנבערג.

— „אַט האָסטו דיר אַ זונטיק! . . . ״ — האָט אַי געזאָגט צו זיך אַליין מיט פֿאַרדראָס. ער איז אין עטלעכע מינוט אַרום געווען אויף דער פּרעירי, וואו הילדנבערגס ווילדע פֿערד זיינען אַרומגעלאָפֿן און זיך פֿריי געפּאַשעט. ער האָט באַמערקט, אַז די פֿערד האַלטן זיך איינאיינעם נאָך זייערע קאָלירן נאָך. די רויטע מיט ווייסע פֿלעקן האָבן זיך געפּאַשעט באַזונדער, די ברוינע באַזונדער און די שוואַרץ־סאַמעטענע אויך באַזונדער.

עס איז ביי אים אַוועקגעגאַנגען דער פֿאַרדראָס, ווייל אַט־דאָס איז אייגנטלעך געווען זיין אַרבעט, צוליב וואָס ער איז געקומען אין דער וועסט, קאַובאָי־אַרבעט!

עס איז געווען דער ערשטער טאָג, וואָס ער איז אַרויסגעפֿאָרן אַרומרינגלען די ווילדע פֿערד. ער האָט די דאָזיקע אַרבעט געלערנט אין סקול טעאָרעטיש, אָבער אין דער פּראַקטיק איז אים זייער שווער אָנגעקומען צו מאַכן די ווילדע פֿערד, אַז זיי זאָלן אים פֿאָלגן.

אַזוי גיך ווי זיי האָבן אים דערזען אָנקומען, זיינען זיי אַנטלאָפֿן אין אַן אַנדער פּלאַץ. עס האָט ניט געהאָלפֿן קיין שום מיטלען. עס האָט אים אויסגעוויזן, אַז די ווילדע פֿערד האָבן פֿאַר אים מורא.

אַי האָט זיך געפֿילט זייער שלעכט. ער האָט געוואוסט, אַז די פֿאַרמערס וועלן קומען צו דער קאָרעל און וועלן דאָרט וואַרטן אויף אים מיט די פֿערד. זיי וועלן האָבן דעם איינדרוק, אַז ער קאָן ניט „אַרומרינגלען״ ווילדע פֿערד, אַז ער איז ניט קיין קאַובאָי.

אַי האָט געטאָן אַ קלאַפּ מיט ביידע סטרעמעניעס דעם רייטערל אין בויך און דאָס פֿערדל האָט זיך געשטעלט דיבאָם און פֿון אַי׳ס מויל איז אַרויסגעפֿאַלן די ליולקע.

איצט האָט ער קוים אָפּגעשטעלט זיין רייטערל און איז אַראָפּ פֿון זאָטל, כדי ער זאָל קאָנען אָפּזוכן זיין ליולקע. ער האָט געלאָזט שטיין דאָס רייטערל און איז אַוועק זוכן די ליולקע אין גראָז. אַז די ווילדע פֿערד האָבן דערזען ווי עפּעס אַ באַשעפֿעניש קריכט אַרום אויף דער ערד, ווי ער האָט זיי אויסגעוויזן, ליגנדיק אויף אַלע פֿיר

אויפֿן גראָז — האָבן זיי זיך דערשראָקן. זיי זיינען געווען געוואוינט צו קאָיאָטן, ווילדע קעץ, האָזן, אָבער ניט צו אַזאַ מין באַשעפֿעניש ווי אַי האָט מיט זיך איצט פֿאָרגעשטעלט. און אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לויפֿן אין אַ ווילד געיעג איבער דער פּרעירי.

דאָס אָנגעזאָטלטע פֿערד האָט זיך אויך אָנגענומען פֿון זיי מיט שרעק און האָט אויך אויסגעשאָסן אין אַ געלאָף מיט דעם קאָפּ זיינעם אויפֿגעהויבן אין דער הויך, צוליב דעם וואָס די לייצעס האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן זיינע פֿאָדערשטע פֿיס.

אַי האָט געפֿונען זיין ליולקע און האָט אָבער פֿאַרלוירן זיין רייטערל. איצט איז ער געווען אינצווייען אויף צרות: די פֿערד האָט ער נאָך ניט צונויפֿגעזאָמלט און דאָס רייטערל איז פֿון אים אַנטלאָפֿן.

און די פּרעירי איז גרויס. בערג. טאָלן. פֿלאַכע שטיקער פֿעלדער. ווידער בערג. ווידער טאָלן. אַי לויפֿט נאָך זיין רייטערל און קאָן אים ניט כאַפּן. ער בעט זיך ביי אים פֿון דערווייטנס און שרייט צו אים: דזשעק! דזשעק! אָבער דזשעק הערט אים ווי דעם נעכטיקן טאָג.

און די צייט שטייט ניט. דער ווייזער אויף זיין „ציבעלע" רוקט זיך שוין באַלד צו נאָענט צו צוועלף דעם זייגער. און וואָס טוט מען? ווי אַזוי וועט ער זיך איצט קאָנען ווייזן צוריק אַהיים? וואָס פֿאַר אַ קאָובאָי איז ער, אַז דאָס פֿערד איז אַנטלאָפֿן פֿון אים?

און נאָך אַי׳ען האָט זיך נאָך נאָכגעשלעפּט אַ נאָכשלעפּעניש, דאָס וואָס ער איז געווען אַ יידיש קינד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט מיט זיין ווערן אַ קאָובאָי ראַטעווען דעם יידישן נאָמען. און וואָס וועט מען איצט זאָגן וועגן אים אַלס דעם יידישן בחור? ער האָט שוין געזען אין זיין פֿאַנטאַזיע ווי אַזוי מען זיצט און מען דער־ציילט מיט חוזק וועגן אים אַלס יידישן קאָובאָי . . .

שלעכט! דזשעק האָט זיך אַפֿילו אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. די לייצעס האָבן אים שטאַרק איבערגעשלאָגן דאָס יאָגן. דאָס רייטערל האָט געמוזט האַלטן זיין קאָפּ שטאַרק הויך אויפֿגעהויבן. און וויפֿיל קאָן מען עס האַלטן אַזוי דעם קאָפּ? עס ווילט זיך אים אויף אַ ווײַלע אויסבויגן דעם האַלדז און דאָ גיבן זיך די לייצעס אַ פֿאַר־פּלאָנטער צווישן די פֿיס נאָר אויף צו ברעכן האַלדז און נאַקן. איז

דזשעק געבליבן שטיין און זיך פאַרטראַכט וואָס צו טאָן, כדי פּטור צו ווערן פון די לייצעס.

איצט האָט אַי געהאַט אַ געלעגנהייט צו אים צוצוגיין נאָענט.

— דזשעק! דו דערקאָנסט מיך ניט? דאָס בין איך, דער וואָס האָדעוועט דיך אין שטאַל דריי מאָל אַ טאָג, — שרייט ער צום פערד. — וואַרט ביז איך וועל צו דיר צוקומען. איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל דיך ניט באַשטראָפן.

אַי האָט צום פערד גערעדט ווי אַ פאָטער צו אַ פאַרשייט קינד. אָט איז ער שוין נאָענט לעבן אים. נאָך צוויי־דריי שפאַן און ער וועט אים קאָנען אָנכאַפּן ביים צוימל.

דזשעק האָט צו אים געקוקט מיט איין בורשטינען אויג. ער האָט זיכער זיך אויסגעלאַכט פון אַי׳ען, פון דעם העלד, וואָס איז געקומען ראַטעווען דעם יידישן נאָמען דאָ אַהער אויף דער פּרעירי.

אַזוי גיך ווי אַי האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו טאָן אַ כאַפּ דאָס צוימל איז דזשעק אַוועק ווי געבלאָזן פון אַ ווינט. צווישן די ווילדע פערד איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער גערעג, אַ סטאַמפּיד, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע צונויפגערעדט. איצט איז שוין ניט געווען קיין אָפּגעזונדערטע קאַלירן. איצט זיינען געלאָפן אַלע אינאיינעם אָט אין אַ לאַנגער שורה באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף אָדער אין אַ גרויסן ראָד איבער אַ פלאַכן ברייטן טאָל. און דזשעק איז אויך צווישן זיי.

און דאָס וואָס דזשעק האָט אויף זיך אַ זאָטל מיט צוויי סטרעמעניעס און די אייזנדלעך פון די סטרעמעניעס גלימצערן אַנטקעגן דער זון און שלאָגן זיך אָן איינער אין צווייטן אונטערן פערדלס בויך און לאָזן אַרויס אַ געקלאַנג — אָט דאָס דערשרעקט נאָך מערער די ווילדע פערד.

זיי זיינען געוואוינט צום זשום פון די פּרעירי־ווינטן. זיי הערן זיך איין אין דעם וואָיען פון וועלף. אָבער דאָס קלינגען פון שטאָל און דערצו גלאַנצט עס נאָך אַזוי קעגן דער זון — איז היידאַ, נאָך שטאַרקער געלאָפן.

אַי לויפט נאָך. עס איז גרינג צו זאָגן. אָבער ווי שווער עס איז אים, דעם אָרעמען יידישן קאָובאָי, אָנגעקומען! ער האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. און ער האָט מיטן יידישן פאָלק ניט אויסגענומען צו קאָנען אַזוי זיך גיך יאָגן ווי אַ פּרעירי־פערד . . . עס האָט שוין אָבער אין אים געיאָגט אַן אומבאַוואוסטזיניקער אימפּעט.

און ווער ווייסט מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיקט, ווען דזשעק, דאָס רייטערל, וואָלט זיך ווידער ניט פאַרפּלאָנטערט מיט די לייצעס און איז געבליבן שטיין. ער האָט איצט מיט די פיס געפּרובירט איבעררייסן די לעדערנע לייצעס.

אַי האָט אָנגעריסן אַ זשמעניע גרין, פריש גראָז. אפשר וועט ער קאָנען אָפּנאַרן דאָס פערד. און ער איז מיט דער זשמעניע גראָז צוגעגאַנגען נאָענט צום פערד. דאָס רייטערל האָט אויסגעשטרעקט זיין מויל און געגעסן דאָס גראָז. אַי האָט אים דערווייל געטאָן אַ כאַפּ ביי די לייצעס. אויפן מאָמענט איז פאַרגעקומען אַ שטילער קאַמף. דאָס פערד האָט ווידער געוואָלט אַנטלויפן. אָבער איצט איז שוין געווען צו שפּעט. אַי האָט אים שוין געהאַלטן ביי די לייצעס. ער איז געווען ווער ווייסט וואָס גרייט איצט צו טאָן מיטן פערד. נאָר דערפאַר וואָס עס איז שוין געווען שפּעט און עס איז נאָך געווען אַזויפיל אַרבעט, האָט ער זיך געטאָן אַ כאַפּ אַרויף אויפן זאָטל און זיך געמאַכט גלייך ווי עס איז גאָר ניט געשען.

די ווילדע פּרעירי־פערד זיינען אַרומגעלאָפן אין אַ גרויסן צירקל איבער דער פּרעירי. זיי האָבן איצט זייער גרינג זיך געלאָזט פאַרנאַרן אין דער קאַרעל. און דאָרט זיינען שוין געווען די פאַרמערס, גרייט אויף זיי אַ קוק צו טאָן.

דאָס אויסקלייבן איז צוגעגאַנגען זייער גיך. צווישן אָט־די ווילדע איז ניט געווען קיין איין שלעכט פערד. עס האָט זיך נאָר געהאַנדלט איז ניט אויסקלייבן קיין יאָריקן לאָשעק אָדער אַ שקאַפּע. די שקאַפּעס האָט הילדנבערג געהאַלטן פאַר זיך אַליין, כדי צו קאָנען פאַרמערן זיין טאַבון.

אַז אַ פאַרמער האָט אויסגעקליבן אַ פערד פאַר זיך האָט אַי דאָס דאָזיקע פערד פאַרטריבן אין אַ קאַרצער, וואָס איז באַשטאַנען פון אַזאַ שמאָל קעמערל וואו דאָס פערד האָט זיך ניט געקאָנט רירן. עס איז פונקט געווען גרויס און שמאָל גענוג אויף אַריינצופּרעסן אין זיך איין פערד. אַ ריגל־טיר פון פאָרנט און אויך אַזאַ טיר פון הינטן. פון דרויסן איז געווען אַ לייטערל מיט עטלעכע טרעפּ, מיט וואָס אַי אַרויפגעקלעטערט און אויבנאַרומעט אָנגעטאָן אויפן ווילדן פערד אַ קאַפּעסטראַ. דאָס ווילדע פערד האָט זיך געביסן און געבריקעט אין דער הינטערשטער טיר מיט זיינע פיס. אָבער דאָס אומפאַרמיידלעכע האָט געמוזט פאַסירן. די קאַפּעסטראַ האָט אַי דעם פערד אָנגעטאָן, צי דאָס פערד האָט געוואָלט צי ניט.

די פאַרמערס האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך פערד און דערנאָך האָט די באַלעבאָסטע געגעבן עסן אַ גוטן מאָלצייט.

אַי איז געזעסןביים טיש אַ ברוגזער. ער האָט געפילט אַ טיפע באַליידיקונג פון דעם, וואָס דאָס פערד האָט אים היינט אָפּגע־טאָן. און אויך דערפון, וואָס ער האָט זיך היינט אַזוי אָנגעהאָרעוועט.

ביים טיש האָט איינער פון די פאַרמערס דערציילט אַ מעשה פון אַ „שיני”, וואָס ער האָט פאַרטריבן פון זיין הויף.

די באַלעבאָסטע האָט אונטערן טיש געטאָן אַ שטורכע מיט איר פוס דעם פאַרמערס פוס.

אַי האָט עס דערפילט אינסטינקטיוו. ער האָט געזען ווי אַזוי דער פאַרמער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, פאַרוואָס זי שטורכעט אים מיטן פוס.

— איר דאַרפט זיך ניט באַאומרואיקן, — האָט אַי געזאָגט, — אָט דאָ מיט אייך ביים טיש זיצט אַ ייד, וועלכער איז אַ קאָובאָי.

— אַנטשולדיקט! — האָט דער פאַרמער ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן. זיין רויט, אָפּגעברענט פנים איז נאָך רויטער געוואָרן.

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָ ביים טיש — — —

— ער האָט דערציילט וועגן אַ פעדלער. און ער האָט ניט גע־מיינט אַזוי שלעכט, — פאַרענטפערט די באַלעבאָסטע דעם פאַרמער.

— איר פאַרשטייט, עס איז פאַראַנען אַלערליי יידן . . .

— פעדלעריי איז אַן איבל, — זאָגט אַי, — אַן איבל וואָס קומט פון אַן עקאָנאָמישן צושטאַנד און דער פעדלער איז דאָ גאָר ניט שולדיק, און פאַר וואָס קומט אים דער נאָמען „שיני”?

— איך בעט אַנטשולדיקונג.

— אָלרייט, אָלרייט, — האָט אַי געענטפערט.

ווען מען האָט געענדיקט דעם אָנבייסן, זאָגט צו אים די באַלע־באָסטע:

— אַי, שפאַן איין די באָגי און פיר אָפּ עלענען אַהיים. עס איז היינט זונטיק.

אַי האָט פאַרשטאַנען, אַז די באַלעבאָסטע גיט אים אַ לעקעכל, כדי אים איבערצובעטן. ער האָט אָבער זייער געוואָלט זיך באַקענען מיט עלענס עלטערן. האָט ער איינגעשפּאַנט אַ פערד אין דער באָגי און באָבי האָט אים געהאָלפן מיטן איינשפּאַנען.

— וואוהין גייסטו? חתונה האָבן?

— שאַראַפּ!

— נעמסט מיך מיט?
— ניין!...
— און דו דענקסט, אַז איך וועל דאָ אָפּטאָן די אַרבעט אַליין...
— איך הייס דיך ניט אַרבעטן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז עלען געזעסן מיט אַי׳ען אין דער באַגי און זיי האָבן זיך לייכט געטראָגן איבער דעם שטויביקן וועג. אַי האָט געררויכערט און עלען האָט געשוויגן. דער וועג איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף. אין די טאָלן זיינען געווען הילצערנע בריקלעך איבער שמאָלע טייכלעך. אַרום די בריקלעך — בושעס פון בול־ווײַנשל. איצט האָבן די ווײַנשל־בושעס געצוויטעט. די באַגי האָט געוויינטלעך געטאָן אַ שיס אַריבער דאָס קליינע בריקל, דאָס פערד האָט געפּליקט מיט זיינע טלאָען איבער די ברעטער פונם בריקל און ווידער באַרג־אַרויף. די פרעירי ערטערוויז מיט לאַנגע פּאַסן פון ווייץ־פעלדער. דער ווייץ איז שוין איצט געווען אַן ערך פון אַ פוס די הויך.

עלען האָט געגעבן די דירעקטיוון וואו צו פאָרן. אַי איז דאָך נאָך דאָ געווען אַ פרעמדער. זיי זיינען ווידער אַראָפּגעפאָרן אין אַ טאָל. דאָרט איז געשטאַנען אַ פּאַראָוויק מיט אַ לאַנגן קוימען איינער אַליין אויפן פעלד. צו אים געקייטלט מיט שווערע קייטן זיינען געלעגן ביי אַ צענדליק אַקער־אייזנס. אונטער אָט־די אַקערס אַ גרויס פעלד מיט שוואַרצער, אויפגעאַקערטער ערד.

די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די אַקער־מעסערס. פויגל האָבן זיך געשפּילט פליענדיק אין דער לופטן, יאָגנדיק איינס דאָס אַנדערע. ווייט אויף אַ באַרג איז געלעגן אַ שטיבל.

— אָט דאָס איז מיין היים — זאָגט עלען.

עס האָט אויסגעזען אַזוי נאָענט, כאָטש ריר עס אָן מיט די הענט, אָבער פונדעסטוועגן האָט גענומען גענוג לאַנג איידער די באַגי איז פאַרפאָרן אַהין צו דעם שטיבל.

אַ פרייד! עס זיינען אַרויסגעלאָפן אַלע שוועסטער און ברידערלעך, דער טאַטע מיט דער מאַמען, דער הונט מיט אַ פאַרהויבענעם עק, און עס איז געוואָרן אַ געפּילדער: עלען! עלען! און דער הונט:
— וואַ־וואַף!

אין אַי׳ען האָט מען אויף אַ ווילע פאַרגעסן און אים געלאָזן זיצן אויף דער באַגי.

נאָר נאָכדעם ווי עלען האָט זיך גוט אָנגעקושט מיט אַלע אירע

אייגענע, האָט זי זיך דערמאָנט אין אים. זי האָט געזאָגט איר פֿאָטער, אַ נידריק, דאַר פּויערל אין אָוועראָלס און מיט אַ צעכראַסטעט העמד און מיט אַן אויר־ינגל אין איינעם פֿון זיינע אויער־לעפּלעך:

— פּאַפּאַ, דאָס איז מיסטער אַי, אַן אַרבעטער ביי די הילדנ־בערגס.

— וועלקאַם! — האָט דאָס פּויערל געטאָן אַ טרייסל מיטן אוי־רינגל. עס איז געווען גרין פֿאַרזשאַווערט און אַי האָט באַלד שוין ניט געקאָנט אַראָפּנעמען זיינע אויגן דערפֿון.

ער איז פֿונדעסטוועגן אַראָפּ פֿון דער באַגי און צוגעפֿירט דאָס פֿערד נאָענט צו דעם שטיבל, עס צוגעבונדן. דערנאָך איז ער צו־געגאַנגען און דערלאַנגט זיין האַנט דעם אויסגעדאַרטן פּויערל. אַי האָט באַמערקט ווי דאָס פּנים איז ביי אים געווען מיט אַ סך קנייטשן און אין די קנייטשן איז געלעגן שטויב פֿון ערד, אַזוי ווי באַראָזדעס אויף אַ צעאַקערט פֿעלד.

— איך הייס צערעטי. דאָס איז מיין אייגענער נאָמען. אַ שיי־נער טאָג היינט, — זאָגט דאָס פּויערל.

— זייער אַ שיינער, — ענטפֿערט אַי און גייט אים נאָך דורך דער אָפֿענער טיר. דער דאַך פֿון שטיבל איז געווען אַזוי נידעריק ביי דער ערד, אַז ניט נאָר אַי, נאָר אויך דאָס פּויערל האָט זיך געדאַרפֿט איינ־בויגן, כדי ניט אָנצושלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין דאַך. דאָס שטיבל איז געלעגן אויף אַ סקאָס פֿון אַ בערגל. און ווען זיי זיינען אַריינגע־קומען אינעווייניק, האָט אַי געפֿילט ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ פֿינצטערן גרוב.

עס איז ניט געווען קיין שום מעבל חוץ וואָס עס איז געשטאַנען אַן אייזערנער אויוון מיט צעבויגענע פּליטעס, צוויי לאַנגע דיוואַנען מיט פֿלעקער אַריינגעקלאַפּטע אין דער ערד און מיט איבערגעלייגטע דרענגלעך אויסגעקרימטע און מיט סוקעס. די דרענגלעך זיינען גע־ווען איבערגעפֿלאָכטען מיט שטריקלעך און אויסגעשפּרייט מיט וויצן־שטרוי. די פֿענצטערלעך, נידעריק ביי דער ערד, זיינען פֿון דרויסן געווען פֿאַרוואַקסן מיט בוריאַן. דער דיל, אַן ערדענער, איז געווען פֿול מיט גריבלעך און בערגלעך.

דאָ זיינען ערשט די שוועסטערלעך און ברידערלעך באַפֿאַלן עלענען און דער הונט איז אויך געווען אין דער מיט. ער איז געווען פֿון דעם מין וואָס מען רופֿט שעפּאַרד־הינט. אויף זיין עק האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ סך פֿאַרטריקנטע בלאָטע.

—עלען, וואָס האָסטו מיר געבראַכט?

— עלען, און מיר?

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער הונט האָט אויך מיט דער צונג אינדרויסן געפרעגט צי עלען האָט פאַר אים עפעס געבראַכט.

— וואָס זאָל איך אייך געווען ברענגען? מיין ביטערע שווערע אַרבעט?

אַי איז געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. אַזאַ אָרימקייט האָט ער ניט דערוואַרט דאָ אין אַמעריקע אויף דער פּרעירי.

דאָס פויערל האָט זיך געסודעט מיט זיין וויב. זיי האָבן ביידע צו אים געכאַפּט אַ בליק פול מיט ליבשאַפט. אַי האָט זיי אָפּגעענט־פערט מיט זיין שמייכל.

— ווילסט זען מיין באַלעבאַטישקייט? — פרעגט דאָס פויערל.

— איך וואָלט זייער געגליכן, — ענטפערט אַי, כאָטש ער האָט שוין געוואוסט, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו זען ביי אַ פאַרמער, וואָס וואוינט אַזוי אָרעם.

זיי זיינען אַרויס. דער הונט איז זיי נאָכגעגאַנגען און איז דווקא געגאַנגען אויף אַ׳ס זייט און געשמעקט צו זיינע הענט און געוויגט מיט זיין עק אַהין און אַהער. אַי האָט אים געגלעט ביים שמאָלן קאָפּ און אים געקראַצט צווישן די אויערן.

דאָס פויערל האָט אַ׳ען אריינגעפירט אין אַ קעמערל, וועלכעס ער האָט באַטיטלט מיטן נאָמען שטאַל.

— אָט דאָס זיינען מיינע צוויי אויגן אין קאָפּ, — האָט צערעטי געזאָגט אָנווייזנדיק אויף די צוויי טונקל־רויטע פערד.

עס איז דאָרט געווען אַ שווידערלעכער ריח, אַ שאַרפער און דישנדיקער, אַזוי אַז אַי, וועלכער איז געווען געוואוינט צו פערד־שטאַלן, האָט ניט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. איבער די קעפּ פון די פערד זיינען געווען דרענגלעך איבערגעלייגט אַלס אַ סטעליע. פון די דרענגלעך האָבן געהאַנגען איינצלנע זאַנגען שטרוי, שפּינוועבס מיט טויטע פליגן אין געוועב.

די פערד זיינען געווען מאָגער און אויסגעשמירט מיט מאַניור.

— אַ גרוס צו אייך פון אייער פאָטער! — האָט אַי געזאָגט צו די צוויי פערד, וועלכע האָבן אויסגעדרייט צו אים זייערע קעפּ

מיט די אייגנטימלעכע ווייסע פֿאַסן אויף די נעזער, אַן אָפּשטאַם פֿון הילדנבבערגס אָגער.

די פֿערד האָבן געטאָן אַ הירזשע, ווי פֿרייענדיק זיך מיטן גרוס, וואָס אַי האָט זיי געבראַכט.

— גענוג היי ביי איך? — פֿרעגט אַי.

— וויסט עס דער טייוול! וויפֿל איך שנייד ניט, איז ביי מיר אַלץ ניט גענוג.

— און האָבער האָט איר?

— איך קאָן ניט אַפֿאָרדן צו זייען האָבער.

אַי האָט געטאָן אַ טיפֿן זיפֿץ.

— עפּעס נאָך בהמות ביי איך?

— דאָס אַלץ . . . יאָ, — דערמאָנט זיך דער פּויער, — אַ הונט!

זיי זיינען אַרויס איבער די פֿעלדער. אַרום הויז האָבן זיך גע־וואַלגערט צעבראָכענע רעדער, אַ האַלבע האַק אַ פֿאַרזשאַווערטע. גייענדיק ווייטער האָט אַי זיך אָנגעשטויסן אויף סקעלעטן פֿון פֿער־דישע קעפּ.

דאָס שטיק לאַנד איז געלעגן צווישן „קעשענעס" פֿון היפּשע בערגלעך.

— ווי אַזוי אַקערט איר דאָ? — פֿרעגט אַי.

— אָט אַזוי. עס איז אַביסל שווערלעך. אָבער וואָס קאָן מען טאָן? דאָס איז וואָס די „גאָווערנמענט" האָט מיר געגעבן. עס וועט ניט העלפֿן קיין טענות.

ביי אַ ברעג פֿון אַ ווייצן פֿעלד איז געשטאַנען אַ „באַינדער". די פֿליגל זיינען געווען מיט צעריסענעם לייוונט און דאָס שיידל מיט די שנייד־מעסערלעך איז געווען פֿאַרזשאַווערט.

— אייער מאַשינעריע ווערט אַ תל, — זאָגט אַי.

— איך האָב ניט פֿאַר וואָס צו בויען אַ קאַמער.

— אָבער אַ „באַינדער" וועט איך קאָסטן טייערער.

דער ווייץ איז געווען שיטער. ווינטער־ווייץ האָט שוין איצט געדאַרפֿט זיין ביי אַ פּוס הויך און דאָ האָט ער קוים דערגרייכט צו אַ פּאָר אינטשעס.

אַי האָט דעם פּויער ניט געוואָלט מאַכן פֿילן שלעכט, האָט ער געזאָגט:

— ביי איך אַ פֿיינער ווייץ.

אַביסל ווייטער איז געשטאַנען אין גראָז אַ היי־שניידער מיט אַ פאַרלאַטעטן דישל. די מאַשין איז געווען פאַרזשאַווערט.

און ווידער אַ קעשענע צווישן צוויי בערגלעך און מיט ווייץ.

— איר וועט האָבן אַ סך ווייץ.

— יאָ. עס וועט דען מיר עפּעס בלייבן? אַז איידער איך שנייד עס אָפּ איז דאָס שוין יענעמס.

— איר וואָלט געדאַרפט האָבן הילדנבערגס אַ שטיק לאַנד.

— הע, הע, ווען איך האָב כאָטש אַ שטיקל לאַנד פון זיינעם!

אַי איז שוין דערנאָך ניט אַריינגעגאַנגען צוריק אין שטוב. ער האָט געוואַרט ביז עלען האָט זיך גוט אָנגעפּרייט מיט אירע אייגענע. דערנאָך איז זי אַרויסגעקומען און זיי זיינען צוריקגעפאָרן.

די זון האָט זיך שוין געהאַלטן ביים זעצן. אַי איז געזעסן אַ צעקלעמטער פון דער אָרימקייט וואָס ער האָט געזען.

— וועל, האָסט געזען . . . וואָס זאָגסטו איצט? — האָט עלען געפרעגט.

— „אַי וויל בי דעמד איף אַי נאָו!״ — ענטפערט אַי.

— „איט׳ס די ביגעסט בלאַף, איט איז, דיס קאַונטרי!״ — זאָגט עלען.

אַכטער קאַפּיטל

ווען טאָמאַס הילדנבערג איז אַלט געווען דרייסיק יאָר איז ער אַרויסגעקומען דאָ אויף דער פּרעירי און האָט געבראַכט מיט זיך זיין אַלטע מוטער, אַ ווייב מיט צוויי קינדער, אַ פּאָר ווייסע גרויסע אָקסן מיט רויטע פלעקן, און אַ קליינע באַלעבאַטישקייט. דאָס באַלעבאַטישקייט איז באַשטאַנען פון אַן אָקער מיט אַ באָראָנע, אַלערליי געצייג צו דער אַרבעט, ווי אַ האַק, אַ באַרדע, אַ לאַנגע זעג און אַ קורצע זעג, אַ שווערן לאָם און לייכטן לאָם, אַ קיילעכיקן ריסקעל און אַ לאַנגגן פירעקעכיקן ריסקעל, וואָס מען רופט מיטן נאָמען „ספּעיד״. ער האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע קעראָסין־לאָמטערנעס און אַ פּאָר גלעזערנע לאָמפּן. עס האָבן זיך אויך געפונען אויפן בויד־וואָגן די סאַמע נויטיקסטע היימישע כלים, אַ קופּערט מיט קליידער און וועש, און פּאָר יעדן קאָפּ אַ קישעלע — דאָס כאַראַקטעריסטישע אַמעריקאַנער קליינע קישעלע וואָס איז שמאָל און קוים גרויס גענוג אויף דעם אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ.

טאָם האָט געגומען אַ האָומסטעד פֿאַר זיך אַליין אויף אַ פֿלאַכער שטרעקע פֿון דער פּרעירי. ביי אים, שוין דאַן אַ דרייסיק־יעריקער אַמעריקאַנער קליינבירגער פֿון איינער פֿון די מיטל־וועסט שטאַטן, איז געווען דער אַפּעטיט גרויס און ער איז שוין דעמאָלט געווען בכוח צוצונעמען פֿאַר זיך די גאַנצע פּרעירי, ווען מען וואָלט אים נאָר געלאָזט.

אָבער ער האָט זיך געמוזט צופֿרידנשטעלן דערווייל מיט איין האָומסטעד אויף זיין נאָמען. כאָטש זיין ווייב און זיין מוטער האָבן אויך אַריינגעגעבן אַפּליקאַציעס אויף חלקים ערד גראָד אין שכנות מיט טאָמאַסעס שטיק ערד. זייערע אַפּליקאַציעס זיינען אין אָפּיס פֿון דער רעגירונג דערווייל באַטראַכט געוואָרן און עס איז געווען ניט אַזוי גרינג און עפּעס צו אויגנשיינלעך, אַז אַ פֿאַמיליע זאָל זיך קאָנען אַזוי צעשפּרייטן. דאָס געזעץ איז געווען, אַז נאָר איין חלק ערד קאָן געגעבן ווערן צו איין מאַן אָדער פֿרוי, וועלכער אָדער וועלכע וויל זיך באַזעצן און אַרבעטן.

טאָמאַס הילדנבערג איז פֿאַרפֿאָרן מיט זיין בויד־וואָגן און מיט די אָקסן אין דער מיט פֿון דער פּרעירי, אין דעם טיפֿן גראָז, וואָס האָט געגרייכט ביז צו די קריזשעס פֿון די אָקסן.

עס איז געווען אין מאָנאַט מאַי און אַ שיינער זוניקער טאָג האָט געבאָדן די פּרעירי־טאָלן און בערג. דער וואָגן האָט אויס־געקריצט דעם ערשטן וועג ווי צוויי לאַנגע באַן־רעלסן אין דעם טיפֿן גראָז. דאָס גראָז, אַ ווילד פּרעירי־פֿלאַנץ פֿאַרזייט פֿון ווינט און פֿון טויזנטער יאָרן פֿון זיך אַליין איבערפֿלאַנצן און אויפֿוואַקסן, איז דאָ געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט קוים געקאָנט זיך דורכפּלאָנטערן.

טאָמאַס הילדנבערג האָט אויסגעשפּאַנט די אָקסן און זיי גע־לאָזט פֿריי אויף דער פּאַשע. די פֿאַמיליע איז אַרויס פֿון וואָגן און מען האָט באַלד גענומען טראַכטן וועגן אָפּקאָכן אַביסל געקעכץ.

טאָם האָט מיט דער קאָסע אָפּגעקאָסעט אַ גרויס שטיק פּלאַץ אַרום דעם בויד־וואָגן. עס איז געווען זייער שווער. דאָס גראָז האָט זיך ניט געלאָזט קאָסען. די שטאָמען זיינען געווען אַזוי האַרט, ווי די שטאָמען פֿון יונגע ביימלעך.

דאַן האָט די מוטער, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ פֿאַרמערקע אין דער מיטל־וועסט, געזאָגט, אַז טאָמאַס זאָל אַרומאַקערן דעם רינג מיט אַ צוויי־דריי באַראָזדעס, כדי צו באַשיצן די פּרעירי פֿון אַ פֿייער. מען וועט דאָך באַלד מוזן מאַכן אַ פֿייער צום קאָכן.

טאָם האָט געפּאָלגט זיין מוטער: נאָך דאָס פעלט אים — אַוועקלאָזן אַ פייער אויף דער פּרעירי!

די ווייבער זיינען געגאַנגען צום נאָענטן טייך ברענגען וואַסער און טאָם האָט דערווייל איינגעשפּאַנט די אָקסן אין אַקער און גענו־מען אַקערן אין אַ ראָד אַרום דעם אָפּגעקאָסעטן פּלאַץ. די צוויי אָקסן, גרויסע, מיט אַ סך כוח אין זייערע ביינער, האָבן קוים געקאָנט שלעפּן דעם אַקער. די ערד איז געווען פול מיט קאָרניעס און עס איז געווען אַ טיפער שיכט מיט איבערגעפוילט גראָז, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעזאַמלט פון דורות. דאָס אַקער־מעסער האָט ניט געקאָנט דורכשניידן אָט־דעם פּלאָנטער און די הויכע גראָזן, וועלכע האָבן זיך געלייגט מיט די פּלאַכטעס ערד אין דער באָראָזדע, זיינען אויך געווען אַ גרויסע שטערונג אין דער אַרבעט.

אָבער ווען די פרויען זיינען צוריקגעקומען מיט פולע עמערס וואַסער, האָבן זיי שוין געטראָפן אַ גרויסן רינג פון שוואַרצער פריי־שער ערד אַרום און אַרום דעם בויד־וואָגן. טאָם האָט זיך צעוואַ־רעמט פון דער אַרבעט און דער חשק האָט זיך ביי אים צעשפּילט, און ער האָט שוין דערווייל געאַקערט ברייטער און טיפער. זיין ענערגיע האָט גאָרניט געהאַט קיין גרענעץ און האָט זיך איצט נאָך שטאַרקער צעברענט.

די מאַמע האָט אים געוואָרנט, אַז עס איז ניט ראַטזאַם אַזוי שווער צו אַרבעטן דעם ערשטן טאָג מיט די אָקסן. ספּעציעל איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע. די אָקסן זיינען מיד און מען מוז זיי געבן כאָטש אַ טאָג־צוויי רו.

אָבער טאָם האָט שוין אין איין וועג געוואָלט אַריינכאַפּן אַ צעאַקערט פעלד פאַר אַ גאָרטן. און איידער די ווייבער האָבן אָפּ־געקאָכט אָנבייסן האָט פּאַסירט מיט אַן אָקס אַן אומגליק. דער אָקס איז געפאַלן אין דער באָראָזדע און זיך שוין ניט געקאָנט אויפ־שטעלן. ער האָט געטראָגן מיט זיינע פלאַנקען און אַרויסגעשטעקט דעם צונג. און איידער טאָם האָט עפּעס געקאָנט טאָן כדי אים צו פאַרלייכטערן איז שוין דער אָקס געווען פאַרביי.

דאָס איז געווען דער ערשטער אומגליק טאָמאַסעס. דער אָרע־מער אָקס האָט קוים דערצויגן ביז צום אָוונט און דאָן פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק.

טאָמאַס האָט אים אָפּגעשונדן און באַגראָבן ניט ווייט אויף דער פּרעירי און איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער אַ פּאָר טעג, אַז די

ווייבער האָבן מורא געהאַט מיט אים צו ריידן. דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דעם שטעטל, וואָס איז געווען צען מייל ווייט פון דאַנען, און געקויפט די ערשטע שקאַפע.

פון אָט דער שקאַפע האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבן זיין ראַנדזש. אָבער דערווייל האָט טאָמאַס געאַרבעט מיט אַן אָקס און אַ פערד אין איין שפאַן. אמת, אַז עס האָט טאָמאַסן ניט געשמעקט אַזאַ מין אַרבעט. דאָס פערד איז געווען שנעלער און רירעוודיקער און דער אָקס האָט געאַרבעט פאַמעלעך, אָבער טאָמאַס איז געווען זייער קאַרג און ער האָט דערווייל געוואָלט אַרויסקריגן פונעם אָקס וויפל עס האָט זיך געלאָזט.

און אַרבעט איז געווען אַ סך. טאָמאַס האָט געבויט אַ הויז, געגראָבן אַ ברונען, געאַקערט און פאַרזייט. דער ערשטער זומער איז אַוועק און אַקעגן ווינטער איז שוין געווען פאַרטיק דאָס שטי־בעלע און דער ברונען.

די רעגירונג איז געקומען אויף אינספעקציע און טאָמאַסן גע־געבן קרעדיט פאַר זיין אַרבעט.

אָבער דער פאַרלאַנג זיינער, אַז מען זאָל געבן זיין מאַמען און זיין ווייב צוויי שטיקער ערד אין שכנות מיט זיין האָומסטעד, איז אים ניט נאָכגעגעבן געוואָרן. מען האָטביידע פרויען געגעבן צוויי שטיקער ערד אין צוויי באַזונדערע טיילן. דער מאַמען אין מזרח־זייט און דעם ווייב אין צפון־זייט.

צווישן אָט די שטיקער ערד און טאָמאַסעס חלק זיינען געלעגן גרויסע שטחים ערד, וועלכע זיינען אַוועקגעגעבן געוואָרן צו פרעמדע מענטשן.

האָט זיך טאָמאַס באַרעכנט, אַז עס איז אפשר בעסער אַזוי.

ער וועט די פרעמדע מיט דער צייט אַזוי „צעקוועטשן" און זיי מאַכן שווער מיט אַלערליי זאַכן, אַז זיי וועלן מיט דער צייט מוזן פאַרקויפן זייערע חלקים. דאַן וועט ער די חלקים אָפקויפן און פאַר־אייניקן זיין שטיק לאַנד מיט שטיקער ערד פון זיין מוטער און ווייב.

זיין אַפעטיט איז געווען גרויס. ער איז דאָ ניט געקומען צו זיין אַן אָרימער פאַרמער, ווי זיין טאַטע איז געווען.

די וועסט האָט אים געלאָקערט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָ וועט ער קאָנען רייך ווערן און דעראָבערן אַ סך לאַנד.

טאָמאַס הילדנבערג האָט געבראַכט מיט זיך שיינע עטלעכע דאָ־לאַר, וואָס ער האָט אָפגעשפאָרט פון זיין האַנדל מיט גרינצייג. ניט

אין פֿאַרמער האָט ער באַראַבעוועט. זייענדיק אַ קאָמישאָן־מאַן האָט ער אָפּט פֿאַרקויפֿט דעם פֿאַרמערס פּראָדוקטן און דעם פֿאַרמער געמאַכט אַזוינע חשבונות, אַז דער אָרימער פֿאַרמער האָט אים נאָך געדאַרפֿט צוצאָלן צום חשבון.

דאָ אויף דער פּרעירי האָט טאָמאַס באַלד געהאַט אין זינען אַריינצוכאַפּן אַלע זיינע שכנים אין זיינע הענט דורך דעם, וואָס ער האָט זיי געליען געלט אויף פּראָצענט. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַ סך מזומן געלט. און דאָס רוב פֿון די באַזעצער זיינען געווען אָרימע לייט, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען מיט ליידיקע הענט אויף דער פּרעירי. אימיגראַנטן פֿון נאָרוועגיע, אונגאַרן און אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן געמיינט ערנסט מיטן באַזעצן זיך אויף דער פּרעירי און ניט געהאַט קיין שום אַנדערע געדאַנקען, ווי נאָר ערלעך צו באַאַרבעטן די ערד און עסן אַן אייגן שטיקל ברויט.

דער דורכגעטריבענער יענקי, טאָמאַס, האָט די דאָזיקע אימיגראַנטן אַריינגעכאַפּט אין זיינע לאַפּעס מיט דעם וואָס ער האָט זיי געליען געלט אויף הויכע פּראָצענטן, און אַז די אימיגראַנטן האָבן ניט געקאָנט באַצאָלן האָט טאָמאַס ביי זיי צוגענומען דאָס לאַנד.

אין יענע יאָרן האָט אַ האָמסטעד נאָך דריי יאָר שוין באַלאַנגט צו דעם, וואָס האָט זיך באַזעצט אויף דער ערד.

אין דריי יאָר אַרום האָט זיך טאָמאַסעס ערד גענומען צעשפּרייטן אין דער לענג און ברייט. ער האָט אָנגעהויבן אויפֿצוהאָדעווען פֿערד. אין די ערשטע צען יאָר איז זיין מוטער געשטאָרבן און דערנאָך אין פֿינף יאָר אַרום איז זיין ווייב געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט מיט צוויי קינדער, אַ מיידל מיט אַ בחור.

טאָמאַס איז געווען אַ שלעכטער פֿאָטער צו זיינע קינדער. פֿאַר דער קלענסטער זאַך האָט ער געשלאָגן שיער ניט ביז צום טויט. און ווען ער איז געבליבן אַן אַלמן האָבן ערשט די קינדער דערפֿילט זייער שלעכטן טאַטן. דער בחור איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַכצן יאָר און דאָס מיידל זעכצן.

האָט טאָמאַס שוין דעמאָלט געהאַט אַ סך לאַנד און פֿערד זיינען אַרומגעלאָפֿן ביי אים אויף דער פּרעירי אַן אַ צאָל. ער האָט פֿאַרמאָגט פֿולע שפּייכלערס מיט ווייץ און האָבער און זיין קאַפּיטאַל איז געוואַקסן אין דער שטעטלשער באַנק. מיט דעם איז אויך געוואַקסן זיין פּאָליטישע פּאָזיציע אין גאַנצן געגנט. ער האָט קאָנטראָלירט

אַלע שטימען פֿון דער פּרעירי, ווייל אויב ניט האָט ער צוגעדריקט מיט זיינע חובות.

אין יענער צייט האָט ער אַריינגעשטעלט אין אַ וועסטערנער צייטונג אַזאַ אַנאָנס: „איך זוך אַ ווייב. זי מוז זיין ניט עלטער פֿון פֿערציק יאָר און ניט יינגער. זי מעג זיין אַן אָרעמע און זאָל ניט האָבן קיין קינדער פֿון אַן אַנדער מאַן. זי מוז זיין אַ גוטע קעכין. נאָר אַזוינע זאָל צושיקן איר בילד אין ערשטן בריוו. אַזוינע וואָס וועט מיך אָפּנאַרן אין איינעם פֿון די אויבנדערמאָנטע פֿאָדערונגען וועט באַלד מוזן פֿאַרלאָזן מיין ראַנדזש. איך בין אַן אַלמן און האָב צוויי דערוואַקסענע קינדער. איך פֿאַרמאָג אַ גרויסן ראַנדזש מיט פֿערד און בין ניט קיין אָרעמאַן.״

עס זיינען אים אָנגעקומען אַ סך בריוו מיט בילדער פֿון פֿרויען פֿון גאַנץ אַמעריקע. טאָמאַס האָט אויסגעקליבן איינע פֿון די בילדער (זיין איצטיקע ווייב) און געהייסן דער פֿרוי דורך אַ בריוו אַז זי זאָל קומען. זי איז באַלד געקומען מיט דער באַן קיין נאָרט דאַקאָטאַ און ווען ער האָט זי באַגעגנט ביי דער באַן־סטאַנציע האָט ער זי געפֿרעגט ווי אַזוי זי הייסט.

— מאַדזשי! — האָט די פֿרוי געענטפֿערט. זי איז געוועזן פֿון שיקאַגאָ און איר פֿאַרגאַנגענהייט איז גאָר ניט געווען אַזאַ זויבערע, אָבער אַזוי ווי זי האָט הילדנבערגן ניט געדאַרפֿט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס זי האָט געטאָן אין שיקאַגאָ, איז איר פֿאַרגאַנגענהייט געבליבן אונטן, ערגעץ אין דער שיקאַגער אונטערוועלט . . .

איצט איז זי שוין געווען אין די פֿערציקער יאָרן, אַ קיילעכיקע, אַ צעוואַקסענע, מיט פֿעטינקע רויטע באַקן און מיט שוואַרצער האָר און מיט צוויי גרויסע אויגן פֿול מיט חכמה. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט זיך אויסלעבן די איבעריקע יאָרן אויף אַ ראַנדזש אויב זי וועט האָבן גליק און דער מאַן וועט זי ניט אַנטרייבן.

— מאַדזשי, — האָט הילדנבערג צו איר געזאָגט פּראָסט, אָן צערעמאָניעס, — וואו איז דיין באַגאַזש?

— אָט דאָס איז מיין גאַנצער באַגאַזש, — האָט מאַדזשי געוויזן דאָס קליינע פּעקל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט.

— דו ביסט איינע אַליין, צי דו האָסט קינדער?

— איינע אַליין.

— אָלראַיט, קום, — האָט הילדנבערג זי געפֿירט צום וואָגן. ער האָט אומיסטן געבראַכט אַ פּראָסטן וואָגן און ניט קיין „באַגי״. מאַ־

דזשי האָט זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן וואָגן און ווען זי איז געקומען אין הילדנבערגס הויז האָט זי באַלד פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און אָפּגע־קאַכט אַ וועטשערע. זי האָט אָפּגעבראָטן אַ שטיק ריפּן־פֿלייש און געבאַקן אַ רובאַרב־פּאַי. און ווען הילדנבערג האָט געגעסן האָט ער זיך געקוויקט מיט דעם געשמאַקן מאָלצייט.

— דו קאָכסט נאָך בעסער ווי מיין ערשטע ווייב, — האָט ער צו איר געזאָגט.

— קיינער קאָן מיך ניט איבערשטייגן אויף דעם געביט, — האָט מאַדזשי געזאָגט מיט שטאָלץ.

— ווי באַלד אַזוי וועט דיר ביי מיר זיין גוט.

— איך בין צופֿרידן דאָס צו הערן.

דער בחור מיטן מיידל האָבן זי אָנגעקוקט מיט רחמנות־בליקן. און זיך פֿונדעסטוועגן געקילט זייערע הערצער דערפֿאַר וואָס די דאָזיקע פֿרוי פֿאַרנעמט זייער מאַמעס אָרט.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר און דאָס מיידל האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פֿון שטעטל.

און דערפֿאַר וואָס זי האָט ניט אָנגעפֿרעגט ביי הילדנבערגן, צי זי מעג חתונה האָבן, האָט זי דער פֿאָטער מער ניט געוואָלט אַרויפֿ־לאָזן אויף זיין הויף.

מאַדזשי, די שטיף־מאַמע, האָט דוקא בגנבה יאָ זיך געזען מיט הילדנבערגס טאָכטער. זי פֿלעגט איר געבן פֿון צייט צו צייט אַ פּאָר דאָלאַר שטילערהייט, ווייל יענע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרימען קאָובאָי, וואָס האָט זייער זעלטן געאַרבעט.

מאַדזשין איז ניט געווען אַזוי גוט דאָ אויף דער פּרעירי, נאָר איין זאַך — דאָס וואָס זי האָט מער ניט געדאַרפֿט אָנקוקן די שיקאַ־גער אונטערוועלט!

הילדנבערג האָט איר צוגעציילט אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל אָלע וואָך אויף צום לעבן. אָבער זי איז געווען זייער קלוג און זי האָט זיך אַן עצה געגעבן, ווען זי האָט געדאַרפֿט עקסטראַ געלט. זי פֿלעגט פּשוט גיין צו זיין קאָסע און נעמען אָן זיין וויסן. עס איז דאָרטן געווען אַזוי פֿיל געלט, אַז ער האָט סיי ווי ניט געוואוסט דעם חשבון.

הילדנבערג האָט מיט איר געלעבט גוט פֿאַר אירע גוטע מאָל־

צייטן. מיט דעם קאָכן האָט מאַדזשי געשמט איבערן גאַנצן געגנט. און הילדנבערג איז געווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס דאָס האָט אַביסל צוגעדעקט זיין שלעכטן נאָמען אויף דער פּרעירי.

עס איז נאָר געווען שלעכט, וואָס זי האָט ניט געקאָנט האָבן קיין קינד. און מיט וואָס וועט זי זיין באַוואָרנט ווען הילדנבערג שטאַרבט?

עס איז טאַקע אמת, אַז זי איז זייער גוט צום איינציקן בחור, וועמען הילדנבערג האָסט אַזוי . . .

מאַדזשי האָט נאָך ניט געזען, אַז אַן אייגענער פֿאָטער זאָל אַזוי פֿיינט האָבן זיין זון, ווי הילדנבערג האָט פֿיינט.

זי דערלאָזט ניט אַ סך מאָל צו קיין ערנסטע געשלעגן צווישן טאַטן און זון.

וועט עס דער זון געדענקען נאָך הילדנבערגס טויט?

און אַלעמאָל האָט זי נאָר געטראַכט, אַז הילדנבערג וועט שטאַרבן פֿאַר איר. מסתם דערפֿאַר, וואָס הילדנבערג איז געווען עלטער פֿון איר מיט עטלעכע יאָר.

איינמאָל איז אָבער הילדנבערג אַרויסגעגאַנגען מיטן בחור אויף דער פּרעירי שטעלן פּלויטן און איז דערנאָך פֿאַרנאַכט צוריקגעקומען אַליין, אָן דעם בחור.

הילדנבערג איז אַהיים געקומען אַ בייזער, און ווען מאַדזשי האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויפֿן אינגל האָט ער איר מיט כעס געזאָגט:

— ער איז אַוועק צו אַל־די העללן!

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג און דער בחור איז ניט געקומען צוריק. און איבער דער פּרעירי האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז הילדנבערג האָט דערהרגעט זיין זון און אים באַגראָבן אויף דער פּרעירי.

מאַדזשי האָט זיך געהיט מיט אַ וואָרט אַרויסצוריידן.

הילדנבערגס טאָכטער האָט זיך דערוואוסט און אויפֿגעהויבן אַ געוואַלד. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פֿון דער הויפּט־שטאָט פֿון שטאָט זיינען געקומען אויספֿאָרשער מיט פּאָליציי און מען האָט געזוכט אויף דער פּרעירי מיט שפּיר־הינט און מען האָט הילדנ־בערגן גענומען אויף אַ קרייץ־פֿאַרהער.

דער סוף איז געווען, אַז מען איז צו גאָרניט דערגאַנגען. דער בחור איז אַוועק, ווי אין וואַסער אַריין. עס איז פֿון אים עד היום נישטאָ קיין שפּור.

מאַדזשי איז פֿון הילדנבערגן דערגאַנגען נאָך יאָרן און ידרן פֿון כאַפּן ביי אים אַ וואָרט, אַז דער פֿאָטער האָט זיך מיטן זון צע־קריגט און דער זון איז אַוועק.

— און דיך אַרט ניט?

— איך וויל אים ניט זען פֿאַר מיינע אויגן.

— וואָס מיינסטו, עס איז דאָך דיין זון?

— זעסט דאָך, אַז איך קאָן לעבן אָן אים.

מאַדזשי האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין אַזאַ פֿאָטער. עס איז אין הילדנבערגן ניט געווען קיין איין ברעקעלע מענטשלעכעס. טאָג ווי נאַכט האָט ער נאָר געטראַכט פֿון מאַכן געלט, פֿון פּראָצענטן און פֿון דעראָבערן מער פֿערד, מער ערד, מער אייגנטום.

ניינטער קאַפּיטל

נאָר עס איז געווען אַ סך זאַכן וואָס מאַדזשי האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

זי איז שוין אַ פֿרוי ווייט אין די מיטעלע יאָרן און אַזאַ באַ־רואיקטע, אַן אָנגעזעטיקטע און קאָן זיך ניט באַקלאָגן מיט גאָר ניט. און גראָד איצט מיטן אָנקומען פֿון דעם יונג אי קומט אין איר פֿאַר עפּעס אַזוינס וואָס זי קאָן ניט פֿאַרשטיין.

ווי זאָל זי דאָס אָנרופֿן?

דאָס וואָס זי וואָלט וועלן כאָטש אַ גאַנצן טאָג פֿאַרברענגען מיט אי׳ען און אויף אים קוקן — איז עס דען עפּעס?

דאָס וואָס זי האָט ליב זיך איינצוהערן ווי זיינע פֿיס טרעטן אויף דער ערד — וואָס איז זי דען אַזוי ווי אַ מיידעלע?

דאָס וואָס זי מיידט אויס צו ריידן פֿון אי׳ען מיט עלענען — זאָל עס זיין אייפֿערזוכט?

זי זאָל זיין אייפֿערזיכטיק אויף איר דינסט־מיידל!

זי — וועלכע איז אַ באַלעבאָסטע איבער אַזאַ רייכטום!

זי וועט עס קיינמאָל ניט דערלאָזן!

און זי איז דערפֿאַר געוואָרן מערער צערטלעך צו דעם מיידל עלען. איר דאַרף מען אַ פֿינגער אין מויל ניט אַריינלעגן. זי זעט אַז עלען ווערט פֿאַרברענט מיט ליבע צו אי׳ען.

עלען האָט ליב געהאַט אי׳ען און אים פֿאַרגלייכט, אין אירע גע־דאַנקען, מיט באָבין. באָבי איז געווען אַ פּוילענצער, איז ניט

געווען זייער ריין אַרום זיך: פֿון באַבין האָט אַלעמאָל געשמעקט מיט מאַגור און פֿערד. און קיין ציין האָט באַבי שוין אויך ניט געהאַט אין מויל — זיי זיינען ביי אים געווען כמעט אַלע איבערגעפֿוילט. און דאָך, ווען און וואו ער האָט עלענען נאָר באַגעגנט, האָט ער זיך מיט איר זאַטשעפּעט; אָפּט צוגעדריקט זי צו דער וואַנט פֿון אַ שטאַל אָדער געקראַכן מיט זיינע הענט אין איר בוזעם. זי אָבער האַסט אים אַזוי שטאַרק אַפֿילו פֿון דער ווייטנס . . .

און דוקא אַי, ווען זי גלייכט אַפֿילו פֿון דער נאָענט, ווייל ער איז פּונקט פֿאַרקערט, אַ סך ריינער פֿון באַבין און איז אַן אַרבעטזאַמער — דוקא אַט־דער בחור האָט נאָך אַפֿילו ניט געפּרובירט זי אָנרירן.

אַלעמאָל ווען זי באַגעגנט זיך מיט אַי׳ען אויג אויף אויג פֿילט זי, ווי ער שטעקט זי אָן מיט זיין שעמעוודיקייט.

עלען פֿאַרשטייט אים ניט. זי ווייסט ניט צי זי זאָל אים דערפֿאַר רעספּעקטירן, צי זי זאָל, פֿאַרקערט, אים דערפֿאַר פֿיינט האָבן. עלען האָט ניט מיט וועמען זיך צו האַלטן אַן עצה. זי האָט ניט קיין חברטעס דאָ אין דער פּרעירי.

זי איז געווען שטאַרק אַנטוישט נאָך יענעם זונטיק, ווען זי איז געפֿאָרן צוזאַמען מיט אַי׳ען פֿאַר אַ וויזיט צו אירע עלטערן און צוריק.

די דאָזיקע געשעעניש איז געקומען פֿאַר איר אַזוי אומדערדערוואַרטעט.

אַלעמאָל האָט זי געמוזט גיין צופֿוס אויב זי האָט געוואָלט זיין אין דער היים ביי די עלטערן. און ניט אַלעמאָל האָט די מרס. הילדנבערג איר דערלויבט צו גיין אַהיים אויף אַ האַלבן טאָג.

און דאָ גאָר פּלוצלונג הייסט מען אַי׳ען איינשפּאַנען אַ באַגי און זי פֿאָרט אַהיים וויזיטירן מיט אַי׳ען. עס איז געווען צו גוט, אַז זי זאָל עס גלויבן אַפֿילו אין חלום. און דאָך איז עס געשען! זי איז געפֿאָרן מיט אים און דעם גאַנצן וועג, אַהין און צוריק, האָט ער כמעט ווי געשוויגן. אויב ער האָט צו איר גערעדט, האָט ער זי געפֿרעגט ווען־ניט־ווען עפּעס אַ פֿראַגע.

זי פֿאַרשטייט אים ניט!

נאָר פֿונדעסטוועגן איז זי ערשט איצט אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿאַרחלומטע גאַנצע טעג. עס האָט זי געצויגן צו אַי׳ען אַזוי ווי

אַ זומערפֿויגעלע ציט צום ברענענדיקן לאָמפּ. זי האָט זיך אַליין באַשולדיקט, אפֿשר האָט זי געהאַנדלט אַביסל צו קאַלט צו אים.

די גאַנצע וואָך האָט אַי געאַרבעט ביים פֿאַרזייען פֿלאַקס.

אַ פֿאַסקודנע אַרבעט! אַי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אין זיין גאַנצן לעבן וועט ער ניט האָבן צו טאָן מיט קיין פֿלאַקס. עס איז נאָך שווערער ווי צו אַרבעטן אַרום קאַרטאָפֿליעס. די קערנדלעך פֿון פֿלאַקס זיינען גליטשיקע, מיזערנע־קליינע און ווען מען האָט זיי איינגעטונקען אין פֿאָרמאַלדעהאַיד האָבן זיי זיך צוזאַמענגעקלעפּט און זיך פֿאַרמירט אין שטיקער ליים. האָט מען זיי געדאַרפֿט אויס־שפּרייטן אויף דער זון, אַז זיי זאָלן זיך אויסטריקענען און דערנאָך האָט די זייי־מאַשין זיך ניט געלאָזט רעגולירן צו דער מאָס און גרייס פֿון אַ פֿלאַקס־קערנדל.

ניט אומזיסט האָט הילדנבערג פֿיינט צו האָבן צו טאָן מיט פֿלאַקס. וואָס ער זאָל ניט זיין אַלס מענטש און וואָס פֿאַר אַ שלעכ־טע מיינונג אַי זאָל ניט האָבן וועגן אים — אָבער אין דעם ענין פֿלאַקס איז ער מיט אים איינשטימיק הונדערט פּראָצענט.

דורך דער וואָך איז דערווייל דער אָגער געזונט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן פּלוצלונג צו עסן און צו טרינקען און אויפֿגעהויבן זיין שטאָלצן שיינעם קאָפּ צוריק אין דער הויך.

אַי האָט זיך דערמיט מערער געפֿרייט ווי הילדנבערג אַליין. און איידער דער חודש מאַי איז פֿאַריבערגעגאַנגען האָט שוין אַי אָנגע־הויבן אַרויסצונעמען דעם אָגער אויף אַ שפּאַציר יעדן טאָג. און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער אָגער געווען פֿולקאָם געזונט. נאָר הילדנ־בערג האָט נאָך געליטן אויף זיין פֿוס און איז נאָך אַרומגעגאַנגען מיט די קוליעס. ער האָט זיך מיט זיי אַרומגעדרייט אַרום הויז און ניט געקאָנט פֿאָרן אין שטאָט אַריין. אַז אַי האָט אים געמאָנט זיין לוין פֿאַר די עטלעכע חדשים, האָט הילדנבערג געהאָט אַ גוטן תירוץ:

— זעסט, ווי איך גיי אַרום אויף קוליעס!

— „אַז ער גייט אַרום אויף קוליעס דאַרף איך אַרבעטן אומ־זיסט" — האָט אַי געטראַכט מיט פֿאַרדראָס.

יענעם אָוונט האָט אַי זיך צונויפֿגערעדט מיט באַבין וועגן דעם ענין. ער איז געווען געוואוינט פֿון ניו־יאָרק צו ריידן מיט אַרבע־טער אין אַ שאַפּ. און פֿאַרוואָס עס ניט טאָן פּונקט אַזוי אָט־דאָ אויף דער פּרעריע?

אַי האָט געוואוסט, אַז דאָ אויף דער פּרעירי איז דאָ וואו זיך צו באַהאַלטן אַזוי, אַז דער באַלעבאָס זאָל ניט קאָנען נאָכשפּיאָנירן.

נאָך וועטשערע האָט אַי געטאָן באַבין אַ וואונק, אַז ער זאָל אים נאָכגיין. זיי זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן ביז צום וועג וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין.

— אַ שיינער אָוונט היינט, — זאָגט באַבי.

— יאָ, זייער אַ שיינער, — ענטפערט אַי. — עס זעט אויס, ווי עס קלייבט זיך צו רעגענען.

— זאָל רעגענען!

— יאָ, מען דאַרף אַ רעגן.

— איך גלייך, אַז עס רעגנט, — זאָגט באַבי מיט אַ קוויטשיק קולכל, ווי ער וואָלט געלאַכט אין זיך אַריין.

— סעי, וויסטו, אַז איך האָב נאָך ניט געקראָגן קיין איין סענט זינט איך אַרבעט דאָ? — זאָגט פּלוצלונג אַי.

— און וויסטו, אַז איך האָב נאָך אויך ניט געקראָגן קיין איין סענט זינט איך אַרבעט דאָ? — ענטפערט באַבי צוריק מיט אַ פראַגע.

ביידע בחורים בלייבן שטיין אין דער מיט פון וועג.

— דיר צאָלט ער אויך ניט?! — וואונדערט זיך אַי.

— אַז ער צאָלט דיר ניט — איז וואָס איז דער וואונדער? — ענטפערט צוריק באַבי, ווי ווילנדיק געבן אַי׳ען אַ שטאָך דערפאַר, וואָס ער איז דאָ אַ שטיקל פּריווילעגירטער מיט אַ דיפּלאָם.

— לאָמיר זיין אָפּנהאַרציק, — זאָגט אַי. — וואָס וועט זיין דער סוף? ביז וואַנען קאָנען מיר אַרבעטן אָן ווײדזשעס?

— איך קאָן אויפהערן מאָרגן צו אַרבעטן!

— איך, אויך! — ענטפערט גלייך אַי.

איבער זיי ביידע איז געווען אַ טיפער אויסגעשטערנטער הימל. דאָ און דאָרט זיינען געשוואומען אָפּגעריסענע שטיקלעך וואָלקנס, ווייסע און דורכזיכטיקע. עס איז געווען אַ ליבלעכע, שטילע מאַי־יאָווע נאַכט. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט דאָס בילן פון הינט פונווייטן און אַן ענטפער פון דער פּרעירי פון אַ וואָיען פון פּרעירי־וועלף.

— איך בין פאַרטיק אַלעמאָל ניט צו אַרבעטן, — זאָגט באַבי נאָך אַ סעקונדע פון שווייגן.

— אָבער מיר דאַרפֿן עס מאַכן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופֿן, — זאָגט אַי. — ווי וואָלט געווען, אַז מאָרגן נאָך ברעקפֿעסט זאָלן מיר ביידע צוגיין צו הילדנבערגן און אים דערקלערן?

— וואָס דערקלערן? — פֿאַרשטייט ניט באַבי.

— אַז מיר ווילן אונזער לוין, אַניט אַרבעטן מיר ניט.

— מען קאָן פּרובירן.

— געדענק־זשע, מאָרגן נאָך ברעקפֿעסט גייען מיר ביידע צו צו אים און פֿאָדערן אונזער לוין.

— און אויב ער גיט ניט?

— וועלן מיר ניט אַרבעטן.

— דער סאַנאַווע . . . ער איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט.

— נאָר אונז צו באַצאָלן, איילט ער זיך ניט.

— מיר וועלן אים שוין מאַכן אונז צו באַצאָלן! — פֿרייט זיך באַבי. — און איך וועל קיינעם ניט דערציילן . . .

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? — זאָגט אַי. — האָבן מיר ניט קיין רעכט צו פֿאָדערן אונזער לוין?

— אָבער זיי האָבן אונז געזען אַוועקגיין ביידע צוזאַמען.

— שפּיי איך אויף זיי . . . — זאָגט אַי. — וואָס קאָנען זיי אונז טאָן?

— איך האָב פֿאַר זיי קיין מורא ניט, — זאָגט באַבי, — איך בין געוואוינט צו בייטן באַלעבאַטים. איז ניט ביי דעם, וועל איך אַרבעטן ביי אַן אַנדער סאַנאַווע . . .

— איז עס אָפּגעמאַכט?

— זיכער!

— מיר וועלן נאָך גיין אַביסל שפּאַצירן און דערנאָך קערן מיר זיך צוריק אום.

— מיר קאָנען באַלד צוריקגיין, — זאָגט באַבי. — איך פֿיל ניט ווי צו נעמען אַ שפּאַציר. מיינע פֿיס טוען מיר וויי. ווינציק גייען מיר אַרום אַ גאַנצן טאָג אויף די פֿיס?

צוריק זיינען זיי געגאַנגען שווייגנדיקע. ווען זיי זיינען צוגע־קומען צום הויז איז הילדנבערג מיט זיין ווייב געזעסן אינדרויסן ביי דער אָפֿענער טיר פֿון דער באַלויכטענער קיך.

— וואו זיינט איר געווען? — באַגעגנט זיי פֿרוי הילדנבערג מיט אַ זיסער שטימע. — איר האָט אפֿשר זיך געיאָגט נאָך סאַוועס?

— עקזעקטלי! — ענטפערט באָבי מיט פיל איראָניע אין זיין קול.

— האָט איר געהאַט גליק?

— ניין! — ענטפערט אַי געלאַסן און זיכער.

די באַלעבאָסטע האָט טאַקע שוין באַלד אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז די צוויי בחורים זיינען געגאַנגען אויף יאַגד נאָך סאָוועס.

— איך ווייס וואו איינע געפינט זיך; יעדן אָוונט, פונקט אויף דעם זעלבן אָרט זיצט זי אויפן פלויט, — זאָגט די באַלעבאָסטע.
— נאָר ווען איך קום צו צו יענעם אָרט איז זי דאָרט נישטאָ.

הילדנבערג האָט זיך צעלאַכט פון זיין ווייבס רייד.

— פויגלען, פונקט אַזוי ווי פרויען, קאָן מען קיינמאָל ניט געפי־נען דאָרט וואו זיי דאַרפן זיין, — האָט הילדנבערג באַמערקט.

די פרוי זיינע האָט אים אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן:

— דו האָסט מיך געפונען אויפן ריכטיקן אָרט . . .

— דו האָסט געזאָגט אַ פול מויל מיט ווערטער . . .

ביי די דאָזיקע ווערטער האָבן אַי מיט באָבין, גענומען אַפשייד און זיינען אַרויפגעגאַנגען אויבן שלאָפן. זיי האָבן סיי ווי ניט פאַר־שטאַנען דאָס, וואָס פרוי און מיסטער הילדנבערג זאָגן זיך אַריין . . .
די צוויי אַרבעטער האָבן אָנגענומען פאַר הלצות זייערע ווערטער און ביי אַזאַ געלעגנהייט איז פאַר זיי געוועזן זייער באַקוועם זיך אָוועקצוכאַפן אַפילו אַן אַ גוטער נאַכט.

דורכגייענדיק דורך דער באַלויכטענער קיך האָט באָבי געטאַן עלענען אַ קניפ אין ניט קיין שיינעם אָרט. אַי האָט עס באַמערקט. עלען איז געשטאַנען און געווישט דאָס געפעס, וואָס האָט געהאַלטן פאַרנומען אירע ביידע הענט. זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפ ביין און האָט באַמערקט אַז אַי׳ס פנים האָט זיך אָנגעצונדן.

— העי! האַלט דיינע שמוציקע הענט ווייט אַוועק פון איר!
— האָט אַי געזאָגט בייז צו באָבין.

באָבי האָט געשטשירעט זיינע אויסגעפוילטע ציין. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַי מאַכט שפּאַס מיט אים. אָבער אַז ער האָט דערזען אַז עס איז ניט קיין שפּאַס און ווי אַי׳ס פנים איז אָנגעצונדן, האָט באָבי געזאָגט אויך בייז:

— ווער וועט מיך ניט לאָזן טאָן דאָס, וואָס איך וועל וועלן?

— איך! — האָט אַי אויסגעשטעלט זיין ברוסט.

— ערשט פֿריער זיינען מיר געווען פֿריינט . . .

אָבער אַי האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן.

— נעם עס גרינגער, באַבי; איך בין נאָך איצט אויך דיין פֿריינט פּונקט ווי פֿריער, נאָר דאָס מיידל לאָז צורו. זי אַרבעט שווער און ביטער.

— סאָ וואָט?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט זי לאָזן צורו, — האָט אַי אים אַריינגעשושקעט אין אויער.

אין דער מינוט זיינען זיי שוין דערווייל געווען אויבן אין דאַך־שטיבל. דאָרט איז געווען פֿינצטער. קיין לאָמפּ האָט מען דאָרט ניט געטאָרט אָנצינדן, ווייל הילדנבערג האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ פֿייער.

— סעי, וואָס גייט דאָ אָן צווישן דיר און איר? — האָט באַבי געפֿרעגט.

— איך פֿאַרזיכער דיך, אַז עס גייט גאָר ניט אָן; עס איז בלויז ריינע סימפּאַטיע פֿון אַ ברודער־אַרבעטער צו אַ שוועסטער־אַרבעטער.

— דאָס אַלץ? — האָט באַבי געפֿרעגט און אין דער פֿינצטערניש האָט זיין שטימע געקלונגען ווי די שטימע פֿון אַ קליין אינגל.

— דאָס אַלץ! און גדענק, מאָרגן אינדערפֿרי, וואָס מיר האָבן אָפּגעמאַכט. אַ גוטע נאַכט!

— פֿריילעכע חלומות! — האָט באַבי צוריק געוואונטשן.

אין דער פֿינצטער האָט זיך געהערט ווי די צוויי אַרבעטער טוען זיך אויס און וואַרפֿן זיך אַריין אין זייערע בעטן. זיי האָבן מער ניט גערעדט צווישן זיך. באַבי האָט באַלד אָנגעהויבן צו כראָפּען און אַי איז נאָך לאַנג געלעגן און געקלערט. דער אינטע־ליגענט אין אים האָט געקעמפֿט מיט דעם מידן אַרבעטערס געמיט. עס האָט זיך אים איצט דוקא געוואָלט שלאָפֿן זייער שטאַרק. אָבער פֿאַר זיינע אויגן זיינען אויפֿגעשטאַנען אַלערליי פּאַסירונגען אין זיין לעבן און פֿון אים געריסן פּאַסן. ער האָט זיך דערמאָנט פֿאַרשיי־דענע קלייניקייטן, וועלכע האָבן מיט אים געטראָפֿן ווען ער איז

געווען אַ קליין ייִנגל און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַנדלט נאַריש און ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין.

אָ, ווען ער וואָלט געקאָנט זיך איבערגיין נאָך אַמאָל; אָנהויבן פֿון קינדווייז אָן!

* * *

אינדערפֿרי נאָך איבערבייסן האָט הילדנבערג ווי געוויינלעך איינגעטיילט די אַרבעט צווישן ביידע בחורים.

— אַנטשולדיקט, מיסטער הילדנבערג, מיר ווילן מיט אייך וועגן עפּעס ריידן.

הילדנבערג האָט געטאָן אַ קרים מיט זיין פּנים.

— וואָס ווילט איר?

ביידע בחורים האָבן זיך אויפֿגעשטעלט. זיי האָבן ביידע מיט־אַמאָל אָנגעהויבן צו ריידן.

— איינער אויף אַמאָל. — האָט הילדנבערג געזאָגט. — איך קאָן ניט ליידן ווען צוויי ריידן אין איין צייט.

— די זאַך איז גאַנץ פּראָסט. — האָט באָבי אויסגעכאַפּט דעם כבוד צו ריידן פֿריער. — מיר ווילן אונזערע ווייִדזשעס.

הילדנבערג האָט געטאָן אַ גלאָץ אויס זיינע גרויע אויגן אויף אַ׳עז, ווי ער וואָלט געזאָגט: — דו אויך?!

— יעס, מיר ווילן מער ניט אַרבעטן אָן געלט, — האָט אַי גע־זאָגט.

— איך וויל פֿאַרשטיין . . . איר ווילט אייערע ווייִדזשעס באַלד אין דער מינוט. אַניט, אַרבעט איר ניט?! — האָט הילדנבערג געצײלט זיינע ווערטער, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט צום קלאַפּן פֿון זיין פּולס.

— יעס, דאָס וואָס מיר ווילן, — האָט אַי געענטפֿערט.

אין געוויינלעכע אומשטאַנדן, ווען הילדנבערג וואָלט ניט געווען איצט אַרומגעגאַנגען מיט קוליעס, וואָלט ער זיך מסתם צעשריען, אַז ער דאַרף זיי ניט און זיי קאָנען זיך גיין אין אַלדי שוואַרצע יאָר. אָבער איצט האָט הילדנבערג קוים איינגעהאַלטן זיין גרימצאָרן, וואָס האָט זיך געריסן פֿון אים אינעווייניק.

— וואו וועל איך אייך איצט נעמען געלט? — האָט הילדנבערג אַ פֿאַרמאַסקירטער זיך געבעטן.

— מיר ווילן ניט וויסן! . . . — האָט באַבי אויפֿגעהויבן זיין קוויטשעדיק קול אויף דער העכסטער אָקטאַווע.

ביידע בחורים זיינען אַרויס פֿון עס־צימער. זיי זיינען מיט שווערע פֿיס געגאַנגען איבער דער פֿאָדלאָגע פֿון קיך. די פֿרוי הילדנבערג האָט שוין דערקענט אין זייערע טריט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט. זי איז באַלד אַריין צו איר מאַן און די צוויי אַרבעטער האָבן געגומען זייערע קאַפּעליושן פֿון ווינקל און אַרויס אינדרויסן.

— מיר רירן זיך ניט פֿון אָרט, — זאָגט אַי צו באַבין.

— ביז וואַנען ער צאָלט ניט אויס ביז צו אַ פּעני, — האַלט זיך באַבי פֿעסט.

זיי זיינען אַריין אין שטאַל און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קופּע ווייצנשטרוי.

דערווייל איז פֿאָרגעקומען צווישן פֿרוי און מיסטער הילדנבערג אַזאַ סצענע:

— וואָס איז געשען? — האָט די פֿרוי געפֿרעגט.

— נישט דיינע ביזנעס!

— וואָס בין איך דאָ ביי דיר, אַ דינסט, צי וואָס?

— בעסער מיש זיך ניט. איך קאָן נאָך ווערן אויפֿגעבראַכט, און דאַן . . .

— מיט דיין קרומען פֿוס וועסטו ווייט ניט קאָנען אַוועקגיין . . .

— איך וועל זיי דערשיסן! . . . אַט וועסטו זען ווי איך נעם די ביקס און איך וועל זיי דערשיסן ווי צוויי הינט.

— פֿאַר וואָס?!

— זיי האָבן זיך צובונטעוועט: אָדער געלט, אָניט אַרבעטן זיי ניט.

— עס קומט זיי, דאַרפֿסטו זיי באַצאָלן, — זאָגט די פֿרוי האַלב אין טרערן.

— עס איז מיינע ביזנעס . . . איך וועל זיך ניט לאָזן „בול־דאָזן" פֿון צוויי טרעמפּס.

— וואו וועסטו איצט קריגן אַנדערע אַרבעטער? עס וועט דאָך שוין באַלד קיינער ניט וועלן ביי דיר אַרבעטן!

די פֿאַר לעצטע ווערטער האָבן אַזוי ווי אונטערגעשאָסן מיסטער הילדנבערגן. ער האָט זיך גענומען אַ הויב אויף פֿון זיין אָרט, גע־כאַפּט ביידע קוליעס און מיט זיי געגומען סטוקען אין דיל.

— גיב מיר די ביקס! — האָט ער גענומען שרייען ניט מיט קיין מענטשלעכער שטים.

— אַזוי זאָל מיר גאָט העלפֿן, אַז איך נעם די ביקס און שיס אין דיר אַריין די ערשטע קויל! — זאָגט פֿרוי הילדנבערג בייז און מיט פֿאַרטרערטע אויגן.

— אַזוי! דו ביזט מיט זיי האַנט אין האַנט!

— דו האָסט געלט אין שטוב, נעם און באַצאָל די אַרבעטער און מאַך ניט קיין סקאַנדאַלן.

— איך וועל עס ניט טאָן!

— וועל איך עס טאָן!

פֿרוי הילדנבערג איז צוגעלאָפֿן צו דער וואַנט און אַראָפּגעכאַפּט די ביקס. זי האָט געעפֿנט דאָס פּולווער־פּעסל און אַריינגעקוקט צי עס איז דאָרט פֿאַראַן פּיסטוילן. זי האָט דאָס טירל פֿאַרמאַכט מיט אַ קנאַק און אויפֿגעהויבן די ביקס אויף איר אַקסל.

— איצט, מיסטער הילדנבערג, — האָט זי געגעבן אַ באַפֿעל, — גיב איך דיר די לעצטע וואָרנונג: באַצאָל די אַרבעטער, אויב ניט שיס איך.

הילדנבערג האָט זיך צעלאַכט. עס איז אים געפֿעלן דער מוט פֿון זיין ווייב. „ווער ווייסט זי? אפֿשר וועט דער דאָזיקער טייוול טאָקע אויסשיסן?...” האָט ער געטראַכט.

ער איז אַריינגעקראָכן אויף די קוליעס אין אַלקער אַריין, דאָרט זיך געזאַמט אַ ווייַלע ביי דער אייזערנער קאַסע און איז דערנאָך אַרויסגעקומען מיט אַ זשמוט פּאַפּיר־געלט.

— נאַ, אָט האָסטו געלט! גיי באַצאָל זיי.

די פֿרוי האָט צוגענומען דאָס געלט און איז מיט דער ביקס אויף אירע אַקסל אַרויס אינדרויסן.

זי האָט מיט אַ זינגעוודיקער שטים גערופֿן די צוויי אַרבעטער, ווי זי פֿלעגט געוויינלעך רופֿן צום אָנבייסן.

אַז אַי מיט באַבין האָבן זיך באַוויזן און זי דערזען מיט אַ ביקס, האָבן זיי גאָר ניט פֿאַרדעכטיקט וואָס זי האָט זיך געקליבן צו טאָן.

די צוויי אַרבעטער זיינען צוגעקומען צו דער באַלעבאָסטע און זי האָט זיי איינגעטיילט יעדן זיינע ווידזשעס.

— דאָס איז זייער אַ שיינער וועג ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַ באַלעבאָס!... — האָט זי מיט באַליידיקונג געזאָגט. — קיין שענע־רער וועג איז שוין נישטאָ?

— העלל! פאַרוואָס איז נישטאָ? — האָט באַבי געזאָגט. — אָט נעמט מען און מען באַצאָלט!

— וועל, עס איז זייער אַ קאָמישע וועלט, — זאָגט די פרוי שטילערהייט. — אַלץ איז אַזוי טאַפסי־טוירווי . . .

זי האָט געביטן איר שטים און געזאָגט: — פון איצט אָן און ווייטער בין איך באַלעבאָס. ער איז שוין אויסגעשפּילט!

זי האָט געטאָן אַ פּאַך מיט דער האַנט צו דער אָפענער טיר:

— וועל, יעדער איינער צו זיין אַרבעט!

צענטער קאַפּיטל

דער אָגער האָט זיך פולשטענדיק אויסגעהיילט. ווען אַי איז אַריין צו אים, זיך מיט אים טיילן מיט דער פרייד, אַז ער האָט שוין געקראָגן זיינע ווידזשעס, האָט ער באַמערקט, אַז דער אָגער האָט אַ גלאַנץ אין זיינע אויגן. דער באַוואוסטער ברענענדיקער גלאַנץ, וואָס אָגערס האָבן אין זייערע אויגן, ווען זיי גאַרן צו זיין מיט שקאַפּעס.

אַי האָט דעם אָגער געגעבן אַ שמעק טאָן דעם בינט מיטן געלט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געקראָגן פון פרוי הילדנבערג.

— איצט, אַז מיר האָבן שוין געקראָגן אונזערע ווידזשעס, דעאַטראַגנען, ווועלן מיר אַרויסגיין אַביסל צו די שקאַפּעס.

דער אָגער האָט געטאָן אַ הירזשע, זיין גאַנצער קערפּער האָט אָזש געטאַנצט פון פרייד. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ אין דער הויך און אויסגעשטרעקט זיין האַלדז ווי וויט ער האָט נאָר גע־קאָנט און זיין אויבערשטע ליפּ פאַרבויגן אויף אַרויף, אַזוי אַז די ווייסע, געזונטע ציין האָבן זיך איינגאַנצן אַרויסגעזען.

אַי האָט אים אָנגעטאָן דאָס צוימל און צוגעבונדן אַ לאַנגן שטריק צום רינגל. דעם שטריק פאַרבונדן אין אַ שיינעם צוזאַמענגעוויקלטן בינט און מיט פערד אַרויס פון שטאַל.

די באַלעבאָסטע איז אַרויסגעקומען אין דרויסן.

— אַי, פון היינט אָן און ווייטער זיינט איר דער באַלעבאָס אי־בער די פערד!

— אָלרייט, איך וועל זיין דער באַלעבאָס! און איך וויל אַז קיינער זאָל זיך ניט מישן.

— קיינער וועט זיך ניט מישן צו די פערד. אויב עס וועט

אימיצן איינפֿאַלן זיך צו מישן, לאָזט מיר וויסן. איך וועל שוין יענעם געבן זיין שטראָף.

אַי איז געגאַנגען מיטן אָגער באַרג־אַראָפּ צו דער קאָראַל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך ניט צונויפֿגענומען די שקאָ־פּעס אין קאָראַל אַריין. מער דאַרף ער ניט, אַז הילדנבערג זאָל זיך דערוויסן, אַז ער פֿירט דעם אָגער אין קאָראַל איידער ער האָט צונויפֿגענומען די שקאָפּעס. אָבער אַי האָט איצט געפֿילט צו טאָן די אַרבעט אויף זיין אייגענעם וועג. ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם אָגער אין דער קאָראַל און אים דאָרטן צוגעבונדן צו אַ סלופּ.

— דו, שטיי דאָ אַליין, ביז איך וועל ברענגען די שקאָפּעס! — האָט אַי געזאָגט צום אָגער. ער איז ערשט נאָכדעם אַוועק צוריק אַהיים און אָנגעזאָטלט אַ רייטערל און איז אַרויס אויף דער פּרעירי איינצוזאַמלען די שקאָפּעס.

און וואונדער איבער וואונדער! די שקאָפּעס האָבן ווי דערפֿילט, אַז דער אָגער וואַרט שוין אויף זיי. זיי זיינען אַלע געלאָפֿן אָן שום שוועריקייטן גלייך צו דער קאָראַל.

און וואָס פֿאַר אַן אויפֿנאַמע זיי האָבן עס געגעבן דעם אָגער!

אַלע האָבן אים געוואָלט האָבן לעבן זיך אויף אַמאָל. און דער אָגער האָט אַליין ניט געוואוסט צו וועלכער שקאָפּע פֿריער צוצוגיין. עס איז געווען אַ גרויס געיובל און געהירזשעריי צווישן די שקאָ־פּעס. יעדער פֿערד האָט געשריגן אויף זיין אייגענעם שטייגער. די טערקאָטע פֿערד האָבן, למשל, געוויינט ווי קליינע קינדער און די שוואַרצע פֿערד האָבן ווי געלאַכט און די געשפּרענקלטע־גראָע האָבן אונטערגעטענצלט אויף זייערע שיין־געפֿלעקטע פֿיס און אַ שטויב איז אויפֿגעקומען אין דער לופֿט.

אין דרויסן איז איצט געווען זייער וואַרעם. די זון האָט גע־שיינט אין איר פֿולער פּראַכט, אַזוי ווי אַ זון דאַרף שיינען אין חודש מאַי. די נאַטור אַרום און אַרום איז געווען פּראַכטפֿול. גרינע בערג, אַזוי ווי מיט סאַמעט און מיט פּליוש אויסגעשפּרייט. אַ ווינטל האָט געבלאָזן און געבראַכט מיט זיך אַזוינע טייערע געווירצן און ריחות. עס איז פֿון די דאָזיקע ריחות אַזוי גוט געוואָרן, כאָטש נעם און שלינג און שוועב ערגעץ אַוועק!

עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן ווי אַזוי דאָס גרויסע פֿערד ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט די אַלע שקאָפּעס, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט. אַי האָט אַזש געלאַכט פֿון זיין אומבאַהאָלפֿנקייט.

— „אַט אַזוי וואָלט איך געפּילט, ווען הונדערטער פּרויען וואָלטן מיך פּלוצים אַרומגעסטאַפּעוועט, און אַלע וואָלטן געוואָלט אַז איך זאָל יעדער באַזונדער שענקען אַביסל ליבע!" — האָט אַי צו זיך אַליין געטראַכט. ער האָט פונדעסטוועגן געטאָן אַ געשריי צום אָגער, אַז ער זאָל ניט האַנדלען ווי אַ פאַרלוירענער.

דער אָגער האָט אים געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי איינער וואָלט געזאָגט: — „גוט איז דיר, וואָס דו ביזט אַ פרייער צו טאָן וואָס דו ווילסט!"

אַי האָט באַלד באַפרייט דעם אָגער פונעם סלופּ און אויפגעבונדן דעם שטריק און דעם אָגער געלאָזט לויז אויף אַזוי ווייט, וויפיל דער שטריק האָט דערלויבט. אַליין איז אַי אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די שפּיל פון דעם אָגער מיט די שקאַפּעס.

פריער זיינען זיך די שקאַפּעס צעלאָפן אין אַלערליי ווינקעלעך פון דער קאָראַל און געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיי ווילן אים אַפילו ניט קענען. זיי זיינען אַזוי אַרומגעלאָפן אַרום און אַרום דער קאָראַל אין אַ רינג ביז עס איז אויפגעגאַנגען אַ שטויב ביז צום הימל.

דער אָגער איז אָבער אויך ניט געווען קיין נאַר. ער האָט זיך אַפילו ניט געוואָלט יאָגן נאָך זיי. ער איז געשטאַנען מיט זיינע פיר פיס אויף דער ערד און האָט, ווי עס האָט אויסגעוויזן, זיך זייער ווינציק געזאָרגט וואָס ער איז איצט אַליין. דערווייל איז ער גרייט געוואָרן זיך צו טרעפן מיט וואָס פאַר אַ שקאַפּע עס וועט זיך נאָר לאָזן.

אַי איז געשטאַנען פון וויטנס און געהיט דעם אָגער, אַז ער זאָל ניט ווערן ווילד. ער האָט אים קאָנטראָלירט מיט דעם שטריק, וועלכן ער האָט געהאַלטן פעסט אַרום זיינע הענט אַרומגעוויקלט. ער האָט יעדעס מאָל אים געגעבן צו וויסן, דורך אַ צי מיטן שטריק, אַז ער זאָל וויסן, אַז מען האָט אויף אים אַן אויג.

עס איז אָבער ניט געווען קיין פּלאַן, ווי עס האָט זיך אַי'ען געדאַכט, צו שטיין אַזוי און וואַרטן ביז די שקאַפּעס וועלן צוקומען צום אָגער. עס וואָלט זיכער געדויערט אַ גאַנצן טאָג, אָדער ווער ווייסט וויפיל.

איז אַי געפאַלן אויף אַ נייעם פּלאַן. נאָך אַלעמען איז דאָס

געווען זיין צווייטער טאָג אויף אַזאַ אַרבעט. און צו דעם איז ער נאָך געווען אַליין אַ בחור — און אַ שעמעוודיקער בחור, וואָס האָט אַליין זייער ווינציק געהאַט באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם פֿרויען־געשלעכט. ער האָט זיך ביי דעם דאָזיקן געדאַנק פֿאַרשעמט און איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פֿערד לייענען אויף זיין פּנים זיינע געפֿילן . . . אים האָט שוין לאַנג באַנג געטאָן פֿאַרוואָס ער האָט זיך גענומען צו אַזאַ מלאָכה, ווען ער ווייסט גאָרניט וועגן דעם ענין. אמת, ער האָט אין שול געלערנט וועגן דעם זייער אַ סך, אָבער ער האָט קיין שום פּראַקטיקע ניט געהאַט.

עס איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף אים. און ווען מען זאָל איצט געווען צוגעקומען צו אים און ביי אים צוגענומען דאָס פֿערד, וואָלט אַי געווען שטאַרק צופֿרידן, ווייל עס איז אים איצט מיטאָמאָל, פּלוצים, די דאָזיקע אַרבעט ניט געגאַנגען צום האַרצן.

די שקאַפּעס זיינען דערווייל נאָך אַלץ אַרום און אַרום געלאָפֿן, אַרום דעם קאָראַל, אין אַ ווילדן קאַראַהאָד. און דער אָגער איז געשטאַנען אַזוי ווי צוגעקאָוועט צו דער ערד. זיינע פּיס צעשפּרייט און זיין הויט, די שוואַרץ־גלאַנציקע, האָט זיך עלאַסטיש געכוואַליעט איבער זיין גאַנצן קערפּער, אַזוי ווי קליינע כוואַליעלעך איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון אַ קליין טייכל, ווען אין דער טיף פֿון דעם טייכל קלייבט זיך אַ שטאַרקער, טיף־באַהאַלטענער שטראָם.

אַי איז געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז ער זאָל אַריינפֿירן די שקאַפּעס איינציקווייז אין דער שטאַל פֿון קאָראַל און דערנאָך צו זיי אַריינפֿירן דעם אָגער, אפֿשר וועט אַזוי זיין בעסער.

ער האָט גענומען דורכפֿירן זיין פּלאַן. אָבער די שקאַפּעס האָבן אים ניט געוואָלט פֿאָלגן. עס איז געווען שווער צו מאַכן די שקאַפּעס פֿאַרשטיין וואָס מען וויל פֿון זיי. די ווילדע פֿערד האָבן מורא געהאַט, טאָמער וויל מען זיי טאָן עפּעס שלעכטס.

— איך וועל אייך ניט טאָן קיין שום בייז! — האָט אַי צו די פֿערד גערעדט ווי צו אַ מענטשן. — עס איז דאָך אין אייערע אינ־טערעסן, אַז איר זאָלט אַריינגיין צו איינציקע, און דאָרטן וועט איר קאָנען טאָן וואָס איר וועט וועלן.

די ווילדע פֿערד האָבן אָבער אים ניט פֿאַרשטאַנען. זיי האָבן אויף אים געקוקט מיט זייטיקע בליקן, און אין דעם טויער ניט

געוואַלט אַריינגיין. אַי איז געוואָרן אויסער זיך פון כעס און ער האָט שוין געהאַט ביי זיך געפּועלט, אַז ער טויג ניט צו אַזאַ אַרבעט. ווען, פּלוצים, איז איינע פון די שקאַפּעס אַליין צוגעקומען צו דעם אָגער און זיך מיט אים גענומען סודען. עס איז געווען מערקווירדיק צוצוקוקן, ווי אַזוי די צוויי פערד שטייען איינער לעבן אַנדערן און שמועסן זיך דורך אויף זייער שפּראַך. זי צו אים:

— אַ נעם אים ביי דעם בינטל האָר, וואָס פאַלן ביי אים צווישן די אויערן; זי שטרעקט איר האַלדז אַזוי אויס אַז עס קומט אויס, אַז אירער מוז זיך אַנרירן מיט זיינעם. דערווייל גיט ער איר אַ ביס אין דער מאַנגע. די שקאַפּע גיט דערפון אַ שטאַרקן שפּרונג אַוועק פון דעם אָגער, אַזוי ווייט, אַז עס האָט אַי'ען אויסגעוויזן, אַז עס איז שוין געוואָרן אַ קריג צווישן די צוויי פערד. אָבער עס האָט ניט גענומען קיין סעקונדע און די שקאַפּע איז צוריקגעקומען צום אָגער, און איצט האָט דער אָגער צו איר ווי געזאָגט עפּעס אויף זיין לשון . . .

* * *

דערווייל איז הילדנבערג געווען נייגירק צו וויסן, וואָס אַי טוט דאָרטן אויף דער פּרעירי. ער האָט גענומען דעם לאַנגן שפּאַקטיוו און מיט אים אַרויס אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך אויף דער פּרעירי. ער האָט געקוקט אַ פּאָר מינוט אַהין וואו אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער ייד באַדאַרף זיין מיטן פערד. קוקט ער אַזוי, קוקט און זעט גאָרניט. ניט ער זעט קיין פערד, ניט ער זעט קיין שום רייטער. שעלט ער מורמלענדיק צו זיך אַליין, מיט אַן אַמע־ריקאַנער קללה, דעם יידן און זיין מאַמען . . .

— אַ יידן האָב איך געדאַרפט האָבן! טאָמער האָב איך ווינ־ציק געהאַט אַן אים! ווי אַזוי האָב איך ניט געוואוסט פריער, אַז אַ ייד טויג ניט צו אַזאַ אַרבעט? . . .

הילדנבערג איז אַריינגעגאַנגען צו זיין ווייב אין קיך אַריין און צו איר געזאָגט:

— הער אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן. איך דענק, אַז דיין יידל האָט דאָרטן געמוזט עפּעס אָנאַרבעטן אַ צרה!

— וואָס מאַכט דיך אַזוי צו טראַכטן? — פרעגט מאַדזשי אַ דערשראָקענע.

— ווייל ער איז נאָך נישטאָ צוריק. עס איז שוין אַזוי שפּעט!

עס איז שוין צייט צו געבן עסן די פערד אין שטאַל. דאָס האָב איך דיר צו פֿאַרדאַנקען!

— מיר?!

— יאָ, דיר!

— און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין יענקי־באָי? דענקסט, אַז ער איז בעסער?

— דער דאָזיקער אידיאָט איז גאָר ניט ווערט דאָס עסן, וואָס מיר גיבן אים.

— פֿאַרוואָס האַלטסטו אים, אויב ער געפֿעלט דיר ניט? דו האָסט ניט וועמען אויפֿצואוואַרפֿן. ווייל עס איז אינגאַנצן דיין אייגענע שולד . . .

— אַלע מאָל נעמסטו זיך אָן פֿאַר יידן, — האָט הילדנבערג זיך געטאָן אַ קער אויף זיינע קוליעס אַרום און אַרום. — איך וועל ניט קאַווירן, אַז דו אַליין האָסט עפּעס צו טאָן מיט יידן . . . ווער ווייסט דיך דאָרטן פֿון וואַנען דו קומסט אַרויס . . .

— און אַז איך קום אַרויס פֿון יידן, איז וואָס וועסטו מיר קאָנען טאָן?! . . . אָט זאָג איך דיר גלייך אין די אויגן אַריין, אַז איך קום אַרויס פֿון די ריכטיקע יידן, און גיי טו מיר עפּעס! . . . אפֿשר וועסטו מיך אויך ערגעץ אַוועקפֿירן אויף דער פּרעירי און מיך דאָרטן אומברענגען, ווי דו האָסט געטאָן מיט דיין זון?

— וואָס האָסטו געזאָגט? — צינדט זיך הילדנבערג אָן ווי אין אַ העליש פֿייער און גיט אַ קלאַפּ מיט איינער פֿון זיינע קוליעס אויפֿן דיל פֿון קיך. — איך וויל עס הערן פֿון דיר נאָך אַמאָל; וואָס האָסטו געזאָגט?!

— איך האָב פֿאַר דיר ניט קיין מורא, טאַם. איך בין ביי זיך אין שטוב און אויב דו וועסט ווערן פֿרעך וועל איך דיך אַרויסוואַרפֿן אין דרויסן!

— דו וועסט מיך אַרויסוואַרפֿן פֿון מיין שטוב? דאָס איז אינטערעסאַנט! . . .

— יאָ, איך וועל דיך צווינגען מיך רעספּעקטירן, און אויב דו וועסט מיך ניט פֿאָלגן, וועל איך טאָן דאָס, וואָס אַ פֿרוי האָט אַ רעכט צו טאָן ווען זי האָט שוועריקייטן אויף דער פּרעירי.

הילדנבערג האָט בייז אָנגעקוקט זיין ווייב. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זי געזען אין אַזאַ אויפֿגעבראַכטן צושטאַנד. ער האָט זי ניט דערקענט.

— ניט אַנדערש, אַז דו האָסט זיך אָנגעשטעקט מיט דעם יידישן יונג! — האָט הילדנבערג געזאָגט מיט פיל גרימצאָרן אין זיין שטימע.

— און אַז יאָ, וואָס וועסטו מיר קאָנען טאָן? איך בין איצט פונקט אַזוי זעלבשטענדיק ווי איך בין געווען, ווען איך האָב נאָך דיך ניט געקענט.

— אָ, יע! — העכערט הילדנבערג זיין קול.

אינמיטן פון אַט־דער קריגעריי איז דאָס מיידל עלען אַריינגעקומען אין קיך אַריין. און אַזוי גיך ווי זי איז אַריין, האָבן מאַן און ווייב איבערגעריסן זייער קריגעריי און זיי האָבן באַלד שוין גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש.

דאָס מיידל איז ניט געווען קיין נאַר. זי האָט באַלד געזען, וואָס דאָ קומט פאָר.

— מאַדזשי, טייערע, וואָס קאָכסטו עפּעס היינט? — האָט הילדנבערג מיט אַ געמאַכטער ווייכקייט אין זיין שטים געפרעגט.

— איך קאָך דאָס, וואָס דו האָסט ליב?

— זיינען שוין די באָיעס צוריקגעקומען? — האָט זיך הילדנבערג געווענדט צו עלענען מיט אַן אומשולדיקער פראַגע, גלייך ווי ער וואָלט גאָר ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך ביי אים אויפן פאַרם.

— איך ווייס ניט, — ענטפערט עלען שטיל און מיט איר געווינלעך אומשולדיק שמייכעלע.

— זאָג, עלען טייערע, האָבן עפּעס די באָיעס מיט דיר גערעדט?

— פרעגט הילדנבערג פלוצלונג ביים מיידל.

דאָס מיידל קוקט אים אָן מיט פאַרוואונדערונג. זי קען אים זייער גוט, אַז זי זאָל אים ניט פאַרשטיין. זי ווייסט פון דערפאַרונג, אַז ווי זי זאָל ניט האַנדלען, וועט זיין ניט גוט. ווען זי זאָגן אַ ליגן, אַז זיי האָבן יאָ גערעדט מיט איר, וועט ער זיין אין כעס פאַרוואָס זי האָט מיט זיי גערעדט, און וועט זי שוין ניט אָפּלאָזן, אַז זי זאָל אים דערציילן וואָס זיי האָבן ווירקלעך געזאָגט. און פאַרוואָס האָט זי געוואַרט ביז ער האָט געפרעגט און אַליין ניט דערציילט?

עלען האָט בעסער באַשלאָסן צו זאָגן דעם אמת.

— איך האָב פון זיי גאָר ניט געהערט, — האָט עלען שטיל געזאָגט. זי האָט זיך גענומען שיילן קאַרטאָפּליעס.

— און ווען דו ביזט געפאָרן מיט אַי'ען לעצטן זונטיק, האָט ער דיר גאָר ניט געזאָגט?

— ניין!

הילדנבערג האָט געטאָן אַן אומצופרידענעם קרעכץ און איז אַוועק צו זיך אין דער גרויסער שטוב אַריין. די צוויי פרויען זיינען געבליבןביידע אין קיך. זיי האָבן ביידע געאַרבעט און געשוויגן. דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט די זון און די ווייטע גרינע בערג זיינען געווען אַזוי צויבער־שיין. פויגלען האָבן געזונגען אויף אַלער־ליי שפּיל־כלים. אָט האָט זיך געהערט אַ טרילינדיקער פליִיט, און אָט האָט זיך געהערט אַ ווייגנדיקע פידל. אַפילו דאָס קראָען פון די וואָראָנעס האָט, דאַכט זיך, געהאַט אַלע זיבן חנען. זיי זיינען איצט אַרומגעפלויגן אַרום דער שטוב אין גאַנצע מחנות און גע־קראַקעט, ווי זיי וואָלטן געלויערט עפּעס צו פאַרצוקן.

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? — האָט זיך פלוצלונג מאַדזשי געווענדט צו עלענען.

— ווער, איך בין טרויעריק? — האָט זיך עלען געוואונדערט.

— איך בין אַלעמאָל ניט פריילעכער, ווי איך בין איצט.

— פאַר מיר האָסטו ניט וואָס צו פאַרלייקענען, — זאָגט מאַדזשי מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט ווירקלעך געווען מיט עלענען אַזוי נאָענט, אַז עס וואָלט באמת טאַקע געווען אַ פאַרברעכן, ווען עלען זאָל טאַקע עפּעס באַהאַלטן פון מאַדזשין.

— איך האָב ניט וואָס צו דערציילן, — רויטלט זיך עלען.

— מיר קאָנסטו ניט אָפּנאַרן. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ מיידל אין דיינע יאָרן. איך ווייס מיט וואָס עס שמעקט. איך ווייס. מיך קאָנסטו ניט בלאָפן! איך ווייס, אַז דו ביזט געפאָרן מיט אַי'ען אַהיים און ביזט מיט אים צוריקגעפאָרן, וועסטו מיר דערציילן, אַז איר האָט גאָר ניט גערעדט צווישן זיך? מיר מעגסטו דערציילן.

— עס איז מאָדנע, מיר האָבן ניט גערעדט וועגן גאָר ניט. דער יונגערמאַן איז אַ שווייגנדיקער! — האָט עלען געזאָגט שיר־ניט מיט טרערן אין אירע אויגן.

— אַ שווייגנדיקער?! — וואונדערט זיך מאַדזשי.

— יאָ. ער איז גאָר ניט קיין גרויס־שטאָטישער.

— דו מוזט זיין אין אים פאַרליבט, — זאָגט מאַדזשי און קוקט אויף עלענען מיט פאַרשנדיקע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

עלען האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן וואָרט. עס איז געקומען אַזוי פלוצלונג, ווי אַ דונער פון אַ קלאָרן הימל. זי האָט

אַזש אַרויסגעלאָזט דאָס מעסער, מיט וועלכן זי האָט געשיילט די קאַרטאָפליעס. עס איז געפאַלן גלייך לעבן אירע באָרוועסע פיס און שיר ניט אַריין מיט דער שאַרף אין איינעם פון אירע פיס.

— איך בין ניט! — האָט זי אויסגעשריען, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע פרעירי זאָל הערן.

— אָבער חתונה האָבן מיט אים וואָלסטו געוואָלט?

— ווער, איך?

— יאָ, דו.

— איך ווייס ניט . . .

— ע, דו ביזט נאָך אַ קינד!

— וואָס זאָגט איר, איך בין נאָך אַ קינד? און איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין אַ גרויסע. — זי האָט ניט אויפגעהויבן אירע אויגן צו דער באַלעבאָסטע. עלען האָט זי גוט געקענט. זי האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ פאַלשע נשמה דאָס איז און אַז זי וויל ביי איר עפעס אויסגעפינען מיט דעם וואָס זי פרעגט ביי איר אויס אַזוינע זאַכן.

— איך דענק, אַז דו ביזט אַ גרויסע, אַניט וואָלט איך ניט צו דיר גערעדט פון אַזוינע זאַכן, — זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַ מינע פון אַ מיטפילנדיקער מאַמע. — עס איז שוין צייט, אַז אַ מיידל אין דיינע יאָרן זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן איר לאַגע. יאָ, מיין טייערע, איך אין דיינע יאָרן האָב שוין לאַנג פון דעם געטראַכט.

— איך בין נאָך ניט אַלט קיין אַכצן יאָר, מאַדאַם!

— איך צו אַכצן יאָר בין שוין געווען זעלבסטשטענדיק! — זאָגט מאַדזשי מיט אַ וואונק מיט אירע אויגן. — איך האָב שוין געהאַט טויזנטער מענער, וועלכע זיינען מיר נאָכגעלאָפן, וואו איך האָב זיך געטאָן אַ קער . . .

עלען האָט אויפגעהויבן אירע שיינע אויגן און אָנגעקוקט די באַלעבאָסטע. די באַלעבאָסטע האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר איר קוק.

— דו גלויבסט מיר ניט? — האָט מאַדזשי געפרעגט.

— יאָ, איך גלויב אייך, — זאָגט עלען מיט אַ שוואַך, קינדעריש קולכל.

אין דעם מאָמענט איז אין קיך אַריינגעקומען אַי און אַראָפגע־

וואַרפֿן זיין הוט אין אַ ווינקל פֿון דער קיך. ער איז געווען זייער אויפֿגעלייגט און זיין פּנים האָט געשיינט מיט טויזנט זונען.

— וועל, אויב עס איז ניט אַי אַליין! — שרייט אויס מאַדזשי.

— עפּעס איז אייך גוט געגאַנגען היינט?

— ניט שלעכט! — ענטפֿערט אַי. — איך האָב איינגעפֿירט אַ נייע סיסטעם.

— אַ נייע סיסטעם?! — וואונדערט זיך די באַלעבאָסטע. — איך האָב אויך ליב צו הערן, אַז מען פֿירט איין נייע זאַכן. אָבער, איך האָף, אַז ניט דער אָגער וועט טראַגעדיק ווערן, נאָר די שקאַפּעס . . .

— דאָס קען איך שוין ניט גאַראַנטירן, — האָט אַי געזאָגט אַ פֿאַרשעמטער.

— כאַ־כאַ . . . איר זיינט אַ דאַרלינג!

אַי איז אַרויס ברענגען אַ קעסל מיט וואַסער. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט אים מאַדזשי באַגעגנט מיט אַ פֿיל־באַדייטנדיקן וואונק מיט אירע אויגן.

אַי האָט ניט ליב געהאַט, אַז מען זאָל צו אים ווינקען מיט די אויגן. ווער שמועסט נאָך, אַז אַ פֿרוי זאָל עס טאָן. אָבער צו דער דאָזיקער באַלעבאָסטע האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט, ווייל זי האָט געהאַנדלט ווי ניט קיין באַלעבאָסטע. זי האָט אים ערשט היינט אינדערפֿרי געגעבן „פּעי”, אַנטקעגן דעם ווילן פֿון הילדנבערגן. דאָס הייסט, אַז זי האַלט מיט די אַרבעטער און ניט מיטן באָס . . . דערפֿאַר האָט ער איר מוחל געווען דאָס ווינקען מיטן אויג.

אַי האָט זיך געוואַשן דאָס פּנים און געזאָגט:

— פֿון איצט אָן און ווייטער וועט שוין ניט זיין מער קיין מישעגינע. איך פֿאַרשרייב יעדע שקאַפּע, וועלכע דער אָגער באַפֿרוכפּערט, אין אַ ביכל.

— איר ווייסט דען די נעמען פֿון די שקאַפּעס? — קוקט אים מאַדזשי אָן מיט צוויי גרויסע, פֿאַרוואונדערטע אויגן. — ווי אַזוי וועט איר וויסן וועלכע איז שוין געווען מיטן אָגער און וועלכע ניט?

— איך גיי נאָך די קאָלירן. אויב זי איז אַ שוואַרצע, פֿאַרשרייב איך זי אַז זי, אַ שוואַרצע, איז אין דעם טאָג געווען מיטן אָגער. און אַזוי טו איך מיט די רויטע. איך האָב באַזונדערע בלעטלעך אין מיין ביכל פֿאַר יעדן קאָליר.

—מיר געפֿעלט זייער אייער נייע סיסטעם! — זאָגט מאַדזשי.
— אָבער ווער ווייסט צי עס וועט אים . . . — זי האָט ניט פֿאַר־ענדיקט, נאָר ווידעראַמאָל געטאָן אַ וואונק מיט די אויגן צו דער שטוב, דאָרט וואו הילדנבערג האָט זיך איצטער געפֿונען, און דאָס מאָל איז אים געפֿעלן איר וואונק . . .

ביים טיש, דערנאָך, ווען מען האָט געגעסן אָנבייסן, האָבן אַלע געשוויגן. הילדנבערג האָט ניט געפֿרעגט ביי אַי׳ען וועגן די פֿערד און אַי האָט ניט דערציילט גאָרניט. עס האָט אַי׳ען אויסגעוויזן, אַז ער איז ברוגז אויף אים.

נאָכן עסן איז אַי אַרויס אין דרויסן אינאיינעם מיט באָבין. זיי האָבן ביידע פֿאַררויכערט און געזעסן אין שאָטן פֿון שטאָל. עס האָט זיך אַזוי געפֿירט, אַז נאָך דעם אָנבייסן האָט מען אַביסל גערוט.

הילדנבערג איז אַרויסגעקומען און צו זיי צוגעקומען. ער האָט נאָך זייער שטאַרק געהוסטן, די פּיפּקע איז ביי אים געווען אין מויל און זיין באַרימטער, פֿאַרשמאָלצעווטער קאַפּעליוש איז געווען אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויגן.

— וועל, באַיעס, עס איז היינט אַ שיינער טאָג! עס ווייזט זיך ניט אויף קיין רעגן, און איך דענק, אַז מיר וועלן קאָנען אַ פּאָר טאָן אין שטאָט אַריין.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און ווי געוואַרט אויף זייער ענט־פֿער. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אויף דער פֿרעירי טאָר מען זיך ניט אַרומטראָגן מיט געלט. איך בין זייער באַזאָרגט וועגן אייער געלט. מיר וועלן אַ פּאָר טאָן אין שטאָט און איר וועט אייער געלט אַריינלייגן אין דער באַנק אַריין. שפּאַנט איין פֿערד אין דעם גרויסן וואָגן, ווייל מיר דאַרפֿן צוריק ברענגען אַ סך זאַכן.

די צוויי יונגען האָבן זיך איבערגעקוקט און זיינען געגאַנגען איינשפּאַנען. זיי האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי הילדנבערג זאָל אין מיטן ברען פֿון סעזאָן זיך קאָנען פֿאַרגינען אָפּצושטעלן די אַרבעט אויף אַ האַלב טאָג. זיי האָבן זיך אין שטאָל איבערגע־שמועסט.

— איך דענק, אַז מיר גייען ביידע פֿאַרלירן אונזערע דזשאָבס.
— האָט שטילערהייט געזאָגט אַי צו באָבין.
— איך מיין אויך אַזוי, — האָט געענטפֿערט באָבי.

זיי האָבן אַרויסגעפּירט צוויי פֿערד און אָנגעהויבן איינשפּאַנען אין דעם גרינעם סטודבייקער.

הילדנבערג איז געשטאַנען פֿון ווייטנס און געקוקט ווי אַזוי די חברה האָט ניט אויפֿגעבונדן דעם וואָגן פֿון די סלופּעס. דאָ אין דער וועסט האָט מען געמוזט יעדן וואָגן צובינדן צו צוויי סלופּעס, כדי דער ווינט זאָל אים ניט איבערקערן. הילדנבערג איז צוגעגאַנגען און געזאָגט מיט כעס:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אַרבעט? איך האָב אייך געזאָגט טויזנט מאָל, אַז איידער מען שפּאַנט איין די פֿערד מוז מען פֿריער אויפֿבינדן דעם וואָגן. וואָס וועט איר טאָן אַז די פֿערד וועלן ווילד און אַנטלויפֿן?! דאַן קאָנען זיי נאָך מיטנעמען די ערד מיט די סלופּעס . . .

אַי איז צוגעלאָפֿן און אָפּגעבונדן דעם וואָגן.

—„דער רוח נעמט אים פֿאַר דער ערד מיט די סלופּעס!" — האָט אַי געטאָן אַ טראַכט. — „און פֿאַר די פֿערד אַליין זאָרגט ער זיך ניט!"

אַז די יונגען זיינען פֿאַרטיק געוואָרן מיטן שפּאַנען, האָט הילדנבערג צו זיי געזאָגט:

— זיינט איר גרייט? האָט איר אייער געלט מיט זיך?

— יאָ, מיר זיינען גרייט! — און זיי ביידע האָבן זיך געטאָן אַ טאַפּ ביי די קעשענעס.

הילדנבערג האָט זיך צעלאַכט.

— אַט אַזוי האַלט איר געלט אויף דער פּרעירי? גיט מיר ביידע אייער געלט, איך וועל עס פֿאַר אייך האַלטן ביז צו דער שטאָט.

ביי ביידע יונגען איז דורך אַ שוידער איבער זייערע לייבער. ווי האַנדלט מען איצט אין דעם מאָמענט? אים געבן דאָס געלט, דאָס שווער־פֿאַרהאַרעוועטע, איז טאָמער נעמט ער עס צו און וויל עס דערנאָכדעם ניט אָפּגעבן? ווי וועלן זיי אים קאָנען גיין לאָדן? זיי וועלן אַפֿילו ניט קאָנען באַווייזן, אַז ער האָט ביי זיי צוגענומען דאָס געלט.

הילדנבערג איז געשטאַנען און געוואַרט.

— אַ דאַנק אייך, מיסטער הילדנבערג, איך ווייס אַליין ווי צו האַלטן געלט, — האָט געזאָגט אַי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— איך זאָל עס דענקען, אַז דו ווייסט! — האָט געזאָגט הילדנ־

בערג מיט פּיל גרימעניש אין זיין קול. — וועל, לאָמיר פאָרן און זאָל עס נעמען אַן עק! — ער האָט אויסגעשפּיגן אין דער קרים און מאַכנדיק אַ קרייז מיט זיינע צוויי קוליעס, איז ער צוגעגאַנגען צום וואָגן, זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם אונטערשטן טייל פון וואָגן, און איז געבליבן זיצן אַזוי מיט די פיס אַראָפּגעהאָנגען ביז צו דער ערד. די צוויי יונגען זיינען אַרויף אויפן וואָגן־זיץ, וואָס איז געלעגן אי‍בערן וואָגן מיט צוויי רעסאָרן.

אַזוי זיינען זיי געפאָרן ביז צום שטעטל, וואָס איז געווען אַ מהלך פון צען מייל. זיי זיינען אַזוי אַריינגעפאָרן אין דער הויפּט־גאַס פון דעם שטעטל טיילאָר. עס איז, ווייזט אויס, קיינעם ניט געווען קיין חידוש, וואָס אַזאַ רייכער מאַן, ווי הילדנבערג, איז אַזוי געפאָרן.

דער וואָגן איז געבליבן שטיין לעבן אַ קליינעם הויז, וואָס האָט ניט אויסגעזעהן ווי אַ באַנק, נאָר גיכער ווי אַ פּראָסט הויז פון איין גאָרן.

הילדנבערג איז אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער פונעם וואָגן.

— וועל, באָיעס, מיר זיינען ענדלעך דאָ. — האָט ער מיט אַ צעקרימטן פּנים געזאָגט. — גיט מיר אַהער אייערע געלטער, וועל איך אַריינגיין און מאַכן אַ דעפּאָזיט.

— אויף וועמענס נאָמען וועט איר מאַכן דעם דעפּאָזיט? — פרעגט באָבי.

— וואָס הייסט אויף וועמענס נאָמען? ניט אויף מיינעם!

— אויב אַזוי, דאַרפן מיר אויך זיין דערביי. מיר זיינען נאָך ניט געשטאָרבן!

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זיינט באַגלויבט אין מיר!

— האָט געזאָגט הילדנבערג מיט אַ צעקרימטן פּנים. — איך געטרוי אייך מיין גאַנץ פאַרמעגן, און איר האָט מורא פאַר אַ פּאָר לויזיקע דאָלאַר מיר צו געטרויען! איר מעגט זיך שעמען!

ביידע יונגען זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרלוירענע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיט דעם אַנדערן, און אין זייערע בליקן איז געווען אַזוי פיל פאַרשטענדעניש, אַז זיי האָבן געלייענט אין דעם אַנדערנס געדאַנקען: — גיב ניט!

און זיי האָבן טאַקע ניט געגעבן. זיי זיינען מיט פיל אַנט־שלאָסנקייט אַריין מיט די צוויי טרעגלעך אין הויז, וואו עס איז

געווען די באַנק. הילדנבערג איז זיי נאָכגעגאַנגען, ווי אַ וואָלף גייט נאָך זיין קרבן, און האָט מיט זיינע נאָזלעכער געשמעקט אין דער לופט און געדרייט מיט זיין קאָפּ אין אַלע זייטן:

— „טייוואָלים צוויי! זיי לאָזן זיך ניט! . . . ״

נאָך דעם ווי אַי און באַבי האָבן אַריינגעלייגט זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע ווידזשעס אין דער באַנק, זיינען זיי פון דאָרט אַרויס־געגאַנגען, צוזאַמען מיט הילדנבערגן, מיט שווערע טריט, שווייגנ־דיקע, ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז.

הילדנבערג איז באַלד אַריין אין דער שטעטלדיקער איינציקער קראָם און די צוויי יונגען זיינען געבליבןביים וואָגן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט.

— ווי געפעלט דיר אונזער באַלעבאָס? ער האָט געוואָלט ביי אונז אויסנאַרן דאָס געלט, — האָט געזאָגט באַבי.

— געטראָפן ביי וועמען אויסצונאַרן . . . — לאַכט אַי.

— ער מוז דענקען, אַז מיר זיינען נאַראָנים — גיט זיך באַבי אַ קראַץ אין קאָפּ.

— איך האָב געהאַט גענוג צרות מיט באַלעבאַטים אין שטאָט, מיך קאָן ער ניט אָפּנאַרן! — זאָגט אַי מיט אַן ענערגישן טרייסל פון זיין שיינעם קאָפּ. — און איך דענק, אַז דו, באַבי, ווייסט שוין אויך דעם באַטייט פון אַ באַלעבאָס.

— „יו בעטשע בוטס!״ — לאַכט באַבי.

אין דער מינוט איז צו זיי צוגעקומען אַ בחור אין שטיוול מיט שפּאָרן און מיט אַ קאַפּעליוש מיט אַ ברייטן ראַנד און מיט אַ ברייטן גאַרטל אַרום זיינע לענדן. אין גאַרטל האָט געשטעקט אַ רעוואָלווער און אַרום זיין האַלדז איז געווען אַ רויטע פאַטשיילע, פאַרקניפּט פון פאָרנט, ווי קאָובאָיס טראָגן געוויינלעך פאַטשיילעס. זיין פּנים איז געווען שטאַרק פאַרוואַקסן און איבער זיין שאַרפער, אויסגעצ־טאָקטער נאָז האָבן געלויכטן צוויי לאַכנדיקע, וויצן־ברוינע אויגן. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ שטאַרקע, ביינערדיקע האַנט צו די צוויי יונגען — אַ האַנט, וועלכע האָט גרינג געקאָנט צעברעכן אַפילו אַ שטיק אייזן.

—— העלאָ, בראָדערס! איר אַרבעט ביי דעם סאַנאַ . . . הילדנ־בערגן? — זאָגט דער פרעמדער. — זייט פאָרזיכטיק מיט אייערע לעבנס. ער האָט דערהרגעט זיין אייגענעם זון, דער הונט!

— מיר ווייסן, מיר האָבן געהערט! — ענטפערט אַי.

— און קיין ווײַדזשעס האָט ער אויך ניט ליב צו באַצאָלן! — זאָגט דער פּרעמדער מיט גאַל אין זײַן שטים.

— אונז האָט ער נאָר וואָס באַצאָלט, — ווײַזט אַי זײַן באַנק־ביכל.

— אַזוי, זײַנט איר די ריכטיקע יונגען! — רײַבט זיך דער פּרעמדער בײַדע הענט פֿון גרויס נחת. — מיך רופֿט מען דזשאָן־די־קילער, — גיט ער אַ צי דעם ראַנד פֿון זײַן קאַפּעליוש אַראָפּ איבערן שטערן.

די צוויי יונגען האָבן אים ווידער געדריקט די הענט, דערבײַ האָבן אַי און באַבי אים געזאָגט זייערע נעמען.

— ווי גלײַכט איר עפּעס אונזער שטאָט? — פֿרעגט דזשאָן בײַ זיי. — עס איז אַ גרויס אָרט, אַ פֿײַן אָרט, נאָר אַביסל צו קליין, באַי גאָלי, עס איז ניטאָ וואו אַרײַנצוגיין מיט פֿרײַנט, צו נעמען אַ טרונק. נאָר וויסן זאָלט איר, אַז איך ווייס וואו ער האָט באַגראָבן זײַן זון . . . און גאָר אינגיכן ווערט דאָס „געזעץ" דאָרט זײַן . . .

אין דער מינוט האָט זיך געהערט ווי הילדנבערג שרײַט. דזשאָן האָט זיך אַרומגעקוקט און אָפּגעצויגן. „גוד־באַי, באָיעס!" — האָט ער צוגעוואָרפֿן פֿון דערווײַטנס. די צוויי אַרבעטער זײַנען צוגע־גאַנגען צו די טרעפּ פֿון דער קראָם. אין דער אָפֿענער טיר איז געשטאַנען הילדנבערג.

— וואָס האָט ער געוואָלט פֿון אײַך? — האָט הילדנבערג גע־וואָלט וויסן. — אָט דער אויסוואורף, דער טויגעניכטס. איר וואָלט בעסער זיך געהיט מיט וועמען איר האָט צו טאָן. קומט אַרײַן און העלפֿט מיר אַרויסטראָגן די זאַכן וואָס איך האָב אײַנגעקויפֿט.

די צוויי יונגען זײַנען אַרײַן אין קראָם. עס איז געווען זייער אַ גרויסע קראָם, אפֿשר אַ מײַל די לענג און נאָך אַזוי פֿיל די ברייט. אַרום און אַרום אָנגעפּאַקעוועט מיט אַלערליי סחורות, ווי פֿאַרשיידענע עסנוואַרג און מאַנופֿאַקטורן. אינעווייניק האָט געשמעקט מיט אַלער־ליי ריחות, פֿון קעראָסין ביז זייף, פֿון געוואַנט ביז לעדער, פֿון דעם זשאַווער פֿון אײַזן ביז געזאַלצענע פֿיש.

דער קרעמער, אַ קליין, געפּאַקט מענטשל, מיט ברילן אויף זײַן קורנאָסער נאָז און מיט אַ פֿאַרוואַקסענער באָרד, וואָס האָט אויסגע־וויזן ווי די שטעכלקעס בײַ אַ יאָזשיק, איז אַרומגעקראָכן אויף אַ לייטער, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט מיט איין שפּיץ ביז צו דער

סטעליע. ער האָט פֿון דער הויך געשלעפּט קענדלעך מיט איינגע־מאַרענירטע שפּייזן און די דאָזיקע קענדלעך פֿלינק געוואָרפֿן צו איינעם פֿון זיינע אַרבעטער, וועלכער האָט זיי אויך קונציק געכאַפּט און זיי אָוועקגעשטעלט אויף דעם לאַנגן טיש. אין קראָם זיינען געווען אַ סך מענטשן, צווישן זיי אַן אינדיאַנער מיט אַ פֿעדער אין זיינע שוואַרצע, לאַנגע האָר. די פֿעדער אַ געפּינטלטע מיט ווייסע און שוואַרצע פֿלעקן און עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אַ פֿייל וואָלט ביי אים געשטעקט אין די האָר. דאָס פּנים איז געווען רויט, ווי די שאָלעכץ פֿון אַן אָראַנזש. ער האָט געהאַלטן זיין האַנט אויס־געשטרעקט און, ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט ער עפּעס געוואָלט, נאָר קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט.

אָבער אַרום הילדנבערגן האָבן אַרומגעטאַנצט אי דער קרעמער און אויך דער אַרויסהעלפֿער זיינער. די צוויי בחורים, אַי און באַבי, זיינען געשטאַנען פֿון וויטנס און געוואָרט ביז זייער באַלעבאָס וועט אַלץ איינקויפֿן. אויפֿן אינדיאַנער האָט זיך קיינער ניט אומגעקוקט, חוץ אַי׳ען, וועלכער האָט ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פֿון דעם מאָדנעם באַשעפֿעניש מיט דער פֿעדער אין זיינע האָר.

אַי האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזען אַן אינדיאַנער, אַ לעבעדיקן, מיט אַלע שטריכן פֿון דעם מענטשלעכן מין, אָבער דאָך אַ באַזונדערער טיפּ פֿון אַ מענטשן. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר קאָר־דעראָי הויזן מיט אַ ברייטן לעדערנעם גאַרטל. אין גאַרטל זיינען געווען אַ סך קעשענקעלעך פֿאַרשפּיליעטע מיט בלעכענע קנעפּלעך. די שיך זיינען ברייטע, און באַמאָלענע מיט רויטע בילדער פֿון אינ־דיאַנער מיט פֿעדערן אין זייערע קעפּ. עס איז ניט געווען קיין לעדער, נאָר עפּעס אַזאַ מין געוואַנט, פֿון וואָס די שיך זיינען געווען געמאַכט. די פֿיס ביי אים זייער פֿעסטע, אַזוי אַז די הויזן זיינען אויף אים געווען ווי צוגעוואַקסן. דאָס העמד איז ביי אים געווען צעקנעפּלט און אַ רויטער, שטאַרקער האַלדז האָט אַרויסגעוואַקסן פֿון העמד אַרויס, ווי אַ שטאַם פֿון אַ גראָבן, אָפּגעשיילטן בוים. דאָס פּנים איז ביי אים געווען ערנסט און טרויעריק, ווי דאָס פּנים ביי אַ הילצערנעם אינדיאַנער, ערגעץ אויף די גאַסן פֿון ניו יאָרק לעבן אַ קראָם.

אַן אַרבעטער פֿון דער קראָם האָט געבראַכט צוטראָגן אַ גאַנצן פֿערטל פֿון אַן אָקס פֿאַר הילדנבערגן. ער האָט געקרעכצט אונטער דער שווערער לאַסט פֿון דעם גרויסן שטיק פֿלייש. הילדנבערג איז

צוגעגאַנגען און מיט זיין נאָז געטאָן אַ שמעק צו דעם פלייש, פאַר־קרימט זיין נאָז, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו געבן אַ ניס.

— ווי אַלט איז עס? — האָט הילדנבערג געפרעגט.

— ערשט נעכטן אָנגעקומען פון שיקאַגאָ, — זאָגט דער קרעמער און גיט זיך אַ וויש מיט איין האַנט די נאָז. — אַזוי זאָל מיר יעזוס העלפן, ווי איך זאָג ניט קיין ליגן. עס איז פון אַ געזונטן אָקס, איר קאָנט זען, אַז ער האָט זיך ניט געלאָזט קוילען — זעט ווי זיין פוס איז אויסגעשטרעקט צו געבן אַ בריק, כע־כע . . .

— הער אויף מיט דיין פערדן־מיסט, עס שטינקט פון דיר אַזוי אויך אַ מייל אַ מינוט! — זאָגט הילדנבערג מיט אַ צעקרימטן פנים און די גרויסע ליפן צעציען זיך ביי אים פון איין אויער ביזן צווייטן. — באַבי, נעם און טראָג אַרויס דאָס שטיק פלייש און לייג עס אַריין אין וואָגן.

אַז דער קראָם־אַרבעטער האָט געטאָן אַ וואָרף דאָס שטיק פלייש אויף באַביס פלייצעס, האָט זיך באַבי שיר ניט איינגעבראָכן אין צווייען פון דער שווערער משא, און ווי לאַנג ער איז געווען, אַזוי האָט ער זיך איינגעבויגן אין צווייען און איז קוים מיט גרויס מי אַרויס מיט דער שווערער משא דורך דער אָפענער טיר. אַי איז נאָכגעגאַנגען פון אונטן און מיט ביידע הענט אונטערגעהאַלטן דאָס שטיק פלייש. אין דער זעלבער צייט האָט ער קוים איינגעהאַלטן זיין אָטעם, אַז ער זאָל ניט פילן דעם ריח פונעם פלייש.

— דעם־איט! — האָט באַבי געוואָרטשעט בייז אונטער דער שווערער לאַסט. — זאָל ער גיין צום טייוול מיט זיין גאַנצן דזשאָב! . . .

אַי האָט אים געהאָלפן אַראָפוואַרפן די משא אין וואָגן, אונטער־שטעלנדיק זיין ברייטע פלייצע. דאָס פערטל אָקס האָט געטאָן אַ שטאַרקן ריס אין דנאָ פון וואָגן, אַזוי אַז די פערד האָבן זיך דער־שראָקן, און ווען זיי וואָלטן ניט געשטאַנען צוגעבונדן צו אַ פּלויט, וואָלטן זיי זיכער געווען אַנטלאָפן. פון יענער זייט פלויט איז געווען די באַן־סטאַנציע, אַ קליינע, אַלטע געביידע, וואָס איז געווען מער ענלעך אויף אַ שטאַל, ווי אויף אַן אייזנבאַן־טערמינאַל. לעבן דער דאָזיקער כאַלופּקע איז געשטאַנען אַ הויכער, הילצערנער עלעווייטער מיט אַ סך פיר־עקעכיקע פענצטערלעך, אויף אָפּצושיטן אין אים ווייץ. עס איז געווען שטיל אַרום און אַרום, קיין סימן פון אַ לעבעדיקן מענטשן און קיין קלאַנג פון וואַגאָנעס, אָדער דאָס אָנקומען פון אַ

באַן. דאָס גאַנצע שטעטל איז באַשטאַנען פֿון איין גאַס, וואָס איז געווען אַזוי קורץ, אַז מען האָט זי געקאָנט אַרומכאַפּן מיט איין בליק פֿונעם אויג. אין דער מיט גאַס האָבן זיך אַרומגעשפּאַצירט גאַנ־צע מחנות הינער פֿון אַלערליי קאָלירן און גרייס; דאָ זיינען אַדומ־געגאַנגען ווייסע, טערקאָטע, באָרדאָ־רויטע, געל־ברוינע און אַנדערע מינים קאָלירן הינער מיט העגער אין זייער שפּיץ. עס האָט זיך געמערקט, אַז די דאָזיקע הינער פֿילן זיך דאָ כמעט אַזוי זיכער, אַז טאָמער באַוויזט זיך אַמאָל אַ וואָגן איבער דער גאַס, האָט עס אויס־געוויזן, אַז דער וואָגן האָט געדאַרפֿט וואַרטן ביז עס וועט זיך די הינער פֿאַרגלוסטן אָפּצוטרעטן דעם וועג און אים לאָזן דורכפֿאָרן.

דאָס געסל זעט אויס, ווי עס וואָלט אימיצער אָנגעוואָרפֿן אויף דער פּרעירי אַ סך קעסטלעך און אַזוי ווי זיי זיינען געפֿאַלן אַזוי זיינען זיי, אָט די קעסטלעך, געבליבן ליגן. איין קעסטל־שטיבעלע אַרויס פֿון דער ליניע און דאָס צווייטע קעסטל־שטיבעלע אַריין טיף אין דער ליניע. די שטיבעלעך אַלע זיינען געבויט פֿון האָלץ און זייער פֿאַרב איז שוין לאַנג אָפּגעקראָכן. דאָס האָלץ איז צעפֿוילט און די שינדלענע דעכער זיינען באַדעקט מיט מאָך, די קוימענדלעך צעבראָכן. ביי די צעלעכערטע שטיבלעך שפּילן זיך קינדער, האַלב־נאַקעטע, פֿאַרוואָרלאָזטע, אויסגעמאָגערטע, ביט דערוואַקסענע . . .

אַי האָט אַראָפּגענומען זיין הוט און אָנגעקוקט דעם אַרום און אַרום.

— „איז דאָס די שיינע פּרעירי, פֿון וועלכער ער האָט אַזוי פֿיל געטרוימט?" — האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט. און צו באַבין האָט ער געזאָגט! — גיב אַ קוק, עס איז דיין אַמעריקע!

— מיין אַמעריקע? איך פֿאַרקויף זי דיר, עס איז דיינס, פֿאַר צען סענט! . . .

זיי זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען אין קראָם. אַי האָט באַמערקט, אַז דער אינדיאַנער שטייט נאָך אַלץ מיט זיין האַנט אויסגעשטרעקט אַנטקעגן אַ געפֿאַרבטער קאָלדרע, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטריק אין דער הייך.

דער באַלעבאָס פֿון קראָם האָט זיך ענדלעך דערבאַרעמט אויף דעם אינדיאַנער און צו אים מיט כעס געזאָגט: — וואָס ווילסטו?

דער אינדיאַנער האָט געוויזן מיט זיין האַנט אויף דער גע־פֿאַרבטער קאָלדרע.

— וויפיל געלט האָסטו ? — גיט אויף אים אַ געשריי, דער באַלעבאָס.

דער אינדיאַנער עפנט זיך האַנט די אויסגעשטרעקטע און באַווייזט וויפיל געלט ער האָט.

— דאָס איז ניט גענוג ! — שרייט אויף אים דער יענקי־קרעמער מיט פאַראַכטונג.

דער אינדיאַנער קנעפּלט אויף אַ קעשענקעלע אין זיין גאַרטל און נעמט אַרויס דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט דאָרטן, און ערשט דעמאָלט גיט אים דער קרעמער אַוועק די קאָלדרע.

— זיי מיינען, אַז מיר זיינען נאָך אַלץ די ערשטע פּילגרימס . . . — זאָגט דער קרעמער צו הער הילדנבבערגן, מיט אַ וואונק פון זיינע פאַרקיסנעטע אויגעלעך. דער אינדיאַנער האָט געכאַפּט די פאַרביקע דעק און זי אָנגעטאָן אויף זיך, געטאָן אַ צופרידענעם שמייכל און איז גיך אַרויס פון דער קראָם, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער האָט נאָך דער יענקי חרטה.

אַי האָט לאַנג נאָך, פאַרנדיק אַהיים, געטראַכט וועגן דעם אינדיאַנער, ווי אַזוי מען גיט אים דאָ אין אַמעריקע — אין זיין אַמעריקע — מיט איין האַנט און ווי אַזוי מען נעמט עס צו ביי אים מיט דער צווייטער האַנט.

זיי זיינען איצט געפאָרן איבער אַ צעגריבלטן וועג. דער וואָגן האָט זיך שטאַרק געטרייסלט און הילדנבבערג איז נאָך אַלץ געזעסן מיט זיינע פיס אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד אין דעם הינטערשטן חלק פון וואָגן. אַי האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַרלירט מען אים, נאָך יעדן טרייסל וואָס דער וואָגן האָט דאָ אויפן וועג דורכגעמאַכט.

די פרעירי איז איצט אַזוי שיין ! עס איז פאַר זונען־אונטערגאַנג, דער מערב איז אינגאַנצן אין פלאַמען. די גאַנצע פרעירי איז ווי אויסגעווירעט מיט ליניעס. עס לויפן פאַסן מיט ווייצן־פעלדער פון אַלערליי קאָלירן. פעלדער וואָס זיינען פריער פאַרזעצט, זיינען שוין אַזוי הויך, אַז ווען אַ מענטש זאָל זיך אַוועקשטעלן, וואָלט מען אים שוין ניט אַרויסגעזען. די דאַזיקע ווייצן פאַרמירן שוין קעפּלעך. ווי שיין די דאַזיקע יונגע קעפּלעך זיינען ! אַ ווינטל בלאָזט דורך דעם פעלד און עס גיט זיך אַ טראָג דורך אַ מאַסע מיט קליינע כוואַליעלעך, די יונגע קעפּלעך בויגן זיך אַזוי שיין און איבערן גאַנצן פעלד פאַרמירן זיך טאַלעכלעך און כוואַליעס ווי אויף אַ גרויס טייכל. עס שמעקט שוין מיט פריש־געבאַקן ברויט

און מיט האָניק. די ייִנגערע ווייצן־פעלדער האָבן אַלערליי חנען. עס איז גאָר נישטאָ אַזוינע ווערטער, מיט וועלכע איבערצוגעבן דעם חן פון אַזוי פיל קאָלירן! עס איז דאָ איין וואָרט: „גרין". אָבער דאָ אַרום איז פאַראַנען אַזוי פיל מינים גרין: גרין ווי גראָז, אין אָנהויב פרילינג, גרין ווי גראָז ווען מען דאַרף עס שוין שניידן, גרין ווי גראָז ווען עס וואַקסט אויף נאָך אַמאָל נאָכן אָפּשניידן, גרין ווי גראָז אין אַ פרימאָרגן, אין אַ מיטן טאָג, ווען די זון באַגיסט עס מיט אַ סך ליכט, אָדער אין אַ פאַרנאַכט ווען די זון האַלט ביים פאַרגיין, און אָט איז עס! איצט האַלט די זון ביים פאַרגיין און אַזאַ גרין איז זייער זעלטן צו געפינען. ביי אַי'ען האָט זיך איצט צעשפּילט זיין פּאָעט און אים האָט זיך איצט, זיצנדיק אויפן וואָגן מיט די לייצעס אין די הענט, גראָד געוואָלט נעמען אַ פּען און שרייבן, און זינגען. — „אַך, ווי שלעכט ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט! ווער ווייסט וואו עס וועט אים פאַרשלעפּן ערגעץ און ער וועט שוין קיינמאָל ניט קענען עפּעס אָנשרייבן!"

דער וועג איז איצט געלאָפן באַרג־אַראָפּ און אין סאַמע טאָל איז געלעגן אַ ריטשקעלע. די פערד האָט זיך זייער ניט געוואָלט אַריבערשפּרינגען אָט די ריטשקע. זיי האָבן עס געטאָן אַזוי, אַז דער וואָגן האָט שיר ניט איבערגעבראָכן זיינע אַקסן. פאַרשטענדלעך, אַז דערפון האָט זיך דער וואָגן געטאָן אַזאַ טרייסל, אַז אַי האָט געפילט ווי ער איז שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון וואָגן. אַי האָט זיכער געמיינט, אַז הילדנבערג ליגט שוין אויף דער ערד. אַי האָט אָפּגעשטעלט די פערד און זיך אַרומגעקוקט, צי ער זיצט אויף זיין אָרט. ער איז, צו זיין איבערראַשונג, געזעסן אויף זיין אָרט.

— פאַרוואָס מאַכט ניט דער שטאַט קיין בריקן איבער אָט די טייכעלעך, ווינציק ציען זיי אַרויס טעקסעס פון דעם פאַרמער?!

— שרייט אַי אויס מיט פאַרביטערונג, ווייל עס איז ווירקלעך געווען שווער און ביטער אַריבערצופאָרן אָט אַזוינע ריטשקעס מיט אַ וואָגן.

— עס איז נישטאָ גענוג געלט אין דער שטאַט־קאַסע — ענטפערט הילדנבערג.

— „אָבער ביי אים אויף זיינע פעלדער, האָט דער שטאַט יאָ געמאַכט בריקן, און דוקא אייזערנע בריקן . . ." — טראַכט אַי צו זיך אַליין. — „פאַר אים האָט דער שטאַט יאָ געהאַט געלט אין דער קאַסע."

די שיינע פּרעירי האָט ווידער פאַרלוירן איר חן אין אַ״ס אויגן. ער האָט אַרויפגעטריבן אויף אַ באַרג אַרויף. אַנטקעגן דעם באַרג זיינען געגאַנגען אַ סך מענטשן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען געגאַנגען אינדיאַנער, מיט זייערע ווייבער און קינדער. וואו־הין זיי זיינען געגאַנגען, האָט ער ניט געוואוסט.

אין די ערשטע רייען זיינען געגאַנגען די אינדיאַנערקעס מיט גרויסע פּעק בעטגעוואַנט און ביי אייניקע פון די פרויען זיינען גע־האַנגען קליינע קינדער אין ליילעכער צוגעבונדן אויף זייערע פּליי־צעס. די דאָזיקע פרויען, וואָס האָבן געטראָגן קליינע קינדער אויף זייערע פּלייצעס, האָבן אויך געהאַט יעדע אַ פּאַק אויף איר קאָפּ.

אין דער צווייטער ריי זיינען געגאַנגען די קינדער, מיידעלעך און ייִנגלעך אָן שום אונטערשייד אין זייערע קליידעלעך, וואָס זיי־נען באַשטאַנען פון אַזוינע לאַנגע לעדערנע פּעלצלעך; פון אונטער די פּעלצלעך האָבן אַרויסגעשטעקט ווייסע לייוונטענע העמדלעך; די פיסלעך ביי די קינדער — באָרוועס, פּונקט ווי ביי זייערע מאַ־מעס.

אין דער דריטער ריי זיינען געגאַנגען די טאַטעס־אינדיאַנער און די דערוואַקסענע; זיי זיינען אַלע געווען אַזוי ווי עפּעס פאַר־טראַכטע און פאַרזאָרגטע, מיט אַנגעכמורעטע פּנימלעך; זיי האָבן אַלע געריכערט פּיפּקעס מיט לאַנגע מונדשטוקן און יעדער איינער האָט געהאַלטן אַ שטעקן אין זיין האַנט; דער שטעקן כמעט גרע־סער ווי ער אַליין.

די מחנה איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ מיטן וועג, נאָר אַז זיי האָבן דערזען אַנטקעגן זיך אַ וואָגן, האָבן זיי באַלד פאַרקירעוועט פון וועג אויפן פעלד אַרויף, אויף וועלכן עס איז געוואַקסן ווילד גראָז.

— „פאַרוואָס האָבן די אינדיאַנער אויסגעווייכט דעם וועג?״ — האָט אַי זיך געפרעגט. — „איז די פּרעירי דען ניט זייערע, פּונקט ווי זי איז אונזערע?״

ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָט אַי צו זיי אויפגעהויבן זיין הוט אַלס אַ באַגריסונג, אָבער קיינער פון זיי האָט אויף דער באַגריסונג ניט געענטפערט.

— די „רויטע געפאַר״ איז דורכגעגאַנגען! — האָט הילדנבערג געזאָגט און אויסגעשפּיגן.

לאַנג דערנאָך האָט אין אַ״ס אויערן געקלונגען אָט דאָס זידל־וואָרט „רויטע געפאַר״ און ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין מיט וואָס

אָט די פֿרידלעכע אינדיאַנער זיינען אַזוי געפֿערלעך, אַז ווען זיי באַגעגענען אַ וואָגן אויפֿן וועג, גייען זיי אַוועק אָן אַ זייט.

אין זיין מוח האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גאַנצע איבערקערעניש. אַי האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿרעגן אַ סך פֿראַגן, ווי אַ שטייגער: — ווער איז מער געפֿאַר פֿאַרן לאַנד? איז ניט אַזאַ פּראַצענטניק ווי הילדנבערג מער געפֿערלעך, ווי די פֿאַרטריבענע פֿון זייערע פֿעלדער אינדיאַנער? פֿאַרוואָס איז אַזאַ אומרעכט באַגאַנגען געוואָרן קעגן פֿרידלעכע מענטשן, ווי די אינדיאַנער זיינען, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען זייער ערד, זיי אָפּגעגרענעצט אין קאָנצענטרירטע רעזערוואַציעס? פֿאַרוואָס האָט מען געצוואונגען אַזאַ גרויס פֿאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף די ברייטע אַמעריקאַנער פֿעלדער, זיך צו קאָנצענטרירן אין קליינע לאַגערן, וואו זיי מוזן לעבן ווי פֿאַרשיקטע, אויף אָפּגעזונדערטע אינדזלען, אָן קיין שום פֿאַרבינדונגען צווישן זיך, אָן שום מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן אויף זייער אייגענעם שטייגער?

נאָר מאַלע וואָס אַי האָט זיך געפֿרעגט. עס איז ניט געווען די ערשטע עולה, וואָס ער האָט געזען. ער אַליין, אַ קינד פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט געליטן פֿון באַגרענעצונגען, האָט זיכער געמיינט, אַז דאָ אין אַמעריקע וועט ער ניט פֿילן קיין שום יידן־האָס. און צום סוף האָט ער דאָ אין דער וועסט, ביי הילדנבערגן אין הויז, דערפֿילט אַ געפֿערלעכן האָס צו אים אַלס ייד.

אַי פֿילט, אַז ער מוז זיך אָנשטרענגען ביי יעדער אַרבעט וואָס ער טוט, כדי צו באַווייזן, אַז אַ ייד קאָן אויך טאָן געזונטע אַרבעט. ער מוז, מיט זיין אַרבעט אַרום די פֿערד, מיט זיין באַציאונג צו פֿערד, מיט דער קלענסטער זאַך, אַפֿילו מיט דעם אָנשאַרפֿן פֿון אַ האַק, באַווייזן, אַז אַ ייד קאָן אויך טאָן שווערע אַרבעט, פּונקט ווי אַ זייעריקער . . . עס איז אַזוי פּיינלעך שווער, ווען אַי דאַרף ביי יעדער קלייניקייט אינזינען האָבן, אַז מען קוקט אים נאָך, צי ער טוט די אַרבעט ווי זייעריקע, צי ער טוט די אַרבעט ווי זיי האָבן זיך איינגעשמועסט, אַז יידן טוען אַזוי . . .

האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל אויפֿגעזעצט אויף אַ פֿערד רייטנדיק, איז הילדנבערג געשטאַנען און געקוקט מיט אומצוטרוי; אַי האָט זיך געדאַרפֿט אָנשטרענגען חלילה ניט צו מאַכן קיין איין פֿאַלשן טריט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווי גוט ער זאָל עס ניט טאָן, איז עס דאָך ניט אַזוי גוט ווי אַ זייעריקער טוט עס. גיי דערצייל

אים, אַז אַי איז פֿון קינדווייז אָן אויפֿגעוואַקסן אין אַ שטוב, וואו עס איז געווען אַ סך פֿערד; אַז נאָך אַלס קינד, האָט שוין אַי געקאָנט זיך אַרויפֿכאַפּן אויף אַ פֿערד אָן אַ זאָטל. גיי באַווייז הילדנבערג׳ן, אַז עס איז ניט אמת דאָס, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף אַלע יידן, אַז זיי זיינען אַ פֿאָלק פֿון לופֿט־מענטשן. אָט איז אַ באַווייז ער אַליין, מיט זיין נעמען זיך צו ערד־אַרבעט . . .

מיט די דאָזיקע מחשבות איז אַי פֿאַרפֿאָרן אין פֿראָנט פֿון הילדנבערגס הויז. עס איז שוין געווען נאָך זון־פֿאַרגיין, די פֿערד אין שטאַל האָבן שוין געקלאַפּט מיט זייערע פּאָדקאָוועס אין דיל און געהירזשעט, אַז עס איז שוין צייט זיי צו געבן עסן.

די צוויי בחורים האָבן אויסגעשפּאַנט און אַריינגעפֿירט די פֿערד מיט די כאָמוטן אין שטאַל אַריין. זיי זיינען געוואָרן שטאַרק פֿאַר־נומען מיט דער אַרבעט אין שטאַל. אַרויסגעפֿירט צו צוויי פֿערד אויף אַמאָל צום ברונעם אויף אָנצוטרינקען. דערנאָך זיי געגעבן עסן היי מיט האָבער און יעדן פֿערד אונטערגעשפּרייט פֿריש ווייצן־שטרוי אויף ביינאַכט.

אַי איז אַריינגעגאַנגען צום אַגער. אויפֿן וועג אַנטקעגן אים איז אָנגעקומען עלען, מיט אַ פּאַדאַליק פֿול מיט גרינע סאַלאַטן־בלעטער. ווען זי האָט דעריזען אומדערוואַרטעט אַנטקעגן זיך אַי׳ען, האָט זי זיך פֿאַרשעמט און געוואָלט אַראָפּלאָזן דאָס קלייד, אָבער זי האָט עס ניט געקאָנט באַוויזן צו טאָן, ווייל עס איז געווען אַ געפֿאַר, אַז זי זאָל אויסשיטן די סאַלאַטן אויף דער ערד.

אַי האָט געזען אירע נאַקעטע קניעס און איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. ער האָט גיך אַוועקגעכאַפּט זיינע אויגן, און כדי צו ווייזן עלענען, אַז ער האָט גאָר ניט געזען, האָט ער אַרויסגענו־מען דאָס באַנק־ביכל פֿון זיין קעשענע און געוויזן.

— וואָס איז דאָס? — פֿרעגט עלען.

— עס איז אַ באַנק־ביכל! — ענטפֿערט אַי.

— צוליב וואָס ווייזט איר עס מיר? — פֿאַרשטייט ניט עלען.

אַי האָט שנעל צוריק באַהאַלטן דאָס ביכל אין קעשענע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי אימיצער זעט ניט.

— איך האָב געמיינט, אַז עס וועט אייך פֿרייען, — זאָגט אַי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד.

— וואָס האָב איך דערפֿון? — לאָזט זיך עלען מיט שנעלע טריט צום ווינקל פֿון שטאַל, אויפֿן וועג אין הויז אַריין.

אַי איז געבליבן שטיין אַליין. אַ ווײַלע האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „אפשר איז זי טאַקע געררעכט?״

נאָר לאַנג שטיין און טראַכטן האָט ער ניט געקאָנט, ווײַל עס האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן פֿינצטער און ער האָט געמוזט אַרײַנגיין צום אָגער.

דער אָגער איז צוגעקומען גלײַך צו אים און אים גענומען באַשמעקן פֿון אַלע זײַטן.

— האָסט מיך ליב, דעאַרטאַגנען?

דער אָגער האָט אַרויפֿגעלייגט זײַן קאָפּ אויף אַי׳ס אַקסל, אַלס אַ סימן אַז ער האָט אים ליב.

— ווייסטו, אַז איך בין אַ ייִד?

דער אָגער האָט געטאָן אַ הירזשע. אַי האָט אים אַרומגענומען מיט זײַנע הענט אַרום האַלדז.

— ביזט הונגעריק? — זאָגט אַי צום אָגער. — אָט באַלד וועלן מיר גיין כאַפּן אַ טרונק. און דערנאָך וועל איך דיר געבן עסן, יאָ?

אַי האָט געוויזן אַ קונץ. ער האָט אַרויסגעפֿירט דעם אָגער אָן אַ צוים, נאָר אים אַזוי געפֿירט צוהאַלטנדיק אים מיט זײַן האַנט בײַם פּנים. דער אָגער איז אים נאָכגעגאַנגען טראָט בײַ טראָט. אַי האָט אים אָנגעטרונקען און צוריק אַרײַנגעפֿירט אין שטאַל, אים געגעבן עסן. דערנאָך האָט ער געגעסן וועטשערע און איז געגאַנגען שלאָפֿן, אָבער ער האָט ניט געקאָנט אַזוי גרינג אײַנשלאָפֿן. דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט היינטיקן טאָג, האָט אים ניט געלאָזט רוען. ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף זײַן בעט און איז אַראָפּגעגאַנגען צום פֿענצטער אַ קוק טאָן אויף דער פּרעירי בײַנאַכט. אַלע אין הויז זײַנען שוין געשלאָפֿן.

דאָס פֿענצטער האָט אַרויסגעקוקט צו צפֿון־צו און ווײַט בײַ דעם האָריזאָנט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ דערשײַנונג, וועלכע אַי האָט אין זײַן לעבן קיינמאָל פֿריער ניט ניט געזען. דער גאַנצער הימל האָט געברענט מיט גרינע, פּורפּורנע, ווײַס־בלויע פֿײַערן. אַי האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס דאָס איז, צי ברענט דאָרטן די פּרעירי, צי ברענען סטויגן היי, צי ברענט ערגעץ אַ פֿאַרם?

עס זײַנען גרויסע זײַלן מיט ליכט פֿון אַלערליי קאָלירן געגאַנגען פֿון דער ערד ביז צום הימל, אין סקאָסנע ליניעס. דער הימל איז געווען באַלויכטן ווי מיט טויזנטער רעגנבויגנס. אָט באַלד און די

גאַנצע פּרעירי וועט זיך געבן אַ צינד אָן. עס וועט דעמאָלט זיין צו שפּעט צו רופן נאָך הילף.

אַי האָט געכאַפּט אויף זיך די הוילע שיך, אַרויפגעצויגן אויף גיך זיינע הויזן און האָט זיך געלאָזט אַראָפּגיין הינטן אין שטוב אַריין. ער האָט געקלאַפּט מיט זיינע שווערע שיך אין די הילצערנע טרעפּ.

— ווער איז דאָרטן?! — האָט זיך הילדנבערג דערשראָקן.

— איך! — ענטפערט אַי. — עס איז אַ גרויסע שׂרפה אויף דער פּרעירי! . . .

— אַ פּרעירי־פייער?! — דערשרעקט זיך הילדנבערג. — ווי ווייט איז עס פון דאַנען?

— עס מוז זיין זייער נאָענט! — לויפט אַי שוין אַראָפּ פון די טרעפּ מיט מער אימפעט. ער לויפט אַרויס אין דרויסן און דורכלויפנדיק דורך דער קיך וועקט ער אויף אויך עלענען. זי זעצט זיך אויף מיט פאַרשלאָפענע אויגן, רייבט זי און וואונדערט זיך וואָס עס איז דאָ געשען.

אָבער אין אַ מאָמענט אַרום האָט זיך אַלץ איבערגעקערט אַנט־קעגן דעם אַרימען בחור. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַי האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות. הילדנבערג איז אַראָפּ פון בעט און ווי גע־ווינלעך דערזען, אַז עס איז ניט קיין פּרעירי־פייער, נאָר דאָס צפון־ליכט, אַ דערשיינונג, וואָס באַווייזט זיך זייער אָפט אין יענעם געגנט. עס האָט גענומען אַ סך צייט איידער דאָס גאַנצע הויז האָט זיך באַרואיקט, אָבער אַי האָט אויף מאָרגן געהאַט אַ סך צרות פון דער דאָזיקער פאַסירונג.

ער האָט זיך געשעמט צו קוקן אַלעמען אין די אויגן אַ לאַנגע צייט — ספּעציעל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט פאַרלוירן אַ סך אין עלענס אויגן.

צוועלפטער קאַפּיטל

דער חודש יוני איז אָנגעקומען און מען האָט זיך ביי הילדנ־בערגן גענומען גרייטן צו שניידן ווינטער־ווייץ. דער ווייץ איז גע־ווען הויך ביז איבער אַ מענטשנס קאָפּ. אַי האָט ליב געהאַט אָפט צו ווערן דאָרט אין ווייץ־פעלד פאַרפאַלן. ער האָט אַפילו ניט גע־האַט קיין צייט עס צו טאָן אין אַ מיטן טאָג, אָבער אָפט אין די אוונטן,

האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם ווייצנפּעלד, וואָס האָט זיך גע־שפּרייט ניט ווייט פון דער שטוב, אויף אַ גרויסן שטח, באַרג־אַראָפּ.

ס'זיינען געווען אַזוי פיל סודות צווישן די זאַנגען! ער האָט ליב געהאַט צו שטיין אַזוי אַ שטילער צווישן די זאַנגען, גלייך ווי ער אַליין וואָלט אויך געווען אַ זאַנג.

איינמאָל האָט אים די באַלעבאָסטע, מאַדזשי, געכאַפּט ווי ער איז אָנגעקומען פון דעם ווייצנפעלד.

— פון וואַנען גייט אַי? — האָט זי לאַקאָניש געפרעגט און זיך אַליין באַלד געענטפערט: — אָ, עס איז זייער פּאָעטיש; . . . אָבער עס איז גוט צו האָבן מיט זיך אַ צווייטע העלפט . . . — זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הייזעריקן, פאַרדישעטן געלעכטערל, וואָס האָט אַי'ען כמעט ווי וויי געטאָן.

— האָבן מיר שוין „צוויי" אויף אייער חשבון, — האָט זי געזאָגט.

אַי האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט מיט „צוויי" און ער האָט זיך אַביסל פאַרשעמט. זי האָט געמיינט: זיין טעות מיט דעם נאָרט־ליכט, וואָס ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַ פּרעירי־פייער, און אויך דאָס וואָס ער גייט ביינאַכט איינער אַליין אין אַ ווייצנפעלד.

— פאַר מיר דאַרפט איר זיך ניט היטן, אָבער פאַר הילדנבערגן, זעט איר, פאַר אים, — גיט זי אַ פּאָר מאָל אַ שטויס מיט איר פינ־גער אין אַי'עס ברוסט, — פאַר אים היט זיך, אַז ער זאָל ניט דער־זען אייך גיין ביינאַכט פונעם ווייצנפעלד . . .

עס איז געווען אַ נאַכט אין אָנהויב חודש יוני. דער הימל איז געווען אָנגעפיקעוועט מיט שטערן און די גרילן האָבן זיך ווי פאַר־מאָסטן מיט די זשאַבעס, ווער עס קאָן בעסער פאַרטומלען די וועלט.

אַי איז געשטאַנען גלייך יגי אַ יונגער בוים אַנטקעגן דעם באַ־לויכטענעם פענצטער פון דער קיך, וואו עלען האָט נאָך, אינעווייניק אין קיך, געטאָן איר קיך־אַרבעט. אים האָט זיך זייער געוואָלט, אַז עלען זאָל הערן וואָס מען רעדט דאָ. אפשר וועט זי אויך אַרויסקו־מען אויף אַ קורצער ווײַלע. אין דרויסן איז איצט אַזוי וואונדערלעך שיין און זי — נאָר זי אַרבעט און אַרבעט!

— לאָמיר זיך אַביסל צוזעצן, — האָט די באַלעבאָסטע אָנגעוויזן אין דער פינצטער אויף אַ באַנק, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, — אויב איר זיינט ניט מיד . . .

דורכן פֿענצטער האָט זי געזען ווי עלען דרייט אויס איר קאָפּ און קוקט צום פֿענצטער.

— איך בין מיד, — האָט זי געזאָגט.

די באַלעבאָסטע האָט זיך דערווייל אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. זי האָט געגעבן אַ טיפֿן זיפֿץ, פֿון יענעם מין זיפֿצן וואָס באַהאַלטן הינטער זיך אַ סך ליידן. זי האָט געקוקט אויף אַי׳ען און אויף זיין האַלב־באַלויכטענעם פּנים געזען, אַז ער שענקט מער אויפֿמערקזאַמקייט צו עלענען דאָרט אינעווייניק אין קיך, איידער צו איר דאָ. זי איז ניט קיין מיידעלע מער, אַז זי זאָל ניט וויסן און פֿאַרשטיין אַ יונגן מאַן. עס איז זייער אַ ראָמאַנטישע נאַכט. אין אַזאַ נאַכט, אַט ווי זי איז אַליין שוין ניט קיין יונגע, וואָלט זי אַליין אויך בעסער ניט געווען . . .

איר מאַן, הילדנבערג, ליגט איצט אַ כראָפּנדיקער. זי האָט אים נאָר־וואָס, ווי געוויינלעך עס איז אַלע אָוונט די פּראָצעדור, געקראַצט די פּיאַטעס פֿון זיינע פֿיס. אָ, ווי שרעקלעך עס איז! . . . יעדן אָוונט מוז זי אים קראַצן די פּיאַטעס! אַניט קאָן ער ניט איינשלאָפֿן. די פֿיס זיינע שטינקען און ער פֿאַרגלאַנצט זיינע אויגן, ווייל ער האָט הנאה פֿון דעם . . . עס ווילט זיך איר ניט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז זי איז שוין אַזוי אַלט, אַז דאָס וועט שוין זיין איר שיקזאַל — צו קראַצן פֿיס — איר גאַנצן לעבן . . .

— אַ שיינע נאַכט היינט! — האָט אַי ניט־ווילנדיק געענטפֿערט. ביי אים האָט זיך שיר ניט אָפּגעריסן דאָס האַרץ ווען ער האָט דערזען, אַז עלען האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ אינעווייניק אין קיך. הייסט עס, אַז עס איז נישטאָ קיין האָפֿענונג מער, אַז עלען זאָל אַרויסקומען.

— מען דאַרף זיך גיין לייגן שלאָפֿן, ווייל מאָרגן קומט אַ שווערער טאָג מיט אַרבעט! — זאָגט אַי.

— אָ, יאָ, מאָרגן הויבט מען אָן שניידן ווייץ! — גיט מאַדזשי צו מיט איראָניע אין איר שטים. — „אַלע טאָג עפּעס אַנדערש, אַלע טאָג עפּעס נייעס, און דאָך, ווי איינזאַם זי איז!״ — גיט זי אַ טראַכט. זי איז דאָ פֿאַרקלעמט צווישן אַ סך אַרבעטן און דאָך פֿעלט איר עפּעס אין וואָס זי זאָל האָבן אַן אינטערעס, אַט אַזוי ווי אָט־דער דאָזיקער יונגערמאַן . . .

— קאָן איך ביי אייך פֿרעגן אַ פֿראַגע? — ווענדט זיך פּלוצלונג מאַדזשי צו אים.

אין קיך־פֿענצטער איז איצט סיי־ווי געווען פֿינצטער און אַי

האָט שוין געקאָנט שענקען פֿולע אויפֿמערקזאַמקייט צו דער באַלע־באָסטעס רייד. ער האָט זיך ניט געזעצט לעבן איר, נאָר נאָך אַלץ געשטאַנען אַנטקעגן איר ווי אַ גלייכער בוים אין דער פֿינצטערער נאַכט.

— וואָס האָט איר געוואָלט פֿרעגן?

— צי זיינט איר דאָ אַהער געקומען אויף צו פֿאַרבלייבן?

מאַדזשי האָט איצט דערפֿילט אַ ספּעציעלע מיסיע, וואָס איר מאַן הילדנבערג האָט איר אָנגעטרויט, אַז זי זאָל שטילערהייט אויסגעפֿינען צי האָט אַי בדעה דאָ צו פֿאַרבלייבן, צי ניט. הילדנבערג האָט עס געדאַרפֿט וויסן, צוליב זיינע אינטערעסן. ער האָט שוין געמאַכט פּלענער ווי אַזוי צו פֿאַרפּלאָנטערן דעם בחור אַזוי, אַז ער זאָל אַרבעטן פֿאַר אים דאָס גאַנצע לעבן זיינס און קיינמאָל ניט זען קיין פּעני . . .

מאַדזשי האָט איצט אויסגעפֿירט איר מיסיע, און דערווייל די דאָזיקע מיסיע אויסגענוצט כדי צו פֿאַראינטערעסירן דעם יונגן מאַן מיט איר אַליין . . .

— וואָס ווייס איך וואָס מאָרגן וועט זיין? — ענטפֿערט אַי.
— איך בין געקומען אַהער מיט אַ ווילן צו אַרבעטן און צו זיין נוצלעך. אויב עס וועט מיר דאָ געפֿעלן, וועל איך דאָ פֿאַרבלייבן; אויב ניט, וועל איך צוריקפֿאָרן אין דער איסט.

— איר זיינט אַ גליקלעכער מענטש, איר זיינט פֿריי צו טאָן וואָס איר ווילט, — זאָגט מאַדזשי.

—יעדער מענטש דאַרף קאָנען טאָן דאָס וואָס פֿאַר אים איז בעסער, — זאָגט אַי מיט פֿיל דרייסטקייט, אַזוי ווי עס זיינען געווינ־לעך אַלע יונגע מענטשן.

— פֿאַר אייך איז דאָ אַ ליכטיקע צוקונפֿט, אַי! — גיט מאַדזשי ווידער אַ טיפֿן זיפֿץ.

— יאָ, אַ ליכטיקע צוקונפֿט! ערגעץ צו ווערן פֿאַרוואָרפֿן אויף דער פּרעירי, ווייט פֿון אַ ציוויליזאַציע, און אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון אַ פּראַצענטניק און אַרבעטן אויף אים מיין גאַנצן לעבן . . .

— „דער יונג איז גאָרניט אַזוי נאַאיוו ווי ער זעט אויס”, — טראַכט מאַדזשי.

אַי האָט זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר זיינע אייגענע רייד, טאָמער וועט זי זיך אָנשטויסן, ווּעמען ער מיינט מיטן וואָרט פּראָצענטניק. ער האָט געוואָלט פֿאַרריכטן זיין טעות:

—איר פֿאַרשטייט, וואָס איך האָב געמיינט? איך האָב געזען דאָ אויף דער פּרעירי, ווי עלענס פֿאָטער מאַטערט זיך מיט אַ פֿולער שטוב קינדער, איז ביי מיר שוין אָפּגענומען געוואָרן דער חשק.

— די וועלט וועט אַלעמאָל זיין אַזוי צעטיילט אין אייניקע וואָס האָבן ניט קיין מזל, און אַנדערע וואָס האָבן יאָ מזל, — זאָגט מאַדזשי.

— און פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז איך וועט ניט שיינען דאָס מזל? איר האָט דאָך ניט פּרובירט.

— איך גלויב ניט אין די דאָזיקע זאַבאַבאָנעס! — זאָגט אַי. איך גלויב, אַז יעדער מענטש האַלט זיין אייגן לעבן אין זיינע אייגענע הענט.

— איז דאָך גוט! ווי באַלד איר גלויבט אַזוי, טאָ פֿאַרוואָס האָט איר מורא?

— ווער האָט אייך דען געזאָגט, אַז איך האָב מורא? איך קאָן אַלעמאָל נעמען די סיטואַציע אין מיינע אייגענע הענט, ווען עס איז נויטיק.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך בין אַזוי צודרינגלעך. וואָס דענקט איר וועגן עלענען אַליין, נעווער־מאַינד איר אומגליק־לעכן פֿאָטער.

— זי איז אַ פֿיין מיידל, — ענטפֿערט אַי גיך און אָן שום איבער־טראַכטעניש.

— זי וואָלט געווען פֿאַר אימיצן אַ פֿיין ווייב . . .

— עס קאָן זיין, אַז יאָ, — ענטפֿערט אַי.

— ניט עס קאָן זיין, נאָר עס איז אַזוי. איך ווייס וואָס איך רעד, ווען איך זאָג אויף אַ מיידל, אַז זי וועט זיין אַ גוטע ווייב, — שפּאַרט זיך מאַדזשי. — און פֿאַרוואָס זאָל אַ מאַן ווי איר ניט אויסנוצן די געלעגנהייט, ווען זי קלאַפּט אין טיר?

— איך בין נאָך ניט גרייט חתונה צו האָבן, — ענטפֿערט אַי גאַנץ אָפֿנהאַרציק.

— איר מוזט האָבן ערגעץ אַ געליבטע, — זאָגט מאַדזשי.

— איך האָב, — ענטפֿערט אַי.

— ווי באַלד עס איז אַזוי, איז נישטאָ וואָס צו רעדן, — גיט מאַדזשי ווידעראַמאָל אַ טיפֿן זיפֿץ.

דאָס מאָל האָט איר זיפֿץ אַזוי ווי פֿאַראורטיילט אַי׳ען. עס האָט געהייסן, אַז עס איז נישטאָ מער פֿאַר קיינעם קיין האָפֿענונג, ניט פֿאַר אַי׳ען אַליין און ניט פֿאַר איר. אַי אַליין האָט זיך געפֿילט ווי

אַ פֿאַראורטיילטער. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ווי ער וואָלט געוואָרט אויף אימיצן וועלכער זאָל אים קומען אָוועקפֿירן.

— צייט צו גיין שלאָפֿן, — זאָגט מאַדזשי. אַי הערט אין איר שטים אַ טאָן פֿון כּעס.

— גוטע נאַכט!

— גוטע נאַכט!

די נאַכט האָט אַי ניט געקאָנט שלאָפֿן. ער איז אַראָפּ עטלעכע מאָל און אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער צו דער נאָרט, אפֿשר וועט ער ווידער דערזען די נאָרט־ליכט, אָבער צו זיין גרויסע אַנטוישונג איז דער האָריזאָנט אין דער נאָרט איצט געווען אַזוי פֿינצטער ווי די גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן האָט ער באַמערקט אַן ענדערונג אין דער באַלע־באָסטע. ביי איר זיינען געווען שוואַרצע רינגען אַרום די אויגן און ווען ער האָט איר געזאָגט דעם גוט־מאָרגן, האָט זי כּמעט ווי ניט געענטפֿערט. ביים טיש האָט זי געוואָרפֿן מיט די טעלער, ספּעציעל ווען זי האָט לעבן אים אַוועקגעשטעלט דאָס עסן.

אַי האָט געשמייכלט אין זיך אַריין. ערשט איצט האָט ער אָנ־געהויבן צו פֿאַרשטיין דעם גאַנצן באַטייט פֿון דעם נעכטיקן געשפּרעך. ער האָט צו זיך אַליין דערנאָך אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט געלאַכט. עס איז פֿאַר אים געווען אַן איבערלעבונג, פֿון וועלכער ער האָט געהאַט אַ סך צו לערנען.

אַ גאַנצן טאָג האָט אַי געשניטן ווייץ מיטן באַינדער, אַזאַ מאַשין מיט לייוונטענע פֿליגלען אַרום אַ גרויסן ראָד. די ווייצנזאַנגען זיינען געפֿאַלן אונטער די שנייד־מעסערלעך מיט אַ שאַרפֿן, כאָרכלדיקן קוויטש און זיי זיינען אונטערגעכאַפּט געוואָרן פֿון דער ראָד, אויס־געלייגט קאָפּ צו קאָפּ. אַזוי האָט זיי דאָס ראָד געדרייט אַרום זיך אין אַ צירקל, ביז עס האָט זיך געעפֿנט אַ ברייט, פֿלאַך מויל און די מאַשין האָט די זאַנגען איינגעשלונגען. אַז דאָס מאַשין האָט די זאַנגען שוין געהאַט אין איר מויל, האָט זי מיט אַזאַ מין צינגל, וואָס איז ענלעך צו אַ פֿאַרשפּיצטער צונג פֿון אַ גרויסער זאַק־נאָדל, די דאָזיקע זאַנגען מיט אַט־דער צונג אַרומגענומען און זיי צוזאַמענגע־דריקט און צונויפֿגעקוועטשט פּונקט אין דער מיט, דאָרט וואו עס האָט די זאַנגען ווײַ געטאָן אַמשטאַרקסטן, ווייל דאָרט איז נאָך אין די זאַנגען־רערלעך געלעגן די גאַנצע זאַפֿט און דער לעבעדיקער

אָטעם פֿון דער מאַמע־ערד. אָבער עס איז געווען אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך, די מאַשין־נאָדל האָט אין איר שפּיץ געהאַט פֿאַרסילעוועט אַ שפּאַגאַט און איידער וואָס־ווען איז שוין דער סנאָפּ געווען אַרומגעבונדן און אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע.

עס איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער פּלאַטפֿאָרמע, באָבי — דער צווייטער אַרבעטער ביי הילדנבערגן. ער האָט באַלד געטאָן אַ כאַפּ דעם סנאָפּ מיט זיין גרויסן היי־גאָפּל און אים אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד.

אין דער מאַשין זיינען געווען געשפּאַנט פֿיר פֿערד „אין־דער־ברוסט”. אויף זייערע מיילער — מאַסקעס פֿון דראָט, כדי זיי זאָלן ניט קאָנען כאַפּן אַ ביים פֿונעם ווייץ. די פֿיר גרויסע פֿערד האָבן געהלשט צו כאַפּן אַ ביים פֿונעם ווייץ. זיי האָבן געשטרעקט זייערע קעפּ ביי יעדער געלעגנהייט, אָבער די מאַסקעס אויף זייערע מיילער האָבן זיי געשטערט. די ווייצנקעפּלעך האָבן געקיצלט מיט שטעכערלעך אין די ליפּן פֿון די פֿערד און דער זיסער, האָניק־פֿולער טעם פֿון די ווייצנקערנדלעך האָט גערייצט דעם אַפּעטיט.

דאָס פֿעלד איז צעלייגט איבער אַ גרויסן שטח. דער ווייץ — געדיכט און הויך. דער הימל איבערן קאָפּ איז לויטער און די זון שיינט און וואַרעמט, ווי אַ געטרייע מוטער־הון וואַרעמט אירע הינדעלעך.

אַי זיצט אויף דעם אייזערנעם זיץ פֿון דער מאַשין, וואָס איז אויסגעקיילעכט, ווי אַ טיפֿע שיסל. ער האַלט אין זיינע הענט אַ פּאָר לייצעס. די לייצעס זיינען צעטיילט און אַריינגעפּלאָכטן צווישן זיינע פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט און אין דער רעכטער האַלט ער אַ בייטש, אַ לאַנגע, ווי אַ בויגעוודיקער צווייג נאָר־וואָס אָפּגעריסן פֿון אַ בוים.

אָבער ער טאָר ניט נוצן די בייטש אויף די פֿערד. ער דאַרף זיי נאָר ווייזן, אַז ער פֿאַרמאָגט אַזאַ זאַך ווי אַ בייטש. די פֿערד זיינען אָנגעפּרעסענע, מיט אַ סך שמאַלץ אויף זיך. זייער הויט ווערט שיר ניט צעפּיקעט פֿון פֿעטקייט. זיי זיינען געשטאַנען אַ גאַנצן ווינטער און גאָרניט געטאָן. אַ מזל פֿון פֿערד, צו שטיין אין שטאַל ביי הילדנבערגן און ניט ערגעץ ביי אַ קבצן אַ פֿאַרמער! . . .

הילדנבערג דאַרף דען דעם דאָזיקן ווייץ, חלילה, אויף אַ שטיקל ברויט? ער וועט מסתם דעם דאָזיקן ווייץ אַריינשיטן אין אַ שפּייכלער און אים האַלטן אויף ספּעקולאַציע. און אַי׳ען האָט אַזש פֿאַרדראָסן

פאַרוואָס עס איז דאָ אַזאַ גרויסע שפע אין דעם דאָזיקן ווייצנפעלד. עס האָבן זיך ממש געשאָטן פולע עמערס מיט זאַנגען, פול מיט גרויסע און פולע קערנער.

די מאַשין האָט פאַרמאָגט אַ שטאַנג מיט דריי־עקעכדיקע מע־סערלעך. די מעסערלעך האָבן זיך באַוואויגן אַהין און צוריק דורך דער באַוועגונג פון קליינע און גרויסע רעדלעך. די דריי־עקעכדיקע מעסערלעך זיינען שאַרף, ווי חלפים.

און ווי וואונדערלעך די מאַשין איז!

זי פלאַפלט אַזוי וואונדערלעך שיין, ווען אַלע רעדעלעך און שטאַנגען באַוועגן זיך, ווי עס איז פאַר זיי אָנגעצייכנט געוואָרן. פון איין רעדל צום צווייטן לויפן רימענע פאַסן און די דאָזיקע פאַסן לויפן און יאָגן זיך אַזוי גיך, אַז דאָס אויג קאָן קוים כאַפן זייער באַוועגונג. די פאַרשיידענע רעדלעך, די קליינע און די גרעסערע יאָגן און לויפן און מיט זייער אימפעט באַוועגן זיי אַלערליי שטאַנגען. עס איז אַ וואונדערבאַרע שטיקל מענטשלעכע אויסטראַכטעניש!

די אַכט־פוסיקע שטאַנג מיט די שאַרפע מעסערלעך שניידט זיך אַריין אַכט פוס די ברייט אין דעם ווייצנפעלד. עס גיט זיך מיט איין מאָל אַ שנייד אויס אַ פאַס פון ווייצנפעלד אַכט פוס די ברייט און גלייך ווי מיט אַ ווירע. די זאַנגען, וועלכע שטייען נאָך אויף זייערע פיס, טושען זיך צונויף געדיכטער און זיי שטייען און ציטערן. דאָס ברויט שרייט פון די טיפענישן פון דער ערד. עס וויל ניט שטאַרבן, — ווען אַפילו מען זאָל קומען פון דער גאַנצער וועלט און באַווייזן, אַז ברויט מוז פריער שטאַרבן, כדי דערנאָך שפייזן און ברענגען לעבן . . .

אַי איז געזעסן און געדרויכערט זיין ליולקע. די מאַשין איז גע־גאַנגען אין גוטער אָרדענונג. באַבי איז נאָכגעגאַנגען מיט דעם גאָפל און קוים געקאָנט נאָכהאַלטן צו כאַפן די סנאָפעס אין צייט. איידער ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ סנאָפ אויף דער ערד, איז שוין געווען אַ צווייטער סנאָפ אַרויסגעשפיגן פון דער מאַשין. באַבי האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט שוויס, ווייל אים איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז די מאַשין זאָל אים איבערשטייגן. און זיין אַרבעט איז געווען אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכע. ער האָט געדאַרפט אויפשטעלן קופעס אַזוי, אַז דער רעגן זאָל זיי וואַשן און זיי דאָך ניט מאַכן נאַס.

אַי האָט באַמערקט, אַז באַבי שוויצט, האָט ער אים אָנגעבאָטן זיך מיט אים צו בייטן מיט דער אַרבעט.

— דעם־איט! — האָט באָבי אויסגעשריען. — איך בין געוואוינט צו דעם אַלטן וועג. און לאָמיך דיר זאָגן, אַז דער אַלטער וועג איז געווען אַ סך בעסער. אַזאַ פּאַס אויסצושניידן אין אַ ווייצנפעלד האָט גענומען לענגער, אָבער דערפאַר האָט מען זיך אַזויפיל ניט געיאָגט.

— דער וועג איז אַ בעסערער, — ענטפערט אַי. — עס איז נאָר אַ פאַרדראָס, ווען מען דערמאָנט זיך פאַר וועמען מען טוט עס.

— נו, לאָמיר ניט אַרבעטן אַזויפיל, — זאָגט באָבי. — לאָמיר זיך אַנידערזעצן אין שאָטן פון די ווייצנזאַנגען. נאָך אַלעמען, וועט ער, דער הונט, סיי־ווי ניט וויסן צי מיר אַרבעטן, צי ניט.

— דאָס האָב איך פיינט, — זאָגט אַי. — איך האָב ליב צו טאָן מיין אַרבעט, צי דער באַלעבאָס שטייט און היט מיך, צי ניט.

— אָבער באַרעכן וויפיל מיר וואָלטן אָפּגעטאָן, ווען מיר וואָלטן געשניטן דעם ווייץ מיט די הענט.

— אָבער מיר שניידן דאָך מיט אַ מאַשין, באָבי. דער באַלעבאָס אונזערער ווייסט ווי גרויס זיין פעלד איז און ביי אים איז זיכער אויסגערעכנט וויפיל עס דאַרף נעמען צוויי מענטשן מיט פיר פערד אָפּצושניידן אַזאַ פעלד. איז לאָמער ניט זיין קיין קינדער. עס איז אַ בלוטיקער ערנסט!

— איך ווינטש, אַז דער סאַנאַ . . . וואָלט זיך געווען אויסגעבראָכן די הענט איידער ער האָט דערפונדן אָט־די דאָזיקע מאַשין!

— שרייט אויס באָבי מיט ווייטיק.

— גיי, זיי ניט קיין נאַר. מאַשינען זיינען אַ געבענטשטע זאַך, נאָר דער אומגליק איז, וואָס די רייכע נוצן אויס די מאַשין אויף מערער צו פאַרשקלאַפן דעם אַרבעטער־מאַן — אָט אין וואָס!

— קום, קריך אַראָפּ פון אַרטן, פון דיינע הויכן, לאָמיר זיך גוט אויסרוען, ווייל עט באַצאָלט זיך ניט אָוועקצוגעבן דאָס געזונט, — האָט באָבי אַראָפּגענומען זיין קאַפעליוש און מיט זיין אַרבל אָפּגעווישט זיין שוויס פונעם שטערן.

אַי האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון.

— אָלרייט, מיר וועלן זיך אַביסל אָפּרוען, — איז אַי אַראָפּ פון זיין זיץ־פּלאַץ.

ביידע אַרבעטער האָבן זיך אַנידערגעזעצט אין פראָנט פון די פערד. זיי זיינען געווען באַשיצט פון דעם ניט־ווייטן הויז דורך די הויכע ווייצנזאַנגען. און זיי האָט זיך אַפילו ניט געחלומט, אַז דאָרט אין שטוב ביי הילדנבערגן גייט איצט אָן אַ שמועס וועגן זיי.

— וואָס עפּעס הער איך ניט די מאַשין? — איז הילדנבערג אַריינגעקומען פֿון דרויסן אין קיך אַריין.

מאַדזשי האָט זיך איינגעהערט. זי האָט געזאָגט:

— מיט פֿרעמדע הענט ביזטו קיינמאָל ניט אַזוי זיכער ווי מיט דיינע אייגענע הענט.

— איך וועל אַרויסגיין אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן איז, — בורטשעט הילדנבערג בייז. ער האָט זיך געלאָזט גיין, ווען זיין ווייב האָט אים נאָכגעשריען:

— אָבער רעג זיי ניט אויף!

ער האָט גענומען שפּאַנען מיט זיינע צוויי קוליעס באַרג־אַראָפּ.

די צוויי בחורים זיינען זיך געזעסן געמיטלעך אין פֿראָנט פֿון די פֿערד און געררויכערט, אַי זיין ליולקע און באָבי זיין סיגאַרעטל.

— סעי, איך האָב דיך געהערט נעכטן ווי דו האָסט פֿאַרבראַכט מיט דער מיסעס אונזערער. דו האָסט פֿאַרכאַפּט ביידע, אַי די יונגע און אויך די אַלטע, — זאָגט באָבי מיט אַ ווונק פֿון איין אויג.

— די אַלטע בין איך דיר מוחל, — לאַכט אַי.

— בעסער היט זיך פֿאַר דעם אַלטן, וואָס כאָטש ער טויג שוין ניט, אָבער אייפֿערזיכטיק איז ער ווי אַ יונגער מאַן פֿון צוואַנציק. איך בין דאָ פֿריער פֿון דיר און איך ווייס וואָס איך רייד. אין אָנהויב, ווען איך בין דאָ אָנגעקומען, האָט ער מיך געהיט, אַז איך זאָל אויף איר ניט טאָן קיין קוק. יעסערי! איך וואונדער זיך, וואָס אַזאַ פֿרוי טראַכט זיך ווען זי מוז שלאָפֿן מיט אַ מאַן, וואָס איז עלטער פֿון איר מיט צוואַנציק יאָר?

— ביזט מיט איר ניט צעקריגט און קאָנסט ביי איר אַ פֿרעג טאָן, — לאַכט אַי.

— גיב אַ קוק! — גיט פּלוצים באָבי אַ געשריי און הויבט זיך אויף. — דער אַלטער טייוול שפּאַנט אַהער אויף זיינע אַלע פֿיר!

אַי האָט זיך אויך אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט, נאָר אַנשטאָט לויפֿן, איז ער געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. באָבי האָט געכאַפּט דעם גאָפּל אין זיינע הענט און איז צוגעלאָפֿן צו די קופּעס און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט געאַרבעט.

הילדנבערג איז גלייך אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַי׳ען מיט זיינע צוויי קוליעס. אַי איז געשטאַנען אויפֿן אָרט.

— גוטן טאָג! — האָט הילדנבערג געזאָגט.

— גוטן טאָג! — ענטפֿערט אַי.

— ווי גייט די אַרבעט? — פֿרעגט דער אַלטער.

— גאַנץ גוט! — ענטפֿערט אַי.

באַבי דרייט זיין קאָפּ אויף צוריק כדי צו כאַפּן אַ בליק. ער פֿאַרשטייט ניט דעם דאָזיקן בחור. ווייסט ער דען ניט, אַז דער אַלטער וועט זיך באַלד צעשרייען? באַבי האָט כאָטש מיט איין בליק געוואָלט אַי'ען לאָזן וויסן, אַז ער זאָל האַנדלען ווי אַ מענטש. אָבער, צום טייוול, ער שטייט גאָר און רעדט מיט אים ווי מיט זיינס גליכן.

— ווי איז די מאַשין? אַרבעט זי גוט? — פֿרעגט הילדנבערג.

— פּערפֿעקט! — ענטפֿערט אַי.

— דאָס האָב איך ליב צו הערן, — שלעפּט זיך דער אַלטער צו צו דער מאַשין און באַטראַכט די מעסערלעך.

אַי גייט אים נאָך און באַטראַכט אויך די מעסערלעך. אַרבעטער און באַלעבאָס שטייען אַזוי אַ ווײַלע.

— „באַלד וועט עס אויסברעכן!" — טראַכט באַבי.

אָבער עס איז גאָרניט געשען.

— מאַך ניט מערער ווי נאָך איין ריי און דאַן קאָנסטו קומען אַהיים, — האָט דער אַלטער געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען צוריק צו דער ריכטונג פֿון הויז.

אַביסל שפּעטער האָט באַבי אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג, וואָס דער אַלטער האָט זיך אַזוי גוט געהאַלטן.

— עפּעס מוז ער האָבן אין זיין „אַרבל", — האָט אַי געענטפֿערט.

— און לייג זיך ניט קיין זינגעוודיקע פֿייגעלעך אין בוזעם . . .

דרייצנטער קאַפּיטל

אין איין וואָך האָט אַי מיט באַבין, מיט אַ שפּאַן פֿון פֿיר פֿערד און דעם „באַינדער" אָפּגעשניטן אַ פֿעלד מיט ווייץ, וואָס האָט פֿאַרנומען הונדערט אַקער.

באַבי האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן אַזאַ מין פֿאַרמעריי.

— וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָן פֿון דעם אַרויסקומען, אַז אין איין וואָך „לייגט" מען אַנידער אַזויפֿיל אַקער ווייץ? — האָט באַבי ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

אַי האָט אים דערקלערט, אַז עס איז דאָ אַ קאָמבאַין, וואָס קאָן שניידן הונדערט אַקער ווייץ אין איין טאָג.

אויף דעם האָט באַבי געענטפֿערט: — דזשימיני! — וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז עס איז איבער זיינע כוחות צו פֿאַרשטיין אַזאַ זאַך.

און כאָטש באָבי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, איז פונדעסטוועגן פּאַקטיש אָפּגעשניטן געוואָרן פון צוויי אַרבעטער מיט 4 פערד — הונדערט אַקער ווייץ אין איין וואָך צייט.

און צו דעם חשבון פון אָט־דער גראַנדיעזער אַרבעט איז נאָך צוגעקומען אַ לאַנגער צעטל פון קלענערע אַרבעטן.

ווי צום ביישפּיל, דאָס וואָס אַי האָט אַלע אינדערפרי געמוזט אַרויסרייטן אויף דער פּרעירי איידער די זון איז אויפגעגאַנגען און גלאַט אַזוי אַ קוק טאָן ווי דער טאַבון מיט די ווילדע פּרערי־פערד, הילדנבערגס, פילן זיך.

אַי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכער שטיקל אַרבעט. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס עס איז געווען אַ געוויסער רייץ, זיך אויפצופעדערן, פאַר דער זון, ווען דער מאָרגן איז נאָך אין האַלבן נעפּל; ווען די פעלדער זיינען נאָך באַדעקט מיט טוי; ווען אַלע באַשעפענישן פון דער פּרעירי וועקן זיך נאָר־וואָס אויף פון זייער שלאָף; ווען די ווילדע קעץ שפּרינגען אַראָפּ פון זייערע נעסטן אויף די ווערבע־ביימער ביים טייך; ווען די פּרעירי־האָזן קריכן אַרויס פון זייערע נאָרעס אין די בערג און כדי אויסצוגלייכן זייערע פאַרשטאַרצטע פיס, נעמען זיי יאָגן באַרג־אַראָפּ און צוריק באַרג־אַרויף; ווען די פּרעירי־וועלף גייען אַרום, ווי פריטשמעליעטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פון דעם אומדערוואָרטן גרויסן, ליכטיקן טאָג, וואָס קומט אָן אויף זיי, פונקט אינמיטן פון זייער יאָגד; ווען די פייגלען נעמען זייער ערשטן פרימאָרגנדיקן שפּריץ, פליענדיק פלאָך ביים וואַסער פון טייך, און ווען די ווילדע קאַץ לויערט אויף זיי פון דער טיף פון די געדיכטע וויינשל און אַגרעסן בוימלעך; ווען די בערג זיינען איינגעדעקט מיט ווייסע ליילעכער פון טומאַנען און דער גרויסער, ליכטיקער טאָג גייט אַרום איבער דער פּרעירי און וויקלט פאַנאַנדער אָט־די ליילעכער, וויקלט זיי צונויף און באַהאַלט זיי אין די טאָלן.

דעמאָלט פילט זיך אַי, אַז ער איז דער ערשטער מענטש אויף דער פּרעירי. ער צעעפנט זיינע אויגן ברייט און קוקט און גאַפט אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט אַרום און אַרום, און אים דאַכט זיך, אַז ער פליט ווי אויף פליגלען. אָט איז ער אין טאָל און איז ער אויף אַ הויכן באַרג.

די ווילדע פערד באַגעגענען אים מיט אַ הירזשעריי, עס איז זיי פריילעך צו זען אַ מענטשן נאָך אַ לאַנגער, פינצטערער נאַכט.

אַי גיט אויך צו די פֿערד אַווילדן אויסגעשריי פֿון זיינע טיפֿעניש. עס איז ניט קיין מענטשלעך וואָרט וואָס ער שרייט צו זיי, — עס איז מער ענלעך אויף אַ פֿערד־הירזשען; ער וויל, אַז די פֿערד זאָלן אים פֿאַרשטיין. ער האָט זיי ליב. ער האָט ליב זייער זאָרגלאָזיקייט; זייער פֿרייהייט. און ווי שיין זיי זיינען!

די ראָסע האָט זיי אָפּגעוואַשן און זיי שטייען איצט און „קעמען" זיך איינס דאָס אַנדערע מיט זייערע ציינגער. די האָר גלאַנצן מיט אַ לוסטער און עס זעען זיך די ליניעס פֿון די צינגער־קאַמען, ווי אַנגעשמירטע ליניעס מיט פֿאַרב פֿון אַ ברייטער באַרשט.

אַי׳ען איז אינטערעסאַנט צו וויסן, צי האָבן פֿערד אַ באַגריף פֿון פֿאַמיליע־פֿליכטן. ער קוקט זיך צו ווי אַזוי די יאָריקע לאָשעקעס דערקענען שוין ניט זייערע מאַמעס, און פֿאַרקערט.

אָט זעט ער ווי אַ מאַמע־פֿערד היט אָפּ איר קליין לאָשעקל, האַלט זיך ווייט פֿון דעם טאַבון.

און אָט זעט ער, ווי אַזוי אַ דערוואַקסענער לאָשעק גיט אַ בריק זיין אייגענער מאַמע דערפֿאַר, וואָס זי האָט אומגערן איבערגע־שלאָגן זיין פֿאַרגעניגן פֿון „געבן אַ פֿליצע" צו דער צונג פֿון אַן אַנדער פֿערד, וואָס איז געשטאַנען און ענערגיש אים אויסגעקושט מיט דער צונג יעדן ביין פֿון זיין קריזש.

און ווי ברוטאַל עס זיינען, אָט־די פֿרייע קינדער פֿון דער פּרעירי, צו איינעם פֿון זיי, וואָס איז פֿאַרקריפּלט. אָט איז דאָס איינציקע קרומע פֿערד, וואָס הילדנבערג פֿאַרמאָגט. ביים פֿערד איז אַ הינטערשטער פֿוס מיט אַ גרויסער גוליע, פּונקט אַרום דער קני. ער קאָן זיך ניט שטעלן אויף דעם פֿוס און הינקט אויף דריי פֿיס. און דערפֿאַר האָבן אים די איבעריקע פֿערד פֿיינט און לאָזן אים ניט אַריין צווישן זיך. זיי בייסן אים און בריקענען אים.

ווי ברוטאַל!

אַי פֿליט אַרום איבער דער פּרעירי אויף זיין רייטערל. ער קען שוין דאָ אַלע טיפֿע „קעשענעס" צווישן די בערג; ער קען אַלע בערג און ראַווינעס, אַלע טיפֿע יאַרן און אָפּשניטן. עס שטייען בערג צעשניטענע, ווי מען צעשניידט אַ ברויט אויף דער העלפֿט. עס זעט זיך אַלערליי פּלאַכטעס און פֿאַכן פֿון דעם אינהאַלט פֿון דער ערד. אָט לויפֿן פֿאַכן פֿון קופּער, פֿון קויל, פֿון קאַלך. די הילדנבערגס זיינען דאָ אַראָפּגעקומען גאָר צום ערשטן, ווען דאָ איז נאָך קיינער ניט געווען און מען האָט פֿאַר זיי אויפֿגעשניטן אַ

ברויט־אַרטיקן באַרג און זיי געוויזן, וואָס ס׳טוט זיך דאָ אין דער ערד. ווי פֿיין זי איז אויסגעקנאָטן פֿון אַלערליי מינעראַלן און שטאָפֿן. עס זיינען דאָ זאַלצן אַלערליי און בוימל מיט האָניק, אייזן און קופּער, קוילן, קוילן, קוילן!

די הילדנבערגס האָבן געגומען און פֿאַרכאַפּט טויזנט, צוויי טויזנט, — זעקס טויזנט אַקער!

ווי גרויס עס איז זיין לאַנד! ער האָט דאָ אייגענע טייכן, וואָס לויפֿן און יאָגן איבער זיינע פֿעלדער מיט אַ געמורמל פֿון כוואַליעס און וואַסער־פֿאַלן, איבער שטיינער פֿון קאַלך.

אַי פֿאָרט אַריבער רייטנדיק איבער דעם טייך „אינדיען ריווער" און קומט אַרויס אויף אַ גרויסן פּלעין, וואָס זעט אויס ווי אַ סטודיאָ פֿון אַ סקולפּטאָר.

אַ ריזיק פֿעלד פֿון קאַלך־שטיינער. ווער ווייסט וויפֿיל יאָרן אַט־די שטיינער גיגאַנטן ליגן דאָ צעשפּרייט; דער ווינט אַרבעט איבער זיי און דער רעגן און שניי וואַשט זיי און שלייפֿט זיי, און אַי פֿאָרט דאָ דורך אַלע אינדערפֿרי און ער אַנטדעקט אַלע פֿרימאָרגן עפּעס אַ נייַ געשטאַלט.

וואָס פֿאַר אַ גרויסער אַרטיסט איז די נאַטור אַליין!

אַט שטייט אויסגעהאַקט פֿון שטיין אַ פּרערי־וואָלף און וואָיעט צו דער לבנה. און אָט די ביינער פֿון אַן אויפֿגעפֿרעסענעם פֿערד. און אָט טראָגט זיך אַ קאָובאָי אויף אַ פֿערד איבער דער פּרערי!

אַי לערנט דאָ פֿון דער נאַטור, אַז אַ קינסטלער דאַרף אָפּשפּיג־לען אין זיין אַרבעט דאָס,וואָס אים איז נאָענטער.

וואָס מערער אַי קוקט זיך איין, אַלץ מער דערזעט ער, ווי די נאַטור האָט אויסגעפֿורעמט אין שטיין־קאַלך דאָס לעבן פֿון אירע לעבעדיקע באַשעפֿענישן דאָ אַרום אין נאָרט דאַקאָטאַ.

אַי באַשליסט, אַז דאָס וואָס ער האָט געשריבן ביז אַהער האָט אין זיך ניט קיין אָפּשפּיגלונג פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן, מיט וועלכן ער האָט געהאַט באַקאַנטשאַפֿט אָדער מיט וועלכן ער איז געווען נאָענט.

מיטאַמאָל ווערט ער אויס קאָובאָי און עס דערשיינט אין אַי׳ען עפּעס אַן אויסטערליש געשטאַלט פֿון אַ זעער און ער דערזעט זיך אַליין רייטנדיק אויף אַ פֿעלד און זוכנדיק דעם לעבעדיקן אָטעם פֿון אַ מענטשן צווישן קאַלך־שטיינער.

אַי צעלאַכט זיך.

ער זאָגט צו זיך אַליין: אָ באַי, ביזט שוין אַ פאַרפאַלענער! דו וועסט קיינמאָל ניט קאָנען באַוויזן דאָס, וואָס די נאַטור קאָן!

זיין רייטערל ברענגט אויף מיט זיינע פיס שטויב פון קאַלך. עס ווערט אַ'ען ביטער אין מויל.

ער זאָגט צו זיך אַליין; — אַ, איך וועל יאָ קאָנען באַווייזן, אַז דער מענטש איז שטאַרקער פון דער נאַטור.

און ער פאָרט אַוועק ווייטער אויף דער פּרעירי.

דערווייל גיט ער אַכטונג אויף הילדנבערגס פערד, אָבער ביי אים אין זיין באַוואוסטזיין ליגט אַ ווייטע צוקונפט.

די זון גייט אויף אויף דער פּרעירי.

אַלע טאָג איז דאָ אַן אַנדער זון!" עס איז נישטאָ קיין איבער־חזרן זיך אין דער נאַטור.

עס וואָלט גענומען אַ'ען הונדערטער יאָרן און יאָרן צו רייטן אויף דער פּרעיריי אַלע אינדערפרי, און קוקן ווי אַזוי די זון גייט אויף.

און ער וואָלט אַלץ ניט געקאָנט דערציילן ווי אַ זון גייט אויף.

און ווי קינדיש עס איז זיין פאַרלאַנג איבערצושטייגן די נאַטור.

אָבער דערווייל נעמט ער זיך אָן מיט אַזוי פיל זון־אויפגאַנגען אַלע אינדערפרי. און דאָס אַליין ווערט ביי אים פאַררעכנט פאַר אַן אַרבעט, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין גורל.

וויפיל חברים האָט אַי אין ניו יאָרק, וועלכע זעען ניט אַן אין זייערע אויגן קיין איין זון־אויפגאַנג! זיי ליגן אין דער גרויסער שטאָט און ווייסן גאָרניט וואָס פאַר אַ שיינע וועלט עס איז פאַראַן.

אַי פאָרט אַרום אויף דער פּרעירי אַלע פרימאָרגן, ווי אין אַ פּרעלודיע צו זיין טאָג אַרבעט. און דערנאָך, אַרום זעקס אַזייגער, אָדער האַלב נאָך זעקס, קומט ער אַהיים און העלפט באַבין אין שטאַל.

דערנאָך עסט מען איבערבייסן און ערשט דערנאָך קומט דער טאָג אַרבעט פון אַכט ביז צוועלף און פון איינס ביז זון־אונטערגאַנג.

הילדנבערג וואָלט על פּי שכל געדאַרפט זיין צופרידן מיט אַי'ס אַרבעט. אָט האָט מען אים אָפּגעשניטן אין איין וואָך הונדערט אַקער ווייץ.

אָבער וואָס מער אַי האָט געאַרבעט, אַלץ מערער האָט הילדנ־בערג געוואָלט.

עס איז געווען אויף דעם זעקסטן טאָג, שבת נאָכמיטאָג, ווען אַי מיט באַבין האָבן געהאַלטן אין פאַרענדיקן דאָס ווייצנפעלד,

ווען הילדנבערג איז פאַרפאָרן מיט פערד־און באַגי אויפן פעלד, צווישן די סנאַפּעס מיט ווייץ, און צוגערופן אי׳ען.

— גוטן טאָג!

— גוטן טאָג!

— הער אויס, אַי, ווילסט פאָרן אין שטאָט? — זאָגט הילדנבערג.

— „אָט איז עס!" — גיט אַי אַ טראַכט. אים האָט זיך אויס־געוויזן, אַז הילדנבערג קלויבט זיך אים אָוועקצושיקן.

ביי אַי׳ען האָבן אָנגעהויבן צו פלאַמען די באַקן.

— יעס, איך וועל פאָרן — האָט ער געזאָגט מיט אַ געוויסער האַפערדיקייט. וואָס וועט ער דאָ גיין קלאָגן אויפן דזשאַב אָדער זיך בעטן ביים גזלן? אָוועקשיקן איז אָוועקשיקן!

אַי איז אַריין אין דער באַגי מיט איין שפרונג און הילדנבערג האָט געהייסן באַבין ענדיקן דאָס שניידן פון דער לעצטער ליניע.

אַ שמיץ מיט דער בייטש אין דער לופטן און דאָס פערד מיט דער באַגי האָבן זיך גערירט פון אָרט.

זיי זיינען אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג שווייגנדיק. אַי׳ען האָט גע־וואונדערט וואוהין ער פירט אים. פון אָוועקשיקן אים איז שוין ניט געווען קיין רייד. ווייל, ווען ער וויל אים אָוועקשיקן פון דזשאַב, וואָלט ער מיט אים צוגעפאָרן אַהיים און אים געהייסן נעמען זיינע זאַכן מיט זיך.

און הילדנבערג האָט איצט געטריבן דאָס פערד מיט אַ נייעם וועג, וועלכער איז אַי׳ען נאָך גאָר ניט געווען באַקאַנט.

אַז זיי זיינען אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג, האָט הילדנבערג איבער־געגעבן די לייצעס אַי׳ען און אַליין אָנגעפילט זיין פיפקע.

— ווייסט וואוהין מיר פאָרן? — זאָגט ער צו אַי׳ען.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— איך פיר דיך, צו ווייזן דיר אַ האָומסטעד.

— אַ האָומסטעד?! — וואונדערט זיך אַי.

— יעס, אַ האָומסטעד. עס איז נאָך פאַרבליבן איינער פון די לעצטע האָומסטעדס, דאָ אין נאָרט־דאַקאָטאַ. עס איז אַ גוט שטיק לאַנד פון 160 אַקער און איך וויל, אַז דו זאָלסט עס אָנקוקן.

— וואָס ווייס איך וועגן לאַנד? — פּרובירט אַי זיך צו מאַכן קליין אין הילדנבערגס אויגן.

— דו דאַרפסט גאָר נישט וויסן, — שטימט מיט אים איין הילדנ־בערג און פאַררויכערט זיין פּיפּקע. — איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך פאַרשרייבן אויף דעם שטיק לאַנד.

— איך ?

— יעס.

— איך בין נאָך ניט פאַרטיק זיך דאָ צו באַזעצן, — זאָגט אַי.

— אָבער איך האָב פאַר דיר אַ פּראָפּאָזיציע — זאָגט הילדנ־בערג און נעמט מיט אַ ביסל כעס אָפּ צוריק די לייצעס פון אַי׳ס הענט. — פיל אויך אָן דיין פּיפּקע און לאָמיר רויכערן און שמועסן.

אַי האָט אויך אָנגעפּילט זיין פּיפּקע און פאַררויכערט. אים איז געווען אינטערעסאַנט וואָס פאַר אַ פּלאַן הילדנבערג האָט. ער איז געווען וואַך אויף יעדן ריר, וואָס דער באַלעבאָס זיינער האָט גע־מאַכט, יעדע באַוועגונג זיינע האָט עפּעס געמיינט.

אַי האָט געוואוסט, אַז דאָ זיצט מיט אים ניט קיין פריינטלעכער מענטש. זינט ער איז דאָ ביי אים אַן אַרבעטער, האָט נאָך הילדנ־בערג צו אים ניט אויסגערעדט אַ מענטשלעך וואָרט. איז וואָס־זשע איז עפּעס איצט מיט אים געשען, וואָס ער וויל אים מיטאַמאָל אַזוי פאַרזאָרגן ?

אַי האָט געוואוסט פון זיין דערפאַרונג אין שטאָט מיט באַלע־באַטים, אַז אַן אַרבעטער מוז אַלע מאָל קעמפן פאַר דאָס מינימאַלסטע מיט ציין און נעגל, איידער מען קאָן עס אַרויסקריגן פונעם באַלעבאָס און צוליב אַ נישטיקן ניקל אויף אַ טוץ „פּרעימס״ האָט ער צוזאַמען מיט די איבעריקע אַרבעטער געמוזט אַרויסגיין אין אַ גענעראַל־סטרייק אין ניו יאָרק. און דער גענעראַל־סטרייק איז פאַרלאָרן געגאַנגען און ער, אַי, איז געוואָרן פאַרשריבן פון די באַלעבאַטים אויף אַ שוואַרצן ליסט.

און אָט זיצט מיט אים דאָ אויף דער „באָגי״, זייט ביי זייט, זיינער אַ באַלעבאָס און וויל אים גאָר פאַרזאָרגן מיט אַ צוקונפט. און ניט נאָר דאָס, נאָר ער האָט אים, זיין אַרבעטער, צוגענומען אין דער מיט פון דעם אַרבעט־טאָג און פירט אים אויף אַן אויסגע־פוצטער „באָגי״ ערגעץ צו אַ צוזאָגנדיק אומבאַוואוסט לאַנד...

עס איז געווען זייער פאַרדעכטיק ביי אַי׳ען אין די אויגן און ער האָט זיך געהיט ניט אַריינצופאַלן מיט עפּעס אַ וואָרט אין דער נעץ, וואָס אָט דער הילדנבערג שפּרייט זיכער, כדי אים אַריינצוכאַפּן.

עס איז געווען אַ וואונדערלעכער נאָכמיטאָג אין יוני. אויףביידע זייטן וועג זיינען געלאָפן פעלדער מיט הויכע גראָזן, רייף־ווערנדיקע ווייץ און האָבער. די זון האָט געלויכטן און עס איז געווען אַזויפיל ליכט אַרום און אַרום, אַז מען האָט ניט געקאָנט האַלטן אָפן די אויגן. עס איז געווען פשוט צום פאַרבלענדט ווערן פון ליכטיקייט.

דער וועג איז געווען אַזוי ווי נאָר־וואָס אויסגעפּרעסט מיט אַ הייסן אייזן, גלאַט און ליכטיק־גלאַנצנדיק פון דער זון. עס זיינען געלאָפן צוויי אויסגעקאָטשעטע שניטן אין וועג פון די רעדער, וועלכע האָבן דאָ איבערגעלאָזט סימנים. עס האָט זיך אויך געזען שפּאָרן פון פערדישע פּאָדקאָוועס, אי מיט די ציין אַהין, אי מיט די ציין אויף צוריק.

עס האָט געשמעקט מיט טייערע קרייטעכער און בלימעלעך, מיט דעם בלומענדיקן קלאָווער, וואָס האָט אין זיינע פּורפּורנע בליטן־בעכערלעך דעם זאַפט פון וואָס בינען מאַכן האָניק.

— יעס, איך האָב דיר אַ פּראָפּאָזיציע, — האָט מיסטער הילדנבערג איבערגעחזרט אַביסל שטשיפּעליאָווע„ דערפאַר וואָס ער האָט געערעדט האַלטנדיק זיין פּיפּקע אין מויל. — הער זיך איין מיט קאָפּ.

— אָ־קעי ! — איראָניזירט אַי.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך פאַרשרייבן אויפן שטיק לאַנד און איך וועל דיר העלפן בויען אַ שטיבל, גראָבן אַ ברונען און אויך וועל איך דיר העלפן פאַרזייען די ערשטע פינף אַקער לאַנד.

אַי האָט אים געוואָלט איבערשלאָגן, אָבער הילדנבערג לאָזט אים גאָרניט זאָגן :

— דו הער מיך פריער אויס און דערנאָך וועסטו ריידן. דאָס געזעץ פון סטייט פאָדערט, אַז אַ האָומסטעדער זאָל דאָס ערשטע יאָר בויען אַ הויז פון אַכט פוס די ברייט און צוועלף פוס די לענג. נומער צוויי פאָדערט דאָס געזעץ, אַ ברונען, און דריטנס, אַז דער בייער באַזיצער זאָל פאַרזייען פינף אַקער לאַנד. דו, אַי, וועסט קאָנען אַרבעטן ביי מיר פונקט ווי דו אַרבעטסט איצט ביי מיר און אין דער זעלבער צייט וועסטו האָבן אַן אייגענעם האָומסטעד.

— און וואָס וועט זאָגן די רעגירונג ?

— איך וועל שוין וויסן ווען דער אינספּעקטאָר דאַרף קומען מאַכן אַן אינספּעקציע און דאַן וועסטו אָנזאָטלען אַ פערד און אַוועקפאָרן אויף דיין האָומסטעד. — זאָגט הילדנבערג, געבנדיק שאַרף אַ

קוק אויף אַי׳ען. — דאָס איז פֿון די קלענסטע איבלען. איך האָב גרויסע פֿאַרבינדונגען. זיי זיינען דאָרטן אין דער רעגירונג אַלע מיינע פֿריינט. איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין אַ מענטש . . . איך גלייך דיך . . . איך האָב נאָך ביז דיר ניט געהאַט אַזאַ מענטשן . . . און דערפֿאַר וויל איך פֿאַר דיר טאָן אַ גוטע זאַך . . . סעי, ווען קאָנען האַלטן דיין שטיק לאַנד ביז פֿינף יאָר און דאַן וועסטו עס קאָנען פֿאַרקויפֿן. און איך האָב שוין פֿאַר דיר אַפֿילו אַ קאַסטימער.

— אָבער איך האָב נאָך ניט באַשלאָסן דאָ צו פֿאַרבלייבן, — איז אַי פֿאַרט אַריינגעפֿאַלן אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די קאָמפּלימענטן, וואָס הילדנבערג האָט אים געמאַכט.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז דו קאָנסט דאָס לאַנד אין פֿינף יאָר אַרום פֿאַרקויפֿן, לאָמיר זאָגן, אַפֿילו צו מיר אַליין. יעס סער, איך וועל עס ביי דיר אָפּקויפֿען פֿאַר דער סומע פֿון 5 טויזנט דאָלאַר. אָט האָסטו דיר שוין אַ פּרייז. און אויב דו ווילסט — וועל איך מיט דיר מאַכן אַ קאָנטראַקט שוואַרץ אויף ווייס.

עס איז געווען אַ גרויסער נסיון פֿאַר אַי׳ען. ער האָט דאָ גע־אַרבעט אַזוי שווער ביי הילדנבערגן פֿאַר 40 דאָלאַר אַ חודש און דאָ גיט אים הילדנבערג אַ פּלאַן צו פֿאַרדינען 5 טויזנט דאָלאַר אין פֿינף יאָר.

עס איז געווען עפּעס ניט גלאַטיק. וואָס עפּעס פּלוצים איז ער אים געוואָרן אַזוי געטריי?

— וועל, וואָס זאָגסטו איצט? — ווענדט זיך הילדנבערג צו אַי׳ען.

— וואָס זאָל איך זאָגן? עס זעט אויס צו־גוט, — זאָגט אַי.

— אָט באַלד וועלן מיר שוין זיין אויפֿן שטיק לאַנד, — זאָגט הילדנבערג און פֿאַרקירעוועט די „באָגי״ פֿונעם וועג גלייך אַרויף אויף אַ פֿעלד מיט טיפֿע גראָז. די רעדער פֿון דער „באָגי״ זיינען פֿאַרזונקען טיף אין גראָז און דאָס פֿערד האָט גענומען ווי שווימען צווישן די קעפּלעך פֿון די קלאָווער־זאַנגען. דאָס פֿערד האָט געכאַפּט אַ ביס דאָ און דאָרט פֿון די זאַפֿטיקע קלאָווער־בלומען און הילדנבערג האָט אויף אים אָנגעשריען.

זיי זיינען צוגעפֿאָרן ביז צו אַ פּלויט פֿון שטעכיק דראָט. פֿון יענער זייט פּלויט איז געווען אַ פֿעלד מיט גראָז נידעריק ביי דער ערד.

— דאָ זיינען מיר! — האָט הילדנבערג געלאָזט וויסן אַי׳ען. ער איז אַראָפּ פֿון דער „באָגי״. ער האָט נאָך צוגעהונקען און זיך אָנגעכאַפּט אין דעם שטעכיקן דראָט, כדי ער זאָל ניט פֿאַלן.

אַי איז אויך אַראָפּ מיט איין שפּרונג פון דער „באָגי".

הילדנבערג האָט צוגעבונדן דאָס פערד צו אַ סלופּ פון פּלויט און איז דורכגעקראָכן צווישן די דראָטן אויף דער אַנדערער זייט פון פּלויט.

אַי איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען אַפּגעגאַנגען אַזוי מיט דער פּרעירי אַ שטיק וועג, ביז זיי זיינען ווידער געקומען צו אַ פּלויט פון שטעכיק דראָט.

— זעסט, דאָס איז מיין לאַנד, אָט דאָ, אין צווישן די צווי פּלויטן, — זאָגט הילדנבערג, — און פון יענער זייט פּלויט איז דיין לאַנד.

—ס'נאָך ניט מיינס! — לאַכט אַי.

— עקסקיוז מי, ס'וועט זיין דיינס, — קאָרעגירט זיך מיסטער הילדנבערג.

זיי זיינען ווידערביידע דורכגעקראָכן דורך די שטעכיקע דראָטן און באַלד גענומען גיין באַרג־אַראָפּ. אונטן איז געווען אַ טיפער טאָל. און אין טאָל איז געווען אַ שטייענדיק ריטשקעלע.

— זעסטו, אָט דאָ ביים טייך וועלן מיר בויען אַ הויז. און דאָ אויך גראָבן אַ ברונעז. דאָ איז דאָ וואַסער פאַר פערד צום טרינקען, — זאָגט הילדנבערג. — ווען איך האָב דאָס שטיק לאַנד איז עס פאַר מיר ווערט ווייסט וויפיל. קאָן איך עס אָבער ניט קריגן פאַר קיין שום געלט. עס איז אַ האָמסטעד און דער „סטייט" קאָן עס ניט פאַרקויפן.

ערשט איצט האָט אַי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס הילדנ־בערג איז אַזוי באַזאָרגט וועגן זיין צוקונפט . . . עס איז אין זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן צו האָבן דאָס שטיק לאַנד. וועט ער זיך פאַרשרייבן און עס קריגן און דערנאָך פאַרקויפן צו הילדנבערגן פאַר אַ סומע געלט.

— „ער וועט זיך ניט לאָזן פאַרפירן!" — האָט אַי באַלד ביי זיך באַשלאָסן.

פונדעסטוועגן איז ער אַרומגעגאַנגען מיט הילדנבערגן און גוט באַטראַכט דאָס שטיק לאַנד פון אַלע זייטן. ביים טייכל האָבן געוואָקסן עטלעכע ווערבע־בוימלעך, שיטערע און האַלב־אויסגעקראָכענע און דער גאַנצער אויסזען פונעם לאַנד איז געווען אַן אָרימער. דער שטח איז געלאָפן צווישן צווי בערג, אויף וועלכע מען האָט ניט געקאָנט טאָן קיין שום פאַרמערײ.

פֿערצנטער קאַפּיטל

ווען הילדנבערג האָט באַמערקט, אַז אַי איז ניט אַזוי באַגייסטערט פֿון דעם פּלאַן מיטן „האָומסטעד״, האָט ער, אין זיך, געשאָלטן דעם יידישן בחור. אים איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז אַ ייד זאָל זיין קליגער פֿון אים.

האָט הילדנבערג אָפּגעמאַכט ביי זיך אַרויסצווייזן דעם דאָזיקן בחור מער פֿריינטשאַפֿט; אים געבן מער פֿרייהייט און אים לאָזן איינפֿירן אייגענע פּלענער אויפֿן ראַנדזש.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַראָטן מיט אַי׳ען וועגן היי־שניידן, צי מען זאָל אָנהויבן שניידן אין ענדע יוני אָדער מען זאָל וואַרטן ביז נאָך דעם פֿערטן יולי.

עס איז הילדנבערגן אָנגעקומען אַ בריוו פֿון דעם אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט פֿון שטאַט, אַז מען פֿאָדערט אים אויף צוצושטעלן זיין אָגער קיין גלאַדסטאָון צו אַן אויסשטעלונג פֿון אָגערס.

אין געווייגלעכע צייטן וואָלט הילדנבערג אַליין באַשלאָסן וואָס צו טאָן. איצט אָבער, ווען ער האָט געוואָלט ווייזן אַי׳ען, אַז ער האַלט אים פֿאַר איינעם פֿון זיינע „וויכטיקע״ מענטשן און אַז אַן אים רירט ער זיך ניט פֿון אָרט, האָט ער אים געגעבן איבערצולייענען דעם בריוו.

עס איז געווען באַלד נאָך וועטשערע. באָבי האָט געמיינט, אַז דער בריוו איז מסתם פּערזענלעך פֿאַר אַי׳ען. איז ער דערווייל אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

אַי האָט איבערגעלייענט די מעלדונג וועגן דער אָגער־אויסשטעלונג און הילדנבערג האָט געפֿרעגט:

— וועל, וואָס דענקסטו וועגן דעם?

— עס איז ווייער אַ וויכטיקע אויסשטעלונג. עס האַנדלט זיך וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פֿון די פֿערד פֿון גאַנצן שטאַט, — זאָגט אַי.

— דענקסטו, אַז מיין אָגער קאָן קריגן דעם ערשטן פּרייז?

— עס ווענדעט זיך, אויב אימיצער האָט ניט קיין בעסערן אָגער.

— איך האָב באַצאָלט פֿאַר מיינעם צען טויזנט, — באַליידיקט זיך הילדנבערג. — קיין בעסערער איז אין גאַנצן שטאַט ניטאָ.

— איז דאָך גוט, — זאָגט אַי. — דאַן זיינען מיר זיכער מיטן ערשטן פּרייז.

— איז זע, אַז דו פֿאַרשטייסט ניט, — זאָגט הילדנבערג. — דו

מיינסט, אַז די פּאָליטישנס פֿון שטאַט מיינען עס ערנסט . . . עס איז דאָך פּאָליטיק. זיי וועלן געבן דעם ערשטן פּרייז אַפֿילו דעם אייגנ־טימער פֿון אַ ביליקן און קראַנקען אָגער, אויב דער אייגנטימער האָט אַ גרויסן פּאָליטישן איינפֿלוס.

אײַ קוקט אָן הילדנבערגן מיט צוויי נאַאיווע אויגן. אים וואונ־דערט, ווי קומט עס צו הילדנבערגן אַזוינע רייד. אַט דער מאָנסטער־פּאָליטישן, וואָס הערשט אַזוי איבער דעם גאַנצן געגנט ווי אַ טיראַן, זאָל אָפּן צוגעבן זיין אַרבעטער, אַז עס איז דאָ קאָרופּציע, אַפֿילו אין אַזאַ אויסשטעלונג, וואו דער שטאַט וויל כלומרשט פֿאַרהיטן דאָס געזונט און קאָנטראָלירן דעם פֿערד־צוכט אין שטאַט.

— אויב אַזוי, — זאָגט אײַ, — איז די גאַנצע זאַך אַן אַרויסגע־וואָרפֿענע אַרבעט.

— מיינסטו, אַז מיר זאָלן ניט פֿירן דעם אָגער צו דער אויס־שטעלונג? — פֿרעגט הילדנבערג.

— מיר דאַכט, אַז עס זאָגט זיך אין בריוו, אַז עס איז אָבליגאַ־טאָריש און עס וועט זיין אַ שטראָף אויב מען וועט ניט גיין, — זאָגט אײַ.

— יאָ? — וואונדערט זיך הילדנבערג. — דאָס האָב איך גאָר ניט באַמערקט. זעסטו ווי גוט עס איז, וואָס איך האָב זיך דורכגע־שמועסט מיט דיר!

הילדנבערג האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס איז אָבליגאַטאָריש, נאָר ער האָט געוואָלט ‏חנפֿענען אײַ׳ען. ער האָט נאָכאַמאָל איבער־געלייענט דעם בריוו און געזאָגט:

— ווי באַלד אַזוי, וועלן מיר שוין מוזן פֿירן דעם אָגער צו דער אויסשטעלונג. איך גלויב, אַז מיר וועלן אָפּלייגן דאָס היי־שניידן אויף שפּעטער.

— פֿאַרוואָס אָפּלייגן? — פֿאַרשטייט ניט אײַ. — באַבי קאָן דערווייל אָנהויבן שניידן, ביז איך וועל קומען צוריק פֿון דער אויס־שטעלונג.

— אויף באַבין קאָן איך זיך ניט פֿאַרלאָזן, — זאָגט הילדנבערג.

— באַבי איז פּונקט אַזאַ גוטער אַרבעטער ווי איך.

— דו מיינסט עס?

— זיכער.

— און דיך וואָלט ניט געאַרט, ווען איך שיק באַבי׳ן מיטן אָגער צו דער אויסשטעלונג?

— וועל, עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אויב איך גיב זיך אָפּ מיטן אָגער דאָ אין דער היים, וועט עס זיין בעסער, אַז איך זאָל מיט אים זיין ביי דער אויסשטעלונג, — פֿאַלט גאָר אַי'ען ניט איין, אַז עס ליגט עפּעס אין דעם ענין.

— אָבער וואָס אַ שטייגער וואָלסטו געזאָגט, ווען איך בין אַ שלעכטער באַלעבאָס און שיק באַבין מיטן אָגער און ניט דיך?

— איך וואָלט זיך ניט געערגערט. ניט, איז ניט, — זאָגט אַי.

— דאָס מיינט, אַז דו האָסט ניט קיין שום אינטערעס אין דיין אַרבעט, — פֿאַרקרימט הילדנבערג זיין פּנים.

— איך האָב גאָר אַ גרויסן אינטערעס אין מיין אַרבעט, — ווערט אַי ערנסט. — איר קאָנט זען ווי דער אָגער איז צו מיר צוגעבונדן. און חוץ דעם, גיט איר דאָך אַלעמאָל צו, אַז דער אָגער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט אויסגעזען, ווי ער זעט אויס איצט ביי מיר.

— אָלרייט, אָלרייט! איך האָב נאָר געשפּאַסט, — שמייכלט הילדנבערג. — דו וועסט פֿירן דעם אָגער צו דער אויסשטעלונג, ווייל דו ביזט דער ערשטער בחור וועמען איך טרוי אָן אַזאַ אוצר. פֿון מאָרגן אָן הויבסטו אָן זיך גרייטן.

דער געשפּרעך האָט זיך פֿאַרצויגן צו לאַנג און אַי האָט שוין ניט געקאָנט זיצן אַביסל מיט באַבין אין דרויסן. באַבי איז מיט אומגעדולד אַרויף שלאָפֿן.

און ערשט אויף מאָרגן אין שטאַל האָט אים אַי דערציילט וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט.

— ניט אַנדערש, נאָר דעם ערשטן פּרייז! — מאַכט באַבי חוזק.

— עס איז פֿאַראַנען בעסערע אָגערס אויף דער וועלט. און אויב ער וועט קריגן דעם ערשטן פּרייז, איז עס דערפֿאַר, וואָס הילדנבערג האָט אַ גרויסן פּאָליטישן איינפֿלוס. ער האַלט דעם גאַנצן שטאַט פֿון נאָרט־דאַקאָטאַ ביי די האָר.

— און איך וועל מוזן פֿירן דעם אָגער צו דער אויסשטעלונג, — קלאָגט זיך אַי פֿאַר באַבין.

— וואָס קאָנסטו זיך העלפֿן? דו ביזט דערוויל ביי אים אַן אַרבעטער און אַז ער הייסט, מוזטו אַזוי טאָן, — היט זיך באַבי מיט זיינע לעצטע ווערטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די פֿערד זאָלן ניט דערהערן.

— פֿאַרוואָס שוויגן די פֿאַרמערס? — פֿרעגט אַי.

— זיי פֿאַרשטייען ניט, זיי זיינען שרעקלעך אומוויסנד. מיין

פֿאַטער אין ניי־ענגלאַנד און אַלע איבעריקע פֿאַרמערס זיינען פֿרום און אומוויסנד, — זאָגט באָבי שטילערהייט, גראַבלענדיק אין דער זעלבער צייט מיט אַן אייזערנע גראַבליע דעם גנוי פֿון דער שטאַל. — אַזוי גיך ווי איך האָב אָנגעהויבן ניט צו גלויבן אין גאָט, האָט מיך דער פֿאַטער מיינער אַוועקגעטריבן פֿונעם פֿאַרם. ערד־אַרבעט איז ביי זיי ענג פֿאַרבונדן מיט גאָט. וויל גאָט — גיט ער אַ געדע־טעניש, וויל ער באַשטראָפֿן די זינדיקע — גיט ער אַ הונגעריק יאָר. די טראַסטן און מאָנאָפּאָליסטן נוצן אויס דעם אומוויסנדיקן פֿאַרמער, די באַנקירן צאַפּן פֿון אים פּראָצענט־בלוט.

— און איך האָב געהאַט אַ טעות, — בלייבט אַי שטיין אַ טרויער־עריקער. — איך האָב געמיינט, אַז דער פֿאַרמער איז מערער אומ־אָפּהענגיק, ווי דער שטאָט־אַרבעטער . איך האָב געהאַט אַן אילוזיע, אַז דער פֿאַרמער קאָן זיך לעבן זיין אייגענעם לעבן.

— „לאַיק העלל״! — שרייט אויס באָבי מיט קריצנדיקע ציין.

קיין סך ריידן האָבן די צוויי אַרבעטער ניט געקאָנט. עס איז געשטאַנען אַ טאָג אַרבעט פֿאַר זיי. און באַלד נאָך „ברעקפֿעסט״ איז יעדער באַזונדער געגאַנגען צו זיין אַרבעט.

באָבי איז אַרויסגעפֿאָרן שניידן היי.

אַי האָט זיך גענומען צוגרייטן דעם אָגער צו דער אויסשטעלונג, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרקומען קומענדיקע וואָך אין גלאַדסטאָון.

ער האָט דעם אָגער ערשטנס אָפּגעשוירן. די דאָזיקע אַרבעט איז אַי׳ען ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. ער האָט דעם אָגער אַרויסגענומען אויפֿן הויף און אים צוגעבונדן צו אַ סלופּ און מיט אַ מאַשינקע אים געשוירן די האָר פֿון גאַנצן קערפּער. דער אָגער איז געווען קיצלדיק און האָט ניט געקאָנט ליידן די מאַשינקע אין געוויסע ערטער פֿון זיין קערפּער.

חוץ דעם זיינען אַרויסגעקומען אַלע פֿון שטוב, — הילדנבערג, מאַדזשי און אויך עלען און זיך אַוועקגעשטעלט קוקן, ווי אַזוי אַי שערט דאָס פֿערד.

די אָנוועזנהייט פֿון מענטשן האָט אַי׳ען געמאַכט אַביסל נערוועז. די זון האָט שוין שטאַרק געבאַקן און גרויסע טראָפּנס שוויס האָבן באַדעקט זיין פּנים. די געשוירענע האָר האָבן זיך צוגעקלעפּט צוליבן שוויס.

אָבער דערפֿאַר איז דער אָגער געוואָרן יינגער מיט פֿיל יאָרן, ווען אַי האָט אים געטאָן אַ שער אָפּ די לאַנגע האָר פֿונעם האַלדז

און עס איז דאָרטן געבליבן אַ היטשקע, אַן אויסגערונדעטע, מיט שטייענדיקע שטעכערלעך. עס האָט אויסגעוויזן ווי אַן אויסגערונד־דעטער קאַם מיט דינע ציינדעלעך.

דער אַגער האָט דערפילט ווי ער האָט פון זיין האַלדז און נאַקן אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משא. ער האָט נאָך שענער אויסגעצויגן זיין האַלדז און דערפילט אין זיך אַ יונגשאַפט פון אַ יאָריקן לאָשעק.

די האָר פון זיין גאַנצן קערפער זיינען רעדוצירט געוואָרן כמעט ביז צו דער הויט, און זייער שוואַרצע פאַרב האָט באַקומען אַ קאָליר פון אַש־גרוי, און גלאַט זיינען זיי געוואָרן ווי סאַמעט.

אַי האָט אויף אַביסל צוגעגלייכט דעם אַגערס קאָדע. זי איז איצט אַראָפּגעהאַנגען ביים אַגער ווי דער עק ביי אַ פאַווע. הילדנ־בערג האָט געזאָגט, אַז ער אַליין דערקענט ניט זיין אַגער.

מאַדזשי האָט אַרויסגעבראַכט אַ פאָטאָגראַף־מאַשינדל און גענומען אַ בילד פון אַגער מיט אַי׳ען.

און עלען האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער שיינקייט. זי האָט באַדינט אַי׳ען מיט אַלערליי זאַכן, ווי מיט ברענגען קעראָסין, זייף, לייוונט און האָט אַפילו אויסגעמאַרקירט צו פאַרבלייבן מיט אים אויג אויף אויג.

— איז ער ניט אַ „דאַרלינג״? — האָט עלען געזאָגט מיט באַ־גייסטערונג. — איך פיל ווי אים צו געבן אַ קוש.

— ווער לאָזט דיך ניט? — האָט אַי געשמייכלט אין זיך אַריין.

— אָ, דו! — האָט עלען דערפילט, אַז אַי שמייכלט אויף איר חשבון. — דו האָסט אַ האַרץ פון אַ קאַיאָט.

— אַ קאַיאָט איז אויך אַ לעבעדיק באַשעפעניש, — ענטפערט אַי און רייבט דערווייל איין דעם אַגערס קערפער מיט קעראָסין.

— איך האָב געהערט, אַז דו נעמסט אַ האָומסטעד, — זאָגט עלען פלוצים.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— איך האָב געהערט . . . — זאָגט עלען קאָקעטיש.

— האָסט שלעכט געהערט, — ענטפערט אַי. — איך וועל ניט זיין אַזוי נאַריש. האַלטסט מיך דען פאַר אַזאַ נאַר? — קוקט איר אַי אין די אויגן.

— צי דו ביזט אַ נאַר צי ניט, אָבער נעמען אַ האָומסטעד אומ־זיסט, איז שוין גאָרניט אַזאַ נאַרישע זאַך, — ענטפערט עלען.

— הייסט עס, אַז איך זאָל יאָ נעמען?

— זיכער!

— איך וועל דיר צוליב טאָן. אָבער וואָס וועל איך טאָן איינער אַליין אויף אַ האָומסטעד?

— איך וועל קומען צו דיר, — זאָגט עלען, אַזוי ווי האַלב אין שפּאַס.

— דו זאָגסט מיר צו?

— איך זאָג־צו, צו האַלטן וואָרט.

און כאָטש דער דאָזיקער געשפּרעך איז געפירט געוואָרן שפּאַסיק, האָט פונדעסטוועגן אַי נאָך אין יענעם טאָג ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט הילדנבערגן, אַז ער האָט זיך באַרעכנט צו נעמען דעם האָומסטעד.

— דאָס איז זייער גוט, — האָט הילדנבערג קאַלט און האַרט געענטפערט.

— ווען קאָן איך עס באַקומען?

— איך וועל דיר שוין לאָזן וויסן.

אַי האָט צוגעגרייט דעם אָגער אין די פּאָר טעג. ער האָט אים אויך אָרומגעשניטן די קאָפּיטעס. ביים אָגער איז אַרום די קאָפּיטעס געווען אָנגעוואַקסן אַ סך ווילד־האָרן און דאָס האָט אים געגעבן דעם איינדרוק, אַז ער גייט אַרום אויף צעפּלעטשטע פּיס אָדער ווי אויף גרויסע לאָפּעטעס.

די דאָזיקע אָפּעראַציע איז ניט אַזאַ לייכטע. דער האָרנביין פון דעם אָגערס קאָפּיטעס איז געווען האַרט ווי סקאַלע און אַי האָט אין צייט פון שניידן געדאַרפט האַלטן דעם אָגערס פוס אויף זיינע קניעס. און דער אָגער האָט געוואויגן אַרום אַ טאָן.

אַי האָט פאַר דעם צוועק גענוצט אַזאַ מין מעסער און אַ ספּע־ציעלע צוואַנג מיט צוויי שאַרפע צינגלעך.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, איז דער אָגער געבליבן שטיין אויף פיר שיינע סימעטרישע קאָפּיטעס, וועלכע האָבן באַלאַנסירט אויף דער ערד מיט רונדע ליניעס, און דער אָגער האָט איצט געפילט, אַז ער שטייט אויף דער ערד.

איצט איז אַי'ען נאָך געבליבן צו רייניקן דעם אָגערס ציין. דער אָגער איז געווען יונג, אָבער זיינע ציין זיינען שוין געווען אַביסל פאַרנאַכלעסיקט. אַזוי איז שוין אַ פערד, ווען עס קומט אים אויס צו זיין פאַרמאַכט אין אַ שטאַל. פון דער ציוויליזאַציע, דאָס הייסט

פֿון דעם צופֿיל ווייכן עסנוואַרג וואָס מען גיט אים, הויבן אָן דעם פֿערדס ציין צו ווערן פֿאַרפֿלאָכטס.

די דאָזיקע אָפּעראַציע איז שוין געווען פֿיינלעך. אַי האָט גענומען הילדנבערגן צו הילף. הילדנבערג האָט געהאַלטן דעם אָגערס צונג און אַי האָט מיט אַ פֿייל אים געפֿיילט די פֿאָדערשטע ציין.

אַז דער אָגער האָט געטאָן אַ הויב דעם קאָפּ, האָט ער דערפֿילט ממש ווי די צונג זיינע בלייבט אין הילדנבערגס הענט. אין דעם אָגערס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

עס איז מסתּם געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז מען האָט אים געפֿיילט די ציין. און ער האָט ניט געוואוסט, אַז מען טוט אים גוטס. ווייל נאָך דעם פֿאַרשאַרפֿן פֿון די ציין וועט ער קאָנען בעסער צעבייסן דאָס היי און דעם האָבער, און זיין מאָגן וועט עס גרינגער איבערקאָכן.

מאַנטיק אינדערפֿרי איז אַי אַוועק מיטן אָגער רייטנדיק קיין גלאַדסטאָון. הילדנבערג האָט אים מיטגעגעבן די פּאַפּירן, ווען ער האָט אים געקויפֿט און ביי וועמען, ווי אַלט ער איז, און פֿון וואָס פֿאַר אַ יחוס דער אָגער קומט אַרויס.

אַי איז דעם גאַנצן וועג געפֿאָרן פּאַמעלעך, כּדי דער אָגער זאָל זיך ניט איבערהיצן. דער אָגער האָט געהאַט אַ טבֿע זיך אַלעמאָל אָפּצושטעלן אינמיטן וועג און שמעקן די לופֿט.

האָט ער אים געלאָזט שמעקן די לופֿט.

דאָס מערסטע פֿונעם גאַנצן וועג איז אַי געגאַנגען צופֿוס און געפֿירט דעם אָגער ביי די לייצעס. און אַז ער איז אָנגעקומען קיין גלאַדסטאָון האָט ער פֿאַרשריבן אין האָטעל, וואו אַלע פֿערד־צוכטלער זיינען איינגעשטאַנען מיט זייערע אָגערס.

ווען אַי האָט אַריינגעפֿירט זיין אָגער אין אַ גרויסער שטאָל אין הויף פֿון האָטעל האָבן די אָגערס, וועלכע זיינען שוין דאָרטן געווען, אויפֿגעהויבן אַ גרויס הירזשעריי, שיר ניט צום פֿאַרטויבט ווערן.

דאָס האָבן זיי באַגריסט דעם גאַסט, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען. אין שטאָל איז געווען האַלב־טונקל. פֿון די קליינע פֿענצטערלעך האָט קוים־קוים אַריינגעשיינט אַ שאָטן פֿון ליכטיקן טאָג אין דרויסן.

אַי איז איבערראַשט געוואָרן פֿון דער גרויסער צאָל אָגערס, וואָס זיינען שוין דאָ געווען.

ער האָט אַריינגעפֿירט זיין אָגער וואו דער באַלעבאָס פֿון האָטעל האָט אים אָנגעוויזן — אַ באַקוועם קעמערל, אָפּגעזונדערט פֿון די

איבעריקע קעמערלעך מיט הויכע הילצערנע ווענטלעך, אָבער דאָך אָפֿן פֿון אויבן אַזוי, אַז דער שכן־אָגער האָט געקאָנט אַריבערשטעקן זיין קאָפּ.

פֿון איין זייט איז געשטאַנען אַ טערקאָטער אָגער מיט גרויסע גרויע און ווייסע פֿלעקן. ער האָט פֿאַרמאָגט צוויי שרעקלעכע אויגן און אַ ברייט־בייניקן האַלדז. די האָר פֿון זיין האַלדז און נאַקן זיינען געווען פֿאַרפֿלאָכטן אין צעפּעלעך מיט רויטע לענטעס.

פֿון דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען אַ בולאַנער, אַזוי ווי דער קאָליר פֿון קאַווע מיט מילך. אַ ריז פֿון אַ פֿערד, מיט אַ האַלדז ווי ביי אַ זשיראַף. די שטאַל האָט אויסגעוויזן צו נידעריק פֿאַר דעם דאָזיקן אָגער.

אַי האָט צוגעבונדן זיין אָגער מיט דעם ספּעציעלן שטריק, וואָס דער האָטעלשטשיק האָט אים געגעבן, און איז אַרויס פֿון קעמערל.

עס זיינען באַלד צוגעקומען צו אַי׳ען עטלעכע חברה און זיך פֿאַרגעשטעלט.

קיין נעמען האָבן זיי ניט געגעבן, נאָר: — איך בין געקומען מיט אָט־דעם פֿערד.

— איז דאָס דיין פֿערד? — האָט איינער געפֿרעגט אַי׳ען.

— ניט מיינער, נאָר מיין באָסעס.

— דאָס מאַכט ניט.

— עס מאַכט שוין יאָ . . . — צעעפֿנט איינער, זייער אַ קליינ־טשיקער מיט אַ דאַר פּנים, זיין מויל ווי צום לאַכן. — בעסער איז, אַז עס איז מיינער איידער יענעמס . . . ניט ריכטיק?

— ריכטיק! — וויל זיך אַי אָפּטשעפּן פֿון זיי.

אָבער די חברה לאָזט אים ניט אָפּ.

— ווי אַלט איז דאָס פֿערד? — וויל איינער וויסן.

— איך האָב ניט די אויטאָריטעט צו רעדן, — דערקלערט אַי. ווייל אין דער אמתן האָט אים הילדנבערג פֿאַרזאָגט מיט קיינעם ניט צו דיסקוסירן דעם אָגערס יאָרן און זיך האַלטן פֿון דער ווייטנס, ווייל די אייגנטימער פֿון די איבעריקע אָגערס זיינען אַליין אויסן צו קריגן דעם ערשטן פּרייז און זיי זיינען קאַפּאַבל אונטערצושיקן שפּיאָ־נען און דערנאָך קאָנען שעדיקן.

— כאַ־כאַ! — האָבן אַלע אויסגעשאָסן אין אַ כאָר. און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אַוועק און אַי׳ען איבערגעלאָזט אַליין.

אַי האָט זיך לכתחילה שטאַרק מחיה געווען, וואָס מען האָט אים אויפגעהערט צו אַטאַקירן.

אָבער ווען די נאַכט איז אָנגעקומען און ער האָט געזען, אַז אַלע חברה האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם און אַז נאָר ער אַליין איז אָפּגע־זונדערט, איז אים געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך.

הילדנבערג האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ניט אָפּטרעטן פֿון דעם אָגער אויף אַ מינוט. ווען ער וועט ערגעץ מוזן גיין, זאָל ער דעם אָגער איבערגעבן דעם באַלעבאָס פֿון האָטעל אין די הענט אַריין.

הילדנבערג האָט געגעבן אַי׳ען צו פֿאַרשטיין, אַז שונאים האָט ער אַ סך און זיי קאָנען דעם אָגער זייער גרינג באַשעדיקן.

אַי האָט עס פֿאַרשטאַנען און דערפֿאַר געהיט דעם אָגער אַ גאַנ־צע נאַכט.

די איבעריקע חברה האָבן אויך געהיט זייערע אָגערס, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן.

זיי האָבן געהייסן דעם באַלעבאָס אַוועקשטעלן אַ לאַנגן טיש אינדערמיט פֿון שטאַל און אויפֿהענגען לאַמטערנעס איבער די באַלקנס.

און כאָטש עס איז אין נאָרט דאַקאָטאַ געווען טרוקן — האָט אַ „מונשיינער" פֿאַר זיי געבראַכט אַלערליי געטראַנקען, ווי בראָנפֿן, ווייַן און ביר. די חברה האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש.

דער האָטעלשטשיק, אַ דייטש מיט אַ ברייטן טרעלבאַך און מיט גרויסע וואָנטשעס, וואָס האָט גערעדט ענגליש מיט אַ דייטשן אַק־צענט, האָט געבראַכט פֿון דער שטוב אַרויס ברויט מיט קעז און די באַלעבאָסטע פֿון האָטעל, ווענען די חברה האָט גערופֿן „מערי אינן" (דער פֿריילעכער איינפֿאַר), האָט אָנגעטאָן אַ ווייסן לאַנגן פֿאַרטעך און אירע פֿעטע באַקן האָבן געפֿלאַמט ווי רויטער ווייַן. זי האָט גע־שניטן גרויסע רייפֿטן ברויט מיט אַ לאַנגן, שאַרפֿן מעסער.

און אַז אימיצער פֿון דער חברה האָט איר געטאָן אַ קיצל אונטער די פֿאַכוועס, האָט זי איבערגעקערט דאָס מעסער מיטן שאַרף אַרויף און דעם חברה־מאַן געטאָן אַ האַק מיט דער שטומפּיקער זייט איבער דער האַנט.

חברה האָט געטרונקען גלייך פֿון די פֿלעשער. עס איז געוואָרן זייער טומלדיק.

די אָגערס האָבן געטרייסלט מיט די קעפּ און געפֿרייכט מיט די נאָזלעכער. די געזונטע פֿערד האָבן געוואָלט זיך אויסרוען און

מען האָט זיי געשטערט. האָבן די פּערד געקלאַפּט מיט די פּיס אין דעם ערדענעם דיל פון זייערע קעמערלעך.

אַי האָט געפונען אַ קעסטל און זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם קעמערל פון זיין אָגער. עס האָט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס ער איז אָפּגעזונדערט און עס האָט אים אויך אין אַ געוויסער מאָס צופרידנ־געשטעלט, וואָס ער איז ניכטער.

דאָס קליינע שטעטל גלאַדסטאָן איז געקומען צו גיין, „קינד און קייט".

די ווייבער אין פּאַטשיילקעס אויף זייערע קעפּ און מיידלעך מיט בלאָנדע צעפּלעך און מיט רייפע בריסט זיינען געשטאַנען ביי דער טיר פון שטאַל און אַלעמאַל האָט זיך צו זיי געלאָזט איינער פון די שיכורים מיט צעעפנטע אָרעמס.

אָבער די מיידלעך פלעגן אָנמאַכן אַזאַ געקוויטשעריי און דעם בחור באַפאַלן און מיט זייערע הענט קלאַפּן אים אין קאָפּ, אַז דער שיכור האָט געמוזט צוריק אַנטלויפן צום טיש.

עס האָט זיך געיאָוועט אַן אַלטיטשקער מיט פאַרקעמטע לאַנגע, גראָע האָר מיט אַ ווייסן, ציגענעם בערדל. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ פידל. זיינע אַלטע, ציטערדיקע הענט זיינען געווען באַוואַקסן מיט ווייסנקע האָר און די פינגער מיט לאַנגע נעגל.

— שפּיל אונז, אַלטער!

— שפּיל אַ טאַנץ!

דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אַ לאַמטער־נע, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ דראָט איבערן באַלקן. דאָס ליכט פון לאַמטערן האָט נאָך געמאַכט בלאַסער זיין פּנים. ער האָט נאָר געטאָן דעם ערשטן סקריפּ מיטן סמיטשיק, איז שוין באַלד יעדער חברה־מאַן געשטאַנען גרייט מיט אַ מיידל.

דער אַלטער שפּילט און די פּאָרלעך טאַנצן. די בחורים וואַרפן לאַפּעס, ווי זיי וואָלטן געווען בערן. און די מיידלעך בלאָזן אָן זייערע קליידלעך ווי פּאַראַסאָלן. די מאַמעס קלאַפּן צו צום טאַקט, מיט די הענט.

אַי איז הונגעריק געוואָרן, האָט אים דער האָטעלשטשיק גע־בראַכט קעז מיט ברויט און אַ טעפּל קאַווע און אַוועקגעשטעלט די זאַכן אויפן טיש.

אַי איז צוגעגאַנגען עסן.

עס האָט זיך אים אָבער אויסגעוויזן, אַז טויזנט אויגן קוקן אויף אים. האָט ער זיך געוואָרגן מיט יעדן ביסן.

ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואו ער איז איצט: צי איז דאָס נאָרט דאַקאָטאַ, צי איז דאָס ערגעץ אַ קליין שטעטל אין דער בעסאַ־ראַביע?

דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געפּרייט און אין דער זעלבער צייט האָט אים אַן אינעווייניקסטער כח צוריקגעהאַלטן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי זיין פאָטער האָט אין אים אָפּגעטויט צו ביס־לעך יעדן געפּיל פאַר מוזיק און פרייד. אַלס יינגל האָט ער ניט געטאָרט טאָן קיין זינג און ווער שמועסט שוין פון טאָן אַ פייף — פאַר אַזאַ זאַך האָט מען אים געגעבן קלעפּ. הערן זינגען אַ פרוי איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער זינד. טאַנצן האָט מען ניט געטאָרט.

זיצט דאָ איצט אַי, נאָך אַליין זייער אַ יונגער מענטש, און איז ווי אַ טויטער.

און די איבעריקע קאָובאָיס זיינען פריילעך. טייל פאַרטאַנצן אַוועק אין די טיפענישן פון דער שטאַל און פון דאָרטן הערט זיך אַלעמאָל אַן אויפגעשריי פון אַ מיידל.

— „מסתם אַריינגעכאַפּט אַ קוש” . . . — פלאַמט אַי'ס פנים.

דער אַלטער האָט אַזוי לאַנג געסקריפּעט אויפן פידל, ביז זיינע הענט זיינען מיד געוואָרן. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען די מאַמעס האָבן קוים מיט גרויס מאַטערניש אָפּגעריסן זייערע מיידלעך פון די קאָובאָיס.

דאָס געזעגענען זיך איז צוגעגאַנגען מיט קוויטשערייען. ניט איין מיידל האָט זיך געריסן פון שטאַרקע הענט און דאָך באַלד צוריק אַריינגעפאַלן אין אַנדערע שטאַרקע הענט.

דערנאָך האָט דער באַלעבאָס געבראַכט אויף אַ שטאַל־גאָפּל אַ גרויסן בינט היי — עס האָט אויסגעוויזן, אַז אַ גאַנצער סטויג היי איז אַריינגעקומען אין שטאַל אַריין.

די חברה האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין היי און געשמאַק איינגע־שלאָפן. ווער האָט דאָ מורא טאָמער וועט מען שעדיקן דעם אָגער זיינעם?

אַי האָט זיך אויך צוגעשפּאַרט. ער האָט ניט געוואוסט, צי ער שלאָפט, צי ניט. ביז עס איז געוואָרן ליכטיקער טאָג.

אַי האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעלאָפן צו זיין אָגער. אַ

פֿריילעכער הירזשען האָט אים באַגריסט. זיין אָגער איז געווען הונגעריק און דאָרשטיק. דאָס פֿערד האָט זיך אַפֿילו ניט צוגעלייגט אַ גאַנצע נאַכט.

דער באַלעבאָס פֿון האָטעל האָט אים געגעבן טרינקען און עסן און אַי האָט זיך גענומען אים באַרשטן און קעמען.

און אַרום אַכט אַזייגער האָבן אַלע אַרויסגעפֿירט זייערע אָגערס אויפֿן פּלאַץ לעבן האָטעל.

די אָגערס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ גרויסן רינג מיט די קעפּ אַריין אינעווייניק אין רינג אַריין.

דאָ זיינען געווען רויטע, גראָע, שוואַרצע, אַש־גראָע, בולאַנע, טערקאָטע און ברוינע אָגערס.

פֿון הונדערטער העלדזער האָט נאָרט דאַקאָטאַ געהירזשעט. עס האָט געשמעקט מיט דעם געזונטן ריח פֿון פֿערד און די ערד האָט געציטערט אונטער די שווערע פֿיס פֿון די נאָרט דאַקאָטער אָגערס — די שטאָלצע פֿאָטערס פֿון אַ געזונטער ראַסע פֿערד, וואָס דאַרפֿן אַקערן די ערד, פֿירן די געלאָדענע פֿורן מיט ברויט צו דער באַן.

אַרום און אַרום דעם ראָד מיט אָגערס איז געשטאַנען אַ ראָד מענטשן. עס זיינען זיך אָנגעפֿאָרן טויזנטער פֿאַרמערס פֿון אַרום, כדי צו זען דעם ספּעקטאַקל און כדי צו וויסן ווער עס קריגט דעם ערשטן פּרייז.

ענדלעך איז אָנגעקומען די קאָמיסיע. איינער, אַ נידעריקער מיט אַ ווייסן געפּרעסטן קאָלנער, און מיט ווייסע מאַנזשעטן אַרויס־געדוקט פֿון זיינע אַרבל. דאָס איז געווען אַ פּראָפֿעסאָר־וועטערינאַר. דער צווייטער איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פֿאַרמער — אַ ריז. ער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם פֿאָרזיצער פֿון נאָרט־דאַקאָטער גרענדזש, אַן אָרגאַניזאַציע פֿון רייכע בעל־גופֿים.

ווען די קאָמיסיע איז צוגעקומען צו אַי׳ען, האָט ער זיי דער־לאַנגט די דאָקומענטן. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן און זיי צוריקגעגעבן אַי׳ען.

ביי אַי׳ען האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ.

— דו ביזט עס הילדנבערג אַליין?

— ניין, איך אַרבעט ביי הילדנבערגן, — ענטפֿערט אַי.

דער ריז גייט און עפֿנט דעם אָגער דאָס מויל.

דער נידעריקער באַטראַכט דעם אָגער פֿון דער וויטנס.

דערנאָך הייסט מען אַי׳ען אַז ער זאָל הייסן דעם אָגער גיין אין אַ ראָד.

אַי טוט אַזוי.

— אַביסל לעבעדיקער!

אַי מאַכט דעם אָגער אַביסל לויפֿן.

— ערשטער פּרייז! — לאָזט דער ריזיקער מענטש וויסן, נאָכדעם ווי ער סודעט זיך אַביסל מיטן גידעריקן.

פֿופֿצנטער קאַפּיטל

אַי איז געווען צופֿרידן, וואָס זיין אָגער האָט געקראָגן דעם ערשטן פּרייז, כאָטש עס איז געווען אַביסל צו גרינג. ער האָט געמיינט, אַז דער וועטערינאַר וועט זיך נעמען די מי און גרינטלעך באַטראַכטן דעם אָגער.

פֿון דעם וואָס אַי האָט געלערנט אין די ביכער וועגן פֿערד, האָט ער געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ פֿילע סימנים דורך וועלכע מען קאָן מיטן אויג באַלד וויסן, צי עס שטייט פֿאַר דיר אַ גוט פֿערד, צי ניט. אָבער ווי אַזוי דער דאָזיקער נאָרט־דאַקאָטער וועטערינאַר האָט זיך אויפֿגעפֿירט, איז עפּעס ניט געווען גלאַטיק.

דער וועטערינאַר האָט אַפֿילו דעם אָגער ניט אַריינגעקוקט אין מויל, ווער שמועסט שוין פֿון דעם, אַז ער זאָל ביים פֿערד אויפֿהויבן אַ פֿוס און באַטראַכטן זיינע קאָפּיטעס, אָדער זיינע קנעכל.

עפּעס צו גרינג איז הילדנבערגן אָנגעקומען דער ערשטער פּרייז.

צווישן דער מאַסע פֿערדס־מענטשן, וועלכע זיינען דאָ אַרויסגעקומען מיט זייערע אָגערס, איז געוואָרן אַ גערודער, כאָטש אָפֿן פּראָטעסטירן האָט קיינער ניט געוואָגט.

דער פֿאָרזיצער פֿון די גרענדזשערס האָט באַלד ביים אָנהויב פֿון דער צערעמאָניע געלאָזט וויסן, אַז ווער עס זאָל ניט זיין דער גליקלעכער צו קריגן דעם ערשטן פּרייז, וועלן די איבעריקע מוזן זיך „באַהייוון״ (האַלטן אין אָרדענונג). ווער עס וועט וואַגן צו זאָגן עפּעס קעגן דער אַדמיניסטראַציע, וועט אָן שום צערעמאָניעס אַרויסגעפֿירט ווערן מיט זיין אָגער פֿונעם רינג.

און קיינער האָט ניט געוואָלט, ווי עס האָט אויסגעוויזן,ליידן אָט־די בושה פֿון ווערן אַרויסגעפֿירט פֿון דעם רינג מיט פֿערד,

אַז עס זאָל הייסן, אַז זיין פֿערד איז ניט גוט גענוג צו שטיין צווישן די אָגערס פֿון דאַקאָטאַ.

איז אַי דערפֿאַר אַ שטאָלצער אַרויס מיטן אָגער און אים אַריינגעפֿירט אין שטאַל אַריין, וואו דער באַלעבאָס האָט אים געגעבן אַ מעסטל האָבער און אַביסל היי.

אַי האָט געמיינט, אַז ער דאַרף וואַרטן ביז ער וועט קריגן דעם פּרייז. האָט ער דערווייל זיך געהייסן עפּעס געבן צום אָפּעסן. די באַלעבאָסטע האָט אים געגעבן אין קיך אַ גוטן מאָלצייט. פֿון דער קיך איז געוועזן אַן אָפֿענע טיר אין שטאַל אַריין, אַזוי אַז אַי האָט געקאָנט היטן זיין אָגער. ער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים ניט אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל.

מערי־אינן האָט פֿאַר אים אַוועקגעשטעלט געפּרעגלטע קאַר־טאָפֿליעס, אַן איי מיט בייקאָן, אַ שאָל קאַווע און צוויי פֿרישע זע־מעלעך.

— איז עס גוט? — האָט זי ביי אים געפֿרעגט.

— זייער! — האָט אַי געענטפֿערט.

— גיבן זיי כאָטש גוט עסן, ביי די הילדנבערגס? — האָט זי געפֿרעגט, זיך ניט אומקערנדיק צו אַי'ען מיטן פּנים.

— אָ, גענוג עסן! — האָט אַי געענטפֿערט.

— זיינען זיי ווואילע מענטשן? — זאָגט מערי־אינן, און אַי ווייסט ניט צי זי מיינט עס ערנסט, צי ניט.

— מענטשן! — ענטפֿערט אַי קורץ.

— איך קען זיי ניט. נאָך איך זע זיי אָפֿט פֿון דער ווייטנס, ווען זיי פֿאָרן דורך, — פֿאַרענטפֿערט זיך מערי־אינן. — און ווי לאַנג, אַז דו אַרבעטסט ביי זיי?

— עטלעכע חדשים.

— פֿון וואַנען ביזטו?

— פֿון ניו־יאָרק, — ענטפֿערט אַי.

— פֿון ניו־יאָרק?! — קוקט זי אים שוין אָן אַ דערשטוינטע.

— יעס!

— זינד זי דויטש? — פֿרעגט זי פּלוצים אויף דייטש.

— ניין, — ענטפֿערט אַי.

— אַמעריקאַנער?

— יעס! — האָט אַי גיך געענטפֿערט. — אַן אַמעריקאַנער

— זאָ, — און מיט דעם איז דער געשפּרעך פֿאַרענדיקט געוואָרן. זי איז אַזוי ווי שטום געוואָרן אין דעם מאָמענט, ווי אַי האָט איר געלאָזט וויסן, אַז ער איז אַ ייד.

אַי האָט זיך מחיה געווען, וואָס זי לאָזט אים צורו און פֿרעגט אים מער ניט קיין שאלות. ער האָט אָפּגעגעסן און איז אַרויס צום אָגער אין שטאַל.

ער האָט אָנגעפּילט זיין פּיפּקע און געגעבן דעם באַלעבאָס פֿון האָטעל זיין בייטעלע מיט טאַבאַק, אַז ער זאָל אויך אָנפּילן זיין ליולקעלע. עס איז געווען אַ מערקווירדיקע, אַלטמאָדישע ליולקעלע מיט אַן אויסגעבויגענעם מונדשטוק.

אין נאָרט־דאַקאָטאַ איז געווען אַ מנהג, אַז ווען אימיצער האָט אייך דערלאַנגט זיין בייטל מיט טאַבאַק, האָט מען יענעם ניט געטאָרט אָפּזאָגן. עס איז געווען דער ערשטער סימן פֿון גוטן ווילן צווישן צוויי מענטשן אויף זייער באַגעגעניש.

דער האָטעלשטשיק האָט גענומען אַי׳ס טאַבאַק און אָנגעפּילט זיין קליין ליולקעלע.

— ווי לאַנג דאַרף איך נאָך וואַרטן? — האָט אַי ביי אים געפֿרעגט.

— דו דאַרפֿסט גאָר ניט וואַרטן. דו מיינסט אויפֿן פּרייז, ווי איך פֿאַרשטיי?

— דאָס וואָס איך מיין.

— דער פּרייז ווערט צוגעשיקט מיט פּאָסט.

— מעג איך שוין פֿאָרן אַהיים?

— אויב דו פּילסט אַזוי.

— אין דער היים איז פֿאַראַן אַ סך אַרבעט.

— יעס, סער.

— וואָס קום איך אייך?

— הילדנבבערג וועט אַליין באַצאָלן.

— אָבער וויפֿיל באַטרעפֿט עס?

— איך וועל אים געבן אַ רעשט פֿון צוויי דאָלאַר.

אַי האָט געזען, אַז ער וועט זיך מיט אים ניט צונויפֿרעדן. דער דאָזיקער מענטש האָט זיך ווי געהיט מיט אַ וואָרט.

אַי האָט אָנגעזאָטלט דעם אָגער און איז מיט אים געגאַנגען צופֿוס ביזן עק פֿון שטעטל. ווען ער איז מיטן אָגער אַרויס אויפֿן

וועג צו דער פּרעירי, האָט זיך אַ אויפגעזעצט אויפן זאָטל.

דער וועג פון גלאַדסטאָון ביז הילדנבערגס ראַנדזש האָט זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף. אַ ווייס־זילבערנער וועג איבער גרינע פעלדער און בערג. פון דעם אָפּשיין פון דער זון האָט דער וועג איצט פון דער ווייטנס געגלאַנצט ווי געפּוצטער זילבער. די גרינע בערג מיט די וועגן אויף זיך האָבן אויסגעוויזן ווי אַרומגעבונדענע מיט ברייטע גאַרטלען.

עס איז געווען אַ וואונדערלעכער סוף־יוני־טאָג. וויי̆צן־פעלדער האָבן זיך געכוואַליעט אונטער דעם לייכטן ווינטעלע, וואָס האָט פון צייט צו צייט געטאָן אַ בלאָז. די פּרעירי איז געווען אומעטום באַדעקט מיט ברויט־טעפּיכער. די ברויטן האָבן זיך געפאַלדעוועט און געקנייטשט אין טאָלעכלעך און בערגלעך, געלאָפן פון אַ באַרג אַ סקאָסנעם אין אַ פלאַכן טאָל אַראָפּ און פאַרקערט. עס איז געווען ראַסטיק־גאָלדענער ווייץ און פּערלדיק־געפּוצטער מעשענער קאָליר פון האָבער, וואָס הייבט אָן גאָר־וואָס צו ווערן רייף. עס זיינען געלאָפן גרויסע שטרעקעס מיט איינפאַך, פּשוט פּרעירי־גראָז.

דאָ און דאָרט זיינען שוין געלעגן לאַנגע שורות מיט קופּקעלעך היי, ווי סטאַדעס שאָף. אָט באַווייזט זיך פון אַ באַרג אַראָפּ אַ געשפּאַן פון צוויי פערד אין אַ היי־שניידער. עס הערט זיך פון ווייטן דאָס קלאַפּער־געצייג פון דעם היי־שניידער זיג־זעג — זיג־זעג. אַ מענטש זיצט אויף דער מאַשין. פון ווייטן זעט עס אויס אַלץ אַזוי קליין. אי די צוויי פערדלעך, וואָס מען זעט זיי קוים אַרויס פון דעם טיפן גראָז, אי דער מענטש אויף דער קעלניע פון דער מאַשין.

און די פּרעירי איז אַזוי ריזיק גרויס. מיילן און מיילן. פון איין האָריזאָנט ביז צום צווייטן אַן אומאויפהערלעכע קייט פון בערג און פלאַכן, וועלכע פאַרבינדן זיך מיט דעם ווייסן אומפאַרמיידלעכן פּאַס־וועג, וואָס ווערט זייער אָפּט פאַרלוירן פון אויג און דערשיינט באַלד ווידער און איז פאַרט דאָס איינציקע שטריכעלע, וואָס פאַרבינדט אַלע בערג און טאָלן.

אוי, ווי קליין און אומבאַהאָלפן דאָס מענטשעלע מיט די צוויי קליינע פערדלעך מיט דעם באַרעדעוודיקן מאַשינדל איז דאָ אויף דער פּרעירי! עס ווייזט אַ׳ען אויס, אַז עס וועט נעמען טויזנטער יאָרן איידער מען וועט אָפּשניידן אָט די אַלע ברויטן, די אַלע גראָזן!

און דאָך איז אים גוט, וואָס ער איז אויך איינער פון אָט־די מענטשן! עס איז אים איצט זייער גוט, וואָס ער קאָן אָטעמען,

וואָס אויב ער וויל, גיט ער גלאַט אַזוי פֿון פֿרייד אַ טיפֿן געשריי פֿון האַרצן אַרויס. די פֿייגל דערשרעקן זיך און פֿליען אַרויס פֿון די גראָזן, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן פֿון דער היץ און פֿון זייערע שונאים.

עס איז אַ מחנה וואָראָבייען,נאָך גאָר יונגע. אין זייער אויפֿ־פֿליען קלינגט שאַרף און דייטלעך דער ריטם פֿון זייער נאָמען: — וואָ—ראָב!

עס איז ווידער אַ באַרג־אַראָפּ און אין טאָל לויפֿט אַ ריטשקע. דאָ ביי דער ריטשקע בלייבט דער אָגער שטיין. אַי ווייסט שוין וואָס דאָס מיינט. דער אָגער האָט מורא אַריבערצושפּאַנען די ריטשקע.

— מעגסט זיך שעמען! — זאָגט צו אים אַי און קריכט אַראָפּ פֿון זאָטל. — איצט, אַז דו האָסט דעם ערשטן פּרייז, וואָלסטו שוין געמעגט האָבן מער שכל . . .

אַי שפּאַנט אַריבער די ריטשקע און שלעפּט נאָך זיך דעם אָגער. אָבער דאָס פֿערד האָט מורא. ער שמעקט מיט דער נאָז און טרייסלט מיטן קאָפּ.

אַי גייט צוריק אַריבער די ריטשקע צום אָגער און גיט אויף אים אַ געשריי. דער אָגער גיט אַ שפּרונג אָן דער זייט און בלייבט שטיין אויף יענער זייט ריטשקע.

— ביזט, ענדלעך, אַריבער!

ווען אַי איז געקומען אַהיים, האָט אים הילדנבערג באַגעגנט ביי דער שטאָל.

— וועל, ווי אַזוי האָבן מיר אויסגעמאַכט?

— ערשטער פּרייז! — האָט אַי אויסגעשריען.

— דו שפּאַסט?

— ערנסט; מיר האָבן אויסגעכאַפּט דעם ערשטן פּרייז.

— גוט!

אַי האָט דעם אָגער אויסגעזאָטלט און אים אַריינגעלאָזט אין שטאָל. ער איז אַריין אין הויז און די באַלעבאָסטע האָט צו אים אויסגעשטשירעט צוויי רייען ווייסע ציין. דאָס איז געווען ביי איר אַזאַ וועג, ווי אַזוי זי האָט געשמייכלט.

— איך גראַטוליר אייך! — האָט זי געזאָגט.

עלען האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגעשטעלט אירע צוויי טרויע־

ריקע אויגן אויף אַי'ען. איצט האָבן אירע אויגן אויסגעוויזן ווי צוויי פּרעירי־דייזיס.

— איר מוזט זיין הונגעריק? — האָט מאַדזשי געפרעגט.

— אַ דאַנק; איך וועל שוין וואַרטן ביז צום סאַפּער, — זאָגט אַי.

— ביז סאַפּער איז נאָך וויט, — זאָגט מאַדזשי, — און איך האָב פאַר אייך אַ גוט שטיקל פּאַי און געקאָכטע וויינשל.

פון אַזאַ זאַך ווי פּאַי האָט זיך אַי קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן און פאַרקעמט און מאַדזשי האָט אים דערלאַנגט געקאָכטע וויינשל מיט פּאַי און שוואַרצע קאַווע.

הילדנבערג האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן איינצלהייטן און אַי האָט אים אַלץ דערציילט.

— אָבער מיין אָגער איז פאָרט דער בעסטער אין גאַנץ דאַקאָטאַ!

— זיכער! . . .— האָט אַי געשמייכלט אין זיך.

— באַטראַכט נאָר ווער עס גייט אַרום אָגער! . . . — האָט מאַדזשי אַריינגעשריען פון קיך, און אַי האָט געפילט, אַז זי טרייבט שפּאַס וועגן אים אַליין.

— וויפיל איז דער זייגער? — האָט זיך אַי אויפגעהויבן פון טיש.

— אַרום דריי.

— איך וועל פאַרריכטן די האַרנעסעס, — זאָגט אַי ווי צו זיך אַליין. — עס איז שוין סיי־ווי צו שפּעט אַרויסצופאָרן אין פעלד.

— טו וואָס דו פאַרשטייסט, — איז הילדנבערג גוט ווי אַ צוקער־לעקעך.

אַי איז אַרויף אין אויבערשטן דאַך־שטוב, וואו ער פלעגט שלאָפן. דאָרט איז געשטאַנען דאָס הילצערנע פערדל, אויף וועלכן מען האָט געקאָנט פאַרריכטן כאָמוטן. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען זייער באַליבט ביי אים. ער האָט באַלד מיט אַ שטיק סמאָלע אָנגעדראָטעוועט צוויי דראַטוועס, זיך געזעצט רייטנדיק און פאַרקלעמט אַ שטיק לעדער אין די קלעמערס, מיט אַן אָל געמאַכט לעכלעך און דורכגעצויגן די דראַטוועס פוןביידע זייטן.

ער איז געווען זייער אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, ווען ער האָט פּלוצים דערפילט אַ לייכטן ריר אין זיין האַלדז און נאַקן.

ער האָט זיך ווי דערשראָקן און זיך אומגעקוקט.

הינטער אים איז געשטאַנען עלען מיט אַ פינגער צוגעלייגט צו אירע ליפּן.

אַי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף שווייגן.

עס האָט זיך אין דער מינוט אין אים אָנגעצונדן זיין גאַנץ וועזן ווי מיט אַ פלאַם פייער.

זי האָט זיך אָפּגעקערט מיטן פּנים צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צו די טרעפּ אַראָפּ אין שטוב אַריין.

עס איז געווען שטיל. אַ פליג, פון דעם מין גרויסע פליגן, וועלכע זיינען אַזוי גרויס ווי בינען, איז מיט אַ זשום אַרומגעפלויגן דאָ אויפן בוידעם.

אָט דער זשום האָט זיך איצט געהערט, ווי איינער וואָלט געשפּילט אויף אַ באַס.

— גיי שוין אַראָפּ! — וואָרנט זי אַי.

— די באַלעבאָסטע איז אַוועק צונויפּקלייבן אייער און ער זיצט און שלאָפט אין זיין ראָקינג־טשער, — זאָגט עלען שטיל. זי זעצט זיך צו אויפן הילצערנעם פערדל און לייגט אַרויף אַ האַנט אויף אַי׳ס פּלייצע.

זי בריט אים ווי מיט אַ האַלאַוועשקע.

— וואָס האָסטו געוואָלט? — פרעגט ביי איר אַי. ער ווייסט ניט וואָס ער זאָגט. דער קאָפּ האָט זיך ווי איבערגעדרייט, זיינע אויגן ווערן ווי פאַרהויכט מיט פאַרע.

— איך וויל זיצן לעבן דיר, — ענטפערט עלען שטיל.

— ווייסטו וואָס עס מיינט, אויב זי קומט אָן?

— איך קאָן זען דורך אָט דעם פענצטער, צי זי גייט, — ווייזט עלען אויפן פענצטער. און ווירקלעך — פון דאַנען האָט מען געקאָנט זען דעם גאַנצן הויף מיט די שטאַלן און קעמערלעך.

אַי נעמט פון גרויס צעמישטקייט די אַל אין זיין מויל אַריין. ער שפּאַנט אַראָפּ מיט זיין פוס פונעם פערדל און וויל אַרומנעמען עלענען.

זי שפּרינגט אויף. זי לייגט צו אַ פינגער צו איר מויל און דרייט מיט איר קאָפּ אויף ניין.

אַי גייט צו צו איר און שטעלט זיך אַוועק נאָענט לעבן איר. זיי פלעכטן זיך שטומערהייט אַרום. עס שמעלצן זיך צונויף צוויי נשמות.

עלענס פּנים פלאַמט, אירע אויגן־דייזיס זײַנען אַרומגערינגלט, ווי די גלינקע פּרעירי־בלימלעך, מיט אײנצלנע סימעטרישע וויעס, טאַקע ווי בלעטלעך אַרום אַ דייזי־אויג.

עס ציען זיך זייערע ליפּן צו זייער ערשטן, אייביק־זיסן און אייביק־געהיימען קוש, וואָס ווערט פאַרזיגלען דאָס געגאַרטע גליק פון צוויי הערצער אויף אייביק און אויף דור־דורות.

אָבער ערשט איצט דערפילט אַי, אַז ער האַלט די אָל אין זיין מויל.

ער ווייסט דען וואָס ער טוט? עס איז אינגאַנצן איין רגע גליק, און עס געדויערט שוין ווער ווייסט וויפיל. ער פּרואווט אַרויסשפּייען די אָל פון זיין מויל.

די אָל פאַלט אויפן דיל מיט אַ קנאַל און צעקייקלט זיך נאָך מיט מער רעש, ווי זי וואָלט געלאַכט פון דער מאַטעריע, וואָס איז פלייש און בלוט. זי איז האָפערדיק, זי איז פון האַלץ און שטאָל.

די צוויי יונגע מענטשן דערשרעקן זיך פונעם קלאַפּ. זיי פלעכטן זיך אויף.

עלען אַנטלויפט מיט די טרעפּ אַראָפּ אין שטוב אַריין און אַי בלייבט ווידער אַליין אין דאַך־שטוב. ער גיט זיך אַ טרייסל, ציט אויס זיינע גלידער און האָרכט זיך אַ ווײַלע איין אין דער שטיל־קייט אַרום און אַרום.

ער הויבט אויף די אָל, גיט איר אַ פּאַטש מיט דער האַנט, ווי מען באַשטראָפט לייכט אַן אומשולדיק קינד.

ער גיט אַ שמייכל און זעצט זיך צוריק נייען דעם כאַמוט. און פון יענעם מאָמענט איז אים דווקא געוואָרן שווערער אויף דער פּרעירי.

צי ער איז געווען ערגעץ אויף אַ היי־פעלד, צי ער איז אַרומ־געפאָרן איבער דער ווילדער פּרעירי, צי ביינאַכט אין זיין בעט — אומעטום איז געשטאַנען עלען אין זיינע אָרעמס.

ער פלעגט זיך אָפּט צעלאַכן צו זיך אַליין פון דער מעשה מיט דער אָל אין זיין מויל.

ער האָט אָפט באַגעגנט מיט עלענען און עס איז שוין מער צו קיין אומאַרמונג ניט געקומען.

און וואו און ווען זיי האָבן זיך ביידע געטראָפן, פלעגן זיי ביידע אַראָפּלאָזן זייערע אויגן און זיך ניט קאָנען קוקן אין די אויגן.

אַי האָט זיך גענומען מיט ברען צו דער אַרבעט פֿון שנײַדן היי.
ביי הילדנבערגן זיינען געוועזן טויזנטער אַקער מיט ווילדע פּרעירי־גראָז, מיט אַלפֿאַלפֿאַ, טימאָטי, קלאָווער, וועלכע ער האָט פֿאַרזייט.

ביידע בחורים האָבן געשניטן מיט צוויי שנייד־מאַשינען. און אַז זיי האָבן געענדיקט אַ פֿעלד, האָבן זיי דאָס היי צונויפֿגעשאַרט אין קופּעס און עס געלאָזט ליגן אַ טאָג, כדי עס זאָל זיך אַביסל אויסטריקענען. דערנאָך האָבן זיי טאַקע אויפֿן אָרט געמאַכט אַ סטויג.

עס איז אַזוי אַוועק דער חודש יוני און מען איז אַריין טיף אין יולי. די היצן זיינען געווען גרויס. קיין רעגן איז ניט געפֿאַלן. נאָר עס האָט דורכן חודש יולי געטראָפֿן טעג, ווען עס איז אָנגעקומען אַ שטויב־אוראַגאַן.

קיין רעגנס זיינען שוין ניט געגאַנגען פֿאַר צוויי חדשים. און דאָ פּלוצים אין מיטן העלן טאָג, ווען אַי מיט באַבין האַלטן אין מיטן פֿון דער אַרבעט, דערזעען זיי פֿון דער וועסט, ווי אין האָרי־זאָנט באַווייזט זיך אויפֿן הימל אַ שוואַרצער וואָלקן.

ביידע בחורים זיינען דאָ אויף דער פּרעירי צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. זיי מיינען, אַז דער שוואַרצער וואָלקן איז טאַקע אַן אמתער רעגן־וואָלקן.

אַט־אָט, און ער וועט פֿאַרשטעלן די זון. ער גייט גלייך אויף דער זון, וועלכע גייט איצט באַרג־אַראָפּ. זיי שפּיצן אָן זייערע אויערן; זיי ווילן ניט איינשטיין אויף אַן אָרט.

און ביידע וועגענער זיינען ביי די צוויי בחורים נאָך כמעט פֿול מיט היי. זיי אַרבעטן ביידע מיט אימפּעט. זיי מוזן אויסלאָדן דאָס היי איידער דער שלאַקס־רעגן הויבט אָן צו גיין.

אָבער איידער זיי רירן זיך, ווערט די זון פֿאַרשטעלט. עס הויבט אָן פּלוצים צו בלאָזן אַ ווינט — מיט אַ געפֿייף און מיט צאָרן.

עס איז שוין באַלד אוממעגלעך צו נעמען אַ גאָפּל מיט היי און אַריבערוואַרפֿן אויפֿן סטויג אַרויף. דער ווינט גיט אַ כאַפּ דאָס היי און צעשפּרייט עס איבערן חלל.

עס ווערט מיטאַמאָל פֿינצטער ווי ביינאַכט. די פֿערד הויבן זיך אָן צו שטעלן דיבאָם.

די צוויי בחורים דערפֿילן, אַז אַט־אָט ווערן זיי בלינד. אַ שניידנדיקער ווינט טראָגט שטויב אין די אויגן. אויב איינער פֿון

זיי וויל עפּעס זאָגן, איז אַזוי גיך ווי ער עפֿנט דאָס מויל, ווערט אים באַלד זאַמדיק אין די ציין.

— די וועלט גייט צו אַן ענד! — זאָגט באַבי און שפּרינגט אַראָפּ פֿון וואָגן.

אָבער אַי ווייסט וואָס דאָס איז. ער קומט פֿון בעסאַראַביע, וואו עס טרעפֿט אָפֿט דורכן זומער אַזוינע שטויב־שטורעמס.

ער שפּרינגט אַראָפּ פֿון וואָגן.

דאָס ערשטע דאַרף מען זען, אַז די פֿערד זאָלן זיך באַרואיקן. זיי שטעלן זיך ביידע אַוועק פֿון פֿאָרנט ביי די פֿערד.

— נעם זיך אָן ביי די לייצעס פֿון די פֿערד! — שרייט אַי צו באַבין.

דער וויכער לויפֿט איבער זייערע קעפּ און איבער דער ערד מיט אַ געוואָיעריי און מיט אַן אימפּעט. עס איז אַזוי פֿינצטער, אַז די צוויי בחורים קאָנען ניט זען די פֿערד.

זיי האַלטן ביידע די לייצעס. פֿילן לעבן זיך די פֿערד. די פֿערד זיינען איינגענורעט איינער אין אַנדערן מיט די קעפּ. עס הערט זיך נאָר, ווי זיי קייען אין זייערע מיילער די צוימען.

עס געדויערט אַן אייביקייט, כאָטש עס איז ניט מער ווי אַ פּאָר מינוט.

און עס הויבט אָן ווערן צוביסלעך ליכטיק. און אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין דער שוואַרצער וואָלקן אין מזרח וויט, וויט איבער די בערג, און דאָ אַרום שיינט ווידער די זון.

די צוויי אומדערפֿאַרענע בחורים קוקן זיך אָן און פֿרייען זיך. זיי נעמען זיך צוריק צו דער אַרבעט. דער וויכערדיקער ווינט האָט חרוב געמאַכט דעם סטויג. פֿון דעם היי, וואָס איז געווען אין די וועגענער, איז קיין זכר ניט געבליבן. און די וועגענער אַליין האָבן געהאַט גליק וואָס זיי זיינען געשטאַנען נאָענט פֿון אַ גרויסן סטויג; ווען ניט — ווער ווייסט, צי דער וויכער וואָלט זיי ניט געווען איי־בערגעקערט.

איצט האָבן זיי ביידע געאַרבעט שווער צו פֿאַרגלייכן דעם סטויג, ווייל ער איז געוואָרן צעשויבערט פֿון אַלע פֿיר זייטן.

און ווי זיי אַרבעטן אַזוי ביים סטויג, דערזעען זיי ווי עס קומט צו זיי אַ רייטער.

דאָס איז עלען געקומען צו רייטן. זי האָט נאָך פֿון הייטן אָנ־געהויבן צו אוקען: — או—או—או!

די צוויי בחורים האָבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן הינטערן סטויג און ווען עלען איז צוגעפֿאָרן און דערזען נאָר די פֿערד מיט די ליידיקע וועגענער, האָט זי געטאָן אַ געשריי מיט אירע לעצטע כחות.

דאַן זיינען די צוויי בחורים אַרויס מיט אַ גרויס געלעכטער.

— אַ שיינער שפּאַס! — האָט עלען קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. — דער באַס האָט מיך געשיקט צו אייך, אַז איר זאָלט באַלד קומען אַהיים.

— וואָס האָט געטראָפֿן?

— אַלץ אויפֿן הויף איז געבליבן שטיין איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— און ער ליגט? — שפּאַסט באָבי אויפֿן חשבון פֿונעם באַס.

— יע־ע־ע־ע־אַ! . . . — ענטפֿערט עלען.

ביידע בחורים זיינען אַרויף אין די גרויסע האַרבאָעס, וואָס האָבן אויסגעוויזן ווי גרויסע שטייגן אויף פֿיר רעדער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג.

עלען איז געריטן פֿריער און די צוויי האַרבאָעס נאָך איר.

אַז זיי זיינען אַהיימגעקומען, האָט באַלד הילדנבערג געהייסן אַ'ען אַנזאָטלען זיין רייטערל און פֿאָרן אויף דער פּרעירי אַ קוק טאָן, וואָס די בראָנקאָס טוען.

באָבי האָט געקראָגן אַן אויפֿטראָג אויפֿצוהויבן אַרום הויף אַלץ, וואָס דער ווינט האָט איבערגעקערט.

אַי פֿאָרט איבער הילדנבערגס פּרעירי, קוקט איבער די פּלויטן פֿון שטעכיק דראָט, צי זיי זיינען ניט געשעדיקט געוואָרן פֿון דעם שטורעם. ער פֿאָרט אַלע מאָל אַריין אין אַ טאַבון מיט פֿערד. די ווילדע פֿערד קענען אים שוין. זיי הויבן אויף זייערע קעפּ און קוקן מיט זייערע קלוגע אויגן און שטאָלצן אָן זייערע אויערן.

איצט, נאָכן שטורעם וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, איז זיי זייער ליב צו זען אַ מענטשן, וועלכער קומט אָפּ צו זיי — כאָטש ניט אָפּט ברענגט ער זיי פֿרייד און נאָך אָפּטער רייסט ער אַרויס איינעם אָדער צוויי פֿון זייערע רייען און פֿירט אים אַוועק.

איבער דער פּרעירי זיינען איצט אָט די ווילדע פֿערד צעשפּרייט און זיי קנייפּן דאָס גראָז מיט גרויס אַפּעטיט. עס איז שוין באַלד ניט ווייט, אַז די זון זאָל פֿאַרגיין.

אַי פֿאָרט צו נאָענט און באַטראַכט יעדן פֿערד, צי ער איז ניט באַשעדיקט געוואָרן אין שטורעם.

הילדנבבערג האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך גוט איינקוקן אין יעדן פֿערד, ווייל עס איז באַוואוסט, אַז אין אַ שטורעם ווערן די פּרעירי־פֿערד שטאַרק דערשראָקן. זיי שטופּן זיך איינער אויפֿן אַנדערן און דער שטאַרקסטער קאָן באַשעדיקן דעם שוואַכערן.

„הילדנבבערג האָט מזל!" — טראַכט אַי, ווען ער זעט, אַז עס איז מיט קיין איינעם פֿון די פֿערד גאָר ניט געשען. אַלע זעען אויס אַזוי מונטער. זיי קנייפּן געמיטלעך דאָס טיפֿע גראָז. זיי האָבן שוין פֿאַרגעסן דעם שטורעם.

די פּלויטן זיינען אויך אַלע גאַנץ, כאָטש אַי האָט ניט געקאָנט אין די פּאָר שעה אַרומפּאָרן אַלע פּלויטן. זעקס טויזנט אַקער פּרעירי קאָן מען ניט אָפּפּטרן אין אַ פּאָר שעה. אַי וועט מוזן מאָרגן אָפּגעבן אַ גאַנצן טאָג אויף אָט דער אַרבעט.

די זון האָט זיך גענומען אַראָפּרוקן צו די בערג. אַי איז געקומען אַהיים און האָט אויפֿן הויף דערזען אַ פֿרעמדן וואָגן. דער וואָגן איז אים אַביסל קאָנטיק. אָבער ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס עלענס פֿאָטער טוט דאָ אין אַ מיטנוואָכיקן טאָג.

אַי איז אַריין אין שטאַל און דאָרט געטראָפֿן באַבין.

— מיר האָבן געסט, — האָט באַבי געטאָן אַ וואונק מיט אַן אויג. — עלענס עלטערן זיינען דאָ.

— וואָס איז געשען? — פֿרעגט אַי.

— איך ווייס ניט.

— עפּעס איז געשען!

— איך מיין אויך אַזוי, — גיט צו באַבי.

זיי האָבן אָנגעהאָדעוועט די פֿערד און זיי אויסגעבעט אויף נאַכטלעגער מיט דעם ווייכן פּרעירי־גראָז, ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס באַקאַנטע קוויטשעדיק־הייזעריקע קול פֿון מאַדזשין: „דער סאַפּער איז פֿאַרטיק!"

די צוויי אַרבעטער זיינען אַריין אין קיך.

און באַלד האָט אַי דערזען, אַז עלען האָט געוויינט. איר פּנים איז איצט געווען געל ווי וואַקס און די אויגן — רויטע און פֿאַרטרערטע.

אַי און באַבי האָבן זיך געוואַשן און פֿאַרקעמט. און די גאַנצע צייט וואָס אַי האָט געקוקט אין שפּיגעלע בשעת ער האָט זיך פֿאַרקעמט זיינע האָר, האָט ער געפּרוווט זיך טרעפֿן דאָרט מיט עלענס אויגן. אָבער עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן.

ווען אָי איז אַריין אין עסצימער האָט ער זיך געגריסט מיט עלענס טאַטע־מאַמע, געבנדיק זיי זיין האַנט.

די מוטער איז געזעסן אין אַ ווינקל. דער פֿאָטער איז געשטאַנען פֿאַר הילדנבערגן, דרייענדיק די פּיפּקע זיינע אין זיינע הענט, מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צום דיל.

הילדנבערג איז געזעסן אויף דעם וויג־שטול מיט די פֿיס אויסגעצויגן. ער איז געווען בייז.

אָבער אַז ער האָט דערזען אַי'ען, האָט ער געפֿרעגט:

— וועל, וואָס הערט זיך אויף דער פּרעירי?

— אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג, — ענטפֿערט אַי.

— די פּלויטן?

— ווי ווייט איך האָב געקאָנט זען, זיינען די פּלויטן „אַלרייט”.

— האָסט געזען אַלע פּלויטן?

— ניין. דאָס דאַרף נעמען אַ טאָג אָדער צוויי.

— ווי־זשע קאָנסטו זאָגן, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג?

— ווערליק דעם וואָס איך האָב באַוויזן צו זען.

— און די פֿערד האָסטו אַלע געזען?

— אַלע.

— און די קאַרעל האָסטו אָנגעקוקט?

— ניין.

— די הויפּט־זאַך האָסטו ניט געזען! — גיט זיך הילדנבערג אַ פֿאַרקרים, ווי עס וואָלט אים געטאָן אַ שטאָך אין בויך. — אָט האָט דער שטורעם ביי אונזער שכן אַראָפּגעריסן דעם דאַך פֿון זיין „שעק”. האָט דאָך דער שטורעם געקאָנט אַראָפּרייסן דעם דאַך אויך פֿון מיין קאַרעל.

אין די לעצטע פֿאַר ווערטער האָט אַי געהערט אַביסל חוזק און, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, האָט הילדנבערג אַזוי ווי אָפּגעלאַכט פֿון עלענס פֿאָטער.

הילדנבערג האָט זיך אויפֿגעזעצט גלייך אין דעם וויג־שטול און געזאָגט:

— אַז עס איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן! נאָך אַזאַ שטורעם מוז מען נויטיק זען די קאַרעל. זי איז דאָך אָפֿן און דער ווינט קאָן מיט איר טאָן וואָס ער וויל.

— איך בעטן אַנטשולדיקונג, — זאָגט אַי. — דער שטורעם איז געקומען פֿון דער וועסט און די קאַרעל איז אָפֿן צו דער איסט.

— דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן. אַ שטורעם־ווינט קאָן זיך טאָקע בלאָזן פֿון דער וועסט, אָבער אַז ער האָט אַן אָפּענע זייט פֿון דער איסט . . . — פֿאַרשטאַנען?

— אָלרייט, אויב איר ווילט, וועל איך באַלד נאָך סאַפּער אַרויס־גיין אָנקוקן די קאָרעל, — וויל אים אַ צופֿרידנשטעלן.

מאַדזשי האָט דערווייל געבראַכט צום טיש די וועטשערע. זי האָט זיך געפּירט ברייט.

זי האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז זי האָט אַ כלל: — וואָס עס באַלאַנגט צום עסן, האָט זי ליב צו געבן מיט דער פֿולער האַנט!

איצט, אַז זי האָט געהאַט אומדערוואַרטעטע געסט, האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז זי האָט גאָר ניט צוגעגרייט. כאָטש זי האָט אַוועקגעשטעלט גענוג עסן פֿאַר נאָך עקסטראַ טעלעכע מענטשן.

אַי האָט שוין איצט כמעט געוואוסט פֿאַרוואָס עלענס פֿאָטער מיט דער מוטער זיינען איצט געקומען אַהער. ביי זיי האָט דער שטורעם־ווינט אַראָפּגעריסן דעם דאַך און זיי זיינען מסתם געקומען לייען געלט ביי הילדנבערגן, כדי צו פֿאַרריכטן דעם דאַך.

הילדנבערג האָט זיך שווער אויפֿגעהויבן און געגאַנגען זיך זעצן צום טיש. ער האָט געבעטן די צוויי געסט קומען צום טיש.

— ווי קאָנען מיר גיין צום טיש? — האָט עלענס פֿאָטער גע־זאָגט מיט געבעט, — אַז מיר ווייסן, אַז אין דער היים האָבן מיר איבערגעלאָזט די קינדער אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— וועל, אַז איר וועט ניט עסן, וועט דען דאָס געבן אייערע קינדער אַ דאַך איבערן קאָפּ? — ווייזט הילדנבערג זיינע צעפֿוילטע ציין.

— יאָ, איך ווייס, — שטייט דער אָרעמער פֿאַרמער אינמיטן שטוב אַ פֿאַרלוירענער. — אָבער מיר קאָנען ניט . . . מיר מוזן באַלד צוריקפֿאָרן אַהיים. עס איז שוין פֿינצטער געוואָרן און די קינדער וועלן מורא האָבן פֿאַרן אָפֿענעם הימל מיט די שטערן. — ער איז שטיל געוואָרן אויף אַ מינוט און דערנאָך ווידער געזאָגט:

— וועל, מיסטער הילדנבערג, וואָס זאָגט איר? וועט איר מיר העלפֿן?

— איך האָב דיר געזאָגט איינמאָל, אַז דו קומסט מיר שוין גענוג. איך קאָן זיך ניט וואַרפֿן מיט געלט גלאַט אַזוי אויפֿן ווינט!

מאַדזשי האָט געבראַכט זייער אַ סך שיסלען און טעלער פֿול

מיט אַלערליי גוטע מאכלים, ווי קאַלטע שטיקער געשניטן פלייש, סאַלאַטע, פריש־געבאַקענע „פּאַיס", פּוטער, געקאָכטע וויינשעלעך, געזאָטענע בולבעס אין דער שאָלעכץ, געזאָטענע אייער אין דער שאָלעכץ און רייפּטלעך ברויט אויף באַזונדערע טעלער.

עלען האָט געבראַכט דאָס זילבער און די טיש־האַנטעכלעך, וואָס זיינען געווען צונויפגעלייגט אין דער פאָרם פון אַ דריי־עק. זי האָט אַוועקגעלייגט די טיש־האַנטעכלעך אַרום טיש און אויסגעמאָסטן דאָס אָרט אַרום טיש פּונקט פאַר יעדן איינעם — אַריינרעכענענדיק אויך אירע עלטערן.

זי האָט אויף איר פּנים איצט אָנגעטאָן אַ מאַסקע. עס איז ניט געווען צו דערקענען, אַז ביי איר אינעווייניק קומט עפּעס פאָר און אַז זי קער זיך עפּעס אָן מיט די צוויי געסט.

עלען האָט אַפילו ניט געטאָן קיין איין בליק אויף אירע עלטערן. איר פּנים איז געווען בלייך־געל, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קראַנקהייט.

— וועל, מאַמע, — גיט זיך דער פאָטער אַ ווענד צו זיין ווייב, וועלכע האָט איצט אויסגעוויזן ווי אַ טויב־שטומע. — קום, מיר וועלן פאָרן אַהיים.

עס האָט געטאָן אַ שטאַרקן ברי אַי׳ען ביי דער נשמה. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— מיסטער הילדנבערג, איך האָב געלט אין באַנק און וועל לייען דעם אָרעמאַן וויפיל ער דאַרף.

— דו ווערסט, האַ? — צעגראַטשעט הילדנבערג זיינע אויגן. אָבער אַי האָט אויף אים ניט געקוקט. ער איז אַפּירגעגאַנגען פון טיש און איז אַרויפגעלאָפן אויבן צום דאַך־שטיבל.

אין אַ פאָר מינוט איז אַי צוריקגעקומען מיט זיין באַנק־ביכל אין די הענט.

— אָט איז מיין באַנק־ביכל, נעמט עס, מיסטער הילדנבערג, אַלס אַ משכן און גיט דעם אָרימען פאָרמער פופציק דאָלאַר.

— אָ־קעי! — גיט הילדנבערג אַ בייזן האַווקע.

עלען האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און אָנגעקוקט אַי׳ען, ווי זי וואָלט פּלוצים דערזען אַ גרויס וואונדער.

— מיין פאָטער וועט אייך אומקערן יעדן סענט, — האָט זי ווי געשלונגען טרערן דורך איר האַלדז.

— דאָס איז אָלרייט, — זאָגט אַי און זעצט זיך צום טיש.

מאַדזשי האָט געזאָגט:

— איצט מעגט איר זיך שוין זעצן צום טיש. ווי באַלד עס איז דאָ געלט, וועט שוין אַלץ זיין גוט.

די צוויי געסט האָבן זיך געזעצט צום טיש. דער פּאָטער מיט מער דרייסטקייט און די מוטער האָט זיך אַביסל געשעמט. זי האָט זיך געזעצט ביי אַ ברעג פון אַן עק פון טיש. עס איז געווען ביי דעם עק, וואו עלען איז געזעסן.

די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי: פריער האָט הילדנבערג גענומען פאַר זיך אַ לאַבן ברויט און איבערגעגעבן דעם טעלער מיטן ברויט צו עלענס פּאָטער. ביי דעם דאָזיקן אָרעמען מענטשן האָבן געציטערט די פאַרהאַרטעוועטע, ווי פון שטיין אויסגעהאַקטע הענט. עס האָט דער טעלער מיטן ברויט אויך געציטערט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עלענס פּאָטער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ וויילע. ביי אים איז איצט געווען אַ שווערע פּראָבלעם: איין לאַבן ברויט איז פאַר אים געווען ווינציק. און ווידער איז אים געווען שווער צו נעמען צוויי לאַבנס. הילדנבערג, וועלכער רייסט פון אים אַזוינע הויכע פּראָצענטן און נעמט ביי אים צו זיין גאַנץ לעבן, וועט זיכער זיך מיט אים אָפּרעכענען, אויב ער וועט זיך פאַרגינען צו נעמען צוויי לאַבנס ברויט.

עלענס פּאָטער האָט גיכער באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער וועט זיך באַגיין אָן ברויט. ער האָט איבערגעגעבן דעם טעלער מיט ברויט צו באַבין, זאָגנדיק: — „איך דאַנק, איך עס זייער ווינציק ברויט!"

— ער האָט געטאָן אַ שמייכל און צוגעגעבן: — „דאַנק גאָט, דאָ אויף דער פּרעירי זיך אויסגעלערנט אויף ווינציק ברויט . . ."

אָבער קיינער האָט ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו זיינע ווערטער. און דערפאַר האָט ער זיך באַלד אָפּגעווישט זיינע וואָנצעס, ווי ער וואָלט אַליין געוואָלט אָפּווישן דעם טיפּן מיין פון זיינע ווערטער.

באַבי האָט אַראָפּגענומען דריי לאַבנס ברויט פונעם טעלער. ער האָט די באַלעבאַטים געהאַט אין דער ערד. אים האָט ניט געאַרט, וואָס זיי וועלן דענקען וועגן אים. ער האָט היינט געאַרבעט שווער אַ גאַנצן טאָג און דער אַפּעטיט איז ביי אים גוט. איז וואָס וועט ער זיך גיין צערעמאָניעווען מיט זיי. זיין פאַרגעפיל האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער וועט דאַרפן דריי לאַבנס ברויט, האָט ער זיך באַצייטנס אָנגעגרייט, כדי ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם מיט

דעם צבועקישן אַמעריקאַנישן טיש־מאַניר: „זייט אַזוי גוט און דערלאַנגט!"

ער האָט איבערגעגעבן דעם טעלער מיט ברויט צו עלענס מו־טער. זי איז געווען אַ פּראָסטע דאָרף־פּויערטע. זי האָט ניט גע־וואוסט פון קיין שום עטיקעטע. זי האָט דעם טעלער גענומען און אים אַוועקגעשטעלט לעבן זיך אויפן טיש.

ס'איז געווען אַ גליק, וואָס עלען איז געזעסן לעבן איר. עלען האָט געטאָן אַ קרים מיט איר פּנים אויף איר מאַמעס האַנדלונג, צוגענומען דעם טעלער ברויט, און כדי קיינער זאָל ניט באַמערקן איר מאַמעס אומגעהובלטקייט, האָט זי גיך אַראָפּגעלייגט אַ לאַבן פאַר דער מוטער און איינעם פאַר זיך און דעם טעלער אַוועקגעשיקט אויף זיין לעצטער רייזע — גלייך צו מאַדזשין.

דערנאָך האָט הילדנבערג גענומען דעם פּאָלימיסעק מיטן צע־שניטענעם פליש. עס איז געווען צעשניטענע ברוסט־פליש. יע־דער שטיקל פליש איז געווען אונטערגעווירעט מיט אַ פּאַסיקל פון ווייס־געל ברוסט־פעטס. די שטיקלעך פליש זיינען געווען גע־שניטן אין לאַנגיקע רייפּטלעך. פון זיי האָט געשמעקט מיט דעם געזונטן ריח פון אָקסן־פליש.

הילדנבערג האָט אַראָפּגעציילט אַ האַלב טוצן רייפּטלעך מיט פליש. עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער קלייבט זיך אַראָפּצושאַרן דאָס גאַנצע פליש צו זיך אין טעלער אַריין.

דער גאַנצער טיש מיט מענטשן איז געזעסן און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין דער סוף, ווייל ווי עס האָט אויסגעזען האָט הילדנבערג גאָר געדאַרפט נאָך נעמען מער פליש, אָבער ער האָט זיך באַרעכנט, אַז עס פּאַסט ניט פאַר אַזוי פיל אויגן. און ער האָט איבערגעגעבן דעם טעלער מיט פליש צו אַי'ען.

אַי האָט פריער אַראָפּגעשאַרט עטלעכע שטיקלעך פליש צו עלענס פאָטער אין טעלער אַרייך, דערנאָך פאַר זיך גענומען איין שטיקל, ווייל ער האַלט ניט אַזוי פיל פון פליש.

— איר וועט מיך נאָך איבערפירן מיט אַזוי פיל פליש, — זאָגט עלענס פאָטער. — אין דער היים ביי מיר זעען מיר עס ניט פאַרן אויג.

— אָלרייט, מיסטער, עסט זיך אָן! — שרייט אַי אָן אויף אים.

פאַר באַבין איז שוין ניט געבליבן גענוג. צו נעמען אינגאַנצן האָט אים אויך ניט געפּאַסט.

— נאָך פּלייש! — האָט באָבי געזאָגט אויף אַ קול.

— עס איז דאָ נאָך! — ענטפערט מאַדזשי. — געוויס איז דאָ נאָך!

— איר ווייסט דאָך, אַז די פערד וועלכע אַרבעטן ווינציק, עסן אַ סך, — האָט באָבי זיך געוויצלט.

— „דעם־ראַיט״! — ענטפערט הילדנבערג, ניט מאַכנדיק זיך וויסנדיק, אַז באָבי האָט אים געמיינט.

נאָך וועטשערע האָט הילדנבערג אַריינגענומען עלענס פאָטער אין דער קאַנצעלאַריע. עס איז געווען אַ באַזונדער צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ שרייב־טישל מיט טינט און פעדער. עס איז דאָרט אויך געווען אַ שטאַלענע פייער־קאַסע. אויף די ווענט איז געהאַנגען אַ פּאָרטרעט פון הילדנבערגס ערשטער ווייב, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל — אַ פּראָפיל מיט אַ שיינער פאַרריסענער נאָז, מיט געקרויזטע האָר און מיט בלאָע אויגן. עס איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדישער פאָרטעפּיאַן און צוויי בענקלעך. אין דעם דאָזיקן צימער האָט קיינער נישט געטאָרט אַריינגיין — סיידן הילדנבערג האָט אימיצן אַהין אַריינגעפירט.

און אַז ער האָט אַהין אימיצן אַריינגעפירט, האָט ער פאַרמאַכט די טיר און דאָרטן איז שוין פאַרזיגלט געוואָרן ניט איין אָרימאַנס שיקזאַל.

— זיצט! — האָט הילדנבערג געזאָגט צו עלענס פאָטער.

דעם אָרימען פאַרמער איז שוין געווען וואויל באַקאַנט אָט דער צימער. ער האָט זיך געזעצט און אויפגעהויבן זיינע אויגן צום פּאָרטרעט פון דער ליבער, יונגער מיידל. זי האָט אים דערמאָנט אין דעם פּנים פון דער „הייליקער מוטער״, וואָס ער האָט געזען אין דער קירך.

הילדנבערג האָט אויפגעעפנט די פייער־קאַסע און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ גראָבן בוך. די טאָוולען פון בוך — פאַרשמאָלצע־וועט.

עס האָט ביי דעם אָרימען פאַרמער געטאָן אַ ריס דאָס האַרץ. ער האָט דערפילט, ווי מען גייט דאָ עפענען אַ בוך, וואו עס זיינען פאַרשריבן זיינע אומגליקן.

אָבער הילדנבערג האָט נאָך דעם בוך דערווייל ניט געעפנט. ער האָט אים אַנידערגעלייגט אויפן טישל. ער האָט אָנגעפילט זיין ליולקע און זיך אַוועקגעזעצט צום טישל.

— וויפיל אַקער האָסטו פאַרזייט היינטיקס יאָר? — פרעגט הילדנבערגביים פאַרמער.

— אַזוי פיל, וויפיל איך האָב.

— מיט ווייץ?

— יאָ.

— און ווי זעט עס אויס?

— ווי זאָל עס אויסזען?

— האָט דיר אימיצער אַנדערש געלט געליען?

— קיינער ניט.

— נאַר מיך ניט. זאָג, צי דו ביזט שולדיק אימיצן!

— איך בין שולדיק אין קראָם אין גלאַדסטאָון.

— דאָס אַרט מיך ניט.

הילדנבערג עפנט דעם בוך. ער מישט די בלעטער. יעדער מיש גיט אַ ריס ביים אָרימען פאַרמער אין דער נשמה.

צוגעקומען צו אַ בלאַט, איז הילדנבערג געבליבן שטיל. דער פאַרמער קאָן הערן ווי זיין האַרץ קלאַפּט האַסטיק. אָט־אָט און עס וועט פּלאַצן זיין ברוסט פון ווייטיק.

— ווייסט וויפיל דו ביזט מיר שולדיק? — נעמט אים הילדנ־בערג דורך מיט זיינע קאַלטע, קליינע אויגעלעך.

— איך ווייס . . .

— דו ביזט מיר שולדיק פאַר צוויי פערד.

— פאַר זיי האָב איך דיר געגעבן מיין טאָכטער.

— נוער דאַרף דיין מיידל? זי קאָסט מיך נאָך עסן און קליידן.

— אָבער, זי איז ניט פויל. זי אַרבעט דאָך!

— קאָנסט זי נעמען צוריק. איך וויל אָדער געלט אָדער די פערד. וואָס מיינסטו, פערד וואַקסן אויף דער פּרעירי ווי גראָז?

— מיסטער הילדנבערג . . . איר האָט דאָך מיר פאַרקויפט די פערד מיטן באַדינג, אַז מיין מיידל זאָל אָפּאַרבעטן. איר ווייסט, אַז איך האָב ניט קיין געלט.

— אָט וועסטו קאָנען האָבן געלט. — ווייזט הילדנבערג דאָס באַנק־ביכל, וואָס אַי האָט אים געגעבן. — דער „גאַי” וויל דיר לייען פופציק דאָלאַר. וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר איינצאָלן די פופציק דאָלאַר אויף די פערד.

— אָבער די פּופּציק דאָלאַר דאַרף איך, כדי צו פאַרריכטן דעם דאַך.

— פריער באַצאָל פאַר די פערד און דערנאָך וועסטו זיך זאָרגן וועגן דעם דאַך, — זאָגט הילדנבערג. — שווייג ניט, איך וויל הערן וואָס דו זאָגסט!

עס איז געווען שוידערלעך שווער פאַר דעם פאַרמער עפּעס צו זאָגן. ביי אים אין האַרץ האָט זיך אַזוי ווי עפּעס איבערגעהאַקט.

— דו ביזט מיר שולדיק דריי הונדערט דאָלאַר, אַ חוץ דעם געלט פאַר די פערד.

— נאָך אַלץ דריי הונדערט דאָלאַר?!

—נאָך אַלץ! . . . — בייזערט זיך הילדנבערג. — ווען דו קומסט לייען, נעמסטו דריי הונדערטער. אָבער ווען דו דאַרפסט באַצאָלן, איז דיר אַ וואונדער, וואָס דו ביזט שולדיק אַזוי פיל.

— איך ווייס, אַז איך בין שולדיק. אָבער איך צאָל שוין אַזוי פיל יאָר . . . — האָט דער אָרימער פאַרמער מורא צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער וואָלט זייער געוואָלט זאָגן.

— מיך קאָסט אויך פּראָצענט אויף געלט וואָס איך ליי אין דער באַנק. קיינער גיט מיר ניט אומזיסט, — ווייסט הילדנבערג, וואָס עס קוועטשט דעם אָרימען פאַרמער.

— מיסטער הילדנבערג, איך מוז האָבן אַ דאַך איבער מיינע קינדערס קעפּ.

— האַלט זיי אין שטאַל, האַלט זיי אין אַ הייל. מיר איז אַלץ־איינס. דו וועסט מוזן מיר געבן די פּופּציק דאָלאַר אויפן חשבון פון די פערד.

— וועל, אַז איר זאָגט אַזוי, וועט עס אַזוי זיין, — זאָגט דער אָרימער פאַרמער מיט הכנעה. נאָך דאָס פעלט אים, אַז הילנבערג זאָל איצט ביי אים צונעמען די פערד.

— אָלרייט. און געדענק: צו קיינעם ניט קיין פּיפּס! אויב איך וועל געוואויר ווערן, אַז דו האָסט זיך געקלאָגט פאַר אימיצן, וועל איך צונעמען די פערד ביי דיר און וועל דיר אָפּשיקן דייך מיידל.

אויף דעם האָט דער פאַרמער געשוויגן. ער איז אַרויס פון

יענעם צימער, ווי אַ געראַטעוועטער פון אַ פייער.

ער האָט באַלד איינגעשפּאַנט זיינע פערד און וואָגן. געקומען רופן דאָס ווייב זיינס, האָט ער אַפילו ניט געוואָגט צו צעקושן זיך מיט זיין טאָכטער עלען.

דאָס מיידל האָט געוואַשן דאָס געפעס. זי האָט אומיסטן זיך אַביסל מער גענומען צייט צו וואַשן דאָס געפעס. זי האָט שוין פאַר־שטאַנען, וואָס הילדנבערג האָט געטאָן מיט איר פאָטער אין יענעם באַרימטן צימער, וואו זי אַליין האָט מורא אַריינצוגיין. און ווען זי דאַרף דאָרטן אַמאָל מאַכן אָרדענונג, רופט זי מיט זיך מיט די באַלע־באָסטע. מאַדזשי זעצט זיך דאַן צום פאָרטעפּיאַן און צימבלט אויף אים, ביז עלען ראָמט אויף דעם צימער.

עלען האָט געקושט איר מאַמע און אין קושן־זיך איר צוגע־שעפּטשעט, אַז זי זאָל זיך האַלטן שטאַלץ און ניט פאַרלירן קיין מוט:
— איך וועל קומען זונטיק אַהיים!

— יאָ, טאָכטער, קום אויף אַ וויילע, — לויכטן ביי דער מוטער די אויגן.

אויף מאָרגן איז הילדנבערג געפאָרן אין שטאָט אַריין און מיטגענומען אַי׳ען מיט זיך, כדי ער זאָל קאָנען אַרויסנעמען דעם פּופּציקער פון דער באַנק. עס האָט אַי׳ען שטאַרק געוואונדערט, וואָס הילדנבערג האָט זיך ווידער פאַרגונען אים אַוועקצונעמען פון אַ טאָג אַרבעט צוליב טאָן אַ טובה אַ פאַרמער. אַי האָט ניט גע־וואוסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן הילדנבערגן און עלענס פאָטער.

אין יענעם טאָג האָט אויך אַי דערהאַלטן אַ בריוו פון דער היים, וואו זיין פאָטער חיים פרעגט אים אויס ווי אַזוי עס גייט אים דאָ אין דער וועסט, צי איז ביי הער הילדנבערגן אַ „פרומע״ הויז און צי קומט דאָרט צוגיין אַ שוחט קוילן די עופות, און נאָך אַזוינע עכט־יידישע שאלות.

אַי האָט געלייענט און געשמייכלט. ווען זיין פאָטער וואָלט געוואוסט ביי וואָס פאַר אַ שוחט ער אַרבעט! . . .

הילדנבערג האָט איינגעקויפט זאַכן פאַרן הויז און איז דער־נאָך אַוועקגעגאַנגען זיך זען מיטן שטאָט־ און לאַנד־אַדמיניסטראַטאָר וועגן אַי׳עס האָומסטעד.

דערנאָך איז ער אַרויסגעקומען און צו אַי׳ען געזאָגט:

— אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג. דו האָסט שוין אַ האָומ־סטעד.

— ריכטיק? — ווייסט אַי ניט, צי ער זאָל זיך פרייען, צי ניט.

— איך שפּאַס ניט. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט שוין דיין נאָמען רעגיסטרירט, — האָט הילדנבערג געזאָגט.

זיי זיינען דערנאָך געפאָרן אַהיים און הילדנבערג האָט זיך נאָכגעפרעגט וואָס אַי׳ס פאָטער שרייבט. צי ער איז שוין אַן אַלטער מאַן? און וויפיל קינדער עס זיינען דאָ אין דער פאַמיליע?

ווען אַי האָט אים געזאָגט, אַז זיי זיינען ניין ברידער, איז הילדנבערג שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון בריטשקע.

— ניין! „באַ־גאַד״, איר וואָלט דאָך געקאָנט איבערקערן די פּרעירי!

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

עס איז צוגעפאַלן אַ שיינער אָוונט. דער הימל — אַ לייכט־בלויער מיט קליינע ווייסע, וואָלקנדלעך באַצויגן, ווי מיט אַ דורכזיכטיקן שפּרייטל פון ווייסער וואָל, אויסגעהאַפּטן אַזוי וואונדערלעך, אַז עס האָט אויסגעוויזן, ווי עס וואָלטן דאָרט איינגעהאַפּטן געוואָרן לעבעדיקע סטאַדעס פון יונגע שעפעלעך.

עס איז געווען וואַרעם. עס האָט געשמעקט מיט אַלערליי קרייטעכער. און שטיל איז געווען, ווי עס וואָלטן גאָר קיין שום לעבעדיקע באַשעפענישן דאָ ניט געלעבט.

אַי איז געלעגן מיט באַבין אויפן ווייכן גראָז ניט ווייט פון הויז. ביידע בחורים האָבן געגרויכערט. זיי האָבן אַ צייט לאַנג געשוויגן. אַי האָט געקוקט ערגעץ ווייט. עס איז אים באַפאַלן אַ בענקשאַפט, וועלכע ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט דערקלערן, אַ פלוצימדיקער פאַרלאַנג צו שרייבן. שוין לאַנג, אַז ער האָט ניט גענומען די פען אין האַנט אַריין. און אָט איז אַזאַ הערלעכער אָוונט, די לופט איז פול מיט אַזוי פיל געמיטלעכקייט, עס איז אַזוי הערלעך שטיל . . . — „ערגעץ ווייט, ווייט זיצן זיינע חברים און שרייבן . . . און וואָס וועט זיין דער סוף מיט אים אַליין? . . . אָט איז ער אַ שלעכטער קאָובאָי, קיינער ווייסט גאָר ניט, ווי שלעכט ער פאָרט אויף אַ פערד רייטנדיק, ווי ער טויג ניט צו דער דאָזיקער אַרבעט, ווי שוואַך ער פילט זיך אָפט צווישן די ווילדע פערד, ווי פאַרלוירן ער ווערט אויף דער גרויסער פּרעירי! . . . און וואָס וועט זיין דער סוף? ער וועט זיך דאָ באַזעצן אויף זיין „האָומסטעד", וועט זיין פאַרוואָרפן צוואַנציק אָדער דרייסיק מייל פון דעם קלענסטן שטעטעלע אין דער וועלט; וועט אַרבעטן שווער אַ גאַנץ יאָר, כדי דערנאָך צו בלייבן אַזאַ אָרעמאַן ווי עלענס פאָטער . . ."

אַי דערמאָנט זיך אָבער אין עלענען און עס ווערט אים מיטאַמאָל אַזוי, ווי ער וואָלט אויסגעטרונקען אַ שטאַרקן געטראַנק . . . וואָס איז אייגנטלעך אַזוי דאָס איילעניש מיטן שרייבן? ער איז נאָך גאָר אַ יונגער בחור; עס איז אים נאָך ווייט ביז די דרייסיקער; ער

וועט זיך באַזעצן אויף זיין „האָומסטעד“ און זיך גוט איינאָרדענען; ער וועט האָבן אַ פּאָר גוטע פערד — שקאָפּעס; אַלע מאַשינען צום באַאַרבעטן די ערד; ער וועט דורכן זומער אַרבעטן אויף די פעלדער און ווען עס וועט קומען דער גרויסער ווינטער, וועט ער האָבן אַ סך צייט צו שרייבן . . .

באָבי האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס אַי טראַכט, ווייל ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז אַי טראַכט וועגן ווערן אַ שרייבער־פּאָעט, וואָלט ער זיך פון אים אויסגעלאַכט; ניט דערפאַר וואָלט ער געלאַכט, וואָס יענער וויל ווערן אַ שרייבער, נאָר דערפאַר וואָס ער, אַי, שטעלט זיך פאָר אין זיין פאַנטאַזיע, אַז ער וועט קאָנען ווען־עס־איז דאָ אויף דער פרעירי האָבן אַ געלעגנהייט צו שרייבן . . .

אָבער אַזוי ווי באָבי האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס אַי טראַכט, און אַזוי ווי ער האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט זייער שווער, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל גיין שלאָפן. — און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם גראָז.

— וואָס איילסטו זיך? עס איז אַזאַ שיינער אָונט! — האָט זיך אַי אָנגערופן.

— דיר איז גוט! פאָרסט מיטן באָס אין שטעטל אַריין, דו לעבסט אַ גוטן טאָג, אָבער איך האָב היינט געאַרבעט שווער! — זאָגט באָבי מיט אַ וואונק פון אַן אויג.

— דו ביסט שוין אייפערזיכטיק אויף מיר? איך בין געפאָרן ארויסנעמען אַ פּופּציקער פאַר דעם אָרעמען פאַרמער.

— און דו ביסט זיכער, אַז דער אָרעמער פאַרמער וועט דעם פּופּציקער קריגן? — פרעגט באָבי.

— ווער ווייסט?

— איך האָב מורא, אַז ער וועט דערפון קיין סענט ניט אָנקוקן.

— ווי אַזוי קאָן מען דאָס אויסגעפינען?

— פרעג ביי עלענען.

— זעץ זיך צו, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן, — זאָגט אַי.

— עס וועט נאָך זיין צייט צו שלאָפן.

— איך זע, דו זיצסט און טראַכסט, — זאָגט באָבי און זעצט זיך צוריק אויפן גראָז, — ווייל איך דיר ניט איבערשלאָגן דיינע זיסע טרוימען . . .

אַי האָט דערפילט דעם סאַרקאַזם אין באָביס ווערטער.

— ווייסט, באַב, איך האָב זיך שוין אונטערגעשריבן אויף אַ „האָומסטעד״.

— איך ווינטש דיר אַ סך גליק! — שטרעקט באַבי אויס זיין האַנט צו אים.

— ווי דענקסטו, וועל איך דאָ האָבן אַ דערפאָלג?

— איך ווייס ניט.

— איך אַליין האָב אויך מורא, אַז איך וועל זיין אַ דורכפאַל, — זאָגט אַי.

— האָסט שוין דאָס שטיק לאַנד געזען?

— נאָך ניט.

— טאָמער איז עס אַ שלעכט שטיק לאַנד?

— הילדנבערג זאָגט מיר צו גאָלדענע גליקן. ער וויל עס ביי מיר שוין אָפּקויפן מיט אַ קאָנטראַקט.

— צו וואָס טויג אים נאָך לאַנד? האָט ער דען ווינציק לאַנד?

— שאַ, רעד ניט אַזוי הויך, ער קאָן נאָך דערהערן, — בויגט זיך צו אַי צו באַבין. — דער טייוול ווייסט אים, צו וואָס עס טויג אים אַזוי פיל לאַנד! אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ער וויל עס ביי מיר קויפן פאַר אַ סומע פון פינף טויזנטער!

— ווי באַלד אַזוי, איז דאָך דאָס שוין אַ גרויסער דערפאָלג! . . .

— שמייכלט באַבי. — וויי איז צו מיר! מיר וועט ער ניט אָנבאָטן אַזאַ גוטע זאַך! . . . אַ, באַי! . . . דיר וועט דאָך זיין גוט! . . . וועסט שוין דאָ אָפּזיין פינף יאָר און דערנאָך וועסטו קאַלעקטירן דיינע פינף טויזנטער, פאַר דיין „האָומסטעד״ . . . חוץ דעם וואָס דו וועסט האָבן פאַר פינף יאָר דיינע ווידזשעס אָפּגעשפאָרט! . . . אַ, באַי! . . . דאָס קאָן נאָר טרעפן דיך! . . . איך האָב אַלעמאָל געזאָגט וועגן זיך, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אַן „אומגליק״ און דאָס אַלץ! . . .

— זאָגסטו, הייסט עס, אַז איך בין דער גליקלעכער? — קוקט אים אַי אָן מיט צעשמייכלטע אויגן. — האָסט מיר שוין געמאַכט אַ רעכענונג, אַז איך וועל דאָ מאַכן אַ סך געלט. אָבער, מיין פריינט, איך בין דאָ ניט געקומען מאַכן געלט! איך בין געקומען זיך דאָ צו באַזעצן און דאָ געפינען אַ רואיק אָרט! איך האָב איבערגעלאָזט אַ גרויסע פאַמיליע אין דער גרויסער שטאָט. זיי דאַרטן וועלן אומקומען, ווען איך וועל זיי ניט פון דאָרטן אַרויסראַטעווען! ווי דו זעסט, האָב איך אַ מיסיע מיט מיין קומען דאָ אַהער. איך וויל זיך

דאָ באַזעצן אויף אַ שטיק ערד און דערנאָך וועל איך אַרויסברענגען מיין גאַנצע פֿאַמיליע דאָ אין דער וויטער וועסט.

— עס איז מאָדנע! מיינע עלטערן, וועלכע זיינען פֿאַרמער פֿון דורות, ווילן גראָד אַנטלויפֿן פֿונעם פֿאַרם און דיינע עלטערן, ווי איך פֿאַרשטיי, זיינען קיינמאָל גאָר קיין פֿאַרמער ניט געווען, און זיי ווילן גראָד זיך באַזעצן אויף אַ פֿאַרם און דאָס, נאָך אין דער וועסט — אָט־אָ דאָ.

— אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט צווישן זיך: איך זאָל דאָ אַרויס־פֿאָרן און זען וואָס איך קאָן אָפּטאָן, — זאָגט אַי און ער דערשרעקט זיך פּלוצים אַליין פֿאַר זיינע אייגענע געדאַנקען. אָט זיצט ער דאָ אויף דער פּרעירי לעבן אַ זון פֿון עכטע יענקיס, וועלכע האָבן פֿאַר דורות־לאַנג באַאַרבעט די אַמעריקאַנער ערד, און ער — אַ זון פֿון עכטע יידן, באַלעבאַטישע יידן, מיט אויסגעבויגענע פּלייצעס, מיט מערידן, מיט אַלע קלאַפּערגעצייג, וועלכע זיי שלעפּן נאָך זיך נאָך פֿון דורות און דורות . . . און ער האָט זיך כמעט ווי פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין. — איך וועל זיי ראַטעווען פֿון אונטערגאַנג! — האָט אַי געזאָגט מיט אַביסל אַ געהעכערטער שטים.

— דאָס איז פֿאַר מיר אומפֿאַרשטענדלעך, — זאָגט באַבי. — אפֿשר בין איך אַזוי דום. עס קאָן זיין, אַז איך בין אַן אידיאָט. גיב אַ קוק אויף מיר. איך רעד איצטער דאָס, וואָס איך פֿיל, אַז עס איז דער אמת. איך „גלייך" דיך. איך בין שוין מיט דיר דאָ אויף דער פּרעירי אַ לאַנגע צייט. איך ווייס, אַז דו האָסט ניט קיין מורא פֿאַר שווערער אַרבעט, און איך גלויב, אַז דיינע עלטערן, דיינע ברידער, האָבן אויך ניט מורא פֿאַר קיין שום שוועריקייטן. אָבער — ווי איך זע, ביזטו זייער קינדעריש. דו גלויבסט מערער, ווי דו פֿאַר־שטייסט! יעס־סערי! דיך לאָקט אָט דער גרויסער פֿאַרנעם, דאָס ברייטקייט פֿון דער פּרעירי. מיט איין וואָרט, דיך האָט פֿאַרכאַפּט דער צויבער פֿון די ברייטע פֿעלדער. איך בין אַ קאַלטער, ברוּ־דער! אַ קאַלטער מיט אָפֿענע אויגן. מיך קאָנען ברייטע פֿעלדער ניט אָפּנאַרן. איך האָב עס שוין געזען! ביי מיר ליגט אין יעדן גרינעם פֿעלד אַ סך שווערע אַרבעט, אַ סך מענטשלעך שווייס, ווײַ־טיק. וויפֿיל האַרץ־קלעמעניש, וויפֿיל ענערגיע לייגט אַ פֿאַרמער אַריין, איידער ער דערלעבט צו זיין דאָס גראָז וואַקסן אויף זיין לאַנקע! שטאָט־מענטשן פֿאָרן דערנאָך דורך און קוקן אויף דער גרינער לאַנקע און באַוואונדערן דאָס שיינע גרין. און וואָס פֿאַר אַ

באַטרעף האָט דאָס גראָז, וואָס דער פאַרמער שניידט אַראָפּ פון אַן אַקער ערד? איך רעד צו דיר פון פאַקטן, ניט פון ביכער! איך וויל דיך ניט „דיסקאַרעדזשן". אָבער אָט וועל איך דיר מאַכן אַ חשבון! אַן אַקער לאַנד נעמט געוויינטלעך דריי טעג צו מאַכן אים גרייט צום פאַרזייען. אַ מענטש מיט צוויי פערד דאַרפן אַרבעטן דריי טעג. איך וועל עס מאַכן זייער ביליק: זיי דאַרפן פאַרדינען כאָטש צו פינף דאָלאַר אַ טאָג. דאָס איז אַ חשבון פון פופצן דאָלאַר. דערנאָך דאַרף מען קויפן די בעסטע קערנער צום פאַרזייען. דאָס קאָסט אויך צוויי און אַמאָל דריי דאָלאַר. דערנאָך דאַרף מען בעטן גאָט, אַז עס זאָל גוט רעגענען אין צייט, אַז עס זאָל זיין אַ סך זונ־שיין און אויב די ערד איז פעט — דערלעבט מען קוים מיט צרות צו שניידן דאָס היי. און ווידעראַמאָל צוויי פערד מיט אַ מאַשין און אַ מענטשנס מי אויף אַ טאָג אָפּצושניידן דאָס היי, וועלכעס איז ווידער ווערט, דאָס ווינציקסטע, אַ פינף דאָלאַר. דערנאָך טריקענען דאָס אָפּגעשניטענע היי, עס צונויפשאַרן און ווידער מיט אַ וואָגן און צוויי פערד דאָס היי אַריינפירן אין שטאַל. ווידער אַ טאָג אַרבעט — פינף דאָלאַר. און אַז דער פאַרמער באַקומט פון דער ערד אַרויס צוויי טאָן היי, איז עס שוין אַ גוטע זאַך. איז וויפיל האָבן די צוויי טאָן היי ווערט? דו ווייסט, אַז צוויי טאָן היי קאָן דער פאַרמער פאַרקויפן פאַר גאַנצע צען דאָלאַר. דאָס הייסט, אַז ער וועט אַפילו ניט אַרויסנעמען זיין אַרבעט־געלט . . .

— ווי באַלד אַזוי, לוינט זיך גאָר ניט צו זיין אַ פאַרמער. ווען אַ מענטש זאָל אַזוי רעכענען יעדן שפּאַן און יעדן טראָט וואָס ער מאַכט און ער זאָל זיך הייסן פאַר אַלץ באַצאָלן, וואָלט זיך גאָר ניט באַצאָלט צו טאָן אויף דער וועלט! דו ביסט אַ מענטש, וואָס קוקט דורך שוואַרצע ברילן, — ציט זיך אַי אויס אויפן גראָז, שטרעקט ברייט פאַנאַנדער זיינע הענט, זיין פּיפּקע אין מויל, גלייך צום אויס־געשטערנטן הימל. — ניין, אַזוי קוקן אויף דער וועלט קאָן איך ניט! איך וועל מיין היי ניט פאַרקויפן, נאָר עס אָוועקגעבן מיינע פערד און קי. איך האָב געלערנט, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען „קאַרבאָ־האַידראַידס" אין פעטס. עס איז דער אייביקער צירקל: קאַרבאָ־האַידראַידס מאַכן פעטס — פעטס ווידער אומגעקערט צו דער ערד אין דער פאָרם פון פערטיליזירער, פּראָדוצירט קאַרבאָ־האַידראַידס. ווי דו זעסט, מיין פריינט, איז עס גאָרניט אַזוי שוואַרץ ווי דו האָסט געמיינט. עס זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, וואָלטן אַלע פאַרמער

געדאַרפֿט אויפֿהערן צו אַקערן און לאָזן זייערע פֿעלדער פּוסטעווען. ווייסט וואָס דאָס וואָלט געמיינט? עס וואָלט געמיינט, אַז אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָלטן געמוזט אומקומען — און אויס וועלט! . . .

— איך האָב ניט וואָס צו פֿאַרלירן! . . . — הויבט זיך באָבי אויף פֿון גראָז. ער גיט אַ גרויסן געשמאַקן גענעץ, ציט אויס זיינע ביינער אַזוי, אַז זיי גיבן אַ קנאַק. — וועל, איך גלויב אַז עס שוין צייט פֿאַר מיר צו גיין זיך לייגן שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט!

באָבי גייט לאַנגזאַם אַוועק אין שטוב אַריין. אַי בלייבט אין דרויסן. עס איז אַזוי וואונדערלעך־שיין! דער הימל איז בלייך־גרין און ווייס־בלוי. ווייט ביים האָריזאָנט אין מערב איז דער הימל גרין ווי לימענע און רויט ווי אָראַנזש. דאָ און דאָרט פֿינקלען שוין איינציקע שטערן ווי ווייטע ליכטלעך, וועלכע לעשן זיך אויפֿן ווינט. עס איז אָבער קיין ווינט ניטאָ. וואָר־זשע לעשט די שטערן?

אַי ליגט אויפֿן גראָז אַ געזונטער, אַ מונטערער. באָביס רייד האָבן אים נאָך שטאַרקער געמאַכט, נאָך מערער מוט געגעבן: ער וועט שרייבן אַ בריוו צו זיינע עלטערן, וועט זיי לאָזן וויסן, אַז ער האָט שוין אַ שטיק לאַנד און זאָלן זיי זיך גרייטן צו קומען.

באָבי האָט מיט זיין אַריינגיין אין שטוב איבערגעשלאָגן די געווינלעכע פּראָצעדור פֿון פּוס־קראַצעניש, וואָס מאַדזשי האָט כמעט יעדן אָוונט געדאַרפֿט דורכפֿירן, כדי דער אַלטער הילדנבערג זאָל קאָנען איינשלאָפֿן.

באָבי איז אָנגעקומען פּונקט אויף אַזאַ סצענע.

— צום טייוול! — האָט באָבי צו זיך אַליין געבורטשעט. — עס איז זייער נויטיק אויפֿצוהאַלטן אָט אַזוינע לעבעדיקע באַשעפֿענישן! . . . — ער איז מיט עקל און ביטערקייט אַוועק מיט די טרעפּלעך אַרויף אין דעם אויבערשטן שטיבל.

מאַדזשי האָט שוין געמיינט, אַז זי וועט מערער ניט דאַרפֿן קראַצן איר מאַנס פֿיס. זי האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, אָבער הילדנבערג האָט זי צוריקגערופֿן נאָך אַביסעלע! זי האָט זיך זייער ניט קיין צופֿרידענע אומגעקערט: — פֿאַר גאָדס סעיק! ווי לאַנג נאָך וועל איך דיינע פֿיס קראַצן??!

אין צימער איז געווען ליכטיק פֿונעם קעראָסין־לאָמפּ מיט דעם ווייסן אַבאַזשור. אויפֿן בעט איז הילדנבערג געלעגן מיט די פֿיס איינגאַנצן אויפֿגעדעקט. צוויי בלייכע פֿיס, ווי ביי אַ טויטן. די

פֿינגער פֿון די פֿיס מיט גרויסע נעגל און מיט שוואַרצער בלאָטע, אַזוי ווי געקאָוועט מיט האַלבע, אײַזערנע רינגען. די פּיאַטעס מיט קאַלך־שטיין פֿאַרהאַרטעוועט. עס האָט זיך פֿון די דאָזיקע צוויי פֿיס געהערט ניט קיין זייער אַנגענעמע ריחות, ווײַל מאַדזשי האָט נעבעך געמוזט געבן אַ פֿאַרקרים מיט איר נאָז. זי האָט זיך אוועק־געזעצט אויפֿן ברעג פֿון בעט און ווידער אָנגעהויבן צו גראַבלען איר מאָנס פֿיס.

— דו טוסט עס צו גיך! אײַלסט זיך ערגעץ? — זאָגט הילדנ־בערג מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

— איך זאָג דיר דעם אמת, איך אײַל זיך אַזוי, אַז איך האָב מורא, אַז איך וועל פֿאַרשפּעטיקן . . . — גיט מאַדזשי אַ פֿאַרקרים מיט די ליפּן.

— איז שוין דער גאָד־דעם־שיני אַרויף שלאָפֿן? — פֿרעגט הילדנבערג.

— ער האָט שוין געמוזט זײַן אַן אַרויפֿגעגאַנגענער, — ענט־פֿערט זי. — וועל, איצט זאָל שוין זײַן גענוג, שלאָף!

— עס איז גוט צו זאָגן שלאָף, ווען מײַנע אויגן קלעפּן זיך גאָר ניט.

— נאָ, דאָס וועט זײַן דער לעצטער קראַץ! — גיט אים מאַדזשי אַן אולטימאַטום. — איך האָב נאָך אַ סך צו אַטענדן צו מיר אַליין און איך וויל אויך גיין זיך לייגן אָפּרוען.

— אָלרײַט, מאַמאָ! — זאָגט הילדנבערג מיט זײַן געוויינלעכן הייזעריקן שטימעלע, וואָס קלינגט אַזוי קאַלעמוטנע אָפּ בײַ איר אין דער נשמה. זי הויבט זיך אויף פֿון בעט און גייט אַרויס מיט שטילע טריט.

אין קיך האָט עלען געמאַכט דאָס בעט אויף דעם גרויסן קיך־טיש.

עלען האָט זיך אַפֿילו צו איר ניט אומגעקערט מיט איר פּנים. דאָס מיידל איז איצט געווען שטאַרק צערייצט. זי האָט געפֿילט ווי אימיצן אויסצודראַפּען די אויגן מיט אירע נעגל. זי האָט אויסגע־לאָשן דאָס קיך־לעמפּל און זיך געלייגט אויף דעם שטאַרק־האַרטן געלעגער. אירע יונגע ביינער האָבן זיך געטאָן אַ וואָרף ווי אַ בע־רעם מיט האַלץ און זיך צעשאָטן.

מאַדזשי איז אַרויס דערווײַל אין דרויסן. זי האָט זיך אַפֿילו ניט

דערשראָקן פֿאַר דער אויסגעצויגענער פֿיגור פֿון אַי׳ען, וואָס אויפֿן גראָז.

— גוטן אָוונט! — האָט זי זיך געטאָן אַ זעץ אַוועק לעבן אים.

— זעט נאָר וויפֿיל שטערן!

אַי האָט זיך באַלד אויפֿגעזעצט.

— עס מוז שוין זיין שפּעט!

— קוים איינגעשלעפֿערט מיין אַלטן, — זאָגט זי און צעוויינט זיך אין אַ שטילן כליפּן.

— הערט אויף! — בעט זיך אַי ביי איר. — מען וועט נאָך דערהערן!

זי הערט ניט אויף. אין דער האַלב־פֿינצטערקייט זעט זיך, ווי זי האַלט צוגעדעקט אירע אויגן מיטביידע הענט.

— ווער האָט איך באַליידיקט? — פֿרעגט אַי צערטלעך, ווי ער וואָלט זיך באַצויגן צו זיינס אַ מאַמע. — מיר קאָנט איר דערציילן.

— איר וועט זיך דען אָננעמען פֿאַר מיר? — דערגרייכט מאַדזשי פֿון איר בוזעם אַ ווייס פֿאַטשיילעכל און ווישט אויס אירע אויגן.

— מיר קאָנען נאָך ביידע דערשאָסן ווערן פֿון דער זעלבער ביקס.

— פֿאַרוואָס־זשע האָט איר זיך מיט מיר געשטעלט אין אַזאַ געפֿערלעכער לאַגע? . . .

אַי הויבט זיך אויף פֿון גראָז.

מאַדזשי שטרעקט צו אים אויס אירע הענט: — העלפֿט מיר זיך שטעלן אויף די פֿיס! . . .

אַי גיט איר די דאַזיקע הילף. אַ ווילע שטייען זיי ביידע און קוקן זיך אָן אין דער פֿינצטער. זיי זעען זיך ביידע גאַנץ דייטלעך. פֿיר אויגן קוקן זיך טיף אָן.

— מיר וועלן גיין שפּאַצירן ביז צום וועג — שלאָגט פֿאָר מאַדזשי.

— זייער גוט!

זיי גייען אַוועק.

די נאַכט איז שטיל.

צווי מענטשלעכע הערצער נאָר קלאַפּן.

זיי גייען און רירן זיך אָן איינס אין דאָס אַנדערע. עס גיט זיי ביידן אַ ברי. און באַלד זיינען זיי שוין ווידער ווייט איינס פֿון דאָס אַנדערע. באַלד ווידער אַ ברי. זי וואָלט אים אַזוי גערן כאָטש געוואָלט נעמען אונטערן אָרעם.

ער, אַ בחור אין די סאַמע רייפֿע יאָרן, האָט מורא איינצושטעלן. ווי וועט ער אויסזען, ווען זי זאָגט אים אָפּ? ביי אים ברענט דער גאַנצער קערפּער ווי אַ קאַלך־אויוון. די האָר פֿון קאָפּ שפּיצן זיך אָן. יעדעס מאָל ווען איר קערפּער רירט זיך אָן אין זיינעם, הערט ער ממש ווי עס שרייט אַ קול פֿון דער טיפֿער ערד: — נעם, פֿאַרזוך די פֿרוכט! . . .

דאָס שטעגעלע אין דעם גראָז איז שמאָל. לאָזט ער זי גיין מיטן שטעגעלע און ער פּלאָנטערט זיינע אייגענע פֿיס אין די טיפֿע פּרעירי־גראָזן.

עס איז דער שטח פֿון הויז ביז צום וועג, פֿון איין זייט, פֿאַרבויט מיט שטאַלן, קאַמערן, מאַגאַזינען,ביידלעך. עס איז אַ קליין געסעלע פֿאַר זיך. פֿון יענער זייט געסל הויערט דער וואַסער־פּאָמפּ, אויף אַ הויכן טורעם אַ גרויס ראָד. דאָס דאָזיקע ראָד שטייט איצטער אַ שטילס. אין די טיפֿע גראָזן קוויטשען גראָז־שפּרינגער. ווי מען וואָלט אויף זיי אָנגעטראָטן און זיי ווי געטאָן.

— ווען איך וואָלט איצט יינגער געווען . . . — זאָגט מאַדזשי און גיט אַ טיפֿן זיפֿץ.

זי צעלאַכט זיך. עס טוט אַ'ען פֿיינלעך ווי איר לאַכן. ער דערפֿילט, אַז דאָ לאַכט פֿון אים די דערפֿאַרונג. די דאַמע מוז זיין צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער. און דאָך גאַרט ער אַזוי נאָך איר קערפּער . . . פֿאַר וואָס נעמט ער ניט? . . .

זי האָט אינסטינקטיוו דערהערט זיינע געדאַנקען . . . — „דאָס וואָס זי האָט געוואָלט הערן!" אָט גאַרט נאָך איר אַ יונגער מענטש, וועלכער וואָלט שוין געקאָנט זיין איר זון, — ער ווערט פֿאַרברענט פֿון איר הייסן אָטעם.

זיי קומען צו ביז צום פּלויט. פֿון יענער זייט איז אַ וועג. ער ציט זיך אין איין זייט קיין מערב און אויף דער צווייטער זייט קיין מזרח.

זיי שפּאַרן זיך אָן אין שטעכיקן דראָט.

— „פֿאַרוואָס פּרוּווט ער ניט?" — וואונדערט זי זיך.

— „ווי וועט זיין, אַז איך וועל פּרוּוון?" — טראַכט ער.

— אַלזאָ, איצט קאָנט איר מיר זאָגן, פֿאַרוואָס איר האָט געוויינט, — זאָגט אַי.

— איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן! . . . איך בין געקומען אַהער אויף דער פּרעירי זיך אויסצולעבן אין ערלעכער אַרבעט! איך

האָב ווירקלעך געמיינט, אַז איך וועל דאָ געפֿינען אַ מאַן, וועלכער לעבט פֿון ערלעכער אַרבעט. מיר איז געווען אַלצאיינס דערווידער מיין פֿריערדיק לעבן. איך האָב געוואָלט ווערן אַ פֿאַרמערס אַ ווייב, האָבן מיין אייגענעם גאָרטן, מיינע אייגענע הינער, קאָכן און באַקן, וואַשן דאָס וועש, שייערן די דילן, נאָר איך זאָל כאָטש האָבן אַ מאַן, וועלכער באַאַרבעט די ערד — אַן ערלעכער פֿאַרמער! לאָזט זיך אויס, אַז איך בין אַריינגעפֿאַלן צו אַ פּראָצענטניק, אַ זויפֿער פֿון מענטשלעכן בלוט. איר ווייסט, ער האָט דאָך צוגענומען פֿופֿציק דאָלאַר, וואָס איר האָט געליען דעם אָרעמען פֿאַרמער! דאָרט ליגט אַ גאַנצע פֿאַמיליע אין אַ דאָך איבערן קאָפּ און ער פֿאַרכאַפּט פֿאַר זיך דאָס לעצטע! . . .

— צוגענומען?! — קאָן אַי אַזש ניט אָפּכאַפּן דאָס אָטעם. —ווי האָט ער עס געוואָגט! איך גיי שוין ביי אים פֿאָדערן צוריק מיין געלט!

— ער שלאָפֿט איצט, — זאָגט מאַדזשי. — איר וועט דאָך מיך ניט שטעלן אין קיין פֿאַרלעגנהייט. עס וועט הייסן, אַז איך האָב עס אייך דערציילט. בעסער וואָרט ביז די זאַך וועט אַרויסקומען פֿון אַנדערע קוואַלן.

— איך וועל אים צווינגען אָפּצוגעבן דאָס געלט! — שרייט אויס אַי. — אויב ניט — אַרבעטן מיר ניט!

צווייטער קאַפּיטל

צוריקגייענדיק מיט אַי׳ען פֿונעם שפּאַציר, האָט מאַדזשי זיך באַרעכנט, אַז עס וועט ניט טויגן דאָס, וואָס אַי וויל זיך אָננעמען די קריוודע פֿון עלענס פֿאָטער. הילדנבערג קאָן נאָך ווערן בייז און אָפּזאָגן דאָס מיידל.

— איך האָב פֿאַר דעם אויך אַ מיטל, — זאָגט אַי.

— פֿאָלגט מיך, און הויבט גאָר ניט אָן. עס איז פֿאַרפֿאַלן. מיר וועלן זען, אפֿשר וועט מען קאָנען אַרויספֿאָרן דעם זונטיק און עפּעס טאָן פֿאַר איר פֿאָטער.

— זונטיק? — פֿרעגט אַי. — אָלרייט, געדענקט וואָס איר זאָגט מיר צו. זונטיק פֿאָרן מיר אַרויס.

מאַדזשי האָט זייער געוואָלט, אַז אַי זאָל אָנהאַלטן די באַציאונגען

מיט עלענען. זי אַליין האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ סיטואַציע, דורך וועלכער אַי זאָל מוזן פאַרלאָזן די וועסט. און מיט וואָס, האָט זי געטראַכט, קאָן מען דאָ איינהאַלטן דעם יונגענמאַן, אויב ניט מיט עלענס אויפמערקזאַמקייט? זי האָט געקענט די פסיכאָלאָגיע פון מענער: „עס טאָר זיי ניט נמאס ווערן . . . ״

— איך וועל אייך שוין אין איין וועג אויך ווייזן מיין האָומ־סטעד. ער איז ניט ווייט פון דאָרט.

— צוליב וואָס טויג אייך אַן אייגענער האָומסטעד? — פרעגט אַי.

— טאָמער וועט איך נמאס מיין מאַן, — ענטפערט מאַדזשי גאַנץ פראָסט און זי פאַרהיקעט זיך אַפילו ניט.

זיי זיינען צוגעקומען צום הויז און מאַדזשי האָט שטילערהייט געהייסן אַי׳ען אַריינגיין פריער. אַי האָט זי געפאָלגט. ער איז אַריין כמעט אויף די שפיץ פינגער און איז אַרויף צו זיך אין בוידעם־שטיבל.

מאַדזשי האָט זיך דערנאָך נאָך לאַנג ניט געלייגט שלאָפן. זי האָט געשריבן בריוו.

זי האָט אים געלייענט פאַר זיך:

„מיין טייערער אַי: — צי ווייסט איר, אַז איך האָב צו אייך אַזאַ געפיל, ווי זאָל איך עס אָנרופן? צי מעג איך און צי האָב איך אַ רעכט אויף אַזאַ זאַך? צי בין איך ניט ווערט, אַז מען זאָל מיך אַרויספירן אויף דער פרעירי און מיך דערשיסן אינמיטן העלן טאָג? איך ווייס, אַז איך באַגיי אַ פאַרברעכן קעגן מיין אַלטן מאַן. אָבער וואָס קאָן איך זיך העלפן, אַז איך האָב דאָך אַזאַ געפיל? איך ווייס ניט, צי איר האָט עס באַמערקט? מענער זיינען אין דער הינזיכט זייער שטומפּיק. עס נעמט טאַקע נאָר אַ פרוי צו דערפילן אַזוינע זאַכן. און איך האָב עס דערפילט און עס לאָזט מיך ניט רוען ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט. איך האָב זיך נאָר־וואָס אומגע־קערט פון אַ שפּאַציר מיט אייך, וואָס מיר האָבן געמאַכט ביז צום פלויט, וואָס ביים וועג. האָט איר געהערט ווי מיין האַרץ האָט געפלאָטערט? ניין! איר האָט זיכער געטראַכט פון עלענען . . . איך פאַרגיב עס אייך, ווייל איר זיינט דאָך ניט מערער ווי אַ יונגער־מאַן. און איך בין שוין צו אַלט פאַר אייך . . . אָ, פאַרוואָס זאָלן

מענטשן ווערן אַלט! . . . איך האָב אייך ליב, ווי איך האָב ליב די זון אַלע אינדערפֿרי. ניין, איך ליב אייך נאָך שטאַרקער פֿון דער זון . . . איך ווייס, אַז איך נעם אַ שאַנס, אַז דער בריוו זאָל נאָך אַריינפֿאַלן צו הילדנבערגן אין די הענט אַריין . . . ניט וואָס איר וועט עס אים איבערגעבן, ניין, איך האָב צוטרוי צו אייך און איך ווייס, אַז איר זיינט אַ בראַווער און אַ זויבערער . . . נאָר איך האָב קיין אַנדער וועג ניט צו שיקן צו אייך אָט די פּאָר ווערטער, סיידן נאָר דורך פּאָסט. איך רעכן, אַז איר וועט דאָן פֿאָרן אין שטאָט אַריין נאָך די בריוו, וועט איר אַליין אים קריגן — גאָט זאָל אויסהיטן, אַז ער זאָל אַריינפֿאַלן צו הילדנבערגן אין די הענט . . .״

אַז מאַדזשי האָט איבערגעלייענט וואָס זי האָט אָנגעשריבן, האָט זי באַלד דעם גאַנצן בריוו צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך און אַריינגע־לייגט צו זיך אין קעשענע. זי האָט זיך צעלאַכט פֿון זיך אַליין און איז געגאַנגען שלאָפֿן.

זי האָט ניט געקאָנט איינשלאָפֿן. אַנטקעגן, אויפֿן בעט האָט הילדנבערג געכראָפּעט, ווי אַ קאָטער.

„ זי וועט זונטיק, בשעת זי וועט מיט אי׳ען זיין ביי זיך אויפֿן האָומסטעד, מיט אים ריידן. און אים אויפֿדעקן איר האַרץ״, — האָט מאַדזשי געטראַכט. — „ניין, ניין, זי וועט עס קיינמאָל ניט טאָן, ווייל איר אַלטער לעבט נאָך . . . וויפֿיל איז אים נאָך דען געבליבן צום לעבן? דערנאָך, ווען ער וועט שוין ניט זיין . . . דער־ווייל מוז מען זען אי׳ען דאָ איינצוהאַלטן. זאָל ער זיך דאָ באַזעצן . . . ער וועט דאָך אָבער הייראַטן מיט עלענען . . . און דעמאָלט, ווי וועט זי קאָנען אים צונעמען ביי אַ יינגערער פֿון זיך? . . . ״

זי האָט פֿונדעסטוועגן ביי זיך אָפּגעמאַכט צו זען, אַז אי זאָל דאָ אין דער וועסט פֿאַרבלייבן. זאָל ער זיך באַזעצן אויף אַן אייגענער האָומסטעד. דאָן וועט ער סיי־ווי אַרבעטן ביי זיי. זי וועט שוין אַזוי אויסמאַרקירן, אַז ער זאָל מיט דער יונגער מיידל ניט אַוועק אין די ווייטע וועגן, און עס קאָן זיין, אַז הילדנבערג וועט אינגיכן טאָן אַ שטאַרב אַוועק . . .

„האָט זי דען ניט קיין מיטל דערצו? זי קאָן פֿון איר אייגן געלט געבן עלענס פֿאָטער, אַז ער זאָל באַצאָלן הילדנבערגן זיין גאַנצן חוב. דאָן וועט זי דאָס מיידל אינגאַנצן אַוועקשיקן . . . ״

מאַדזשי האָט אין יענער צייט געטראַכט וועגן נאָך פּלענער,

אָבער זי האָט קיין איין פּלאַן ניט געפילט צו קאָנען דורכפירן.
„זי מוז אָפּן ריידן מיט אַ׳ען".

ווען עס איז אָנגעקומען דער קומענדיקער זונטיק, זיינען ווי אויף צו־להכעיס אָנגעקומען אַ סך פּויערים קויפן פערד. אַי האָט מיט זיי געדאַרפט אַרויס אויף דער פּרעריי זיי זאָלן פאַר זיך אויסקלייבן פערד. און איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, איז אַוועק דער ערשטער האַלבער טאָג. זי, מאַדזשי, האָט געמוזט אָפּ־קאָכן אַ גרויסן מאָלצייט און געבאַקן אירע באַרימטע רובאַר־פּאַיס. ווען מען איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן, איז שוין געווען אַרום דריי דער זייגער. עס איז שוין געווען אַביסל שפּעטלעך, אָבער מאַדזשי האָט געוואָלט פאָרן, ווי איינער וויל לעבן . . .

זי האָט געזאָגט הילדנבערגן, אַז זי וויל זיך דורכפאָרן צו עלענס עלטערן.

הילדנבערג האָט זי אָנגעקוקט קרום. ער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט אָנגעקוקט גלייך. אָבער זי האָט אויסגעפירט און אַי האָט איינ־געשפּאַנט צוויי מאַסטאַנגען, גרויע, ווי צוויי ברידער, פּונקט פון דעם זעלבן קאָליר. די ברישקע האָט געהאַט צוויי זיץ־פּלעצער. איינעם פון הינטן און איינעם פון פאָרנט, וואו אַי איז געזעסן איינער אַליין און געטריבן די פערד. מאַדזשי מיט עלענען זיינען געזעסן פון הינטן, ביידע אויסגעפּוצטע, ווי עס פּאַסט פאַר זונטיק.

די צוויי מוציקעס האָבן דעם שטח פון אַ צוואַנציק מייל געמאַכט אין אַ שעה. עס איז געווען אַ וואונדערלעכער טאָג. די בערג זיינען געווען אַזוי נאָענט, כאָטש שפּאַן איבער זיי. דער הימל אַ בלאָער, ווי אין אַ מעשהלע. עס האָט געבלאָזן פון איסט־וועסט אַ קיל ווינטל און דערפאַר האָט מען אַזוי ניט געפילט די ברענענדיקע זון. די פרישע סטויגן היי דאָ און דאָרט האָבן זיך געבאַקן אין דער זון אַזוי ווי ריזיקע האָניק־לעקעכער און עס האָט פון זיי געשמעקט האָניק. דער פרילינג־ווייץ דאָ און דאָרט אויף גרויסע, צעשפּרייטע לייוונטן איז שוין געווען ווי אַ מאַן די הויך. דאָס ווינטל האָט גע־קאַטשעט די פעלדער און עס איז איבער זיי געגאַנגען כוואַליעס. מען האָט געקאָנט באַשיינפּערלעך זען, ווי דער ווינט וואַרפט שאָטנס אויף די ווייכע, גאָלדענע זאַנגען־טעפּיכער. די ווייץ־קעפּלעך מיט די פולע בייטעלעך מיט קערנדלעך און מיט די באַגראַדעטע האָר־שטעכערלעך מיט וועלכע זיי זיינען באַוואַקסן און זעען אויס אַזוי

ווי יעדער זאַנג וואָלט געוועזן אַ לעבעדיק חיהלע מיט אַ טשעפּטשיקל האָר אויפֿן קעפּל — זיינען געלאָפֿן אונטער דער יאָגעניש פֿונעם ווינט, געלאָפֿן מיט איינגעבויגענע קעפּלעך און באַלד צוריקגעקומען.

אין דער לופֿט איז אָנגעגאַנגען אַ כאָר פֿון טויזנט און איין געזאַנגען. עס האָבן געזונגען באָמבל־בינען, גרינע פֿערד־פֿליגן, גראָזשפּרינגערס, פֿעלדער־מייז, אַלערליי מינים זומער־פֿייגעלעך: ווייסע, געל־גרינע, בלאָ־רויטע און שוואַרץ־גאָלדענע; עס האָבן געזונגען סאָלאָווייען, פּרעירי־הינער, שוואַלבן און אַנדערע פֿייגלען. עס איז געווען אַזוי ברייט און טיף, אַזוי ווייט און הויך, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין איין פּיצל חלל אין דעם גאַנצן רוים, וואָס זאָל ניט זיין פֿול מיט דעם געזאַנג.

און ווי גראַציעז די ווייץ־זאַנגען בויגן זיך צו דעם ריטם פֿון אָט־דעם געזאַנג!

די צוויי מאַסטאַנג־פֿערדלעך זיינען אויך געגאַנגען צום טאַקט, ווי זיי וואָלטן אויסגעטאַנצט מיט זייערע פֿיסלעך אַ פּרעירי־טאַנץ. זייערע טלויען האָבן אויסגעקלאַפּט אויפֿן האַרטן וועג אַ קאַדריל אָדער אַ מאַזורקע צום טאַקט פֿון דער גאַנצער קאַפּעליע, וואָס האָט געשפּילט אין רוים פֿון דער פּרעירי.

עס האָט דער וועג צו עלענס פֿאָטער גענומען ניט לאַנג. איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין דאָס בריטשקעלע געשטאַנען פֿאַרן קליינעם שטיבעלע, וואו עלענס פֿאָטער האָט געוואוינט. עס האָט אויסגעוויזן, אַן דעם דאַך, ווי אַ מענטש אָן אַ היטל.

עלען האָט פֿאַרבראָכן מיט די הענט, ווען זי האָט דערזען דאָס שטיבל אָן דעם דאַך.

— ניט מאַכן קיין שום סצענעס! — האָט אַי צו איר געזאָגט.

— אַלץ וועט באַלד זיין אַזוי ווי עס איז געווען.

דער טאַטע און די מאַמע מיט אַלע קינדערלעך זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן. עס איז געוואָרן אַ פֿרייד און עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען און אויך דאָס געוויין פֿון דער מוטער.

דער פֿאָטער האָט געוויזן אַי'ען וואו דער דאַך איז געלעגן. דער ווינטער האָט אים אַהין פֿאַרטראָגן. ער איז געלעגן איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אַי איז צוגעגאַנגען און דעם דאָך געטאָן אַ ריר מיט זיינע הענט. עס איז געווען אַ קליינער דאָך פון שינדל. אויף דער ליג־קער זייט האָט עס אויסגעוויזן ווי אַן איבערגעקערטער פּאַראַסאָל. אַי האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און אַ קוק געטאָן צו דער זון. עס איז נאָך געווען ווייט ביז צום זון־זעצן.

— אָלרייט, מיר וועלן צו אים צושפּאַנען אַ פּאָר פערד, — האָט אַי געזאָגט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער בריטשקע און גענומען אויסשפּאַנען זיינע בראָנקאָס.

— שטריק האָט איר? — פרעגט אַי ביי עלענס פאָטער.

יענער קראַצט זיך אין קאָפּ: — איך . . . וועל . . .

— עס מעג זיין וואָס ניט איז . . . — זעט שוין אַי מיט וואָס פאַר אַן אָרעמאַן ער האָט דאָ צו טאָן, אַפילו קיין שטריק האָט ער ניט.

אַי האָט צוגעבראַכט די צוויי מוציקעס צום דאָך. זיי האָבן גע־בראָפּעט מיט זייערע נעז, ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם מאָדנעם באַשעפעניש — דעם איבערגעקערטן דאָך.

אַי האָט צוגעשפּאַנט די צוויי פערדלעך צום דאָך און זיי האָבן זיך געטאָן אַ ריר פון אָרט. עס איז ביי זיי ווירקלעך געווען אַ שפּילעכל. דאָס גאַנצע דעכעלע האָט אפשר געוואויגן אַ פּאָר הונ־דערט פונט און זיי האָבן בכח געהאַט צו שלעפּן אַ טאָן־צוויי.

די גאַנצע פאַמיליע פון קליין ביז גרויס און אויך מאַדזשי מיט עלענען האָבן, פאַרשטענדלעך, געהאָלפן אונטערשטופּן דעם דאָך. די צוויי מוציקעס האָבן צוגעבראַכט דעם דאָך ביז צו דער שטוב און אַי האָט זיי געהייסן בלייבן שטיין. ער האָט זיי אויסגעשפּאַנט און איצט האָט מען דעם דאָך געדאַרפט אויפשטעלן און אָנשפּאַרן צו דער וואַנט.

אַי האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע: — וועל, אַלע אינאיינעם!

דאָס דעכעלע האָט נעבעך אַזש געקרעכצט און זיך געמוזט אויפ־שטעלן. עס איז געווען אין אַ סך ערטער צעקריפּלט, דאָ און דאָרט האָט געפעלט אַ שינדל אָדער צוויי, דער גאַנצער קערפּער פון אָט־דעם דאָך איז געווען צעשרויפט, די קראָקוועס האָבן נאָכגעלאָזט, אַפּנים, פונעם שטאַרקן פאַל. איצט איז ערשט געקומען דאָס שווערסטע. מען האָט אים געדאַרפט אַרויפטאָן אויפן הויז. אַי האָט

זיך ניט געקאָנט פֿאַרגעבן, פֿאַרוואָס ער האָט ניט מיטגענומען קיין שטריק. טשוועקעס מיט אַ האַמער און זעג האָט ער געבראַכט, נאָר ניט קיין שטריק.

ער איז אַרומגעלאָפֿן ווי אַ פֿאַרסמטער איבער דעם האָומסטעד. און וואו ערגעץ אַ שטיקל ברעטל אָדער שטיק האָלץ האָט ער צוגע־בראַכט אַהער צום אָרט. ער האָט ווידער געגעבן אַ קאָמאַנדע . . .

„סאַם באָי! . . .״ — האָט עלען די גאַנצע צייט געטראַכט פֿון אָי׳ען. — „ווי קלוג ער טוט אַלץ! . . .״

די קלענערע קינדער האָבן אַלע ווילע אָפּגעשפּרונגען, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו זיין אין אָי׳ס וועג. זיי האָבן אים געהאַלטן פֿאַר העכער פֿון אַ געוויינטלעכן מענטשן.

„די גאַנצע צייט איז דער דאָך געלעגן און געפֿוילט, ביז ער איז געקומען, אָט דער יונג, און גיב אַ קוק, דער דאָך שטייט שוין ביי דער שטוב . . . אָ, ווען זיי האָבן אַזאַ ברודער!״

עלענס פֿאָטער איז געווען פֿאַרשוויצט און אויסגעשמירט און ער האָט עפּעס דערפֿילט אין זיין קליינעם גוף אַזוי פֿיל כח, ווי נאָך קיינמאָל ניט. ער האָט זיך זייער גוט צוגעהערט צו די באַפֿעלן, וואָס אָי האָט געגעבן, אַז אָפּטמאָל איז ער דערגאַנגען צו לעכערלעכקייט, מיט זיין ווילן צו שנעל טאָן דאָס וואָס אָי האָט געהייסן.

אָי האָט געהייסן צוברענגען דעם וואָגן זייערן.

איז עלענס פֿאָטער געלאָפֿן און, ווי קליינטשיק ער איז געווען, מיט זיינע לעצטע כחות, געבראַכט צושלעפּן דעם גרויסן וואָגן.

— איר, מיסטער, שטעלט זיך אַוועק אין איין עק און איך אין צווייטן. איך וועל געבן אַ צייכן, זאָלט איר טאָן אַ הויב, — האָט אָי געזאָגט, — און דו עלען מיט מאַדזשין זאָלט באַלד אונטערשפּאַרן מיט שטעקענעס. און איר, קינדער, האַלט גרייט, וואָס איר קענט. אייער מאַמע וועט זיין אַזוי גוט און צוברענגען וואו ערגעץ אַ שטיק האָלץ.

אָי האָט געטאָן אַ געשריי: — האָפּ!

און דער דאָך האָט זיך געהויבן.

ער מיט עלענס פֿאָטער האָבן אים געהויבן, איינגראָבנדיק זייע־רע פֿיס אין דער ערד.

— נאָך אַביסל! נאָך אַביסל! — האָט אַי געשריען.

און אַז דער דאַך איז שוין געווען אויפגעהויבן ביז צו אַי׳ס ברוסט, האָט אַי געהייסן אים אונטערשפּאַרן מיט ברעטלעך און שטעקענעס.

דערנאָך האָט ער מיט דער הילף פון מאַדזשין צוגעשטופּט דעם אומגעלומפּערטן, גרויסן וואָגן נאָענט צום דאַך. ער אַליין איז אויך געווען היפּש אויסגעשמירט און פאַרשוויצט.

איצט האָט מען דעם דאַך געדאַרפט נאָך אַביסל אונטערהויבן און דעם וואָגן אַרונטערפירן, אַזוי, אַז דער דאַך זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן אויפן וואָגן. די צוויי מענער האָבן געהויבן און מאַדזשי מיט עלענען האָבן גענומען אויף זיך די אַרבעט פון אונטערשטופּן דעם וואָגן.

און אָט שטייט שוין דער דאַך אויפן וואָגן. אַי שפּרינגט אַרויף אויפן וואָגן, עלענס פאָטער נאָך אים. און זיי טוען אַ שטאַרקן הויב און דער דאַך ליגט שוין אויף דעם שטיבל אַנגעטאָן.

עס דערהערט זיך אַ פרייד־געשריי: — אַ־אַ!

אַ האַמער מיט טשוועקעס האָט ער מיטגעבראַכט, איז ער ערשט אַרויף און אים גוט צוגעפּעסטיקט אין אַלע פיר ווינקלען און אים אין איין וועג אויסגעלאַטעט מיט שטיקלעך ברעטלעך. עס איז געווען אַ גרויסע פרייד ביי דער גאַנצער פאַמיליע. איצט האָבן זיי שוין אַ דאַך איבערן קאָפּ!...

אַי האָט געהאַט אַ טבע, אַז אויב ער האָט עפּעס געטאָן פאַר יענעם, זאָל ער זיך ניט מאַכן ווויסנדיק, גלייך ווי ער האָט עס גאָר ניט געטאָן.

איצט אויך, באַלד ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט אויפן דאַך, איז ער אַראָפּ און גלייך אַנגעפאַנגען איינצושפּאַנען זיינע פערדלעך אין דער בריטשקע.

עלענס פאָטער איז צוגעגאַנגען צו אים און געגעבן אים אַ דאָר, קליין, האַריק הענטל, וואָס איז געווען פאַרהאַרטעוועט און פאַרשמירט מיט ערד: — איך וויל אייך זייער שטאַרק באַדאַנקען, — האָט ער געזאָגט. — גאָט דער אַלמעכטיקער זאָל אייך בענטשן פאַר אייער גוט האַרץ.

טרערן האָבן זיך באַוויזן ביים פויער אין די אויגן.

— מיט וואָס קאָן איך אייך אָפּדינען? — פֿרעגט עלענס פֿאָ־טער. — און וואָס איילט איר זיך אַזוי?

— איך האָב נאָך אַ סך אַרבעט אין דער היים, — ענטפֿערט אַי און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— איך האָב געהערט, אַז איר באַזעצט זיך דאָ אויף אַ האָומ־סטעד, — פֿרעגט דער פֿויער.

— יאָ, איך וועל זיך די באַזעצן, אויב מיינע עלטערן וועלן צושטימען, — זאָגט אַי. — אָן זיי, וועל איך דאָ ניט זיין.

— ריכטיק, ריכטיק. די עלטערן טאָר מען ניט פֿאַרגעסן. אָבער איך וואָלט אייך ניט געראָטן דאָ צו באַזעצן זיך. עס טויג ניט. עס איז ביטער. אַ שווער לעבן . . .

— ניט געזאָרגט, אַלד־מען, — גיט אים אַי אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע, — ניט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ.

און ער גיט אַ געשריי צו מאַדזשין: — וועל, איך בין פֿאַרטיק צו פֿאָרן אַהיים!

— און איך האָב אייך געוואָלט ווייזן מיין האָומסטעד, — קומט צו מאַדזשי נאָענט צו דער ברישקע.

— לאָזט עס איבער אויף אַן אַנדער מאָל. עס האָט זיך שוין געזעצט די זון. ביז וואָס־ווען וועט ווערן שפּעט. הילדנבערג וועט זיין ברוגז.

— אָ־קעי! — זינגט אויס מאַדזשי. זי זעצט זיך אויף דער ברישקע. עלען קומט אַרויס פֿון שטוב און זעצט זיך אויך, נאָכ־דעם ווי זי צעקושט זיך מיט איר פֿאָטער.

און אין אַ מינוט אַרום זיינען שוין די פֿערדלעך געלאָפֿן מיטן וועג אַהיים.

זיי זיינען איצט געפֿאָרן מיט די פּלייצעס צום מערב און ניט געזען דעם גרויסן וואונדער. וואָס ווייטער זיי זיינען געפֿאָרן איז אַלץ מערער טונקעלער געוואָרן. הינטן איז נאָך אָבער דער גאַנ־צער הימל געווען אין פֿלאַמען. עס האָבן דאָרט געברענט די רונדע הויכע בערג מיט טונקל־רויטע פֿלאַמען. פֿון די בערג איז אויפֿגעגאַנגען אַ בלייכער רויך. אַלנפֿאַלס האָט עס אַזוי אויסגעזען, ווייל דער זוים פֿונעם האָריזאָנט איז געווען בלייך ווי רויך אַנטקעגן אַ גרויס ליכט. לענג־אויס איבער דעם מערב־הימל, ניט זייער וויט

פונעם זוים וואָס האָט זיך געוועלבט איבער די בערג, זיינען געלעגן פאַסן און פאַסן, איינס איבער דאָס אַנדערע, ווי געפאַלדעוועטע שלייערס פון אַ ריזיק קלייד; אַ קלייד פון אַלערליי פאַרבן מיט אַ לאַנגן שלעפּ, אַביסעלע, מיט אַ לייכטער האַנט, פאַרהויבן . . .

דריטער קאַפּיטל

אַ גאַנצן חודש האָט מען ביי הילדנבערגן געשניטן היי און געלייגט סטויגן, און די דאָזיקע אַרבעט איז אַריין אין אויגוסט. און הילדנבערג האָט זיך נאָר באַנוגנט מיט צוויי אַרבעטער: אַי און באַבי.

זיי, די צוויי אַרבעטער, איז שוין נמאס געוואָרן צו שניידן היי און לייגן סטויגן; עס איז ביי זיי געגאַנגען מעכאַניש די דאָזיקע אַרבעט; איבערהויפּט האָבן זיי געפילט, אַז זיי טוען ניט קיין נוצלעכע אַרבעט, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז הילדנבערג דאַרף דאָס דאָזיקע היי ניט האָבן.

אין שטאַל האָבן זיך געפונען, העכסטנס, אַנדערהאַלבן טוצן פערד, און צוליב זיי וואָלט גענוג געווען אַ צוואַנציקסטל פונעם היי, וואָס זיי האָבן אָנגעשניטן.

זיי האָבן איצטער ביידע אָנגעפילט די קאַרעל מיט היי פאַר דיווילדע פערד.

די קאַרעל איז געווען אַזאַ גרויסע שטאַל, אין וועלכער מען האָט געקאָנט אַריינפאָרן מיט אַ וואָגן מיט צוויי פערד און זיך דאָרט אינעווייניק אויסדרייען. זי האָט פאַרמאָגט צוויי ריזיקע טויערן, וועלכע האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט, רוקנדיק זיך אויף אייזערנע רעדלעך. האָט מען געקאָנט אַריינפאָרן מיט אַ וואָגן פול מיט היי דורך איין טויער, אָפּלייגן דאָס היי און דערנאָך אַרויספאָרן מיטן ליידיקן וואָגן דורך דעם צווייטן טויער.

די שטאַל איז געווען לאַנג, צוויי הונדערט פוס און מער. זי איז געווען ברייט אַן ערך הונדערט פוס. דער ריזיקער דאַך איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט גראָבע הילצערנע סלופּעס, פון דעם מין האָלץ, פון וועלכן מען מאַכט טעלעפאָן־סלופּעס.

דאָס היי האָט הילדנבערג געהייסן לייגן אַרום דריי ווענט, צוואַנציק פוס די ברייט און הויך ביז צו די קראַקוועס פון דאַך.

ווינטער, אין די גרויסע שניי־זאַווערוכעס, זיינען די צוויי טויערן געעפֿנט געוואָרן און די ווילדע פּרעירי־פֿערד זיינען דאָרט אַריינגעקו־מען און געשטאַנען ביים היי און געגעסן.

האָט געטראָפֿן איין טאָג, ווען באַבי איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שטאַל מיט זיין ליידיקן וואָגן, האָט ער פֿאַרטשעפּעט אַן אַקס אין איינעם פֿון די שווערע סלופּעס און צעבראָכן די אַקס. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן — צי זאָל ער דערציילן דעם אמת, צי ניט. אַ האָט געפּרואווט פֿאַרריכטן דעם בראָך, אָבער עס איז געווען אוממעגלעך, ווייל די אַקס איז געווען איבערגעבראָכן אויף צווייען.

איז געבליבן, אַז מען זאָל דערציילן, ווייל מען האָט געמוזט דעם וואָגן דאָרט לאָזן שטיין און אַהיימברענגען די פֿערד אויסגע־שפּאַנטע.

הילדנבערג האָט, ווי באַוואוסט, געהאַט אַ טבע צו שטיין ערגעץ פֿאַרבאַהאַלטן און היטן זיינע אַרבעטער, ווען זיי זיינען געקומען פֿון פֿעלד. ער איז איצט געשטאַנען הינטער אַ ווינקל פֿון הויז און דערזען, אַז באַבי פֿירט די פֿערד אויסגעשפּאַנט אָן דעם וואָגן. איז ער באַלד אַרויסגעשפּרונגען פֿון זיין באַהעלטעניש:

— וואו איז דער וואָגן? — גיט ער אַ פֿרעג מיט כעס.

— וואו זאָל זיין דער וואָגן? צעבראָכן, „באָס", די אַקס. אַן עקסידענט . . .

— עקסידענט?! נאָר איר צעברעכט! — ווערט הילדנבערג רויט ווי אַ ראַק. — פֿאַרוואָס צעברעך איך גאָר ניט?! — ער גיט אַ כאַפּ אַרויס די לייצעס פֿון די פֿערד ביי באַבין. — עס וועט שוין זיין גענוג! . . .

באַבי בלייבט שטיין, ווי אין געהאַקטע וואונדן. דאָס האָט ער דערוואַרט. ער קאָן הילדנבערגן. עס מיינט די ענדע פֿונעם דזשאַב. עס איז מיט אים ניט גוט, ווי אַזוי מען זאָל ניט האַנדלען: דער־ציילט מען ניט, איז שלעכט; דערציילט מען יאָ, איז אויך שלעכט.

ער האָט געטאָן אַ שפּיי צו דער ערד און איז אַוועק אין שטוב זיך וואַשן. ביים אָנבייסן איז געווען שטיל, ווי מען וואָלט נאָר וואָס געקומען פֿון אַ לויה. און נאָכן עסן האָט הילדנבערג אַריינגערופֿן באַבין אין אָפֿיס און זיך מיט אים צערעכנט.

אַ האָט געטאָן זיין אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין אַרויסנע־

מען דעם אָגער אויף „עקסערסייז". ער האָט דעם אָגער אָנגעזאָטלט און איז אַוועק אויף דער פּרעיריע. אים האָט זיך ניט געחלומט, אַז איצט, אין סאַמע ברען, ווען מען דאַרף אָנהויבן צו שניידן דעם פּרילינג־ווייץ, זאָל הילדנבערג אַוועקשיקן באַבין.

ווען אַי איז אין צוויי שעה אַרום געקומען צוריק, איז שוין באַבי געווען אַן אַוועקגעפּאָרענער. הילדנבערג האָט אים אַוועקגע־פירט אין שטעטל אַריין צו דער באַן.

אַי האָט אַפילו ניט באַוויזן זיך מיט אים צו געזעגענען. ער האָט אים אַזוי ליב געהאַט! ווען דער באַלעבאָס איז געקומען צוריק פון שטעטל, האָט ער געבראַכט מיט זיך די פּאַפּירן פאַר דעם האָומ־סטעד, אַז אַי זאָל זיי אונטערשרייבן.

— איך האָב נאָך דאָס שטיק לאַנד ניט געזען, — האָט אַי געזאָגט.

— עס איז טיי ווי נישטאָ מער ווי איין האָומסטעד, נישטאָ פון וואָס אויסצוקלייבן, — לאַכט הילדנבערג, — און „קאַסטימער" זיינען דאָ אַ סך . . . בעסער אייל זיך צו! . . . איך וויל נאָך מאָרגן אַוועקפירן די פּאַפּירן.

אַי האָט איבערגעלייענט דאָס אָפיציעלע רעגירונג־פּאַפּיר. עס האָט זי דאָרטן געזאָגט, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן גייט אַריין אין אַ געשריבענעם קאָנטראַקט מיט דעם „סעטלער" אַי... און זי גיט אים די פולע רעכט זיך צו באַזעצן אויף דעם שטיק לאַנד, וועלכעס ליגט אין מזרח ביי די גרענעצן פון הילדנבערגס לאַנד, צען מייל איסט פון דעוויילס קריק און צוואַנציק מייל וועסט פון אַ באַן־סטאַנציע: גלאַדסטאָון. די רעגירונג לאָזט זיך אים באַזעצן מיט דעם באַדינג, אַז ער זאָל דעם ערשטן יאָר בויען אַ „שעק" פון צוועלף פוס לאַנג און אַכט פוס די ברייט; אַז ער זאָל אויסגראָבן אַ ברונעם צוואַנציק פוס טיף; אַז ער זאָל אַמווייניקסטן צעאַקערן פינף אַקער רוי־ערד און אַז ער זאָל זיך דאָרטן באַזעצן און ניט אָפּטרעטן פון דאָרף אויף אַ משך פון פינף יאָר, — דאַן, מיט גאָטס גרויסמוטיקייט, וועט עס ווערן זיין אייגנטום.

— ווי וועל איך קאָנען דאָרטן וואוינען? — פאַרשטייט ניט אַי.

— איך וועל דאָך מוזן אַרבעטן ביי אייך, טאָ ווי וועט עס אַרבעטן?

— דו שרייב אונטער, און וועגן דעם וואָס זיי שרייבן דאָרטן זאָלן זיי זיך זאָרגן, — לאַכט הילדנבערג.

— אָבער . . .

הילדנבערג לאָזט אים ניט רעדן:

— איך וועל דיר העלפֿן בויען אַ „שענטי“, גראָבן אַ ברונעם און וועל דיך לאָזן זיך באַנוצן מיט מיין אָקער און פֿערד. און דאָס, וואָס דו דאַרפֿסט דאָרט וואוינען? וועל, מיר וועלן זיך אַן עצה געבן . . . שרייב דערווייל אונטער.

עפּעס איז הילדנבערג געוועזן צו גוט. עס קאָסט אים דען עפּעס דאָס צוזאָגן?

אַי האָט אונטערגעשריבן די פּאַפּירן. און ווען הילדנבערג האָט זיי אָוועקגעפֿירט אויפֿן אַנדערן טאָג קיין גלאַדסטאָן און איז דערנאָך צוריקגעקומען, האָט ער געזאָגט צו אַי׳ען, אַז ער האָט פֿאַר אים אויסגעלייגט אַכציק דאָלאַר.

— איך האָב געמיינט, אַז די ערד איז אומזיסט, — זאָגט אַי.

— יאָ, אומזיסט, נאָר דאָס דאַרף קאָסטן, כדי צו לעגאַליזירן די פּאַפּירן, — פֿאַרקרימט הילדנבערג זיינע צעקאָרטשעטע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו לאַכן. — און עס וועט קאָסטן נאָך אַכציק דאָלאַר, כדי צו רעקאָרדירן די פּאַפּירן . . .

— אַזוי פֿיל געלט! — דערשרעקט זיך אַי. — עס איז דאָך פֿיר חדשים ווײדזשעס!

— וועל, דערפֿאַר וועסטו פֿאַרשפּאָרן צו מאַכן אַ פּלויט אויף דיין האָומסטעד, — טרייסט אים הילדנבערג.

— וואָס מיינט איר?

— גאַנץ איינפֿאַך. איך האָב שוין געמאַכט די פּלויטן, — דער־קלערט הילדנבערג. — די סאַנאָווע . . . האָבן מיך געצוואונגען צו מאַכן פּלויטן, כדי מיינע פֿערד זאָלן ניט עסן „רעגירונג“־גראָז . . .

נאָך יענעם אָוונט האָט זיך אַי אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו אַהיים, אַז ער האָט זיך שוין אונטערגעשריבן אויף אַ האָומ־סטעד פֿון הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד און ער האָפֿט, אַז פֿריער וועלן אַרויסקומען אַ פּאָר עלטערע ברידער און דערנאָך, אַז זיי וועלן אַלץ איינאָרדענען, וועט מען אַרויסנעמען די עלטערן מיט די איבע־ריקע קינדער.

ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוטראָגן מיט אַלערליי פּלענער, נאָכן אָפּשיקן פֿון דעם בריוו. און דערווייל איז אויף אים די אַר־

בעט געפּאַלן שווער. ער איז געווען אַליין אויף אַ שטאַל מיט פּערד אין אַזאַ גרויסער פּרעירי מיט אַן אַגער.

ער האָט זיך ניט געקאָנט צערייסן, אַזויפיל אַרבעט איז געווען!

הילדנבערג האָט געהאַלטן אין איין פרעגן, וואָס עס וועט זיין מיטן פּרילינג־ווייץ, אָבער אַי האָט ניט געהאַט קיין צייט צו שניידן דעם ווייץ. ער האָט געדאַרפט אַליין פאַרענדיקן דאָס אַנלאָדן פון דער קאַרעל מיט היי. עס איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ווייל ער האָט אַליין געשניטן, אַליין געפירט און אַליין אָפּגעלייגט. און דאָס אָפּ־לייג איז ניט געווען אַזוי גרינג. ער האָט אַליין געדאַרפט דערלאַנגען פונעם וואָגן מיט דעם היי־גאָפּל און דערנאָך אַרויפקריכן אויפן סטויג און אויסגלייכן דעם בינט מיט היי דאָרט, וואו מען דאַרף.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש, ווער עס זאָל העלפן אַי׳ען מיט דעם היי. הילדנבערג אַליין האָט ניט געקאָנט העלפן, ווייל זיין פוס איז נאָך ניט געווען אויסגעהיילט. אַז עס איז געקומען צו דעם, אַז מאַדזשי זאָל אים העלפן, האָט זי אַליין דוקא געוואָלט. נאָר הילדנ־בערג האָט ניט געהאַט קיין חשק.

דאָס הייסט, ער האָט עס ניט אַרויסגעזאָגט אָפן, נאָר ער האָט זיך געוויצלט:

— מאַדזשי, איך אין דיינע „שטיוול" וואָלט אַזאַ אַרבעט ניט געקאָנט טאָן . . .

— פאַרוואָס ניט? — האָט מאַדזשי זיך ניט געלאָזן. — פאַר־וואָס זאָל איך ניט קאָנען?!

— ווער וועט טאָן דיין הויז־אַרבעט? — האָט זי הילדנבערג דורכגענומען מיט זיין אַדלער־נאָז.

— ווי באַלד אַזוי, זאָל עלען גיין העלפן, — שלאָגט פאָר מאַ־דזשי.

— הער, עלען, עס בלייבט, אַז דו מוזט גיין, — ווענדט זיך הילדנבערג צום מיידל. זי ווערט רויט פון זיינע פאַרזשמורעטע אויגן, וועלכע קוקן אויף איר קאָסע, אַזוי ווי אַ ווינטערדיקע זון.

— מיר איז ניט קיין אונטערשייד, וואָס פאַר אַן אַרבעט, — זאָגט עלען.

— אָבער עס איז אַ פראַגע, צי דו קאָנסט די אַרבעט, — גיט הילדנבערג אַ וואונק מיט אַן אויג.

— דו בעסער נעם צו נאָך אַ מענטשן, — רופט זיך אָן מאַ־דזשי. — איך דאַרף דאָס מיידל אין שטוב.

— איך וועל צונעמען, אַזוי גיך ווי איך וועל קריגן. אָבער דו זאָלסט ניט זיין אייפערזיכטיק אויף דעם מיידל . . . — זאָגט הילדנבערג.

— איך בין . . . וואָס אמת איז אמת . . . איך פאַרגין איר ניט, — לאַכט מאַדזשי מיט אַ געגוויטן געלעכטערל.

יענעם נאָכמיטאָג איז עלען געפאָרן מיט אַי׳ען אין פעלד אַריין, אים העלפן פירן היי אין קאַרעל. זי האָט אָנגעטאָן אָוועראָלס מיט אַ קאַפעליוש און האָט געטאָן אַ שפּרונג אַרויף אין ליידיקן וואָגן, ווי זי וואָלט געווען אַ בחור. עס האָט איר נאָר געפעלט אַ פּיפקע אין מויל. זי איז געשטאַנען אין דעם טיפן היי־וואָגן, בשעת אַי האָט געטריבן די פערד, און איז אַפילו איין מאָל ניט אמגעפאַלן.

דאָס פעלד, וואו אַי האָט געשניטן היי, איז געווען ווייט פון הויז. מען איז אַריבערגעפאָרן אַ הויכן באַרג און אַ ברייטן טאָל און אויף אַ סקאָס פון אַ צווייטן באַרג איז געווען די היי־לאָנקע, וואו עס זיינען געשטאַנען אַ שנייד־מאַשין, אַ היי־שאַרער מיט אויסגע־רונדעטע, שטאָלענע ציין און עס זיינען אויך שוין געלעגן עטלעכע קופעס היי. אַי איז אַריינגעפאָרן צווישן אַט די קופעס און איז געבליבן שטיין. מיט איין שפּרונג איז ער געשטאַנען אויף דער ערד. עלען האָט אים נאָכגעטאָן. זי איז איצט אין די אָוועראָלס געווען לייכט און שלאַנק. אַי איז צוגעלאָפן און זי אָנגעכאַפּט ביי איר האַנט, כדי זי זאָל ניט פאַלן, בשעת דעם אַראָפּשפּרינגען.

— דאָס איז ניט געווען נויטיק, — רייסט עלען אַרויס איר האַנט פון אַי׳ען.

זיי קוקן זיך אָן פיל־באַדייטנדיק און שמייכלען. די זון איז אויך אַ שמייכלענדיקע, אַ לאַשטשענדיקע, ווי געוויינטלעך דאָ אין נאָרט־דאַקאָטאַ אין אויגוסט. דער הימל איז טיף־בלוי און אָן איין וואָלקנדל. אין דער לופט, וואָלט אַי געשוואָרן, אַז עס הערט זיך אַ כאָר פון ווינט־אינסטרומענטן, וואָס קומט געטראָגן פון ערגעץ ווייט, ווייט.

— וועל, מיר וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט, — זאָגט אַי.

— איך בין גרייט, — זינגט אויס עלען. זי נעמט פון וואָגן

אַ הילצערנעם גאָפּל אויף איר רעכטער פּלייצע, ווי אַ ביקס, און גלייכט זיך אויס, שמייכלט.

— איך וועל דערלאַנגען דאָס היי און דו גיי אַרויף אויפֿן וואָגן,

— זאָגט אַי. — אין דער קאַרעל וועלן מיר זיך בייטן מיט די ראָלן: דו וועסט דערלאַנגען דאָס היי און איך וועל שטיין אויפֿן סטויג.

— אָ־קעי!

אַי האָט מיט איין הויב פֿון זיין גאָפּל אויפֿגעהויבן אַ גאַנצע קאָפּיצע מיט היי, גרויס ווי אַ היפּש בערגל, עס געטאָן אַ וואָרף אין וואָגן און כמעט ווי פֿאַרשאָטן עלענען. זי האָט זיך ניט גע־קאָנט קיין עצה געבן. דער קאַפּעליוש איז ביי איר אַראָפּ פֿון קאָפּ און אירע האָר זיינען זיך צעפֿלויגן. זי איז געבליבן שטיין טיף פֿאַרזונקען אין דעם באַרג מיט היי און איידער זי האָט באַוויזן אַרויס־צוקריכן האָט אַי דערלאַנגט אַ צווייטע קאָפּיצע מיט היי און זי פֿול־שטענדיק פֿאַרשאָטן ביז איבערן קאָפּ.

נאָר קיין גרויס געפֿאַר איז, חלילה, ניט געווען. זי האָט זיך ווי ניט איז באַפֿרייט און ווען זי איז אַרויסגעשוואומען פֿונעם היי אויף דער פֿריי, האָט זי געשמייכלט:

— וואָס האָסטו געוואָלט טאָן — מיך פֿאַרשיטן אינגאַנצן? — האָט זי געלאַכט.

— איך האָב געוואָלט זען, צי דו טויגסט צו דער דאָזיקער אַר־בעט, — לאַכט אויך אַי.

— קום אַרויף און שלעפּ מיך אַרויס, — זאָגט עלען.

אַי איז, פֿאַרשטענדלעך, אַרויף אויפֿן וואָגן און אַריינגעשפּרונגען אין דעם היי מיט זיינע שווערע פֿיס, וואו ער איז אויך איינגעזונקען געוואָרן ביז איבער דעם גאַרטל.

שטייען זיי שוין ביידע טיף אין היי.

— וועל, נעם מיך אַרויס, — לאַכט עלען.

— אָ, איך בין אויך פֿאַרקראָכן און קאָן ניט אַרויס.

— דו אויך . . .

— ווייסט, עלען, איך האָב זיך שוין אונטערגעשריבן אויף מיין האָומסטעד, — געפֿינט אַי אַ גוטע געלעגנהייט צו טיילן זיך מיט איר.

עלענס פּנים ווערט פֿאַרצויגן ווי מיט אַ הייטל, ערנסט, אַביסל פֿאַרפּלאָנטט. זי פֿאַרריכט די האָר אויף איר קאָפּ. זי גיט אויף אים

אַ קוק מיט צווי מילדע, ברוינע אויגן, אַרום וועלכע די דיניטשקע, שוואַרצע וויעס זיינען אַרומגערינגלט ווי בלעטעלעך אַרום אַ „דעי־זי״־קוויט.

— איז דאָס אַ פֿאַקט? — פֿרעגט זי.

— יאָ, עס איז אַ פֿאַקט.

— ווען גייסטו זיך באַזעצן?

— איך האָב אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו מיינע עלטערן, זיי זאָלן שיקן צוויי אָדער דריי ברידער. און אַזוי גיך ווי זיי קומען, וועל איך בויען אַ „שענטי״.

עלען האָט געטאָן אַ פּליעסק מיטביידע הענט פֿון פֿרייד:

— „דזשי וויז!״ דאָס איז פֿריילעכע נייעס!

— איך וועל דעם דזשאָב ניט אויפֿגעבן, — זאָגט אַי.

— ניין? דו וועסט אַרבעטן דאָ ביי הילדנבערגן?

— זיכער. ער זאָגט מיר צו, צו העלפֿן בויען, גראָבן אַ ברונעם.

— און דיין פֿאַמיליע קומט אויך אַרויס אַהער?

— איך רעכן, אַז זיי וועלן קומען. אַזוי האָב איך מיט זיי אָפּגעמאַכט.

— דאָס איז זייער גוט, — זאָגט עלען. — דו וועסט קאָנען אַרבעטן אַזוי לאַנג, ביז דיין האָומסטעד וועט זיך אָנהויבן צו באַצאָלן. ביז יענער צייט וועל איך שוין אויך זיין אַ פֿרייע . . .

— איך האָף אַזוי, — פֿאַרשעמט זיך אַי.

— דענקסט, אַז דיינע עלטערן וועלן דאָ קאָנען זיין? — פֿרעגט עלען נאָך אַביסל נאָכטראַכטן.

— פֿאַר וואָס זאָלן זיי ניט קאָנען? — וואונדערט זיך אַי און פֿאַרשטייט איר וואונק. — דו מיינסט, אַז עס וועט זיי שטערן, דאָס וואָס זיי זיינען יידן?

— פֿאַר וואָס זאָל איך אַזוי מיינען? וואָס איז מיר אָן אונטערשייד צי זיי זיינען יידן, צי ניט? און אַז מיינע עלטערן זיינען ניט קיין יידן, קאָנען זיי דען ניט זיין קיין אָרעמעלייט? — לאַכט עלען און איר שטערן פֿאַרקנייטשט זיך, ווי ביי איינער, וועלכע איז שוין גענוג דורכגעגאַנגען אין איר לעבן און זי ווייסט זייער אַ סך. — איך מיין, צי דיינע עלטערן וועלן דאָ זיך קאָנען איינלעבן . . . —

זי האָט געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש און אין די רייך חרטה גע־האַט.

אַי האָט אָנגענומען עלענען ביי די הענט און זי אַרויסגעצויגן פונעם היי. זיי האָבן זיך אומגערן אַנגערירט ליפּן צו ליפּן און זיך איינס דאָס אַנדערע געטאָן אַ ברי.

זי איז גיך אַראָפּ פון וואָגן און איצט געגומען דערלאַנגען היי אַי'ען. זי האָט אים געוואָלט אויך פאַרשיטן, אַזוי ווי ער האָט עס איר געטאָן פריער, אָבער אַי האָט אַרויסגעוויזן מער באַקאַנטשאַפט מיט דער אַרבעט, און וויפיל היי זי האָט אים דערלאַנגט, האָט ער גיך געכאַפּט מיט זיין גאָפּל און עס אַוועקגעלייגט דאָרט, וואו ער האָט געדאַרפט.

דער וואָגן איז גיך אָנגעפילט געוואָרן מיט היי און אַי האָט מיט איין האָנט אַרויפגעצויגן עלענען צו זיך אויפן אָנגעלאָדענעם וואָגן און זיי האָבן זיך גערירט פון אָרט.

אין הויז, וואו הילדנבערג איז געבליבן מיט זיין ווייב, איז פאַר־געקומען אַ קריג. דער אַלטער האָט פאַרגעוואָרפן זיין ווייב, אַז זי נעמט זיך צופיל אָן די קריוודע פון דעם „גאָד־דעם־שיני".

— איך זאָג נאָר דאָס, וואָס עס איז אמת, — רייצט זיך מיט הילדנבערגן מאַדזשי, ווי זי וואָלט אים געוואָלט צעפּיקן די גאַל. — ביזט אים אַ פּריינט, פאַר וואָס־זשע ברענגסטו אויס זיין געלט אויף אַזאַ שטיק „בעדלענד", וואו עס איז נישטאָ קיין איין אינטש ערד צום אַקערן? און האָסטו אים פיינט, פאַרוואָס שיקסטו אים ניט אַוועק?

— דאָס איז מיינע ביזנעס! . . . „ווימען" דאַרפן זיך ניט מישן אין מיינע געשעפטן! — שפּריצט הילדנבערגס מויל מיט פייער. — דו האָב אין זינען דיינע ביזנעס . . .

— איך וועל אים אַלץ דערציילן . . . — דראָט מאַדזשי.

— דו קאָנסט נאָך ניט הילדנבערגן . . . איך וועל אים דער־שיסן ווי אַ הונט . . .

— ער דאַרף זיין דאַנקבאַר, וואָס איך גיב אים אַ שטוב צום שלאָפן און דריי מאָלצייטן אַ טאָג.

— דו ביזט דער ערגסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען עס איז געקאָנט! — וואַרפט מאַדזשי אירע ווערטער אים אין פנים אַריין. — אַי איז דיך ניט געקומען בעטן, דו האָסט געשיקט נאָך אים בריוו און אַ טעלעגראַמע אויך . . .

— איך הויב אָן צו פֿאַרדעכטיקן, אַז עס מוז עפּעס זיין צווישן דיר און אים . . .

אַט די ווערטער האָבן אַזש אונטערגעשאָסן מאַדזשין.

— דו ביזט אייפֿערזיכטיק! . . .

— אייפֿערזיכטיק?! — קוקט זי הילדנבערג אָן. זיין פּנים ווערט בלאָ, אַזוי ווי אַן אָפּגעשיילטע מילך. זיין מויל פֿאַרקרימט זיך ביז צום אויער. — הילדנבערג קאָן ניט זיין אייפֿערזיכטיק . . . גיב אַ קוק „גוירלי", איך האָב באַזיגט גרעסערע שונאים דאָ אויף דער פּרעירי, איז וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט ביי מיר אַ קליין, נישטיק שי־נילע . . . דו, אַלטע קו, גיי אַראָפּ אין קאַרעל, ווועסטו אים זען דאָרט מיט דעם יונגן מיידל . . . ער טראַכט אַפֿילו ניט וועגן דיר . . .

— ס'אַ ליגן! . . . ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש! איך וואָלט אים געטרויעט מיין אייגענע טאָכטער . . .

— דו מיינסט עס ניט!

מאַדזשי האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך דאָס פֿאַרטעך און גענו־מען די ביקס פֿון דער וואַנט. זי האָט עס געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז הילדנבערג האָט זיך אַזש דערשראָקן.

— וואָס גייסטו טאָן, נאַרישע קו?

— ניט דאָס, וואָס דו מיינסט. איך גיי זוכן אַ פּרעירי־טשיקן, — רייצט זיך מיט אים מאַדזשי. זי הענגט אויף די ביקס אויף איר פּלייצע און פֿאַרלאָזט דאָס הויז.

הילדנבערג גיט אַ קרענקלעכן שמייכל, גייט איר נאָך ביז אין דרויסן. אָבער אַז ער זעט, אַז זי פֿאַרנעמט זיך ניט מיט דער ריכטונג פֿון דער קאַרעל, באַרויקט ער זיך.

מאַדזשי איז אַוועק אויף דער פּרעירי און ווען זי איז שוין גע־ווען ווייט פֿון די גרענעצן פֿון הויז, האָט זי זיך פֿאַרנומען אין אַ קרייז, דורכגעקראָכן אַ דראָטענעם פּלויט און איז אַוועק צו דער קאַרעל.

זי האָט איבערגעשראָקן די צוויי יונגע מענטשן מיט איר דער־שיינונג און נאָך מיט אַ ביקס. אַי און עלען האָבן געהאַלטן אין אויסלאָדן דעם וואָגן היי. עלען איז געשטאַנען אויפֿן וואָגן און אַי איז געווען אויפֿן סטויג. אין קאַרעל איז געווען האַלב־ליכטיק פֿון די צוויי צעעפֿנטע טויערן. אַלע דריי זייטן זיינען שוין געווען אַרומ־געלייגט מיט היי, ביי דער ערד ברייטער און וואָס העכער אַלץ שמע־לער.

— האַו־דו . . . — האָט מאַדזשי געזאָגט. — ווי גייט די אַר־בעט ?

— זייער גוט, — האָבן בײדע געענטפערט מיטאַמאָל. זיי האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן, כדי צו ווייזן איר, אַז זיי שרעקן זיך ניט איבער פאַר איר.

— און איך גיי זוכן „פרעירי־טשיקנס”, — זאָגט מאַדזשי.

— איך ווינטש אייך גליק, — זאָגט אַי.

— סעי, יונגע מענטשן, הילדנבערג טאָר ניט וויסן, אַז איך בין דאָ געוועזן לעבן אייך, — וואָרנט זיי מאַדזשי.

— אָ־קעי !

— גוד באַי ! — שרייט אויס מאַדזשי אַ פריילעכע. זי פאַרלאָזט די קאַרעל, בלייבט שטיין אַ ווײַלע אין דרויסן און הערט זיך איין, צי זיי רעדן ניט קיין שלעכטס וועגן איר. אָבער, אַז זי דערהערט ווי אַי הייסט די פערד רירן זיך פון אָרט, אַנטלויפט זי און פאַר־שווינדט אויף דער פרעירי.

פערטער קאַפּיטל

מאַדזשי האָט יענעם אויפדערנאַכט ניט גערעדט צו קיינעם. זי האָט געגעבן וועטשערע, געוואָרפן בייז מיט די טעלער און איר פנים איז געווען אָנגעכמורעט און פאַרפלאָמט.

הילדנבערג האָט געפרואווט זיך ווינצלען אויף איר חשבון:

— שוין אויסגעפייגערט אַלע פרעירי־הינער ? . . .

דאָס האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז דערפאַר האָט זי ניט גע־שאָסן היינט קיין פרעירי־הון, ווייל זי איז אַ פרוי און קאָן ניט שיסן.

— אָבער מכוירן זיינען דאָ פלענטי־גענוג, — האָט זי מיט כעס צוגעוואָרפן.

— „אַי רעקאָן סאָ”, — האָט הילדנבערג געענטפערט.

אַי האָט זיך ניט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. ער איז געווען מיד פון דער אַרבעט און באַלד נאָכן עסן איז ער געגאַנגען צו זיך אויבן שלאָפן.

אַי האָט גערדאַרפט אויפשטיין גאַנץ פרי, פריער מיט אַ שעה,

ווייל ער איז איצט געווען איינער און אַרבעט אין שטאַל איז געווען גענוג פֿאַר צוויי.

ער האָט ניט געדאַרפֿט קיין וועק־זייגער אויפֿצושטיין. ער איז געווען אַליין אַ וועק־זייגער. ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן איז ער אויפֿגעשטאַנען.

און דעם קומענדיקן אינדערפֿרי איז עפּעס געשען, אַז עס איז ניט געוואָרן אַזוי גיך טאָג. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און אַ קוק געטאָן, אַז עס איז נאָך פֿינצטער אין דרויסן, האָט ער צוריק פֿאַר־מאַכט זיינע אויגן. אָבער ער האָט ניט געקאָנט שלאָפֿן.

ער הערט זיך איין וואָס עס טוט זיך אין שטוב. דאָרט שלאָפֿט מען אויך.

אָבער די פֿערד אין שטאַל קלאַפּן מיט די פֿיס אין דיל.

פֿאַרוואָס קלאַפּן זיי עפּעס היינט מערער ווי אַלע טאָג, און דער־צו אַזוי פֿרי? האָט ער זיי דען ניט געגעבן קיין היי פֿאַרן שלאָפֿן גיין, ווי עס איז געווען זיין סדר יעדע נאַכט?

ער גייט אַראָפּ פֿון בעט און קוקט אַרויס פֿון פֿענצטער אין דרויסן. עס איז עפּעס אַ מאָדנע גרויקייט, ניט נאַכט און ניט טאָג. אויפֿן הימל זיינען דאָ שטערן, אָבער זיי זיינען עפּעס בלאַס און אָפּגעריבן. זיי שיינען ניט, ווי שטערן דאַרפֿן שיינען. אין מזרח איז נישטאָ קיין סימן פֿון מאָרגן־אויפֿברוך. גייט ער זיך לייגן צוריק אין בעט. עס איז נאָך צו פֿרי אויפֿצושטיין. אָבער ער קאָן ניט שלאָפֿן. ער פֿילט אין זיינע ביינער אַן אויסגערוטקייט און קאָן שוין מער ניט ליגן.

וואָס זאָל עס זיין?

די פֿערד גראָבן מיט זייערע טלאָען אין דעם דיל, הירזשען, פֿער־קען מיט די נעזער, קלאַפּן מיט די פֿיס.

די הענער קרייען עפּעס צו אָפֿט און אין דרויסן שטייט אַ גרוי־קייט, וואָס בייט זיך ניט. ווי געוויינלעך, אַז עס קומט אין דער פֿרי, בייט זיך די לופֿט און ווערט וואָס אַמאָל ליכטיקער, ביז עס ברעכט זיך אויף מזרח דער טאָג.

פֿאַרוואָס שטייט היינט די גרויקייט אויף איין אָרט?

אַי איז געלעגן אין בעט מיט אָפֿענע אויגן און ניט געקאָנט מער שלאָפֿן. און אַזוי ווי אין שטוב אונטן איז געווען שטיל, איז ער אויך ניט אַראָפּ פֿון בעט. נאָך אַלעמען איז ער דאָ ערשט אַ קאָרגן

יאָר און ווער ווייסט זיי דאָ, די נאָרט־דאַקאָטער, מיט זייערע מאָד־נע נאַטור־דערשיינונגען . . .

ער איז געלעגן אַזוי אַ לאַנגע צייט און זיך איינגעהערט ווי די פערד צערייסן די שטאַל אויף ברעקלעך, און ער האָט ענדלעך גע־זאָגט צו זיך אַליין: — מען דאַרף אויפשטיין און אַ קוק טאָן וואָס דאָרט איז.

ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז שטיל אַראָפּ אונטן. אין שטוב איז געווען שטיל. און אין קיך אויפן טאַפּטשאַן איז געלעגן עלען איינגעדרייט אין דרייען.

אַז איז אַרויס אין דרויסן. דער הונט „טייג״ איז אים אַקעגן געלאָפן און אויף אים אַרויפגעקראָכן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס און אים נאָר געוואָלט אַ לעק טאָן מיט זיין צונג.

— טייג! — האָט אויף אים אַי אָנגעשריען.

דער הימל איז געווען גראָ ווי בליי. שטערן, אָפּגעבליאַקעוועטע, עטוואָס פאַרווישטע, האָבן זיך געזען דאָ און דאָרט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן פון צפון און געטראָגן אין דער לופט שטיקלעך שטרוי, גאַנצע בושעס פון שטעכערלעך־פלאַנצן, אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען. אַי איז אַריין אין שטאַל און די פערד האָבן זיך, ווי עס האָט אויסגעוויזן, שטאַרק דערפרייט מיט זיין דערשיינען, ווייל זיי האָבן אַלע אויסגעדרייט זייערע קעפּ און אָנגעהויבן פריילעך צו הירזשען און אונטערצוטענצלען מיט די פיס.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט אַי אויסגעשריען צו די פערד.

— וואָס האָט איר געמיינט, אַז איך האָב שוין אָן אייך פאַרגעסן?!

ער האָט זיי איינציקווייז אויפגעבונדן און אַרויסגעפירט צום ברונעם. די ווינט־מיל איבערן ברונעם איז געגאַנגען אַזוי גיך, אַז מען האָט ניט געקאָנט באַמערקן אירע פליגל. אין דעם רונדן פאַס, וואו דאָס וואַסער איז געגאַנגען פון דער פּאָמפּע, זיינען גע־לאָפן כוואַליעס בייזע און שוימיקע.

די פערד פאַרזוכן דאָס וואַסער און הויבן אויף זייערע קעפּ. מיט זייערע בורשטינענע, קלוגע אויגן קוקן זיי צום הימל און אין דער ווייטער פּרעירי, קוקן און וואונדערן זיך, מסתּם, פּונקט ווי אַי אַליין: וואָס איז איצט, נאַכט צי טאָג?

אַי פירט אַרויס אַלע פערד און טרינקט זיי אָן. דערנאָך גיט ער זיי עסן: היי, האָבער; ער רייניקט אויס דעם גנאָי פון דער שטאַל

און יעדן מאָל ווען ער פֿירט אַרויס אַ טאַטשקע מיט גנאַי, קוקט ער צום מזרח און דאָרט איז נאָך קיין סימן ניט פֿון אַ זון־אויפֿגיין.

וואָס זאָל עס זיין? איז ער אויפֿגעשטאַנען אין מיטן נאַכט?

ער נעמט קאַם און באַרשט און פוצט די פֿערד. עס איז דאָ אין שטאָל נאָענט פֿון אַכצן פֿערד. יעדן פֿערד קעמט ער אויס די גריווע און די קאָדע. ער בערשט זיי די העלדזער און קריזשעס. ער לויפֿט אַלעמאָל צו צו דער אָפֿענער טיר און קוקט צום הימל: — וואו איז די זון? אויפֿן הימל קיין סימן פֿון אַ וואָלקנדל. די שטערן, קוים וואָס זיי זיפֿן זיך דורך, און אין דער לופֿט — אַ ניט־פֿאַרשטענדלעכע גרויקייט . . .

אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, טראַכט אַי, אַז ער וועט גיין אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אין שטוב. ער גייט אַריין אין קיך און זעט, אַז עלען ליגט נאָך איינגעדרייט און שלאָפֿט. ער גייט אַריין אין שטוב. דאָרט איז שטיל, ווי די באַלעבאַטים וואָלטן אויסגעשטאָרבן . . . גייט ער זיך צוריק אַרויף צו זיך אין בוידעם־שטיבל און לייגט זיך מיטן אָנטאָן אין בעט.

— פֿון מיינעט וועגן מעג זיך אַפֿילו איבערקערן די וועלט, — זאָגט צו זיך אַי. ער פֿאַרמאַכט זיינע אויגן און טראַכט וועגן אַלערליי זאַכן אָן קיין שום אָרדענונג און עס פֿליען פֿאַר זיינע געדאַנקען שווי־דערלעכע בילדער: — ווי וועט טאָקע זיין, אויב די זון וועט אויפֿהערן צו שיינען אויף דער ערד?!

אונטן אין שטוב האָט זיך דערהערט ווי מאַדזשי איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַריין אין קיך מיט אַ געוואַלד: — העי, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שלאָפֿן? עס איז שוין האַלב נאָך צען דער זייגער!

— האַלב נאָך צען?! — וואונדערט זיך אַי. — ניט אומזיסט האָבן די פֿערד שיער ניט צעוואָרפֿן די שטאָל.

עס איז געוואָרן אַ גערודער אין שטוב. עס האָט זיך באַלד דער־הערט אַ לאַנגער גענעץ פֿון מר. הילדנבערגן און דערנאָך אויך זיין גראָב קול:

— האַלב נאָך צען? וואו־זשע איז די זון?

— יו אַר נאַט מעד וויט האַר! (דו ביזט מיט איר ניט ברוגז), — ענטפֿערט אים מאַדזשי.

— דהער איז סטאַרס אין די סקאַי! (עס זיינען דאָ שטערן אויפֿן הימל) — שרייט ער אַ דערשראָקענער.

— סטאַרס?! יו מאַסט בי בלאַינד! (שטערן?! דו מוזט זיין בלינד!) — בייזערט זיך מאַדזשי.

— וואומען!... (פרוי!...) — זאָגט הילדנבערג מיט ביטער־קייט אין זיין שטים. — צי ווילסטו מיך מאַכן משוגע, צי איז דיין זייגער משוגע? עס איז נאָך אינמיטן נאַכט.

אַי איז געלעגן אויבן און געלאַכט פון זייער געשפרעך, כאָטש ער אַליין האָט אויך ניט געוואוסט וואָס דאָ איז געשען.

ער איז אַראָפּ אונטן און געזאָגט:

— גוט־מאָרגן!

— גוטע־נאַכט!... — שפּאַסט הילדנבערג.

— מיין זייגער ווייזט באַלד אַ פערטל צו עלף, — ווייזט מאַדזשי איר זייגער אַי׳ען. — און וואָס דענקסטו איז איצט? — פרעגט זי אַי׳ען.

— איך ווייס ניט, — ענטפערט אַי. — איך האָב שוין לאַנג אַנגעהאָדעוועט די פערד און איך ליג און וואַרט אויף דער זון. און זי איז נישטאָ...

— איך זאָג, אַז עס איז נאָך מיט־נאַכט, — זאָגט הילדנבערג קאַלט און זיכער.

— אָבער עס איז צו ליכטיק פאַר מיט־נאַכט, — זאָגט אַי.

— מיין זייגער... — טענהט מאַדזשי אירס. — ער נאַרט קיינמאָל ניט אָפּ.

— איך וועל זיך וועטן, אַז עס איז איצט מיט־נאַכט, — זאָגט הילדנבערג.

— פאַרוואָס־זשע האָבן די פערד שיער ניט צענומען די שטאָל?

— וויל אַי וויסן. — פערד וועלן קיינמאָל ניט קלאַפּן אינמיטן נאַכט.

— מיינע פערד זיינען אָן אויסנאַם... — ווילצלט זיך הילדנבערג.

— שאַט, איך וועל ארויסגיין זען וואָס מיינע הינער טוען, — זאָגט מאַדזשי.

ווען זי איז אַרויסגעקומען צום „טשיקן־קופּ״, האָט זי אַלע הינער געפונען זיצן אויף די „באַנטעס״.

— אמת... — איז זי אַריין צוריק אין שטוב. — עס מוז זיין

אינמיטן נאַכט . . . אַלע היגער זיצן אויף די „באַנטעס” און דרעמ־לען . . .

— זעסט, אַז איך זאָג, ווייס איך . . . — טריאומפירט הילדנ־בערג.

— וואָס־זשע וועלן מיר טאָן? — פרעגט מאַדזשי.

— עס איז שוין פאַרפאַלן, מאַך עפּעס צום ברעקפעסט, — זאָגט הילדנבערג.

— און דער זייגער?

— וואַרף אים אַרויס אויף דער פּרעריע . . .

אַי איז אַוועק ברענגען צוויי קעסלען מיט פרישן וואַסער. ער האָט גייענדיק געפאָרשט דעם הימל און ניט געזען קיין שום ענדע־רונג ניט אין זיין קאָליר און ניט ביים האָריזאָנט אין מזרח. ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן ווינט־מיל־טורעם, כדי אים צו פאַרשליסן. די פּאָמפּ איז שוין געווען פול איבער די ברעגן מיט וואַסער.

די ווינט־מיל איז געווען הויך אַ צוויי הונדערט פוס אָדער מער. פון דאָרט האָט זיך געזען די פּרעריע זייער ווייט און ברייט און דער ווינט האָט דאָרט געקערט אַ וועלט.

אָבער פון דאָרט האָט אַי אויך ניט געזען קיין שום סימן פון אַ שטראַל האָפענונג, אַז עס זאָל קומען די זון.

פאַרקערט, די ווייטקייט איז געלעגן אַזוי ווי אין אַ נעפּל.

— אפשר איז טאַקע נאָך ביינאַכט? . . . — האָט אַי זיך גע־פרעגט אין פאַרצווייפלונג.

ער האָט אָנגעשעפּט צוויי עמער וואַסער און געבראַכט אין קיך אַריין.

מאַדזשי האָט געגרייט ברעקפעסט. זי האָט געפּרעגלט חזיר־פּעטס און געבאַקן בולקעלעך. אַ קאַכער מיט קאַווע האָט געלאָזט הערן פון זיך מיט דעם געשמאַקן אַראָמאַט.

— וואָס הערט זיך? — באַגעגנט אים מאַדזשי. — איז דאָ אַ האָפענונג?

— ווער ווייסט? — ענטפערט אַי. — איך בין געווען אויפן שפּיץ פון דער וואַסער־פּאָמפּע און גאָר ניט געזען . . .

— קאָן דאָס זיין, אַז אַ שטוב מיט מענטשן זאָל זיין משוגע? — פרעגט זי.

— און דאָס וואָס די פערד האָבן שיער ניט צענומען די שטאַל?

— אָבער די הינער . . .

— וועל, מיר וועלן וואַרטן ביז דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף, — זאָגט אַי.

מען האָט זיך געזעצט עסן ברעקפּעסט. אין עס־צימער איז געווען האַלב־פינצטער. האָט מען אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

דער ברעקפעסט איז געווען זייער געשמאַק, ווי מאַדזשי האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט באַוויזן צוצוגרייטן. אַלע פיר פערזאָנען האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט די „בייקאָן און עגס" מיט די פריי־שע זעמל און מען האָט ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט, גלייך ווי זיי וואָלטן אַלע געווען פאַרמשפּט באַלד נאָך ברעקפעסט צו שטאַרבן אויף דער תליה.

ווי עס האָט זיך געפירט דאָ ביי הילדנבערגן, אַז ער האָט זיך געדאַרפט דער ערשטער אויפהויבן פון טיש, אַלס אַ סימן, אַז די סעודה האָט זיך געענדיקט, האָט זיך איצט הילדנבערג אויך אויפ־געהויבן און געזאָגט:

— אַי, שפּאַנט איין פאַר מיר די „באָגי". איך וויל צופאָרן צום „נאָרוועגער" און אים באַשטעלן צו שניידן דעם ווייץ.

— אָ־קעי! — האָט אַי געזאָגט און איז אַרויס איינשפּאַנען.

אין שטאַל זיינען, ווי אומגעווינלעך אין אַן אַנדער טאָג, די פערד געלעגן אין זייערע שטאַלעכלעך. ווען זיי האָבן דערזען אַי׳ען, האָבן זיי זיך אַפילו ניט געפּרוווט אויפהויבן פון זייערע ערטער.

— שטייט אויף, איר פוילענצער! — האָט אַי אָנגעשריען אויף די צוויי „מאָסטענגען", וועלכע ער האָט געוואָלט איינשפּאַנען.

די גראָע פערדלעך זיינען געלעגן און זיך ניט גערירט פון אָרט. דאָס אַליין האָט אַי׳ען איבערצייגט, אַז עס איז נאָך ביינאַכט. און ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט? — וועלכער טייוול טרייבט עס אונז אינמיטן נאַכט אויפצושטיין?

ער איז צוריק געגאַנגען אין שטוב און געזאָגט, אַז די פערד שלאָפן נאָך.

— וועל, צוליב וואָס ביזטו דאָ? — בייזערט זיך הילדנבערג. — וועק זיי אויף!

אַי איז אַ ברוגזער אַריינגעגאַנגען צוריק אין שטאַל און אויפגע־טריבן די צוויי מאָסטענגען. זיי האָבן זיך פויל אויפגעשטעלט אויף זייערע פיס און אַי האָט אויף זיי אָנגעטאָן די כאָמוטן און זיי אַרויס־

געפֿירט אין דרויסן. עס איז נאָך אַלץ געווען אין דרויסן גראָ און אויפֿן הימל האָבן זיך געזען בלייערנע שטערן. דער ווינט האָט דורכ־גענומען ביז צו די ביינער.

אַי האָט געצויגן מיט זיינע אַקסלען, ווי איינער רעדט, אַז מען דאַרף זיין משוגע צו שפּאַנען פֿערד אינמיטן נאַכט. ער האָט אַ קוק געטאָן צו די פֿערד, וואָס זיי דענקען וועגן דעם. זיי זיינען געשטאַנען און לייכט געציטערט מיט זייער הויט, וועלכע איז איצט געווען רוי און די האָר זיינען ביי זיי געווען צעשויבערט, די אויערן אַנידערגע־לייגט אויף צוריק, אַלס אַ סימן, אַז עס זיי גאָר ניט צום האַרצן איצט צו ווערן געשפּאַנט.

אַי האָט אַרויסגעפֿירט די „באָגי״ פֿון קאַמער, האָט די צוויי פֿערד אַנגענומען ביי די צוימלעך און זיי אויסגעדרייט מיט זייערע הינטנס צו דער „באָגי״ און זיי געשטופּט אויף צוריק צום דישל. אָבער די פֿערד האָבן געטראָפֿן, ווי בלינדע, מיט זייערע פֿיס דווקא אויפֿן דישל און ניט דאָרטן, וואו אַי האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן טרעפֿן.

ענדלעך האָבן זיי זיך צעשפּרייט אין דער ברייט און פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט זיך לאָזן איינשפּאַנען.

הילדנבערג איז אַרויסגעקומען און איז צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן.

— „ער איז שוין דאָ מיטן קרומען פּיסל!״ — האָט אַי מיט פֿאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן.

— וואָס איז געשען? דו קאָנסט שוין ניט איינשפּאַנען קיין פֿערד? — רייצט זיך הילדנבערג מיט אַי׳ען.

— עס ווייזט אויס אַזוי, — שמייכלט אַי.

— ווילסט איך זאָל דיר העלפֿן? — פֿרעגט הילדנבערג.

— אויב איר וועט קאָנען.

הילדנבערג איז צוגעגאַנגען און אָנגענומען מיט כעס איינעם פֿון די פֿערד. אָבער דאָס פֿערד האָט זיך אויפֿגעשטעלט דיבאָם און שיער ניט אַרויף מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אויף הילדנבערגן, ווען ער זאָל ניט געווען אין צייט אָפּטרעטן.

— פֿאַרשאָלטענע! — האָט ער אויסגעשריען.

אַי האָט געלאַכט אין זיך אַריין.

— אָל־רייט, פֿיר זיי צוריק אַריין אין שטאַל, — זאָגט הילדנ־

בערג. — עס קאָן זיין, אַז זיי וויסן בעסער. מיר וועלן וואַרטן ביז די זון וועט אויפֿגיין.

אַי האָט די פֿערדלעך צוריק אַריינגעפֿירט אין שטאַל און זיי צוגעבונדן און פֿון זיי ניט אַראָפּגענומען די כאָמוטן. זאָלן זיי זיין פֿאַרטיק צו דער מינוט, ווען עס וועט ווערן טאָג.

ער איז אַריינגעקומען אין קיך און אַוועקגעוואָרפֿן זיין הוט אין ווינקל.

— עס איז נאָך האַלבע נאַכט, — שמייכלט צו אים טרויעריק מאַדזשי.

— אַזוי ווייזט עס אויס, — זעצט זיך אַי קעגן אויוון. עלען איז געשטאַנען מיטן פּנים צום אויוון און געווישט דאָס געפֿעס.

עס האָט זיך דערהערט דאָס הייזעריקע, פֿאַרזשאַווערטע קלינגען פֿונעם אַלטן זייגער. אַי ציילט נאָך יעדן קלאַנג:

— צוועלף! . . .

— עס מוז זיין צוועלף ביינאַכט, — זאָגט מאַדזשי.

— עס קאָן ניט זיין! איך ווייס אַן מיין שלאָף, אַז עס איז איצט ניט צוועלף ביינאַכט, — זאָגט אַי.

— מיר האָבן געמוזט איבערשלאָפֿן אַ גאַנצן טאָג, — וויצלט זיך מאַדזשי.

עלען הויבט אויף אירע אויגן און גיט אַ וואונק צו אַי׳ען. אַי פֿאַרשטייט זי.

די צוויי פּרויען האָבן געענדיקט דאָס איבערוואַשן פֿונעם געפֿעס און עס איז געבליבן, אַז מען זיך לייגן צוריק שלאָפֿן.

אַי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט אַראָפּגענומען די כאָמוטן פֿון די פֿערד. ער האָט אָנגעוואָרפֿן יעדן פֿערד אין זיין זשאָלאָב אַ בינטל מיט היי און איז אַריינגעגאַנגען זיך לייגן שלאָפֿן.

אונטן אין שטוב איז געווען שטיל, ווי זיי וואָלטן געשמאַק גע־שלאָפֿן. ער אַליין האָט אָבער ניט געקאָנט איינשלאָפֿן. אים האָט זיך זייער געוואָלט פֿאַרשטיין וואָס דאָ איז. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן אַזאַ סיטואַציע. און ווי האָט ער געקאָנט איבערשלאָפֿן אַן איבעריקן טאָג?

ווידער — אויב ניט, דאָס הייסט, אַז עס איז איצט טאָג, וואו־זשע

איז די זון? און פאַרוואָס שיינען די שטערן אויפן הימל? איז דאָך דאָס אַ סימן, אַז עס איז נאַכט, האָט ער דאָך יאָ פאַרשלאָפן אַן איבעריקן טאָג . . .

עס האָט אים אָנגעהויבן באַנג צו טאָן נאָך דעם פאַרלוירענעם טאָג, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז קיין סך אויפטאָן האָט ער סיי ווי נים געקאָנט. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו טרייבערן די נשמה פאַרוואָס ער לאָזט אַוועק זיינע טעג מיט גאָרנישט. צי וועט דען עפּעס ווערן פון זיין ערד־אַרבעט? צי איז עס דען ניט אַ שגעון אַזאַ, וועלכן ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, ניט איבערטראַכטנ־דיק וואָס די רעזולטאַטן וועלן זיין?

ער איז אַזוי געלעגן מיט אָפענע אויגן ביז דער זייגער האָט מיט זיין הייזעריקן קול אויסגעקלאַפּט זעקס.

אַי איז אַראָפּ פון בעט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס האָט גראָד אַרויסגעקוקט צו דער נאָרט. אין דרויסן איז געווען אַן ענדערונג אין דעם קאָליר פון דער אַטמאָספערע, אָבער אָנשטאָט עס זאָל ווערן ליכטיקער איז גאָר געווען פינצטערער. אין האָרי־זאָנט זיינען געלעגן סומנע שאָטנס, ווי עס וואָלט זיך געקליבן ערשט איצט צו ווערן נאַכט.

אַי איז אַראָפּ אין דרויסן און — מערקווירדיק, ווי אין מערב האָט זיך איצט געזען אַ ליכטיקער פּאַס אויפן הימל, וואָס איז אָנ־געשפּאַרט איבער אַ קייט מיט בערג.

אַי האָט אַ געשריי געטאָן פון פרייד און באַלד איז געווען דאָס גאַנצע הויז־געזינד אויף די פיס.

— באַי־גאָלי! — האָט הילדנבערג אויסגעשריען.

— עס איז אַ זון־אונטערגאַנג! — האָט זיך מאַדזשי געפרייט.

אין דרויסן איז געוואָרן אויף אַ פּאָר מאָמענטן שטאַרק ליכטיק און די שטערן זיינען ווי אָפּגעווישט געוואָרן פונעם הימל. עס האָט אויסגעוויזן, אַז פון מערב וועט באַלד אויפגייען די זון — ניט אַנ־דערש, אַז דער סדר פון דער וועלט האָט זיך געביטן!

אָבער די זון איז ניט אויפגעגאַנגען פון מערב.

דאָס ליכטיקייט איז באַלד אויך פאַרשוואונדן און עס איז צוגעע־פאַלן דער אָוונט, אַן אמתער אָוונט. און עס האָט צוביסלעך אָנגעע־הויבן צו ווערן פינצטער.

די פיר לעבעדיקע מענטשן האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט און

געשטוינט. אָבער מען האָט זיך ניט געקאָנט העלפֿן. עס איז געוואָרן נאַכט און מאַדזשי האָט געמוזט קאָכן וועטשערע און אַי האָט געגעבן די פֿערד עסן און טרינקען. נאָך וועטשערע האָט הילדנבערג דערציילט מעשיות וואָס ער האָט דאָ אין דער וועסט איבערגעלעבט. מען האָט געקאָנט זען, אַז דאָס וואָס די זון איז היינט ניט דערשינען, האָט געווירקט זייער פֿיל אויף די לעבעדיקע, אַז עס איז געוואָרן פֿון הילדנבערגן אַזאַ ווייך קעצעלע . . . גראָד האָט ער דערציילט מעשיות, וואו ער איז אַלעמאָל געבליבן דער אָפּ־גענאַרטער און דער וואָס האָט פֿאַרלוירן, כאָטש אין אמתן איז עס געווען פֿאַרקערט . . .

אויף מאָרגן איז הילדנבערג געפֿאָרן אין שטעטל און געבראַכט די נייעס, אַז אין נאָרט־דאַקאָטאַ איז נעכטן געווען אַ זונלאָזער טאָג, וואָס עס טרעפֿט איין מאָל אין טויזנט יאָר.

— און מיר האָבן ניט געוואוסט, — באַדויערט מאַדזשי.

— אָל־רייט, דעם צווייטן מאָל וועלן מיר שוין וויסן, — באַ־רואיקט זי הילדנבערג.

פֿינפֿטער קאַפּיטל

דער נאָרוועגער איז געקומען מיט זיין „קאָמביין" און געשניטן דעם ווייץ.

הילדנבערג האָט געוואָרטשעט און געשאָלטן די גאַנצע וועלט:

— גאָד־דעם! צו וואָס טויג מיר דער ווייץ, ווען איך דאַרף דינגען דעם נאָרוועגער, אַז ער זאָל מיר טאָן אַ געפֿעליקייט און שניידן?

אין „קאָמביין" זיינען געווען געשפּאַנט זעכצן פֿערד, צו פֿיר אין דער ברייט. מיסטער אָלסאָן, דער נאָרוועגער, האָט מיט זיך מיט־געבראַכט זיינע צוויי יונגע בחורים, אַזוינע הויכע ווי ער אַליין. אי דער טאַטע און אויך די זין האָבן געהאַט פֿלאַקסענע האָר, ברייטע צוואַקסענע הענט, שטאַרקע גרויסע פֿיס און זיי האָבן געטראָגן אַזוינע מאָדנע, גרויסע שטיוול, מיט וועלכע זיי האָבן געטראָטן אויף דער ערד, ווי מיט האַרמאַטן. זיי האָבן גערעדט ענגליש מיט אַ קווי־טשיקל און יעדעס וואָרט איז ביי זיי אין מויל צעבראָכן געוואָרן אין פּיצלעך, ווי צעמאָלן געוואָרן פֿון זייערע שטאַרקע ציין.

אָלסאָן האָט געפּראַוועט די מאַשין און די בנים זיינע האָבן גע־

טריבן די פֿערד: אַ זון אויף יעדע אַכט פֿערד. איינער איז געזעסן אויפֿן זיץ־אָרט, וואָס אויף דעם „קאָמביין", און דער צווייטער זון איז געזעסן רייטנדיק אויף איינעם פֿון די ערשטע פֿיר פֿערד, וואָס זיינען געווען אין דער פֿאָדערשטער ריי.

דער „קאָמביין" האָט ניט אָפּגעשניטן דעם גאַנצן שטרוי־זאַנג, נאָר אים „געקעפּט". די מעסערלעך האָבן אָפּגעביקעט די ווייץ־קעפּלעך און די שטרוי גלאָזט שטיין. דער שכל דערביי איז געווען, וואָס מען האָט איינגעשפּאָרט אַ סך אַרבעט. און אַזוי גיך ווי די קעפּלעך זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן, זיינען זיי אַריינגעכאַפּט געוואָרן אינעווייניק אין „קאָמביין" און דאָרטן זיך אויסגעדראָשן. די קערנדלעך ווייץ זיינען דאַן אַרויסגעקומען דורך אַן עפֿענונג אין אַ זאַק אַריין. און אַזוי גיך ווי דער זאַק איז געוואָרן פֿול, איז באַלד אַ נאָכגעפֿאָרן מיט אַ וואָגן און דעם פֿולן זאַק באַלד אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן וואָגן.

דער „קאָמביין" האָט געזונגען ווי אַן אָרגל. די מאַכינאַציע אין זיין אינגעווייד האָט אַזוי ריטמיש געאַרבעט, אַז יעדער שרייפֿעלע האָט אויסגעשפּילט וואונדערלעכע טענער און אַלסאָן האָט געפּראַוועט מיט די הויבערס ווי אַ געניטער דיריגענט. דאָס ווייץ־פֿעלד איז ניט געווען גלייך אין אַלע ערטער. אָט זיינען די פֿלאַנצן געווען הויך און אָט זיינען זיי געוואַקסן אַביסל נידעריקער. און אַלסאָן האָט אַלעמאָל גענדאַרפֿט צופּאַסן די מעסערלעך צו דער הויך פֿון דעם ווייץ. ער האָט ניט גערעדט קיין סך. ער האָט כמעט גאָר ניט גערעדט, נאָר געדולדיק געטאָן זיין אַרבעט. עס האָט זיך געמערקט, אַז די זין זיינע פֿאַרשטייען אים אויפֿן וואונק. זיי זיינען געזעסן צו אים מיט די פּלייצעס און דאָך געוואוסט ווען אָפּצושטעלן די פֿערד. און עס איז ניט אַזוי לייכט אָפּצושטעלן זעכצן פֿערד מיט איין מאָל.

אַלסאָן מיט די זין האָבן געגעסן ביי הילדנבערגן אָנבייסן און וועטשערע. ביים טיש האָבן די נאָרוועגער געשוויגן. און אַי האָט באַמערקט, אַז דער יענקי הילדנבערג האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט פֿאַראַכטונג. שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז אונטער די אויגן האָט ער זיי גערופֿן: „טשיפּ־מאָנקס".

אַי האָט זיך ניט געקאָנט העלפֿן ניט צו לאַכן פֿון הילדנבערגן:

— „טשיפּ־מאָנקס" רופֿט ער זיי . . . ער וואָלט שיין אויסגעזען,

ווען ער פֿאַרמעסט זיך מיט די כוחות פֿון אזא מין „טשיפּ־מאַנקעלע"‚ ווי אַלסאַן . . ." — האָט אַי געטראַכט.

פֿון דעם־אַ אַלסאַנען איז געווען זייער שווער אַרויסצוקריגן אַ וואָרט, פּונקט ווי פֿון אַ שטיין וואַסער. אָבער דאָך, איז אַי'ען געלונגען אין די פּאָר טעג זיך צו באַפֿרייַנדן מיט דער דאָזיקער פֿאַמיליע און ער איז דערגאַנגען פֿון איינצלנע ווערטער, אַז אַלסאַן איז דאָ אין דער וועסט געקומען פֿון נאָרוועגיע מיט אַ ווייב מיט דריי קינדער — אַ מיידל מיט צוויי זין. אַז ער האָט באַלד געזען, אַז אין אַמעריקע טאָר מען ניט זיין קיין נאַר און אַרבעטן שווער אַלס אַן ערד־אַרבעטער, נאָר ער האָט באַלד זיך גענומען אָפּגעבן מיט מאַשינערײַ פֿאַר פֿאַרמעריי און ער האָט בעסער געשניטן יענעמס ווייץ, געאַקערט יענעמס ערד, און זאָלן זיך אַנדערע זאָרגן מיט זייערע „קראָפּס". ער פֿאַרמאָגט איצט אַ „פֿאָראָוויק"־טראַקטאָר און ער קאָן אויפֿאַקערן הונדערטער אַקער לאַנד אין אַ קורצער צייט. און אָט האָט ער געקראָגן דעם ערשטן „קאָמביין" און עס וועט אים נעמען צוויי יאָר, וועט ער שוין זיין אַן אָפּגעצאָלטער — טאַ, צוליב וואָס זאָל ער אַקערן זיין ערד?

ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ מעכאַניקער. ביי זיי אין נאָרוועגיע זויגט אַ קינד פֿון דער מאַמעס ברוסט דאָס געפֿיל צו זיין אַ מעכאַניקער . . .

און אָט האָט ער ערשט דעם „קאָמביין" אַ פּאָר וואָכן און ער ווייסט שוין יעדעס שרייפֿעלע און אויך זיינע זין ווייסן וואָס אַ מאַשין איז.

עס איז געווען עפּעס ריזיקס אין זיינע רייד און אויך אין דער מאַשין־„קאָמביין". שטעלט זיך פֿאָר, אַ שטאָלענע שטוב אַ פֿירעקעכיקע אויף גרויסע רעדער מיט צייך־שפּאָקן און זעכצן פֿערד אַלע ווי די לייבן, פֿון אַלערליי קאָלירן: קאַשטאַנענע, שוואַרצע, גראָע, טעררקאַטע. יעדעס פֿערד שטרענגט אָן זיינע מוסקולן, גראָבט איין זיינע פֿיס אין דער ווייכער ערד. עס גייט אויף אַ שטויב אין דער לופֿטן. די זון שיינט. דער הימל איז קלאָר ווי בורשטין. אַרום־און־אַרום — פֿעלד און הימל. ווי ווייט דאָס אויג קאָן גרייכן איז נישטאָ קיין בוים, קיין הויז — נאָר בערג און טאָלן. און דאָ קריכט אַ ריזיקער, שטאָלענער אָרגל און זינגט זיך צו פּאַמעלעך און זיכער. ווייצן־קעפּלעך פֿאַלן ווי קיזערלעכע קרוינען אין אַן

אויפֿשטאַנד. עס נעמט אַרום אַ פּחד און אַ פֿרייד — צו וואָס פֿאַר אַ שטופּע דער מענטש איז שוין דערגאַנגען ביז איצט — און ער וועט נאָך ווייטער גיין! . . .

עס האָט די נאַרוועגער געגומען צוויי טעג אָפּצושנײַדן הונדערט אַקער ווייץ און — פּטור אַן עסק. דער ווייץ איז שוין געלעגן אין אַ שפּייכלער און הילדנבערג האָט געוואַרטשעט און געשאָלטן, ווייל דער ענין האָט אים געקאָסט ביי אַ 20 סענט אויפֿן בושל.

מיר וועלן אים איבערלאָזן אויף אַ ווײַלע און זיך אומקערן צו דעם לאַשעקל, וועלכן אַי האָט געבראַכט נאָך אין פֿרילינג פֿון דער פּרעירי.

דאָס דאַזיקע לאַשעקל האָט מען אַ נאָמען געגעבן „אַי" און מען האָט די מאַמע זיינע אויך געבראַכט אין שטאַל אַריין און זי אַריינגעשטעלט צווישן די היימישע פֿערד.

דאָס לאַשעקל „אַי" איז געוואָרן דער ליבלינג פֿון אַרום הויז. עס איז פֿון אָנהויב געווען אַראַנדזש-געל אין קאָליר, נאָר וואָס עלטער עס איז געוואָרן, אַלץ טונקעלער איז זיין קאָליר געוואָרן, ביז עס איז געוואָרן באַרדאָ-רויט. דאָס לאַשעקל איז געווען אַ זי. און ביי אים האָבן זיך פֿאַרמירט צוויי אויערן ווי ביי אַ הירש. עס האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ הירש. עס האָט אים נאָר געפֿעלט צוויי הערנער.

עס איז געוואָרן אַזוי באַליבט, אַז מען האָט עס אַפֿילו אַריינגענומען אין שטוב אַריין, ווען מען האָט געגעסן, און דאָס לאַשעקל האָט ליב געהאַט צו שטיין ביים טיש און עסן פֿון אַ טעלער: געקאַכטע קאַרטאָפֿל, מערן-צימעס, עפּל-קאָמפּאָט, ברויט מיט פּוטער, רובאַרב-פּאַי און נאָך אַנדערע מאכלים.

מען האָט דאָס לאַשעקל געלערנט שיינע מאַניערן: ניט בריקענען אין שטוב, ווי עס האָט זיך אים דוקא געוואָלט טאָן; ניט טאָן זיינע „נאַטירלעכע באַדערפֿענישן" אינמיטן שטוב, ווי עס האָט פֿון אָנהויב געטאָן, ווען עס האָט נאָך ניט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד פֿון אַ שטוב ביז אַ שטאַל.

דאָס לאַשעקל האָט פֿאַרשטאַנען, ווען מען האָט עס גערופֿן ביים נאָמען, צו שענקען אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם וואָס רופֿט עס. עס פֿלעגט אויפֿשטעלן זיין קליינעם קאָפּ און קוקן מיט זיינע שוואַרצע אויגן גלייך צום מענטשן אין פּנים אַריין.

טאָמער האָט מען אַמאָל געלאַכט ביים טיש פֿון זיינעם אַן איינ־פֿאַל, האָט דאָס לאָשעקל אויך געלאַכט מיט די מענטשן: — כע־כע־כע . . .

עס איז געווען שיין צו קוקן ווי דאָס לאָשעקל לאַכט.

עס פֿלעגט אויפֿהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך און אויפֿעפֿענען דאָס מויל און פֿאַרקאַטשען די ליפּן און ווייזן די ווייסע ציין . . .

דאָס לאָשעקל איז געוואָרן צוגעבונדן צו דעם פֿערד־יונג אַי, ווי עס וואָלט געווען אַ הונט אַן איבערגעגעבענער.

זונטיק, ווען אַי האָט געהאַט אַביסל מער צייט, ווי אין אַ וואָכנ־דיקן טאָג, האָט שוין דאָס לאָשעקל פֿון אים ניט אָפּגעטראָטן.

אַי האָט עס געלערנט אַלערליי „קונצן": ווי צו געבן אַ „האַנט", ווי צו שאָקלען מיטן קאָפּ, ווען מען פֿרעגט אים עפּעס.

דער לעצטער „קונץ" איז אַי'ען אָנגעקומען זייער גרינג.

דאָס לאָשעקל האָט ליב געהאַט צו שאָקלען מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַרויף, ווען עס האָט געדאַרפֿט ענטפֿערן: יאָ. עס האָט שוין אויך געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, ווען עס האָט געדאַרפֿט ענטפֿערן: ניין.

אַי האָט אָבער געאַרבעט שווער, ביז ער האָט דאָס לאָשעקל אויסגעלערנט צו געבן אַ „האַנט". עס איז דעם לאָשעקל געווען שווער אויפֿצוהויבן אַ פֿוס. אָבער עס האָט זיך אויסגעלערנט צו געבן דעם פֿאָדערשטן, רעכטן פֿוס, ווען אַי האָט געטאָן אַ געשריי צו אים: — גיב אַ „האַנט"!

אַ דריטן „קונץ" האָט זיך דאָס לאָשעקל אויסגעלערנט: צו אַראָפּכאַפּן ביי אַי'ען דעם קאַפּעליוש און אָנוועקלויפֿן מיט דעם קאַ־פּעליוש אין מויל און דערנאָך צוריק קומען און ברענגען דעם קאַ־פּעליוש און אים אַראָפּלאָזן אויף דער ערד ביי אַי'עס פֿוס.

— לערנט אים אויס אייך אָנצוטאָן דעם הוט צוריק אויפֿן קאָפּ, — האָט מאַדזשי געזאָגט.

— איך וועל אים דאָס אויך אויסלערנען, — האָט אַי געענטפֿערט.

— מיט דער צייט וועל איך פֿון אים אויסבילדן אַן אמתן מענטש.

— אַ דאַנק אייך פֿאַר אייער מי, — האָט הילדנבערג זיך אַריינ־געמישט. — מאַכט מיר ניט קאַליע קיין פֿערד! . . .

עס איז געווען אַביסל אמת אין הילדנבערגס ווערטער. ער האָט אין דער אמתן מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט אָנווערן געלט דורך

דעם, וואָס דאָס לאָשעקל וועט זיך אויסלערנען מענטשלעכע מאַ־ניערן.

דאָס לאָשעקל איז געווען אַ גרויסע שטערונג אין טאָג־טעגלעכע אַרבעטן. למשל, ווען אַי האָט געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן אין דער פּרעירי, אָדער אַז ער האָט געדאַרפֿט פֿאָרן אין שטעטל, האָט דאָס לאָשעקל אויך געוואָלט נאָכלויפֿן.

מען האָט עס דעמאָלט געמוזט צובינדן אין שטאַל אויף אַ שטריק, ביז אַי איז אַוועקגעפֿאָרן ווייט.

דאָ איז אָנגעקומען דער סוף פֿון חודש אויגוסט און הילדנבערג האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט דאָס לאָשעקל אַוועקצופֿירן אויף דער פּרעירי.

— אַ פֿערדס אָרט איז אויף דער פּרעירי, — האָט ער געזאָגט.

— גענוג אים צו שטיפֿן! . . .

— איך וועל ניט לאָזן! — האָט זיך מאַדזשי אַנטקעגנגעשטעלט.

— דו ווילסט האָבן אַ שפּילעכל, צי אַ פֿערד? — האָט זי הילדנ־בערג אָנגעקוקט שטרענג.

— לאָז עס איבער דאָ, ביים הויז. קאַרג פֿערד האָבן מיר אויף דער פּרעירי? — האָט זיך מאַדזשי געבעטן.

— ניין, דאָס לאָשעקל מוז גיין אויף דער פּרעירי! — האָט הילדנבערג ווי זיך איינגעשפּאַרט, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט מאַ־דזשין.

און ער האָט אויסגעפֿירט.

אַי האָט עס נאָך אַליין מיט זיינע אייגענע הענט אַוועקגעפֿירט אויף דער פּרעירי.

דאָס לאָשעקל האָט אפֿנים דערשמעקט, וואָס מען גייט טאָן. האָט זיך עס באַהאַלטן און מען האָט עס געדאַרפֿט אַרומזוכן, ביז מען האָט עס געפֿונען.

דאָס לאָשעקל האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט זיך רירן פֿון אָרט. אַלעמאָל האָט עס געוואָלט נאָכלויפֿן אַי׳ען, און היינט האָט עס דוקא ניט געוואָלט נאָכגיין נאָך אַי׳ען.

עס האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן אין אַ רגע. עס איז גע־וואָרן עפּעס אַזוי ווי עלטער מיט צען יאָר. דאָס פּנים האָט זיך געקנייטשט און די אויערלעך האָבן זיך צעלייגט און דאָס לאָשעקל האָט געפּרוּווט צו צעבייסן דעם שטריק פֿאַר כעס.

מאַדזשי האָט געוויינט און דאָס מיידל עלען האָט באַקומען אַ טרויעריק פּנים. נאָר איין הילדנבערג האָט געלאַכט און מיט זיין שטעקן געטריבן דאָס לאַשעקל, אַז עס זאָל נאָכגיין נאָך אי'ען.

אי האָט דאָס לאַשעקל אַנגענומען אַרום האַלדז און צו אים געזאָגט: — דו ביזט אַ קלוגער, איז וואָס האָסטו מורא? מיר וועלן זיך זען אַלע טאָג אויף דער פּרעירי. איך וועל קומען און פאַר דיר ברענגען גוטע זאַכן צום עסן . . .

דאָס לאַשעקל האָט זיך איינגעהערט צו די ווערטער פון דעם בחור אי. עס האָט אים געטאָן אַ קוש אין זיין באַק מיט די ליפּן — אויך אַ „קונץ", וואָס אי האָט אים אויסגעלערנט.

אי האָט דאָס לאַשעקל געבראַכט אויף דער פּרעירי און אים אוועקגעפירט העט וויט, ווייט אין אַ ברייטן טאָל, וואו עס זיינען געשטאַנען אַ סך ווילדע פערד און זיך געפּאַשעט.

דאָס גראָז איז געווען טיף־גרין און ווייך ווי אַ גוטער פּער־סישער טעפּיך. אי האָט אַראָפּגענומען דעם שטריק פון דעם לאַ־שעקלס האַלדז און צו אים געזאָגט: — גיב מיר אַ „האַנט"!

דאָס לאַשעקל האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, כמעט ביז צו דער ערד, און געטאָן אַ פינטל מיט די אויגן, ווי עס וואָלט זיך געקליבן וויינען.

— פע, ניט שיין! דו ביזט דאָך שוין ניט קיין „בייבי"!

האָט אי אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. און עס איז שוין טאַקע ווירקלעך ניט געווען קיין „בייבי". עס איז שוין איצט גע־ווען אַלט זעקס חדשים און האָט זיך שוין מסתם געמאָסטן פון דער ערד אַרום אַ זעקס פוס הויך.

— גיב אַהער אַ „האַנט", — האָט אי צום לאַשעקל אויסגע־שטרעקט זיין רעכטע האַנט, — לאָמיר זיך געזעגענען.

דאָס לאַשעקל האָט אויפגעהויבן זיין רעכטן פוס און דערלאַנגט אי'ען. עס האָט געקוקט צו אים מיט פּאַספּאַר־שוואַרצע אויגן, וועלכע זיינען געווען טיף אַן אַ ברעג און עס האָט דאָך אין זיי געפינקלט עפּעס אַזוי פיל פאַרשטאַנד און אַזוי פיל בענקשאַפט, אַז עס האָט אי'ען אַרומגענומען אַ שווערער טרויער, פאַרוואָס די נאַטור איז אַזוי גרויזאַם, וואָס זי האָט באַשאַפן אַלערליי באַשעפענישן, וועלכע טיילן זיך אין הויזיקע חיות, אין ווילדע חיות און אין מענטשן, וועלכע טיילן זיך אויך אין אַרעמע און אין רייכע. וואָלט דען ניט געווען

בעסער, ווען עס זאָל זיין מער גלייכגעוויכט און עס זאָל בעסער באַלאַנסירן?

— זיי געזונט און לעב אַ גוטן טאָג! — האָט אַי געזאָגט, דריקנדיק דעם לאַשעקלס פּוס.

דאָס לאַשעקל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַרויף.

דאַן האָט אַי אָפּגעלאָזט זיין „האַנט" און האָט אים געהייסן גיין צווישן די פּערד.

אָבער דאָס לאַשעקל איז געשטאַנען אויף איין אָרט.

אַי האָט זיך גערירט פֿון אָרט, צו גיין אַהיים. דאָס לאַשעקל איז אים נאָכגעגאַנגען. עס האָט ניט געוואָלט בלייבן אויף דער פּרעירי.

— פֿאַרוואָס גייסטו מיר נאָך? — פֿרעגט אַי, זיך אומקערנדיק מיטן פּנים צום לאַשעקל.

אָבער קיין ענטפֿער האָט דאָס לאַשעקל ניט געגעבן. עס איז געשטאַנען און טרויעריק געקוקט אויף אַי'ען, ווי עס וואָלט זיך ביי אים געבעטן: — נעם מיך צוריק אַהיים! . . .

אַי איז אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון די ווילדע פּרעירי־פּערד.

ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צו די ווילדע פּערד, האָבן זיי זיך דערשראָקן און ווי אַ סטאַדע ווילדע פֿויגל אויסגעשאָסן אין אַ ווילד געלאַף.

דאָס לאַשעקל האָט זיך אויך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו ברי־קענען מיט אַ פֿאַרריסענעם עק. איצט, אַז דאָס לאַשעקל האָט גע־בריקעט, האָט אַי זיך אַוועקגעגנבעט פֿון דער פּרעירי. ער איז גע־לאָפֿן אַהיים מיט דעם באַרג־אַרויף. און ווען ער איז געקומען אויפֿן שפּיץ באַרג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט צו טאָן אַ קוק, וואָס עס הערט זיך מיטן לאַשעקל.

ער האָט שוין דאָס לאַשעקל מער ניט געזען.

אַי איז אַוועק אַהיים און דאָס לאַשעקל איז געבליבן אויף דער פּרעירי צווישן די ווילדע פּערד. דאָ איז שוין פֿון לאַנג געווען אויך זיין מוטער. אָבער די מאַמע זייגע האָט אים שוין ניט געוואָלט דערקענען.

דאָס לאַשעקל האָט זיך צו איר צוגעלאַנטשעט און זי האָט אים געטריבן פֿון זיך מיט דעם, וואָס זי האָט איר קינד געביסן און זיך אַפֿילו געבריקעט אויף אים מיט די אונטערשטע פּיס.

האָט דאָס לאָשעקל געזען, אַז זײַן מאַמע וויל פֿון אים ניט וויסן, איז ער אַוועק זוכן „פֿרײַנט" צווישן די ווילדע פֿערד.

דאָס לאָשעקל האָט ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַן אומגעשריבענער געזעץ אויף דער פּרעירי: יעדעס פֿערד צו זײַן קאָליר . . .

עס איז דווקא צוגעגאַנגען צו אַ בינט מיט גראָע פֿערד. דאָס זײַנען געווען די ווילדסטע פֿערד אויף דער פּרעירי. אַז זיי האָבן דערזען דאָס לאָשעקל, האָבן זיי עס אַרומגעסטאַמפּעוועט און עס אָנגעהויבן צו בײַסן פֿון אַלע זײַטן.

דאָס לאָשעקל האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן און איז אַוועק צווישן די שוואַרצע פֿערד.

אָבער די דאָזיקע שוואַרצע פֿערד זײַנען געווען אַזוי גרויזאַם שלעכט, אַז זיי האָבן דאָס לאָשעקל געבריקעט און אים שיער ניט אויסגעזעצט די ציין.

ביז ענדלעך איז דאָס לאָשעקל געפֿאַלן אויפֿן שכל און האָט זיך צוגעלאָנטשעט צו די טונקל־רויטע פֿערד. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט שמעקן צו אים פֿון יעדן פֿערד באַזונדער. און דאָ צווישן אָט־די טונקל־רויטע פֿערד איז אויך געווען זײַן שלעכטע מאַמע. און דעם לאָשעקל איז געווען אַ גרויסער ווייטיק, פֿאַרוואָס די מאַמע זײַנע איז אַזוי פֿרעמד צו אים. אָבער צוביסלעך, צוביסלעך האָבן אים די דאָזיקע פֿערד אַרומגעשמעקט און אים אָנערקענט אַלס איינעם פֿון זייערע פֿרײַנט.

דאָס לאָשעקל האָט נאָך אַ סך זאַכן ניט געוואוסט, וואָס אַ פֿערד דאַרף וויסן אויף דער פּרעירי. אַ שטייגער, אַז ווען אַלע פֿערד ליגן און רוען — דאַרף איינער שטיין אויף דער וואַך . . . אָדער אַז טרינקען גיין צום טײַך קאָן מען ניט גיין איינער אַליין — נאָר אַלע צוזאַמען . . . אָדער אַ שטייגער, אַז עס גייען די „קאַיאָטן" איבער דער פּרעירי — דאַרף מען אויף זיי האַלטן אַן אויג . . . און נאָך אַנדערע וויכטיקע כּללים, וואָס אַ פּרעירי־פֿערד מוז וויסן.

דאָס לאָשעקל איז דעם ערשטן טאָג געגאַנגען אַליין צום טײַכל טרינקען וואַסער. דאָס טײַכל האָט מען גערופֿן: „בלעק־דעוויל־קריק". עס איז געלאָפֿן אַ טונקל־שוואַרצס אין דער קרום. אין טייל ערטער איז דאָס טײַכל געווען טיף, מיט קעסל־גריבער. און אין איניקע ערטער האָבן ביים ברעג פֿון טײַכל געוואַקסן ווערבע־ביימער,

אַלטע ווי די אייביקייטן, מיט צעוואַקסענע, הויכע צווייגן און פֿאַר־וואַקסן מיט אַ סך בלעטער. אויף אַט די געדיכטע צווייגן זיינען געזעסן ווילדע פּרעירי־קעץ און געלויערט אויף פֿערד. ווען זיי האָבן דערזען אַן איינציקן פֿערד קומען צום טייכל, האָבן זיי שוין גע־לויערט אויף אים, ווען ער וועט דורכגיין, אויף אים צו טאָן אַ שפּרונג פֿונעם בוים און אים צערייסן אויף שטיקער.

דאָס לאָשעקל האָט דווקא ניט געטרונקען וואַסער ביי די וואַר־בע־ברעגן, אַניט וואָלט ער שוין ניט דערלעבט צו זען די ליכטי־קע וועלט. אַז ער איז געקומען צוריק, האָט ער ניט געטראָפֿן דעם טאַבון פֿון די טונקל־רויטע פֿערד. זיי זיינען געלאָפֿן אים זוכן ביי די ווערבעס. און עס האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש.

דאָס לאָשעקל האָט זיי אַרומגעזוכט און זיי האָבן דאָס לאָשעקל אַרומגעזוכט. די פּרעירי איז ברייט און גרויס. און געפֿאָרן זיינען דאָ טויזנטער . . .

ענדלעך אין אָוונט, ווען דער טאַבון האָט געפֿונען דאָס לאָשעקל, האָבן זיי אים געביסן אין די אויערן און געהירזשעט פֿון פֿרייד.

אויף ביינאַכט זיינען די טונקל־רויטע פֿערד געגאַנגען איבער־נעכטיקן אויף אַ הויכן באַרג, וואו זיי האָבן געקאָנט בעסער זען די שטערן. זיי זיינען געשטאַנען אַלע אין אַ בינטל און זיך געטור־ליעט איינער צום צווייטן. און דאָס לאָשעקל האָבן זיי אַריינגענומען אין דער מיט. דאָס לאָשעקל האָט זיך געוואָלט לייגן אויף דער ערד זיך אָפּרוען. האָבן די קלוגע, עלטערע פֿערד אים ניט גע־לאָזט. זיי האָבן אים פּשוט אָנגעטראָטן מיט די פֿיס אויף זיינע פֿיס ביז דאָס לאָשעקל האָט געמוזט בלייבן שטיין אויף די פֿיס.

אויף מאָרגן איז אַי געפֿאָרן רייטנדיק אויף דער פּרעירי: אַ קוק טאָן וואָס אַלע פֿערד טוען און אויך זען דאָס לאָשעקל.

אַי האָט מיטגענומען פֿון שטוב עפּעס צו נאַשן פֿאַרן לאָשעקל.

ווען אַי איז געקומען צום אָרט, וואו דאָס לאָשעקל איז געשטאַ־נען מיט די טונקל־רויטע פֿערד, איז ער אַראָפּ פֿון זיין רייטערל און האָט געוואָלט צוגיין צום לאָשעקל.

אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען דאָס לאָשעקל איז פֿון אים אַנטלאָפֿן.

— אַי! — האָט דער מענטש אַי גערופֿן דאָס לאָשעקל צו זיך,
— קום צו מיר, איך האָב דיר געבראַכט ברויט מיט פּוטער.

דאָס לאַשעקל האָט אויפגעהויבן זיינע פיס און צוזאַמען מיט די איבעריקע ווילדע פערד אַוועקגעבריקעט אויף דער פּרעירי.

און זינט דאַן האָט עס אים שוין מערער ניט דערקענט.

זעקסטער קאַפּיטל

דער יידישער קאַובאַי, אַי, האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. עס זיינען דאָ אויף דער פּרעירי פאָרגעקומען גאַנץ אומדערקלערלעכע געשעענישן: אָט איז געווען אַ לויטערער טאָג אָן אַ זון; און אָט האָט מען געלערנט אַ לאַשעקל ביים הויז אַלערליי „קונצן", און ווען אַי האָט דאָס דאָזיקע לאַשעקל אַראָפּגעלאָזט אויף דער ווילדער פּרעירי איבער נאַכט, האָט עס אויף מאָרגן אים שוין ניט דערקענט . . .

געוויס האָט יעדע דערשיינונג אַן אורזאַך. דער זונלאָזער טאָג: צפון־ליכט. און דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן לאַשעקל, האָט אויך פּאַסירט מיט אַן אינדיאַנער בחור . . . אַזוי דערקלערט מאַדזשי. זי קאָן דעם אינדיאַנער זייער גוט. די „יונייטעד סטייטס" האָט אים געשיקט לערנען עט ביז צום קאָלעדזש, געוואָלט מאַכן פון אים אַ נוצלעכן בירגער. נאָר ווען דער אינדיאַנער האָט שוין געקראָגן זיין דיפּלאָמע און איז שוין געווען גרייט צו דינען דער געזעלשאַפט, איז ער געפאָרן צו זיינע עלטערן אויף דער פּרעירי. און קומענדיק אויף דער אינדיאַנער „רעזערוויישאַן", האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די ציווילזירטע קליידער און נאָר אויף אַ ווילע געוואָלט זען ווי ער קוקט אויס אין די ווילדע קליידער. און ער איז שוין פון יענע קליידער ניט אַרויס, און געבליבן אַ ווילדער . . .

נאָר מאַלע וואָס אַי האָט ניט געקאָנט באַנעמען אָט די אַלע זאַכן. די פּרעירי וועט זיך ביי אים ניט קומען נאָכפרעגן ווי אַזוי צו פירן זיך.

און ווען דער יידישער יונגערמאַן זאָל אויף זיך אַליין אַ קוק טאָן, וואָלט ער זיך אויך ניט דערקענט. פון דעם וואָס ער האָט זיך שוין עטלעכע חדשים ניט געגאָלט, איז ביי אים אויסגעוואָקסן אַ היפּשע, שוואַרצע באָרד. דאָ איז ניט געווען קיין צייט צו שטיין ביים שפּיגל און קוקן אויף זיך. ווער שמועסט נאָך איצט, ווען ער איז איינער אַליין און ווייסט נאָך אַליין ניט וואָס פריער צו טאָן.

הילדנבערג איז אַוועקגעפאָרן ברענגען נאָך אַ מענטשן. מען האָט

נאָך געדאַרפֿט אויסגראָבן עטלעכע אַקער קאַרטאָפֿל, אָנגרייטן קוילן אויפֿן ווינטער און פֿאַרריכטן די פּלויטן.

ווען הילדנבערג איז אַקעגן אָוונט געקומען פֿון שטעטל, האָט ער געבראַכט מיט זיך א יונגן בחור, אַ נידעריקן, מיט פֿלאַקסענע האָר און מיט אַ רייך־אָפּגעראַזירטן פּנים. דער יונגער בחור האָט גע־טראָגן אַ גרוי קאַפּעליושל, אָן אויפֿגעשטעלטס מיט אַ קליינעם ראַנד, גאָר ניט ווי עס איז דער מנהג דאָ אין דער ווערט צו טראָגן קאַפּע־ליושן מיט ברייטע ראַנדן. דאָס דאָזיקע קאַפּעליושל האָט זיך גע־האַלטן ביים בחור אויף אַ זייט ביים רעכטן אויער און איז געווען היפּש פֿאַרשטויבט. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר בלאָע אָוועראָלס, צוויי פֿאַרגרעבטע שטיוואַלעס מיט ברייטע נעז און אונטערגעקאָוועטע פּאַ־דעשוועס, אַזוי אַז ווען ער איז געגאַנגען האָט ער זיך געלאָזט הערן. ער האָט פֿאַרמאָגט צוויי גרינלעכע אויגעלעך, וועלכע האָבן אויסגע־וויזן ווי מיט בעלמעס.

אַ איז דעמאָלט געווען אין שטאַל און ער איז אַרויס העלפֿן הילדנבערגן אויסשפּאַנען.

— אַ „ראַשען“, — האָט הילדנבערג פֿאַרגעשטעלט דעם נייעם מענטשן, און דאָס האָט געמיינט„ אַז דער נייער בחור איז אַ רוסי־שער. אין דער זעלבער צייט האָט הילדנבערג אויך דערלאַנגט אַ־יען אַ בריוו, וועלכן ער האָט אָפּגענומען אין פּאָסט־אָפֿיס. אַ האָט דער־לאַנגט אַ האַנט דעם נייעם בחור און איז אַוועק אין אַ זייט ביי דער שטאַל און אויפֿגעריסן זיין בריוו.

עס איז געווען אַ בריוו פֿון דער היים. זיין פֿאָטערס כתב מיט די פֿאַרבויגענע קופֿן און מיט די געקרייזלטע צדיקן האָט אים אַ וויי געטאָן מיט היימישקייט.

דער טאַטע שרייבט: „אַז ערשטנס זיינען אַלע געזונט ברוך־השם, דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן. צווייטנס: וועגן דער ערד וואָס דו האָסט באַקומען פֿון פּרעזידענט, ירום־הודו, איז אַוודאי זייער אַ שיינער פּרעזענט, אָבער, מיין טייערער זון, ווי אַזוי קאָנסטו אָפּילו האָבן אין דער מחשבה, אַז מיר זאָלן זיך דאָרט באַזעצן, ווען דו האָסט מיר ניט געענטפֿערט אויף כמה בריוו, אין וועלכע איך האָב דיך געפֿרעגט, צי עס איז דאָרטן דאָ אַ שוחט, וואָס דאָס אַליין, איך מיין דיין שוויגן, גיט מיר ספֿקות צי עס איז דאָרטן איבערהויפּט דאָ אַ ייד אויף אַ רפֿואה . . . “

אין דער צייט וואָס אַי האָט געלייענט זיין בריוו פֿון דער היים, האָט דערוויל הילדנבערג מיט דער הילף פֿונעם נייעם בחור אויס־געשפּאַנט די פֿערד און דער „רוס" האָט באַלד, ניט וואַרטנדיק אַז די פֿערד זאָלן זיך אָפּקילן, זיי געפֿירט צום ברונעם אָנטרינקען. אַי האָט געזען, אַז דער נייער מענטש ווייסט ניט די אַמעריקאַנער דרכים. ער איז צוגעלאָפֿן צו אים און געזאָגט, אַז דאָ וואַרט מען ביז די פֿערד קילן זיך אָפּ.

— אָל־רייט! — האָט דער בחור זיך אַנטשולדיקט און איבער־געגעבן אַי'ען די פֿערד. ער איז נאָכגעגאַנגען פֿון הינטן ביז צו דער שטאַל. אין שטאַל האָט אַי אים געפֿרעגט ווי ער הייסט.

— יאַן, — ענטפֿערט דער פֿרעמדער.

— פֿון רוסלאַנד?

— ניע . . . איז סאָוט דאַקאָטנאַ . . . (ניין, פֿון סאָוט־דאַ־קאָטאַ).

אַי האָט שוין געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן. האָט ער זיך צו אים געווענדט אין דער רוסישער שפּראַך. יאַן האָט זיך פֿון אָנ־הויב דערשראָקן. ער האָט, ווייזט אויס, ניט דערוואַרט צו טרעפֿן דאָ אַ לאַנדסמאַן. ער האָט אויפֿגעהויבן זיין קאַפּעליושל אַביסל הע־כער איבער זיין שטערן און אויסגעגלאָנצט זיינע גרינלעכע אוי־געלעך אויף אַי'ען. זיין גלאַט פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער ווי עס איז געווען.

— רוסקי? — האָט ער געפֿרעגט.

— דאַ, בראַט! (יאָ, ברודער!) — האָט אַי געענטפֿערט.

— אַ יאַ כלאָפּ אוקראַינסקי (איך בין אַ בחור פֿון אוקראַינע), — האָט יאַן געזאָגט. — איך בין אַנטלאָפֿן פֿון דער היים קיין סאָט־דאַקאָטינאַ. טאַם טאַק סטראַשנאָ! . . . (דאָרט איז אַזוי מורא־דיק! . . .).

— וואו, אין אוקראַינע, צי אין סאָוט־דאַקאָטאַ? — האָט אַי ניט געקאָנט כאַפּן דעם מיין פֿון זיינע ווערטער.

— אי טוט אי טאַם . . . (אי דאָ, אי דאָרט . . .) — ענטפֿערט יאַן מיט אַ מאַסקע פֿון אומשולדיקייט אויף זיין פּנים.

— האָסט געאַרבעט ביי פֿערד? — וויל אַי וויסן.

— אַ שאָ טוט זנאַטע? (וואָס איז דאָ צו קאָנען?) — זאָגט יאַן.

— יאַק פּאַדנימאַיע כוואָסט — זנאַטשיט ווין זדאַראָוו . . . (אַז אַ

פֿערד הויבט אויף זיין ווידל, איז אַ סימן, אַז ער איז געזונט . . .)

אַי צעלאַכט זיך פֿון דער געזונטער פֿאָלקס־חכמה. גראַדע איז עס געווען פּונקט פֿאַרקערט: ווען אַ פֿערד, האָט אַי געוואוסט פֿון זיין פּראַקטיק, הויבט מיטן ווידל, איז אָפּט אַ סימן, אַז דאָס פֿערד איז קראַנק. נאָר ער וועט איצט ניט גיין אָוועקשטעלן זיך האַלטן אַ דעבאַטע מיט דעם דאָזיקן יונג. ער האָט שוין סיי־ווי געפֿילט אינסטינקטיוו, אַז עס איז עפּעס דער מער מיט דעם דאָזיקן בחור, אַז ער פֿאַרבאַהאַלט עפּעס און אַז מען דאַרף זיין פֿאָרזיכטיק מיט אים . . .

אַי האָט געטאָן זיין אַרבעט אין שטאַל און כמעט ניט געשאָנקען מער קיין אויפֿמערקזאַמקייט דעם פֿרעמדן. ער וועט זיך מיט אים ניט שאַפֿן און אים הייסן אַרבעטן. ער איז דאָ ניט דער באַלעבאָס און האָט איבערהויפּט פֿיינט צו באַלעבאַטעווען איבער יענעם. אויב דער יונג איז דאָ געקומען אַלס אַן אַרבעטער, וועט הילדנבערג אים אַליין זאָגן וואָס צו טאָן.

אָפּגעטאָן די אַרבעט אין שטאַל, איז אַי געגאַנגען אין שטוב.

— מיר גייען אין שטוב, — האָט ער געזאָגט צום יונג.

— מיר איז דאָ אויך ניט שלעכט, — האָט דער רוס געזאָגט.

— דו ווילסט זיין דאָ — אָלרייט! — איז אַי אַוועק אין שטוב אַליין. צו זיך אַליין האָט ער געטראַכט, אַז עס איז מאָדנע, ווי טייל מענטשן מאַכן זיך נידעריק. „אים איז גוט אויך אין שטאַל . . .” מען דאַרף נאָר הילדנבערגן וויזן אַ וועג, אַז אַן אַרבעטער דאַרף ביי אים ליגן אין שטאַל און ניט טאָרן אַריינקומען אין שטוב אַריין . . .

אַי איז איצט מיט פֿיל ווירדע און מיט זיכערע טריט אַריין אין דער קיך און אַוועקגעוואָרפֿן זיין הוט אין ווינקל ביי דער טיר.

— וואו איז דער נייער מאַן? — האָט געפֿרעגט מאַדזשי.

— ווער ווייסט אים? — האָט אַי געענטפֿערט מיט אַ צי מיט זיינע אַקסל.

— דער „סאַפּער” איז פֿאַרטיק, — האָט מאַדזשי געזאָגט.

— אָלרייט, איך בין אויך פֿאַרטיק מיט דער אַרבעט, — זאָגט אַי און נעמט זיך פֿאַרקאַטשען די אַרבל צום וואַשן.

ער וואַשט זיך אין דער שיסל די הענט און דאָס פּנים, זייפֿט זיך גוט אָן דאָס פּנים מיט דעם האַלדז, ווישט זיך דערנאָך ענער־

גיש מיטן האַנטוך און כאַפּט דערווייל אַ שמועס מיט מאַדזשין.

— עס איז געווען אַ וואונדערלעכער טאָג, ניט ? — פֿרעגט ער בייביידע, אי ביי מאַדזשין און אויך ביי עלענען. אָבער די לעצטע שטייט מיט דער פּלייצע צו אים. אַי באַמערקט ווי זי הערט מיט יעדן אבר, זי שמייכלט זאָגאָר צו זיך אַליין.

— אָ, יאָ. עס איז געווען אַ וואונדערלעכער טאָג! — שטימט צו מאַדזשי.

הילדנבערג הינקט אַריין אין קיך פֿון עס־צימער מיט זיין שטעקן און מיט דער פּיפּקע אין מויל. ער איז גראָ פּאַרוואַקסן און זעט אויס ווי סטיווענסאָנס קאַפּיטאַן פֿון דער פּיראַטן־שיף . . . ער דרייט זיך אַרום זיך איין מאָל אויף איין אָרט און קלאַפּט מיטן שטעקן אויפֿן דיל. ער וואַרטשעט עפּעס צו זיך אַליין, ווי אַן אַלטער הונט וואַרטשעט, ווען ער וויל זיך אויפֿשטעלן.

— ליסן אַי, איך האָב דיר געבראַכט „קליימינג־פּליטס״. זיי ליגן אין דער „באַגי״, — זאָגט הילדנבערג.

— שוין „קליימינג־פּליטס״! — וואונדערט זיך אַי.

— ביי מיר איז נישטאָ קיין שווערע זאַך. פֿאַר מיר וועט די רעגירונג טאָן אַלץ — ווען איך וויל אַז זיי זאָלן פֿאַר מיר אַראָפּ־נעמען די לבנה, וועלן זיי עס טאָן . . .

— אָלרייט, — האָט אַי געזאָגט. — איך דאַנק אייך פֿאַר אייער מי. אָבער עס איז שלעכט מיט מיינע עלטערן, זיי שרייבן מיר, אַז זיי ווילן ניט קומען.

— זיי ווילן ניט ? — קוקט אים הילדנבערג אָן מיט צוויי אויס־געגלאַנצטע אויגן.

— אַזוי שרייבן ־זיי מיר, — זאָגט אַי טרויעריק.

— וועט איר זיך אַליין דאָ באַזעצן, — מישט זיך אַריין מאַדזשי.

עלען הערט מיט גרויס אָנשטרענגונג ניט נאָר וואָס מען רעדט, נאָר דאַכט זיך, אַז זי הערט ־וואָס מען טראַכט. זי האָט שוין דער־פֿילט, אַז אַי איז עפּעס נאָך ניט זיכער מיט זיך אינעווייניק, צי ער וועט זיך דאָ באַזעצן.

— וואו איז דער נייער מאַן? — האָט הילדנבערג איבערגע־שלאָגן דעם גאַנצן ענין. ער האָט פֿיינט, אַז מען פֿאַרנעמט ־זיך מיט אַן ענין צו־פֿיל.

— ווער ווייסט אים ? — האָט אַי געענטפֿערט.

מאַדזשי איז אַרויס זוכן יאַנען און הילדנבערג מיט אַי׳ען זיי־נען אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער. עלען האָט דערווייל געגרייט צום טיש. זי האָט געכאַפּט אָפּגעריסענע פֿראַזן פֿון זייער געשפּרעך און עס האָט אויסגעוויזן, אַז זי איז גלייכגילטיק צו זייערע רייד.

— ווי געפֿעלט דיר דער נייער מאַן? — האָט הילדנבערג גע־פֿרעגט אַי׳ען.

— ער זעט אויס צו זיין אַ שטילער, — זאָגט אַי.

— מעיק אים ווערק! (מאַך אים צו אַרבעטן!) — זאָגט הילדנ־בערג.

— דאָס קאָן איך ניט טאָן! — זאָגט אַי באַליידיקט. — איך קאָן זיין באַלעבאָס איבער זיך אַליין . . .

— וועל, איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט פֿאַרמאַן . . . — זאָגט הילדנבערג לאַקאַניש.

— אַ, ניין, אַ דאַנק! איך האָב עס קיינמאָל ניט געגליכן און . . . אָבער הילדנבערג האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן:

— ער איז גרין און איך וויל, אַז דו זאָלסט אים צולערנען . . .

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך וועל מיט פֿאַרגעניגן אים וויזן, — זאָגט אַי.

הילדנבערג איז געווען כיטרע גענוג צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי צו פֿאַרדרייען אַי׳ען דעם קאָפּ. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער איז טאַמעוואַטע און פֿאַרשטייט אים ניט. ער האָט פֿאַררויכערט די פּיפּ־קע און געזאָגט:

— איך ווינטש, אַז דו זאָלסט אַרויספֿאָרן אויף דיין האָומסטעד, באַלד מאָרגן אינדערפֿרי, און קלאַפּ אָן די „קליימינג־פּליטס״ אויף בוימער און פּלויטן. זאָלן מענטשן זען, אַז דו „קליימסט״ דאָס לאַנד.

— איך מוז עס טאָן באַלד מאָרגן אינדערפֿרי? — האָט אַי זיך געוואונדערט.

— עס מוז ווערן אָפּגעטאָן. און עס איז בעסער, וואָס פֿריער. — לאָזט הילדנבערג קלובעס רויך אין דער לופֿטן.

— איך האָב גערעכנט, אַז מאָרגן הויבן מיר אָן גראָבן די קאַר־טאָפֿל.

— מיר וועלן אָנהויבן נאָכמיטאָג, ווען דו וועסט קומען צו־ריק, — זאָגט הילדנבערג.

דערווייל האָט מאַדזשי געבראַכט צופֿירן יאַנען און אים געוויזן וואו אַוועקצולייגן דעם הוט. ער איז געבליבן שטיין אין דער מיט פֿון קיך און געוואַרט ביז מאַדזשי האָט אים געהייסן זיך וואַשן.

— איך בין אַ געוואַשענער, — האָט יאַן געזאָגט. עלען האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ קריטיש אויג. זי האָט געוואָלט זען דעם געוואַשענעם פּאַרשוין. זי האָט איינגעשלונגען אַ שמייכל.

— ווי רופֿט מען אייך? — האָט מאַדזשי אים געמאַכט זיך פֿילן היימיש.

— יאַן, — זאָגט דער נייער מענטש מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— יאַן, גייט גלייך אין עס־צימער אַריין, — זאָגט זי צו אים. אָבער ער האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט ניט און איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין מיטן קיך.

— גייט גלייך אַריין אין עס־צימער! — שרייט שוין מאַדזשי אָן אויף אים.

יאַן איז אַריינגעגאַנגען מיט ניט קיין זיכערע טריט, ווי ער וואָלט זיך געהיט פֿאַר אַ פּאַסטקע. ווען ער איז אַריין אין עס־צימער, האָט ער זיך באַגעגנט מיט הילדנבערגס אויגן און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר ווי אַ שולדיקער.

— וועל, יאַן, ווי געפֿעלט דיר דאָ ביי אונז? — האָט הילדנבערג אים געפֿרעגט. — זעץ דיך צום טיש.

יאַן האָט זיך געזעצטביים טיש, פּונקט דאָרט, וואו עלען איז אַלעמאָל געזעסן. אַי האָט אים גאָר ניט געוואָלט זאָגן וועגן דעם. און הילדנבערג האָט זיך געמאַכט, ווי ער זעט ניט. עס איז ביי אים געווען אַזאַ טבֿע זיך צו מאַכן ווי ער זעט גאָר ניט . . .

ווען די פֿרויען האָבן אַלץ געשטעלט צום טיש, האָט מען זיך געזעצט עסן. ערשט ווען מאַדזשי האָט באַמערקט, אַז יאַן זיצט אויף עלענס אָרט, האָט זי אים געבעטן ער זאָל זיך איבערזעצן. יאַן האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אים אַרט ניט קיין שום זאַך; ווען מען זאָל אים אַפֿילו הייסן קריכן אויפֿן דאַך, וועט ער פֿאָלגן.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט מען אים אַוועקגעשטעלט האַקן האָלץ. דאָס איז געווען ביי הילדנבערגן אַזאַ טראַדיציע: אַ נייעם מענטשן, אַנידערצושטעלן האַקן האָלץ דעם ערשטן טאָג.

ביי הילדנבערגן האָט זיך געפֿונען אַ גרויסער סטויג מיט דרענג־לעך פֿון זיינע אַלע פֿלויטן. אָט די דאָזיקע דרענגלעך האָט עס איצט

יאַן געהאַקט אויף שפּענער צום אונטערהייצן דעם אויוון. צו דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך יאַן אָפּגעגעבן מיט ברען און פֿיל קענ־טעניש. ער האָט פֿריער אָנגעשאַרפֿט די האַק: ער האָט געטאָפּט די שאַרף פֿון דער האַק מיט זיינע פֿינגער און געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדויערט, וואָס מען האָט פֿאַרלאָזט די האַק אַזוי שטומ־פּיק. און ווען הילדנבערג איז אַרויסגעקומען, האָט יאַן אים גע־וויזן די צעשטשערבעטע האַק.

— שאַרף זי אָן, אויב דו קאָנסט! — האָט הילדנבערג זיך ווי געבייזערט אויף אים.

יאַן האָט די האַק אָנגעשאַרפֿט און האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים קלאָץ און ווי אַ פֿאַכמאַן מיט איין באַוועגונג אָפּגעהאַקט אַ קורץ קלעצל פֿונעם דרענגל. דאָס קלעצל איז אָפּגעשפּרונגען, געמאַכט אַ קרייז און געפֿאַלן. און אַז ער האָט צעהאַקט דאָס גאַנצע דרענגל, האָט ער זיך גענומען צו די קלעצלעך און יעדע קלעצל צעהאַקט אין עטלעכע שפּענער.

אַ האָט זיך דערווייל געיאָגט אויף זיין רייטערל צו זיין האָומסטעד. ער האָט געפֿירט מיט זיך אַ לעדערנעם זאַק, וואָס איז געהאַנגען אויפֿן האָרן פֿון זאָטל, אַ האַמער מיט טשוועקעס און ביי אַ טוצן „קליימינג פּליטס" געמאַכט פֿון בלעך. אויף זיי איז געווען זיין נאָמען און אַז ער „קליימט" דאָס דאָזיקע שטיק ערד און קיינער טאָר דאָרט ניט דורכפֿאָרן.

דער אינדערפֿרי איז געווען פּראַכטפֿול. די ראָסע גלאַנצט אויף גראָז און סטעבליעס פֿון די אָפּגעשניטענע ווייצן־פֿעלדער. עס האָט יעדער פֿאָרמער אַן אויג פֿאַר שיינקייט און סימעטריע: די סנאָפּעס שטייען אין סקידרעס איבער דער ברייט און לענג מיט אַן אויג אויסגעשטעלט אַזוי גלייך. עס וואַלגערן זיך הויפֿנס מיט גאָלדיקן ברויט. דער שליאַך איז זילבער־ווייס און בלישטשעט אַקעגן דער זון אַן אָפּגעשייערטער. די טריט פֿון פֿערד־פּאָדקאָוועס אויפֿן וועג ווייזן אויס ווי אַ שטעמפּל אויף אַ זילבערנער כלי, אַז זי, די כלי, איז פֿון עכטן זילבער . . .

און אָט איז שוין דאָס שטיק לאַנד, וואו עס איז אַי'ס האָומ־סטעד. עס ליגט צווישן הילדנבערגס צוויי שטרעקעס פֿון פּרעיריס. הילדנבערגס פּלויטן קאָן מען דערקענען. זיינע סלופּעס שטייען טיף אין דער ערד, פֿעסטע, געזונטע סלופּעס. זיי זיינען געקליבענע

פון צעדער־האלץ, גלאטע און אזוי ווי פון איין בוים אויסגעהאקטע. די שטעכיקע דראטן זיינען ,שטייף אנגעצויגן, ווי סטרונעס אויף א מוזיקאלישן אינסטרומענט.

אי קריכט אראפ פון רייטערל, נעמט דעם לעדערנעם זאק אויף זיינע אקסל און קריכט דורך די דראטן. א ריר אין דעם שטעכיקן דראט און עס גיט ארויס א קלאנג. עס גיט א זשום איבער דער פרעירי א מענטשלעכער אנריר . . .

„אט איז עס דאס לאנד!" — גיט אי א טראכט. ער גייט מיט אן אויפגעשטעלטן קאפ, מיט שווערע טריט. ווען ער האט ;עס געזען צום ערשטן מאל, האט ער ניט געהאט קיין צייט גוט עס צו באטראכטן. איצט זעט ער, אז זיין האומסטעד איז צעטיילט אין צוויי' בערג, מיט א טיפן טאל אין דער מיט.

אי גייט אראפ אין טאל אריין. דער בארג איז שטארק סקאס־נע.

— ווען מען דא קאנען אקערן? — פרעגט זיך אי און ענט־פערט זיך אליין: — ניין!

ער נידערט אראפ טיף אין טאל און דערזעט א ריטשקע. ער דערפרייט זיך מיט דעם קלארן וואסער, וואס שפילט אין דער זון.

דא, פאזע דעם ריטשקעלע, האבן געוואקסן ווערבעס, „קאטן־וואוד" בוימער און „בול"־ווײנשעלעך קוסטעס. דאס גאנצע ארט איז געווען אזא, וואס מען האט דא נארט־דאקאטא גערופן: „א קעשענע".

פונדעסטוועגן האט אי אנגעקלאפט א פאר בלעכלעך אויף א טייל בוימער מיט דער' לענג פון דער' ריטשקע.

ער איז ארויפגעגאנגען אויף איין זייט פון די צוויי בערג און באטראכט זיין האומסטעד. דא און דארט זיינען געלעגן שטיינער. אי האט געפרואווט די שטיינער מיטן 'האמער און זיי האבן זיך לייכט געקרישלט אונטערן האמער.

„עס וועט גוט זיין פאר א פונדאמענט" — האט ער גע־טראכט.

— וואו זאל איך שטעלן דאס שטיבל? — פרעגט ער זיך.

אונטן ביי דער ריטשקע, צו שטעלן דאָס שטיבל, וועט עס הייסן, אַז מען איז באַגראָבן פֿון דער גאַנצער וועלט. זומער, וועט נאָך זיין צו דערליידן. אָבער ווינטער, ווען די שנייען וועלן קומען, מוז אָט דער טאָל זיין אינגאַנצן פֿאַרשאָטן. דאָס שטיבל וועט דאַן אינגאַנצן אָפּגעווישט ווערן פֿון דער וועלט.

ניין, ער וועט בויען דאָס שטיבל ערגעץ דאָ אויבן אויף איינעם פֿון די צוויי בערג. איז אָבער שלעכט מיטן ברונעם. דאָרט אונטן איז גרינגער צו גראָבן אַ ברונעם.

ער איז אַרומגעגאַנגען און גערעדט צו זיך אַליין און אָנגע־קלאַפּט די בלעכלעך מיט זיין נאָמען אויף סלופּעס פֿון הילדנבערגס פּלויטן, און ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער זיך אָנגעטרונקען ביי דער ריטשקע און זיך געקוויקט מיטן קאַלטן וואַסער.

„ניט אומזיסט וויל הילדנבערג פֿאַרמאָגן אָט דאָס שטיק ערד, ער דאַרף די ריטשקע" — האָט אַי געטראַכט.

„איז צוליב וואָס די גאַנצע מעשה מיט די עלטערן?" — האָט אַי זיך געפֿרעגט. — „אויב ער נעמט דעם דאָזיקן האָמסטעד נאָר צוליב דעם, כדי אים אין פֿינף יאָר אַרום פֿאַרקויפֿן צו הילדנ־בערגן?"

אַי באַשליסט צו קומען אַהיים און באַלד אָנשרייבן דעם פֿאָטער אַ בריוו און אים אַלץ דערקלערן. זאָלן זיי דאָרטן קיין יסורים ניט האָבן. די מאַמע מוז שוין דאָרטן זיך אויסוויינען די אויגן. זי האָט אויסגעהאָדעוועט אַ קינד און ער איז אַוועק צווישן ניט־יידן . . .

עס איז אָבער ניט אַזוי לייכט געווען פֿאַר אַי׳ען זיך אַרויס־צופּלאָנטערן פֿון דעם גאַנצן ענין. זאָל ער שרייבן אַהיים צו די עלטערן, אַז ער וועט דאָ ניט פֿאַרבלייבן?

וואָס־זשע וועט זיין מיט עלענען? זי גייט אַרום די לעצטע וואָכן אַ שווייגנדיקע . . . זי וואַרט, אַז ער זאָל מיט איר רעדן. פֿאַרוואָס־זשע רעדט ער ניט מיט איר? איז שוין זיין ליבע צו איר אָפּגעקילט געוואָרן?

אויף אָט די אַלע שאלות האָט זיך אַי ניט געקאָנט געבן קיין ענטפֿער.

זיבעטער קאַפּיטל

יאַן איז געשלאָפֿן אין דעם אויבערשטן שטיבל, וואו אַי איז געשלאָפֿן. און נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן האָט אַי ניט געפֿילט אַזאַ מין ווידערגעפּיל צו אַ מענטשן, ווי אין דעם אָוונט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז יאַן טוט זיך אַפֿילו ניט אויס, נאָר ווי ער איז געגאַנגען, מיט אַלע זיינע קליידער, האָט ער זיך אַזוי אַריינגעלייגט אין בעט.

— „פּאַטשעמו ני ראַזדיוואַלסיאַ ?״ (פּאַרוואָס טוסטו זיך ניט אויס ?) — האָט אַי אים געפֿרעגט.

— „ני טרעבאַ״ (מען דאַרף ניט), — האָט יאַן געענטפֿערט. — „זאַווטראַ טרעבאַ סטאַוואַטע״ (מאָרגן דאַרף מען אויפֿשטיין).

די גאַנצע נאַכט האָט אַי זיך אַלע מאָל איבערגעוואָרפֿן און געקוקט צו יאַנס בעט, צי ער איז דאָ. אים האָט זיך גאָר ניט געמאָלן, אַז אַ מענטש קאָן שלאָפֿן אין די קליידער, סיידן ער וויל ביי־נאַכט אַנטלויפֿן.

גאַנץ פֿרי איז אַי אַראָפּ פֿון בעט און שוין געטראָפֿן יאַנס בעט אַ ליידיקע.

— „איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט אַנטלויפֿן״, — האָט אַי צו זיך אַליין געזאָגט.

אָבער ווען ער איז אַרויסגעקומען אין שטאַל אַריין, האָט ער יאַנען געפֿונען זיצנדיק אין אַ ווינקל פֿון שטאַל אויף אַ קופּע היי מיט אַ בראָשור אין זיינע הענט.

— „דזין דאָברי !״ — האָט אַי אויסגעשריען אַ דערשראָקע־נער. — „שטאָ טשיטאַיעט״ ? (גוט מאָרגן ! וואָס לייענט איר ?)

— „טשאַרט יעוואָ זנאַיע, טאָ יאַ פּאַ אַנגליסקי אוטשוס״. (דער רוח ווייסט אים, דאָס לערן איך זיך ענגליש) — לאַכט יאַן. — „שאָבע יעוואָ ליכאַ בראַלאַ, יאַ יעמו וואָדאַ אַ אָן מיני וואָד־דער . . . טאָ שאָ טוט זאַ ראַזניצאַ : וואָדאַ . . . וואָד־ער . . . טאָ נאַשאַ מיני יאַזיקאַ לאַמאַטע״ ? (זאָל עס נעמען דער ניט־גוטער ! איך זאָג אים „וואָדאַ״ און ער צו מיר „וואָטער״. איז וואָס איז דאָ דער אונטערשייד, און צו וואָס דאַרף איך מיר צעברעכן די צונג ?)

אַי האָט געשמייכלט און איז אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוידעם אַראָפּ־

צוואווארפן היי פאַר די פערד. ווען ער איז צוריק אַראָפּגעקראָכן פון בוידעם, האָט אים יאַן געפרעגט:

— „אַ שאַ מיני ראַביטע"? (וואָס דאַרף איך טאָן?)

— „ווערזי לאַשאַדי דאַ קערניצי" (פיר אַרויס די פערד צו דער קרעניצע) — זאָגט אַי.

— „טי יעוורעי"? (דו ביסט אַ ייד?) — גיט פלוצים יאַן אַ פרעג אַי'ען.

— „דאַ, יעוורעי"! (יאָ, אַ ייד!) — זאָגט אַי מיט אַ געוויסן שטאָלץ.

— „טאָ יאַ טאַק . . ." (איך האָב גלאָט אַזוי . . .) — לאָזט זיך יאַן צו איינעם פון די פערד. נאָר אָנשטאָט אַריינצוגיין פון דער לינקער זייט פונעם פערד, וויל יאַן אַריינגיין צום פערד דורך דער רעכטער זייט. דאָס אַמעריקאַנער פערד ווייסט ניט פון אַזעלכע זאַכן, אַז מען זאָל צו אים אַריינקומען דורך דער רעכטער זייט. האָט דאָס פערד געטאָן אַ בריקע מיט די הינטערשטע פיס ביז דער סטעליע און שיער ניט דערהרגעט יאַנען.

— „האַ, טי דורנעי"! . . . (האַ, דו משוגענער!) — האָט יאַן אויסגעשריען.

אַי האָט אים געוויזן, אַז מען דאַרף אַריינגיין דורך דער לינ־קער זייט.

— „שאָ, ווין ליוואַי"? (וואָס, ער איז אַ „לינקער"?)

— „ווסי טאַק"? (אַלע זיינען אַזוי!) — דערקלערט אים אַי.

יאַן האָט זיך געטאָן אַ קראַץ אין קאָפּ און אַראָפּגערוקט זיין קאַ־פעליושל ביז איבערן אויער. דערנאָך האָט ער אַרויסגעפירט אַ פערד צום ברונעם און ווען ער האָט עס צוריק אַריינגעבראַכט, האָט ער דעם געוויינלעכן נאָרט־דאַקאָטער שליף ניט געמאַכט, נאָר פאַר־בונדן דאָס פערד מיט אַ קנופּ.

אַי האָט אים אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט.

— „טאָ סע פּאַ זשידאָווסקי" . . . (דאָס איז אַ יידישער שליף), — האָט יאַן געזאָגט.

אַי האָט אַ ציטער געטאָן מיט זיין גאַנצן קערפּער פון דעם וואָרט „זשידאָווסקי", גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט אים געטאָן אַ ביס. ער האָט אינסטינקטיוו געטאָן אַ פאַרקוועטש זיינע הענט אין צוויי פויסטן און זיך געקליבן צו דערלאַנגען יאַנ'ען, נאָר ער האָט זיך

איבערגערעכנט, אַז עס קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער בחור מיינט גאָר נישט קיין בייז.

פונדעסטוועגן האָט ער צו אים געזאָגט:

— „סלושאַי, פּאַרין! זדיעס יעסט אַמעריקאַ, אַ יאַ ני כאַטשו שאָבי טי מענע זוואַל „זשידאָם". יאַ יעוורעי — פּאָנימאַיעש"! (הער אויס, בחור, דאָ איז אַמעריקע, און איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט מיך רופן „זשיד". איך בין אַ ייד! פאַרשטייסט?)

—„שטאָ זאַ ראַזניצאַ"? (וואָס איז דער אונטערשייד?) — פרעגט יאַן.

— „יעסלי יאַ טעבי דאַם פּאָ מאָרדו, טאַק בודיעט ראַזניצאַ" . . . (אַז איך וועל דיר דערלאַנגען אין מאָרדע, וועסטו שוין וויסן דעם חילוק . . .) — זאָגט אַי אַן אויפגערעגטער.

— „קטאָ קאָמו דאַסט"? (ווער וועמען וועט געבן?) — רייצט זיך מיט אַי׳ען דער בחור. — „טאָ יאַ טאַקיך זשידקאָוו, יאַק טי, ד׳אָדנים ראַזמאַכאָם, ביוואַלאָ טאָם נאָ אָקראַינע, פּאַלאָזשיוו" (איך האָב אַזוינע יידעלעך, ווי דו, מיט איין ריר, דאָרט אַמאָל אין אוק־ראַינע, אַוועקגעלייגט).

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ שווערער פאַל און יאַן איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. דאָס האָט אים אַי דער־לאַנגט אַ פּאַרפּאָר אין די ציין.

יאַן האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַי׳ען. אָבער אידער ער האָט באַוויזן צוצוקומען נאָענט האָט אים אַי דערלאַנגט צוויי כמאַליעס מיט ביידע הענט. יאַן איז אַזש פאַרפלויגן אין דעם ווינקל, וואו עס איז געלעגן אַ קופּע היי.

— „גאָספּאָדאַ, מעניע ביוט"! (באַלעבאַטים, מען שלאָגט מיך!) — האָט ער אָנגעהויבן צו וואָיען ווי אַ הונט.

עס זיינען געקומען צולויפן, אויף דעם וואָיען, מאַדזשי, עלען און דער הונט טייג. הילדנבערג איז נאָך, ווייזט אויס, געשלאָפן.

— „ווהאָט העפּענד"? (וואָס איז געשען?) — פרעגט מאַדזשי אַ דערשראָקענע, ווען זי זעט ווי יאַן דרייט זיך אין דרייען אויף דער קופּע היי.

— „ווין מעניע ביל"! (ער האָט מיך געשלאָגן!) — פאַרזשמור־רעט יאַן זיינע אַזוי אויך קליינע אויגעלעך.

— „אַי פּאָנישט אים, ביקאָז הי אינסאָלטעד מי" (איך האָב אים

געשלאָגן, דערפֿאַר וואָס ער האָט מיך באַליידיקט) — זאָגט אַי.

— „וואַט דיד הי סעי״? (וואָס האָט ער געזאָגט?) — וויל מאַדזשי וויסן.

— „הי קאָלד מי שיני״ . . . (ער האָט מיך׳ גערופֿן „שיני״)

— זאָגט אַי.

— „וועל, יאַנג מען, איף יו וואָנט טו סטעי היר, יו העוו טו בעהייוו״! (נו, יונגערמאַן, אויב איר ווילט דאָ אַרבעטן, דאַרפֿט איר זיך אויפֿפֿירן אָנשטענדיק!) — האָט זיך מאַדזשי געווענדט צו יאַנען.

דער הונט טייג האָט אַ שמעק געטאָן צו יאַנען און פֿאַרקאַרטשעט זיין פּנים און אָנגעהויבן צו וואָרטשען אומצופֿרידן, גלייך ווי אים וואָלט אויך ניט געפֿעלן יאַנס האַנדלונג. עס האָט אויסגעזען, ווי דער הונט האָט זיך געקליבן אָנצופֿאַלן אויף יאַנען. יאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אָפּגעטרייסלט פֿון זיך די איינציקע סטעבליעס היי.

— „גאָו ענד עסק אַפּאָלאָדזשי״! (גיי צו און בעט אַנטשולדי־קונג!) — באַפֿעלט מאַדזשי יאַנען. אָבער יאַן פֿאַרשטייט ניט וואָס זי זאָגט צו אים. ער שטייט ווי אַ תּם און קוקט אויף אַלע אַרום אים.

— „אָנאַ גאָוואָריט, שטאָ־בי טי מעניע פּערעפּראָסיל״ (זי הייסט דיר, מיך צו איבערבעטן) — האָט געזאָגט אַי מיט אַ צעשמייכלטן פּנים און צו אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

דער אינצידענט האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט דעם, וואָס מען האָט געגעסן אַ גוטן, געשמאַקן איבערבייס און דערנאָך האָט אַי געשפּאַנט צוויי ריזיקע, הויכע, ברוין־רויטע פֿערד אין דעם „פּאָטייטאָ־דיגער״ און יאַנען האָט ער געהייסן אָנפֿילן אַ קרוג מיט פֿריש וואַסער און זיי זיינען ביידע אַרויסגעפֿאָרן אין פֿעלד גראָבן די קאַרטאָפֿ־ליעס.

ווייט פֿון הויז האָט זיך געפֿונען דאָס פֿעלד מיט די קאַרטאָפֿ־ליעס. עס איז געווען אַ לאַנג שטיק ערד מיט גלייכע שורות געל־ברוינע פֿלאַנצן, וועלכע די זון האָט שוין געהאַלטן אין פֿאַרטריקענען. די דאָזיקע פֿלאַנצן זיינען שוין געלעגן האַלב־איינגעבויגן צו דער ערד.

די מאַשין איז געווען אויף צוויי גרויסע רעדער און איז באַשטאַ־

נען פֿון אַזאַ מולטער־אַרטיקן פֿאַררונדעטן אַקער. אַט דאָס דאָזיקע מעסער האָט זיך אַריינגעגראָבן, מיט דער הילף פֿון אַ לעווער, טיף אין דער ערד, ביז הינטער די וואָרצלען פֿון די קאַרטאָפֿליעס, דאָרטן וואו עס איז געוויינטלעך זיך געלעגן אין אַ גרוב די קיילעכיקע און לאַנגעכיקע פּרוכט. אַז דער רונדער אַקער האָט געטאָן אַ דאָביוועָ אַט די קאַרטאָפֿליעס און זיי געבעטן, מחילה, אַז עס איז שוין גענוג זיי צו ליגן אין דער ערד, אַז עס איז שוין צייט אויפֿצושטיין און אַרויסקומען אויף דער ליכטיקער וועלט, האָבן די קאַרטאָפֿליעס ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי זיך אַרויסכאַפּן אויף דעם מולטער, איידער עס איז צו שפּעט, ווייל דער מולטער איז געקראָכן ווייטער און האָט זיי נאָך געקאָנט איבערלאָזן. זיינען די קאַרטאָפֿליעס אַרויף אויף דעם מולטער, וואו עס איז געווען לעכעלעך, ווי אין אַ רעשעטע, גרויס גענוג, אַז דער שטויב זאָל אַראָפּ פֿון די קאַרטאָפֿליעס און דורכזיפּן זיך דורך די דאָזיקע לעכעלעך. צוליב אַט דעם צוועק, האָט זיך דער מולטער געהאַלטן אין איין טרייסלען, ווי ער וואָלט געטאַנצט פֿון גרויס פֿרייד, וואָס ער ברענגט פֿאַר מענטשן צום עסן אַזאַ גוטע פּרי, ווי קאַרטאָפֿליעס. סיי־ווי־סיי, האָבן די קאַרטאָפֿליעס אַליין אויך אונטערגעטאַנצט אויף דער רעשעטע, ביז וואַנען זיי האָבן פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם גאַנצן שטויב.

אַי איז זיך געזעסן אויף דעם זיץ, וועלכער האָט זיך געפֿונען צווישןביידע רעדער, אויף אַן אייזערנער שטאַנג. און אַזוי גיך ווי ער האָט געזען, אַז די אויסגעגראָבענע קאַרטאָפֿליעס האָבן זיך גענוג דורכגעטרייסלט און מען קאָן שוין זען זייער ראָזעווע הויט, האָט ער געטאָן אַ צי אַ לעווער און דער גאַנצער מולטער מיט די קאַרטאָפֿליעס האָט זיך געטאָן אַ קער איבער און אויסגעשאָטן די קאַרטאָפֿליעס אויף דער ערד.

יאַן האָט געדאַרפֿט צונויפֿנעמען די אויפֿגעגראָבענע קאַרטאָפֿליעס אין אַ זאַק. און ווען ער האָט אָנגעפּילט אַ זאַק מיט קאַרטאָפֿליעס, האָט ער אים פֿאַרבונדן מיט אַ שטריקל און געלאָזט שטיין.

אָט־די דאָזיקע אַרבעט איז ניט געווען אַזאַ גרינגע. יאַן האָט זיך געמוזט בויגן און קריכן אויף די קני. און ביזן אָנבייסן האָט אַי אויפֿגעגראָבן דריי לאַנגע רייען. און יאַן האָט ביזן אָנבייסן ניט געמאַכט מערער פֿון איין און אַ האַלב ריי. און ער האָט זיך גע־

האַלטן ביי די קריזשעס, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד.

— „טרודנאָ, בראַט!" (עס איז שווער, ברודער!) — האָט אַ צו אים געזאָגט.

— „טראָכע" . . .(אַביסעלע) — האַלט זיך יאָן ביי די קריזשעס.

— „אידי סודאָ, סאַדיס, אי מי פּאָיעדים דאָ דאָמאָ" (קום אַהער, זעץ זיך, און מיר וועלן פאָרן אַהיים) — זאָגט אַ צו אים.

יאַן איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט, האַלב־וועג אויפן דישל פון דער מאַשין און די פיס אָנגעשפּאַרט אויף איינעם פון די לעווערס, כדי ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן.

אַ האָט געהייסן די פערד גיין. זיי האָבן זיך אויך געפילט מיד. די צוויי ריזן־פערד זיינען געווען באַדעקט מיט אַ פאַרטריקנטן, ווייסן שוים און זיי האָבן קוים געקאָנט שטעלן אַ פוס. זיי האָבן געוואוסט, אַז אין דער היים וואַרט אויף זיי אַ גוטער אָנבייסן פון היי מיט האָבער. זיינען זיי געגאַנגען, כאָטש מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפ, אָבער דאָך גערן.

די מאַשין האָט געקלאַפּט פריילעך מיט אירע גרויסע רעדער איבער די גראָזיקע פעלדער און געפּלאַפּלט מיט אירע ציינערדיקע געווערקן, ווי זי וואָלט עפּעס גערעדט און געלאַכט. און ווען זי איז ענדלעך אַרויס אויפן שליאַך אויף דעם איינגעוואַלגערטן, ווייסן וועג, האָט די מאַשין אָנגעהויבן צו קלינגען ווי אַ גוטער, אָנגעסטראָיעטער אינסטרומענט.

פון ביידע זייטן וועג — הילדנבערגס פּרעירי־פעלדער, וואו עס איז שוין איצטער אָנגעוואַקסן ניי גראָז און דער קלעווער האָט זיך נאָכאַמאָל צעבלומט און די געלע „דעיזיס" האָבן זיך צעשאָטן ווי שטערנדלעך אויפן הימל, איבער די גרינע לאָנען. עס לאַשטשען די אויגן די בלאָע „ציילעמלעך"־בלימעלעך. די זון שטייט פּונקט אינמיטן הימל. זי רוט זיך אָפּ, דרימלט און וויגט איין די גאַנצע נאַטור אַרום אין אַ געשלעף.

— „טי מיני פּראָסטשאַיעש?" (דו ביזט מיר מוחל?) — פרעגט פּלוצים יאַן, ניט אויפהויבנדיק זיינע אויגן צו אַ'ען.

— „זאַ שאָ?" (פאַר וואָס?) — האָט שוין אַ כמעט פאַרגעסן, פאַר וואָס יאַן בעט ביי אים אַנטשולדיקונג.

— „זאַ טאָ שאָ יאָ טאַקעי דאַרין״ (פאַר דעם, וואָס איך בין אַזאַ נאַר) — זאָגט יאַן.

— „זאַבוד !״ (פאַרגעס !) — שרייט גוטמוטיק אויף אים אַן אַי.

די פערד האָבן געמיינט, אַז אַי שרייט אויף זיי, און זיי האָבן געטאָן אַ גיכערן שפאַן און שיער־ניט אַראָפּגעוואָרפן יאַנען פונעם דישל. אַי האָט אים אָנגעכאַפּט און אים געראַטעוועט פון פאַלן.

— באַסטרוקעס, נישט קיין פערד ! — שמייכלט יאַן מיט אַ דער־שראָקן פּנים. — וואָס איז דער „באָס״, אויך אַ ייד ?

— ניין.

— ווייזט אויס צו זיין ניט קיין שלעכטער, — הויבט יאַן אויף אַי׳ען אויף אַ פּאָר „פאַרשטאָכענע״ אויגעלעך.

— אַזוי מאַכט ער אויף דיר דעם איינדרוק ? — פרעגט אַי ביי אים.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב אים נאָך גוט ניט איינגעביסן, — זאָגט יאַן און גיט אַ קנאַק מיט זיין צונג.

— וויפיל צאָלט ער דיר ? — פרעגט אַי.

— וויפיל ער צאָלט איטלעכן, — ענטפערט יאַן.

— וויפיל צאָלט ער איטלעכן ? — לאַכט אַי.

— ער האָט אַזוי געזאָגט : וויפיל ער צאָלט איטלעכן, וועט ער מיר אויך צאָלן.

— אַזוי ? און דו ביזט צופרידן ?

— פאַר וואָס ניט ? ער איז צו רייך, אַז ער זאָל וועלן ביי מיר צונעמען, — זאָגט יאַן מיט זיכערקייט.

אין דעם מאָמענט זיינען זיי פאַרפאָרן צום הויז און אַי האָט איבערגעריסן דעם געשפּרעך, כּדי מען זאָל ניט הערן אין שטוב וואָס זיי רעדן.

אַי האָט שוין געזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ צוריקגעשטאַנענעם אַרבעטער און אַנשטאָט דער פריערדיקער שלעכטער מיינונג וועגן אים, איז ביי אַי׳ען געבוירן געוואָרן אַ פאַרלאַנג אים צו העלפן ווערן מער באַוואוסטזיניק.

זיי האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אַריינגעפירט אין שטאַל. דערנאָך געגעסן אָנבייסן. הילדנבערג האָט געוואָלט וויסן, וויפיל רייען קאַרטאָפליעס אַי האָט אויסגעגראָבן.

— דריי, — האָט אַי געענטפערט.

— אַ סך פּאַטייטאָס ? — פֿרעגט הילדנבערג.

— אַ גאַנץ פֿיינער „קראָפּ", — ענטפֿערט אַי.

יאַן האָט געגעסן און אין דער זעלבער צייט געוואָרפֿן אויגן צו הילדנבערגן און צו אַי'ען. ער האָט עס געטאָן זייער גיך, ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן זייערע ביידנס געדאַנקען, וועלכע זיינען געלעגן הינטער זייערע רייד.

ער האָט זיך אַזש געוואָרגן מיטן עסן און עלען האָט געשמייכלט אויף זיין חשבון.

נאָכן עסן איז אַי אַרויס אין דרויסן און זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז ניט ווייט פֿון דעם הויז.

הילדנבערג האָט געטאָן אַ וואונק צו יאַנען, אַז ער זאָל בלייבן אין שטוב. יאַן איז מיט אים געבליבן אויג אויף אויג, ווען ביידע פֿרויען האָבן אַוועקגענומען דאָס געפֿעס אין קיך אַריין. הילדנבערג האָט פֿאַררויכערט זיין פּיפּקע, וועלכע איז שוין געווען האַלב פֿאַר־ברענט אַרום די ברעגן. די דאָזיקע פּיפּקע האָט געלאָזט הערן פֿון זיך אויף אַ מייל די ווייט.

— וויפֿיל רייען האָט ער אויסגעגראָבן ? — פֿרעגט הילדנבערג. ביי יאַנען.

— „טרי" — ווייזט יאַן דריי פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט.

— און וואָס האָט ער מיט דיר גערעדט ? — וויל הילדנבערג וויסן.

— ער האָט געפֿרעגט, וויפֿיל דו צאָלסט מיר.

— וואָס האָסטו געזאָגט ?

— איך האָב געזאָגט, אַז איך ווייס נישט.

— און וואָס האָט אַי געזאָגט ? — שטשירעט הילדנבערג מיט זיינע פֿאַרפֿוילטע ציין.

— „ניאָטינג" (גאָרנישט).

— אָ־קעי, איצט קאָנסטו גיין, — ווייזט אים הילדנבערג מיט דער האַנט צו דער טיר.

יאַן לאָזט זיך גיין.

הילדנבערג רופֿט אים צוריק.

— וואָס האָט ער געזאָגט וועגן מיר ? — ווייזט אים הילדנבערג מיט אַ האַנט אויף זיך, כדי יאַן זאָל אים בעסער פֿאַרשטיין.

— „אים סקאָזאַל, אים סקאָזאַל, יונאָ . . ." — יאַן האָט געטאָן

אַ טרייסל מיט זיין האַנט און ניט געפֿונען דאָס וואָרט. אָבער הילדנ־בערג האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס איז עס ניט געווען.

— „דאַט׳ס אָלל!״ (דאָס אַלץ!) — זאָגט הילדנבערג און ווייזט יאַנען צו דער טיר.

יאַן גייט אַרויס אין קיך. בשעת ער האָט גענומען זיין קאַפּע־ליושל, האָט צו אים מאַדזשי געזאָגט:

— ווי גלייכסטו דאָ?

— „פּערטי־גוט!״ — ציט אויף זיך אַרויף יאַן אַ זיס שמיי־כעלע.

— ביזט שוין פֿאַרהייראַט, צי נאָך אַ באַי? — פֿרעגט מאַדזשי.

— באָי! (בחור!) — ענטפֿערט יאַן קורץ, ווייל עס פֿעלט אים ווערטער.

— דו גלייכסט מיידלעך?

— ניין . . .

— דו גלייכסט צו גראַבן פּאָטייטאָס . . . — לאַכט מאַדזשי.

עלען צעלאַכט זיך הויך אויפֿן קול.

יאַן פֿאַרשטייט, אַז די ווייבער מאַכן פֿון אים חוזק. ער טראַכט ביי זיך, אַז ער האָט זיי טיף אין דר׳ערד. ער דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער טיר און גייט אַרויס.

אין דרויסן האָט ער זיך אָנגעבויגן און אויפֿגעהויבן אַ שטרוי און זי אַריינגענומען אין זיין מויל.

— קום אַהער זיך אָפּרוען לעבן מיר, — זאָגט צו אים אַי.

יאַן איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַי׳ען.

— „יעשטשאָ ני פּאָרא ראַבאָטאַט?״ (עס איז נאָך ניט די צייט אָנצוהויבן אַרבעטן?) — פֿרעגט יאַן.

— נאָך ניט.

— און יענע מיידל, איז זי זיינע? — פֿרעגט פּלוצים יאַן.

אַי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער מיינט עלענען, און ער האָט גע־זאָגט, אַז זי איז דאָ ביי זיי אַ דינסט.

— און איך האָב געמיינט, אַז זי איז זיינע.

— וואָס איז דען? — קוקט אים אַי אָן.

— איך פֿרעג גלאַט אַזוי. איך זע אַ מיידל, אַ שיינע, האָב איך

געמיינט, אַז זי איז זיינע, — רעדט יאַן מיטן שטרוי אין מויל.

— זי איז אַ טאָכטער פֿון אַן אָרעמען פֿאַרמער דאָ ניט ווייט — דערקלערט אים אַי, ווער עלען איז.

— נו, זאָל זי דער רוח נעמען! — נעמט יאַן אַרויס די שטרוי פֿון מויל און שפּייט אויס.

— דו, ברודער, ביזט נאָך אַ בחור? — פֿרעגט אַי.

— צו וואָס פֿאַר אַ רוח דאַרף איך אַ ווייב? — זאָגט וואָוילע־ריש יאַן.

— זאָג דאָס ניט . . . — רעדט אים אויס אַי. — אָן אַ ווייב איז ניט גוט.

אַי הויבט זיך אויף. יאַן גייט אים נאָך. זיי טרינקען אָן די פֿערד, שפּאַנען איין, ווידער אין דעם „פּאָטייטאָ־דיגער". יאַן פֿילט אָן דאָס קריגל מיט פֿריש וואַסער און זיי פֿאָרן אַרויס אין פֿעלד אַריין.

פֿאָרנדיק אינמיטן וועג זאָגט אַי צו יאַנען:

— וואָס האָט דער „באָס" געוואָלט פֿון דיר?

— וואָס האָט ער דען געזאָלט וועלן?

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— וואָס? גאָר נישט!

— דאָס איז ניט שיין! — זאָגט אַי. — דאָ זיינען קיין סודות נישטאָ.

— גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿן, אַז גאָר נישט!

— ווייס, אַז איך בין אַזאַ אַרבעטער ווי דו און מיר זיינען גלייך ווי צוויי ברידער, — זאָגט אַי.

— איך פֿאַרשטיי!

אַכטער קאַפּיטל

הילדנבערג האָט גראָד ליב באַקומען דעם נייעם אַרבעטער, יאַנען, דערפֿאַר וואָס ער האָט ניט געקאָנט רעדן קיין ענגליש און האָט געאַרבעט ווי פֿאַר צוויי.

הילדנבערג האָט אויך דורך יאַנען אויסגעפֿונען וואָס אַי רעדט און טוט. און ער האָט באַצייטנס ביי זיך אָפּגעמאַכט פּטור צו ווערן פֿון אַי'ען.

די קאַרטאָפּליעס זיינען שוין אויך געווען אויסגעגראָבן און אַלץ וואָס מען האָט נאָך געדאַרפט צוגרייטן אויפן ווינטער איז געווען — אַ פולע קאַמער מיט שטיין־קוילן; דאַן וועט ער קאָנען אָוועקשיקן אַי׳ען און בלייבן מיט יאָנען.

און וואָס וועט זיין מיטן „האָומסטעד״, וואָס אַי האָט גענומען?

אויף דעם האָט הילדנבערג אויך אַן עצה: זיי וועלן סיי־ווי ניט אין דעם „אָפיס״ וועך עס איז אַי. ווען דער אינספעקטאָר וועט קומען, וועט הילדנבערג זאָגן, אַז יאַן איז אַי. דער אינספעקטאָר איז הילדנבערגן אַ „פריינט״ און איז ביי אים ווי אין „קעשענע״.

הילדנבערג האָט טאָקע באַלד אין איין שיינעם פרימאָרגן גע־הייסן אַי׳ען איינשפּאַנען צוויי פערד אין וואָגן און מיטנעמען מכשירים: דראָט, לאָמען און אבצוועגעס און ער מיט אַי׳ען זיינען אַרויסגעפאָרן צום נייעם האָומסטעד, וואו אַי האָט זיך געזאָלט באַ־זעצן.

אַי האָט זיך געוואונדערט, וואָס עפּעס פלוצים האָט זיך הילדנ־בערג דערמאָנט אין זיין האָומסטעד און וואָס עפּעס אַזוי פרי?

ער האָט שוין אין דער אמתן אויפגעגעבן די אידייע פון באַ־זעצן זיך דאָ. די עלטערן האָבן ניט געוואָלט קומען אין דער וועסט און אים אַליין האָט זיך ניט געגלוסט דאָ צו באַזעצן זיך, צוואָנציק מייל ווייט פון אַ שטעטל און באַן־סטאַנציע. און דאָס שטיק לאַנד איז אים אויך אַזוי שטאַרק ניט געפעלן.

נאָר פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט זען, וואָס דער סוף וועט זיין. ער האָט געהאַט אַ שטיקל פאַרדאַכט, אַז הילדנבערג וויל אים אויסנוצן. וואָלט דער דאָזיקער פאַרדאַכט געווען געקומען גאָר אין אָנהויב, וואָלט אַי גאָר אינגאַנצן ניט געווען אָנגעהויבן מיטן האָומ־סטעד. אַי איז אַזאַ בחור, וואָס זעט זיך אַרום, ווען עס איז שוין שפּעט. ער האָט שוין געהאַט אין זיין יונגן לעבן אַ סך אַזוינע פאַלן, ווען מענטשן האָבן אים אויסגענוצט און דערנאָך אים אַרויסגעע־שטעלט אַ צונג. ער קאָן אָבער ניט לערנען פון אַט־די אַלע דורכ־פאַלן אויף שפּעטער. ער האָט צופיל גלויבן אין מענטשן, אַז ער זאָל, חלילה, אימיצן פאַרדעכטיקן אין שלעכטס.

פאָרט ער איצט מיט הילדנבערגן צום האָומסטעד און, ווי געווינלעך, שווייגנדיק. אַי איז שווער אויף ווערטער. ער רויכערט און טרייבט אָן די פערד.

— ווי געפעלט דיר דער נייער אַרבעטער? — פרעגט ביי אים הילדנבערג.

— ער איז אָל־רייט! — שרייט אויס אַי.

— דאָס, וואָס איך טראַכט וועגן אים . . . — זאָגט הילדנבערג און טוט אַ שפּיי אין דער קרים אויפן גראָז.

דערנאָך, ווידער אַ לאַנגער שווייגן. ביז מען קומט אָן צום האָומסטעד.

— מיר וועלן אַראָפּנעמען די פּלויטן, — זאָגט הילדנבערג.

אַי קוקט אים אָן פאַרוואונדערט:

— אַראָפּנעמען די פּלויטן?!

— יעס! צווישן מיינע און דיינע פעלדער דאַרף מען ניט האָבן קיין פּלויטן . . .

קאָן אַי ניט וויסן, צי הילדנבערג לאַכט, צי ער בייזערט זיך. דאָס פּנים איז ביי הילדנבערגן אַרום מויל ווי צעדרייט, ווי מיט אַ שמייכל, אָבער די נאָז און די אויגן זיינען ביי אים פול מיט כעס און מיט רציחה.

הילדנבערג האָט אַראָפּגעוואָרפן פון וואָגן אַלע כלים און גע־הייסן אַי׳ען אויסשפּאַנען די פערד און זיי לאָזן זיך פּאַשען.

— האָסט דאָך גאָרניט קעגן דעם, אַז מיינע פערד זאָלן זיך פּאַ־שען אויף דיין לאַנד?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! . . . — זאָגט אַי.

ער שפּאַנט אויס די צוויי גראָע פערד; זיי קענען אים אַזוי גוט, אַז זיי לעקן ביי אים די הענט. דאָס זיינען געווען צוויי ריזיקע פערד, אַ געמיש פון מאַסטענגס מיט ענגלישע לאַסט־פערד אין זייער בלוט. פון דער אָפּשטאַמונג פון מאַסטענגס איז ביי זיי גע־בליבן דינע, לאַנגע פיס און וואָנצעס אויף די ליפּן, אָבער דער געבוי פון זייער קערפּער איז דאָך געווען פון שווערע לאַסט־פערד.

אַי האָט זיי אויסגעשפּאַנט און אָפּגעלאָזט, און דאָס ערשטע וואָס זיי ביידע האָבן געטאָן, איז זיך אַנידערלייגן מיט די פיס באַרג־אַראָפּ און זיך איבערקוליען, דווקא באַרג־אַרויף. צי עס איז מחמת פערדישן שכל, צי איז עס געווען מחמת אַנדערע טעמים, אָבער ווי אַי׳ען האָט זיך געדאַכט, וואָלט בעסער געווען ווען זיי קאַטשען זיך אויס באַרג־אַראָפּ . . .

— װעל, מיר װעלן זיך נעמען צו דער אַרבעט! — האָט הילדנ־בערג װי איבערגעשלאָגן אַ׳ס מחשבות.

דאָס ערשטע װאָס זײ האָבן געטאָן, איז געװען אַראָפּצורײסן די דראָטן פֿון די סלופּעס.

דאָס שטעכיקע דראָט איז געװען פֿאַרזשאַװערט און אַי האָט אָנ־געטאָן אַ פּאָר לעדערנע הענטשקעס צוליב אָט דער דאָזיקער אַר־בעט.

הילדנבערג האָט געאַרבעט מיט די הוילע הענט. זײ זײנען בײ אים געװען אַזױ װי מיט האַרטע ליסקעס, װי די פּיס בײ אַ פּאַפּוגאַי.

און װי אַלט ער איז ניט געװען, האָט ער געריסן מיט אָט די הענט זײנע די פֿאַרזשאַװערטע דראָטן און זײ געװיקלט אין קײלעכיקע בײגל: — איך װעל זײ נאָך נוצן אַ צװײט מאָל . . . — האָט ער געזאָגט, ניט טראַכטנדיק אַפֿילו, אַז דער טויט לויערט אים שוין נאָך.

אַי האָט אים צוליב געטאָן און אויך געװיקלט די פֿאַרזשאַװער־טע דראָטן אין אַ בײגל.

דער חודש סעפּטעמבער האָט שוין געלאָזט שפּורן אויף די גראָזן. דאָס גראָז איז געװען װי אויסגעשװירן פֿון קופּער און די זון האָט מילד געשפּאַצירט אויפֿן בלאָען הימל און זיך גענויגט מערער צו דרום־צו.

און אַי מיט הילדנבערגן האָבן אָפּגעאַרבעט עטלעכע שעה, ביז זײ זײנען פֿאַרטיק געװאָרן מיט אײן זײט פּונעם פּלויט און דאַן זײנען זײ געפֿאָרן אַהײם עסן אָנבײסן.

אויפֿן צװײטן טאָג זײנען זײ װידער אַרויסגעפֿאָרן — אַזױ לאַנג, ביז זײ האָבן אַראָפּגעריסן אַלע דראָטן. און דערנאָך האָט זיך אָנ־געהויבן אַ מעשה מיט אַרויסשלעפּן די סלופּיקלעך. די אַרבעט איז געפֿאַלן שװער אויף אַי׳ען, װײל ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען דעם צװעק פֿון איר. אַ מענטש האָט געאַרבעט אַזױ שװער ביז ער האָט גע־שטעלט פּלויטן, און איצט נעמט ער זײ אַראָפּ! ביז אַי האָט ניט גע־פֿרעגט בײ הילדנבערגן װאָס דער צװעק איז.

— איז דאָס לאַנד שוין ניט מײנס?! דו האָסט עס דאָך מיר פֿאַרקויפֿט, צי ניט?

— אָ, יאָ. אָבער איך האָב דאָך אַפּילו ניט אויסגעגראָבן קיין ברונעם! — האָט אַי ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין.

— לאָזט עס איבער צו מיר, איך וועל שוין אַלץ פיקסן . . .

— האָט הילדנבערג געזאָגט, טוענדיק בשעת מעשה אַ וואונק מיט איין אייגל.

אַי׳ען האָט אַזש געטאָן אַ בראָט ביי דער נשמה. אָט האָט ער זיך אונטערגעשריבן אויף אַ האָומסטעד און ער האָט באַצאָלט דער רעגירונג, דורך הילדנבערגס הענט, הונדערט און זעכציק דאָלאַר. און הילדנבערג נעמט זיך צו דאָס שטיק לאַנד און גיט אַפּילו ניט קיין קרעכץ . . .

— „וואָט דו יו מין?!" — האָט אַי שוין געזאָגט מיט גרימצאָרן. — האָב איך גענומען דעם האָומסטעד, צי ניט?

— וועל, דו האָסט געביטן דיין מיינונג און ווילסט אים מיר ניט פאַרקויפן? — האָט הילדנבערג אַנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע, בייזע אויגן אויף אַי׳ען. — דו האָסט דאָך עס מיר פאַרקויפט!

— יאָ, אָבער איר דאַרפט פריער וואַרטן פינף יאָר, ביז עס וועט זיין מיינס! — האָט זיך אַי שיער ניט צעוויינט פון ערגערניש.

— איר זייט גאָר קיין ביזנעסמאַן ניט! — לאַכט הילדנבערג.

די סלופּקעלעך האָט מען אַרויסגענומען אויף אַזאַ שטייגער: הילדנבערג פלעגט צוגיין צו אַ סלופּ און אים אָננעמען מיט ביידע הענט און שאָקלען אין אַלע זייטן; דערנאָך האָט מען אַריינגעהאַקט אַ פיק־אייזן טיף אין דער ערד אַריין, ביז מען האָט געגרייכט צום פאַרשפּיצטן עק פון סלופּעקל. דאַן האָט מען זיך מיטן גאַנצן געוויכט אָנגעלייגט אויפן פיק־אייזן און דערנאָך האָט דאָס סלופּעקל געדאַרפט על־פּי שכל, אויב עס האָט נאָר געוואָלט, טאָן אַ קריך אַרויס פון דער ערד. אויב, אָבער, דאָס סלופּעקל האָט זיך איינגעעקשנט און ניט געוואָלט אַרויס פון דער ערד, האָט הילדנבערג זיך געשאָלטן „אין דער מאַמען" און ווידעראַמאָל, שוין איצט מיט רציחה, דעם פיק־אייזן אַריינגעהאַקט אין דער ערד און ווידער אָנגעלייגט זיך מיטן גאַנצן געוויכט און דערביי געוואָרן רויט ווי אַ בוריק און געשריען: — „קאַם אָן, דעם איט!"

עס איז געווען, ווי אַי׳ען האָט זיך אויסגעוויזן, אַן אַרויסוואָרפענע אַרבעט, און דערפאַר — זייער אַ לאַנגווייליקע און אַ נודנע.

די דאָזיקע אַרבעט האָט געדויערט מער ווי אַ וואָך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן.

דערווייל, אין משך פון אָט־דער אַרבעט, איז יאַן געבליבן אין דער היים און געטאָן אַלץ, וואָס אין אַ געוויינלעכער צייט פלעגט אַי טאָן. און דאָס האָט אַי׳ען אַביסל באַאומרואיקט. ספּעציעל ווען הילדנבערג האָט געוויינלעך אינדערפרי, נאָך איבערבייסן, אָנגעהויבן געבן יאַנען באַשטעלונגען, אַז ער זאָל אָנזאָטלען דאָס רייטערל און אַרויספאָרן אויף דער פרעריי אַ קוק טאָן וואָס די בראָנקאָס מאַכן. דעמאָלט פלעגט אַי פילן ווי עס קערט זיך אים איבער עפּעס אין מוח און עס הויבט אים אָן שווינדלען אין קאָפּ.

אָבער נאָך ערגער האָט אַי זיך געפילט ווען הילדנבערג האָט געזאָגט צו יאַנען, אַז ער זאָל אָנזאָטלען דעם אָגער און מיט אים אַרויסרייטן אויף „עקסערסייז״. אַי האָט געפילט, אַז ער וועט עס ניט אַריבערטראָגן.

ער האָט געמיינט, אַז ער איז דער איינציקער אויף דער וועלט, וואָס קאָן אַרויסנעמען דעם אָגער אויף „עקסערסייז״. און צום סוף איז דאָ נאָך איינער!

הילדנבערג האָט געזען, אַז אַי׳ען פאַרדריסט עס, האָט ער זיך מיט אים גערייצט:

— דעאַרטאַגנאַן האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שיין ניט אויסגעזען . . .

דאָס האָט געמיינט, אַז דער אָגער, דעאַרטאַגנאַן, זעט איצט, ביי יאַנען, בעסער אויס, ווי ביי אַי׳ען. און דאָס האָט אַי׳ען שרעקלעך וויי געטאָן. אָבער זיינע ליידן האָבן זיך ערשט פאַרצענפאַכט, ווען די אַרבעט פון אַרויסשלעפן די סלופּעקלעך האָט זיך געענדיקט און אַי איז שוין געווען פריי צו טאָן די אַרבעט אין דער היים.

מיטאַמאָל איז יאַן אויסגעוואַקסן און אים אַריבערגעוואַקסן. אַנשטאָט דעם, וואָס ביז דאַן האָט יאַן געדאַרפט פרעגן ביי אַי׳ען וואָס צו טאָן, איז איצט די לאַגע געוואָרן אַן אַנדערע. איצט האָט ניט נאָר יאַן ניט געפרעגט ביי אַי׳ען וואָס צו טאָן, נאָר ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט גאָר אַי געדאַרפט פרעגן ביי יאַנען וואָס מען דאַרף טאָן.

יאַן איז אויפגעשטאַנען זייער פרי, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער אינדרויסן, און האָט אַפילו אַי׳ען ניט אויפגעוועקט. ער האָט אויסגערייניקט די שטאַלן און אויסגעקעמט די פערד און זיי

אָנגעטרונקען . . . ערשט דאַן איז אַי אויפגעשטאַנען און איז אַרייַנ־געקומען אין שטאַל.

ווייסט ניט אַי צי די פערד זיינען שוין אָנגעטרונקען, צי ניט. ער נעמט זיך אויפבינדן אַ פערד, כדי אים צו פירן צום ברונען. ערשט — יאַן גיט אויף אים אַ געשריי:

— „אַ טי שאַ?" (וואָס טוסטו?)

— פירן צום וואַסער . . . — זאָגט אַי.

— „וושע נאַפּיוו" (שוין אָנגעטרונקען), — בייזערט זיך יאַן.

— „טאַק ראַנאַ ווסטאַל!" (אַזוי פרי אויפגעשטאַנען!) — שמייכלט אומשולדיק אַי.

— „אַ שאָ, טוט ספּאַטע פּרישאָוו?" (וואָס, איך בין דען דאָ גע־קומען שלאָפן?) — זאָגט יאַן בשעת ער יאָגט זיך אַרום איבער דער שטאַל, גלייך ווי ער האָט קיין צייט ניט.

— „יאַן, טאָ שאַ מיני טעפּער ראַביטע?" (יאַן, וואָס־זשע דאַרף איך איצט טאָן?) — פרעגט אַי, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט.

— „טי נאַדיוואַי סעדלאַ נאַ לאַשאַדקו" (טו אָן דאָס זאָטל אויפן פערד).

גייט אַי און וויל אָנזאָטלען דאָס פערדל, אויף וועלכן ער פאָרט אַלע מאָל.

צעשרייט זיך אויף יאַן:

— „סע קאַליעקאַ!" (דאָס איז אַ קאַליקע!) „דאַוואַי מיני טאָוואַ, קאַראָוואַאַ, זדאַראָוואַאַ". (גיב מיר יענעם קאַרן, געזונטן!) — און ער וויזט אָן אויף איינעם פון די געפערלעכסטע פערד אין שטאַל, וואָס איז גאָר קיין זאָטל־פערד ניט געווען. שטייט אַי מיטן זאָטל אין זיינע הענט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. געפילט האָט ער ווי צו וואַרפן יאַ־נען דאָס זאָטל אין קאָפּ אַריין, נאָר ער האָט זיך קאָנטראָלירט און איינגעהאַלטן אין זיך דעם צאָרן.

— „טאָ סע קאָן דורנעי אי ניע דליאַ סעדלאַ" (דאָס איז אַ פערד אַ משוגענער און איז ניט פאַר קיין זאָטל) — האָט אַי געזאָגט.

— „טאָ סע מאָיע דיעלאַ!" (דאָס איז מיין זאָרג!)

ווי שלעכט אַי האָט געפילט, האָט ער פונדעסטוועגן זיך מיישב געווען און איז געגאַנגען אָנזאָטלען דאָס קאַרע פערד. עס איז גע־ווען זייער אַ הויך פערד, מיט אַן אויסגערונדעטער נאַז, וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז ניט אַזאַ חכם. אַי האָט געוואָלט

אויף אים אַרויפֿלייגן דאָס זאָטל און ער האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן אונטערצושפּרינגען. אָבער איידער ער האָט געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן, איז שוין דאָס זאָטל געווען אויף אים. איז דאָס פֿערד, דער נאַר, געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל ער בייסן דאָס זאָטל, צי זאָל ער אַרויסשפּרינגען פֿון זיין אייגע־נער הויט.

אָבער נאָך איבערבייסן, ווען יאַן האָט דעם קאַרן פֿערד אַרויס־געפֿירט און זיך געוואָלט אויף אים זעצן רייטנדיק, האָט דער קאַרער געוואַרט ביז יאַן האָט זיך אויף אים אַרויפֿגעזעצט און דאַן מיט איין שפּרונג דעם בחור אַראָפּגעשליידערט פֿון זיך.

גראָד זיינען אַלע געשטאַנען אין דרויסן — הילדנבערג, מאַ־דזשי, אַי און אויך עלען, ווען יאַן איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן פֿונעם קאַרן פֿערד און איז געבליבן ליגן אויפֿן גראָז.

אַי איז צוגעלאָפֿן און אים אויפֿגעהויבן.

יאַן האָט זיך אָפּגעטרייסלט, גלייך ווי עס איז מיט אים גאָר ניט געשען, און איז צוריק צוגעגאַנגען צום קאַרן און אים אָנגענומען מיט רציחה ביים צוימל און אַרויף אויפֿן זאָטל. אָט די דאָזיקע פֿאַ־סירונג האָט אויפֿגעהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון יאַנען אין אַלעמענס אויגן. אַי אַליין האָט זיך אויך ניט געקאָנט העלפֿן פֿון ניט באַוואונ־דערן יאַנען פֿאַר זיין בראַווקייט.

און אָט אַזוי איז עס פֿאַרגעקומען, אַז יאַן איז געוואָרן דער דעה־זאָגער און אַי האָט געדאַרפֿט פֿאָלגן.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אַי איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגע־נער און זיך אַליין געגריזשעט פֿון אינעווייניק. ער האָט ניט געהאַט אַפֿילו פֿאַר וועמען זיך אויסצורעדן דאָס ביטערע האַרץ, חוץ עלענען. און פֿאַר עלענען האָט ער נאָך פֿריער קיינמאָל ניט געהאַט זיך אויף עפּעס געקלאָגט. נאָר פֿונדעסטוועגן האָט אַי באַשלאָסן ביי אַ געלעגנ־הייט איר אויפֿצודעקן זיינע צרות.

אַזאַ געלעגנהייט האָט ער געהאַט, ווען איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג זיינען הילדנבערג מיט מאַדזשין געפֿאָרן אין שטעטל.

יאַן איז אַוועקגעריטן מיטן אָגער אויף „עקסערסייז" און אַי איז געבליבן ביים הויז. ער האָט איצט געקראָגן אַ ביטערע אויפֿגאַבע, צו באַרייניקן די ערד אַרום דער שטאַל מיט אַ גראַבליע, און דערצו האָט אים נאָך יאַן דאָס געהייסן טאָן.

עלען האָט געוואָשן די דילן, ווען אַי איז אַריינגעקומען אין שטוב און זיך אַוועקגעזעצט.

— איך האָף, אַז איך שטער אייך ניט, — זאָגט אַי.

און כאָטש עלען האָט געפילט, אַז ער שטערט איר יאָ, ווייל זי האָט געמוזט אָפּטאָן אַ געוויסע מאָס אַרבעט ביז די באַלעבאָסטע ועט צוריקקומען, פונדעסטוועגן האָט עלען געזאָגט, אַז ער שטערט איר ניט. זי האָט שוין געזען, אַז דער בחור אַי האָט זאָרג און צרות אויף זיין נשמה. זי האָט אים מיטגעפילט און זי האָט געוואָלט הערן וואָס אים „קוועטשט" . . .

— וועל, עלען, מיר איז ניט גוט . . . — האָט אַי געזאָגט.

— ווּעמען איז דען יאָ גוט? — האָט עלען געפרעגט און אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט די אַרבל.

— דער יונג יאָן דערגייט מיר די יאָרן . . .

— „האַו איז דעט?" (ווי קאָן דאָס זיין?) דו ביזט דאָך דער הויפּט-אַרבעטער . . .

— ער האָט ביי מיר אויסגעכאַפּט . . . און עס זעט אויס, אַז הילדנבערג וויל אַזוי . . . איך גיב ניט קיין פּעני פאַר דער גאַנצער זאַך . . . אָבער עס איז מיר אַ וויטיק אין האַרצן . . . אָט וואָס!

— וועל, וועל, דאָס איז זייער נאַריש פון דיין זייט. נאָך אַלעמען, וועסטו דאָך לאַנג דאָ ניט אַרבעטן . . . — פּרובירט אים עלען אויס.

עלען האָט שוין דערשמעקט, אַז אַי וועט דאָ ניט בלייבן לאַנג. האָט זי געוואָלט וויסן, צי עס איז אַזוי.

— ריכטיק. איך וועל דאָ לאַנג ניט פאַרבלייבן.

— און חוץ דעם, וואָס בין איך צו דיר, וואָס איך מוז עס וויסן . . .

— האָט עלען פּלוצלונג געזאָגט.

— איך וויל זיך אַראָפּרעדן דאָס האַרץ . . . מיר איז אַ גרויס וויטיק, וואָס הילדנבערג רייצט אָן דעם נייעם בחור קעגן מיר. איך האָב אים באַהאַנדלט זייער גוט און איצט קאָמאַנדעוועט ער מיט מיר, ווי מיט זיינס אַן אַרויסהעלפער.

— „אַי לייק אים טו! . . ." — האָט עלען ווי אַרויסגעשאָסן.

— דו?! — איז אַי שיער ניט ווי פאַרשטיינערט געוואָרן.

— יעס! — נעמט זיך עלען צו דער אַרבעט, אַלס אַ סימן, אַז אַי מעג שוין אַרויסגיין.

אַי איז באַלד אַרויסגעגאַנגען אַ צעבראָכענער, אַן איינגעבויגענער אין צענטן.

אפשר איז ער דער אומגערעכטער?!

און וואָס איז דען פאַר אַ חילוק, וואָס פאַר אַן אַרבעט ער טוט דאָ?

און איז דען יאַן ניט פונקט אַזאַ מענטש ווי ער, און וואו שטייט עס געשריבן, אַז נאָר ער, אַי, איז דער אויסגעקליבענער צו רייטן אויף דער פּרעירי און זיך אָפּגעבן מיטן אָגער? אַי האָט זיך אַליין קריטי־קירט און זיך געמאַכט פאַרוואורפן פאַרוואָס ער איז אַזוי איינגעגלויבט אין זיך אַליין.

עס איז אים פון דעם געוואָרן לייכטער אויפן הארצן און ער האָט גענומען די גראַבליע און געמאַכט ריין אַרום שטאַל.

די ערד אַרום שטאַל איז שוין ניט גערייניקט געוואָרן פאַר יאָרן און דאָ האָבן זיך געוואַלגערט אַלערליי סאָרטן זאַכן: פאַרזשאַווערטע פּאַדקאָוועס פון פערד, צעבויגענע שרויפן, ציין פון שטאַל־גאָפּלען און בלעכענע שאַכטלען פון אַקסן־מאַזש. דאָס אַלץ איז געווען צוגעדעקט מיט שיכטן פון אַלטע שטרוי פון עטלעכע יאָר.

אַי האָט דאָס אַלץ צונויפגעשאַרט אין קופּעס און אונטערגעצונדן. דאָס אָרט האָט גאָר באַקומען אַ נייעם פּנים.

און ווען הילדנבערג איז געקומען אַהיים פון שטעטל און דער־זען דעם פּלאַץ האָט ער הנאה געהאַט, אָבער ער האָט עס ניט גע־וואָלט אָפּן צוגעבן.

אַי האָט געזען ווי עס שטייט זיין „קורס" דאָ מיט הילדנבערגן און ער האָט שוין געוואָלט זיך צערעכענען און אים איבערלאָזן, אָבער עס איז אים עפּעס ניט אָנגעשטאַנען צו קומען קיין ניו־יאָרק אינמיטן זומער. און ער האָט באַשלאָסן צו ליידן און שווייגן.

ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו געבן הילדנבערגן אַ „פּעיר פּלעי" . . . ער האָט פון איצט אָן און ווייטער ניט געטאָן קיין שום זאַך, סיידן יאַן האָט אים געהייסן. וואָס איז אים דער חילוק? זאָל יאַן זיין דער פאַרמאַן!

נײַנטער קאַפּיטל

יאַן איז געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס און דעה־זאָגער ביי הילדנ־בערגן אין שטאַל און אויף דער פּרעירי. אַי האָט נאָך אַלץ זייער געליטן דערפון, וואָס ער האָט געמוזט פאָלגן יאַנען, אָבער ער האָט געשוויגן.

אַ גאַנצע וואָך האָט יאַן מיט אַי׳ען קאָמאַנדעוועט ווי מיט אַ שיק־ייִנגל: — שפּאַן איין, שפּאַן אויס, גיב די פּערד היי, גיין, ניט אַזוי גיט מען זיי היי! . . . — און ער האָט געוויזן אַי׳ען ווי אַזוי ער וויל, אַז אַי זאָל געבן היי די פּערד . . .

און יאַן האָט זיך געהאַלטן אין איין שושקען מיט הילדנבערגן . . .

עס איז געווען אין אַ זונטיקדיקן טאָג. ביז יאַן איז אָנגעקומען, האָט אַי געדאַרפט אַרבעטן זונטיק אויך. איצט, אַז יאַן איז געוואָרן דער פאַרמאַן איבער דער פּרעירי, האָט אַי געוואָלט זיך אָפּרוען. ער האָט גענומען באַלד נאָך איבערבייסן אַ בוך „אינאָסענטס אַבראָאַד״ פון מאַרק טווין און איז אַוועק ווייט אויף דער פּרעירי און זיך אַוועקגע־לייגט לייענען. דאָס דאָזיקע בוך האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים, כדי אים דאָ איבערצולייענען, און עד היום ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אין אים אַריינצוקוקן.

עס איז געווען אַזאַ שיינער טאָג, מיט אַזוי פיל ליכט אויף די פעלדער, אַז עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן צו לייענען.

נאָר אַי האָט געפילט אַ טיפע דערנידעריקונג און באַליידיקונג: אַלץ האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן הינטן . . . האָט ער גע־פילט ווי זיך צו טרייסטן מיט אַ גוט וואָרט. און ביי מאַרק טווינען, האָט ער געוואוסט, איז דאָ די טרייסט, דאָס ליבע שמייכעלע . . .

ער האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעטאָן אין דעם בוך און געפילט ווי ער האָט אַראָפּגעוואָרפן אַלע שווערקייטן פון זיין נשמה. ער האָט געלייענט און זיך אָפּגערוט און פאַרמאַכט זיינע אויגן. און די זון איז געלעגן ווי אַ געטרייער הונט לעבן אים. און פויגעלעך זיינען געקומען און זיך אַוועקגעשטעלט און געקוקט אויף אים און אים צו־געזונגען, ווי זיי וואָלטן צו אים גערעדט . . .

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ געוואַלד פון הילדנבערגס הויז.

— וואָס איז דאָרטן געשען?! — האָט זיך אַי געוואונדערט.

און זיך אַליין צוריק געענטפערט: — זאָלן זיי זיך איינשלינגען איינס דאָס אַנדערע!

אָבער דאָס געשריי און געוואַלד האָט ניט אויפגעהערט און אַי האָט זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען זען וואָס דאָרט האָט געטראָפן.

ווען ער איז צוגעקומען צום הויז, האָט ער געפונען מאַדזשין מיט אַ שטעקן אין די הענט און מיט אַ רויט פּנים.

— וואָס איז געשען?! — האָט אַי זיך ביי איר נאָכגעפרעגט. זי

איז געווען די איינציקע, צו וועמען אַי האָט נאָך געפּילט אַ שטיקל פריינטשאַפט.

— איך האָב אים שיער ניט דערהרגעט! — האָט מאַדזשי געזאָגט מיט אַ סך שנאה אין איר שטים.

— וועמען? — האָט אַי געפרעגט.

— דעם דאַזיקן לויזיקן,ווילדן טרעמפּ, יאַנען! — שאָקלט מאַדזשי מיטן שטעקן זייער בייז.

אַי האָט אינסטינקטיוו געטאָן אַ צופרידענעם שמייכל.

— וואָס האָט ער אָפּגעטאָן? — האָט אַי פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן.

— דו וועסט ניט טרעפן . . .

אין אַ ווינקל פון קיך איז געשטאַנען עלען און געשיילט קאַר־טאָפּליעס. אַי האָט אויף איר אָנגעשטעלט זיינע אויגן, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז עפּעס איז מיט דעם מיידל ניט קיין גוטע זאַך געשען . . .

עלען האָט ניט געוואָלט אויפהויבן אירע אויגן צו אַי׳ען. זי איז געווען בלאַס ווי קאַלך, און איז, ווי אַי׳ען האָט זיך אויסגעוויזן, געוואָרן עלטער מיט צוואַנציק יאָר.

— וועל, וואָס איז דאָ געשען?! — איז שוין אַי געוואָרן אַביסל אומגעדולדיק.

— זאָל איך אים דערציילן? — ווענדט זיך מאַדזשי צו עלע־נען.

— ניין, פּליז, דערציילט ניט! — בעט זיך עלען מיט טרערן אין די אויגן.

— ער האָט זי פאַרגוואַלטיקט! — האָט מאַדזשי ניט געפאָלגט עלענען און דאָך דערציילט.

— יאַן?!

— ניט איך . . . — האָט מאַדזשי געזאָגט האַלב מיט בייזער און האַלב מיט גאַל.

— וואו איז „ער״, דער אוממענטש?! — האָט זיך אַי געלאָזט צו דער טיר.

— איך האָב אים אַרויסגעטריבן!

אַי איז פונדעסטוועגן אַרויס אים זוכן. אָבער פון יאַנען איז שוין קיין זכר ניט געווען. מאַדזשי איז נאָכגעלאָפן נאָך אַי׳ען און זי האָט אים אָנגעטראָפן ביי דער שטאַל.

— אומזיסט אייער זוכן. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב אים אַרויסגעטריבן, — זאָגט מאַדזשי צו אַי'ען.

— וואָס איז געשען?! — גלויבט זיך ניט אַי'ען די גאַנצע זאַך. אָט ערשט מיט אַ שעה איז ער אַוועקגעגאַנגען אויף דער פּרעירי און איבערגעלאָזט יאָנען אַ גאַנצן „מאַכער", און שוין זאָל ער איצט זיין אַן אַרויסגעטריבענער?

— וועל, די זאַך איז אַזוי געווען: איך האָב געשיקט עלענען גיין אויפּקלויבן אייער. איז זי אַרויף אויפן בוידעם פון שטאַל, ווייל זייער אָפט לייגן זיך די הינער אויפן בוידעם פון שטאַל, אין דעם היי. גייט זי אַרויף קלויבן אייער. און ווי זי קומט אַרויף, איז אויף איר אָנגעפאַלן יאָן און זי געגומען דישען אין היי . . . האָט זי אַנגעמאַכט אַ געוואַלד . . . פּלוצים הער איך ווי עלען שרייט ניט מיט אירע כוחות . . . לויף איך אַרויס און הער ווי דאָס מיידל שרייט נאָך הילף און ווייס ניט פון וואַנען דאָס געוואַלד קומט. האָב איך צוערשט געכאַפּט אַ שטעקן און בין געלאָפן אין שטאַל אַריין. ערשט איך דערהער, אַז דאָס געוואַלד קומט פון בוידעם. לויף איך מיט דעם לייטער אַרויף און קום אָן אויף אַזאַ סצענע . . .

מאַדזשי האָט זיך אַזש פאַרדעכעט בשעת זי האָט דערציילט, ווי זי וואָלט געטראָגן אַ שווערע משא. זי האָט זיך אָפּגערוט און אָפּגעווישט דעם שווייס פון איר פּנים און ווייטער דערציילט:

— דאָס אָרעמע מיידל ליגט טיף אין היי און דער טרעמפּ שטייט איבער איר און רייסט פון איר די קליידער . . . אָ, גאָט! . . . וואָס טוט זיך דאָ? איז עס דען ערגעץ אין אַ וואַלד אָדער אין דער וויסטעניש? איך האָב לאַנג ניט געטראַכט, נאָר מיטן שטעקן אים געגעבן איבערן קאָפּ, און ער וואַרפט זיך אויף מיר אויך, און איך בין דאָך דאָס איבערגעשראָקענע קינד . . . איך האָב מסתם אויך אָנגעמאַכט אַ געוואַלד און הילדנבערג איז שוין אויך געקומען אַרויף אויפן בוידעם און איך, מיט מיינע אייגענע הענט, האָב שוין דעם טרעמפּ געהאַט ווי אַ געבונדענעם אין היי און איך ווייס ניט פון קיינע זאַכן: איך שנייד מיטן שטעקן, וואו עס לאָזט זיך: אין קאָפּ, אין בויך, אין די פיס . . . אַזאַ בעסטיע . . . איך וואָלט אים כאַטש איבערברעכן רוק און לענד . . .

— ווען איך בין דאָ, דערשיס איך אים! — זאָגט אַי.

— דאָס וואָס איך האָב געוואָלט טאָן, נאָר הילדנבערג האָט מיך צוריקגעהאַלטן.

— אַ שאָד, וואָס איך בין דאָ ניט געווען! — איז אַי גרויסמו־טיק.

אָט אַזוי האָבן זיך אין איין קורצן פרימאָרגן פאַרענדיקט אַלע צרות ביי אַי׳ען. יאַן איז שוין דאָ מער נישטאָ!

און ווידער איז אַי געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס איבער דער שטאַל מיט פערד, איבער דעם אָגער און איבער דער פרעירי.

דער אָגער, דעאַרטאַגנאַן, האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט אַי׳ען. ווען אַי איז צו אים אַריין, נאָכמיטאָג, האָט דער אָגער אים באַגעגנט מיט אַ פריילעכן הירזשען: — הי־הי־הי! ווי איינער זאָגט: — איך בין צופרידן דיך צו זען!

דער אָגער האָט אים געקושט מיט די ליפּן, אין די הענט, אין פּנים אַריין און געזוכט אין אַי׳ס קעשענעס עפּעס צום נאַשן.

— אַן אַנדערש מאָל! . . . — האָט צו אים אַי געזאָגט.

ער האָט באַטראַכט דעם אָגער און געפונען אויף אים זייער אַ סך שטויב, און עס האָט זיך אַי׳ען אויסגעוויזן, אַז דער אָגער איז גע־וואָרן גראָ און אַלט.

ער האָט זיך באַלד גענומען קעמען און באַרשטן דעם אָגער און אים אַרויסגעפירט, כדי אים דורכצושפּאַצירן.

אַי האָט אַ גאַנצן זונטיק געאַרבעט אַרום דער שטאַל און גע־בראַכט אַלץ אין אָרדענונג און זיך ניט געקאָנט גלויבן, אַז יאַן איז שוין נישטאָ. ער האָט יעדע מינוט, ווען ער איז אַרויס אין דרויסן, דערוואַרט אים צו זען דאָ צוריק. ער האָט געקוקט צום וועג, אפשר וועט ער אָנקומען. עס האָט זיך אים בשום אופן ניט געגלויבט, אַז יאַן זאָל אַזוי גיך אָפּגעווישט ווערן . . .

הילדנבערג האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן אויג אויף אויג מיט אַי׳ען. דער אַלטער האָט ניט ליב געהאַט צו פאַרשפּילן. און דאָ, מיט יאַנען, האָט ער פאַרשפּילט . . .

אויף מאָרגן, מאָנטיק, האָט מען געזאָלט אַרויספאָרן גראָבן קוילן פאַרן ווינטער. און יאַן האָט זיך שוין געהאַט צוגעגרייט, ווי ער וואָלט גאָר ניט דערוואַרט אַזאַ ביטערן סוף . . . עס זיינען גע־שטאַנען די שטומע עדות: דער וואָגן, די צוויי שאָפלען, צוויי לאָמען און צוויי פּיק־אייזנס. זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָ איז געווען איי־נער אַ יאָט יאַן . . .

אַנשטאָט גראָבן קוילן, האָט הילדנבערג אַי׳ען געהייסן איינ־שפּאַנען און אַרויספליגן אויפן וואָגן אַן אַקער.

„אַ סורפּרייז! . . .״ — האָט אַי געטראַכט ביי זיך אַליין. — „ער וויל מיך איבעררעשן מיט זיין גוטסקייט!״ איצט האָט שוין הילדנבבערג ניט געקאָנט מערער אָפּנאַרן אַי׳ען. ער האָט אים שוין גוט געקאָנט. אַי האָט אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן אַן אַקער מיט אַ גלאָנציקן, שאַרפן מעסער און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן איינשפּאַנען, איז הילדנבבערג אַרויסגעקומען און זיך געזעצט, ווי זיין שטייגער, מיט די פיס אַראָפּגעהאָנגען צום הינטן פון וואָגן.

— וואוהין? — פרעגט ער הילדנבבערגן.

— צו דיין האָומסטעד . . . — בורטשעט אַרויס הילדנבבערג.

— „האַ, האַ, צו מיין האָומסטעד . . .״ — ענטפערט זיך אַליין אַי מיט אַן ענלעכן בורטשען.

אויף דער פרעירי האָט געבלאָזן אַ סעפּטעמבער־ווינטל. דער הימל איז געווען מאָדנע בלאָ און טיף און ווייסע וואָלקנדלעך האָבן געשוועבט אַן אַ ציל. די זון האָט מילד געוואַרעמט און די גראָזן זיינען געווען באַשפריצט מיט טוי און די טראָפּנס האָבן געלויכטן ווי טרערן אויף די פּנימער פון קינדער וואָס האָבן נאָר וואָס אויפגעהערט צו וויינען. דער וויס־גראָער שטויב אויפן וועג האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער די רעדער און אויפגעגאַנגען אין אַ זייל. די פערד האָבן געהאַלטן אין איין ניסן און פרייכן מיט די נאָזלעכער. אַי האָט אויף זיי אָנגעשריען און זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ. דאָס זיינען געווען הילדנבבערגס צוויי עלטסטע שקאַפּעס, שוין ווייס פון אַלטקייט, אָבער נאָך זייער שיינע צוויי פערד, שטאַרקע ווי לייבן און מען האָט מיט זיי נאָך געקאָנט איבערקערן די פרעירי.

אין אַ פּאָר צענדליק מינוטן, איז אַי אַרויפגעפאָרן אויף זיין האָומסטעד. הילדנבבערג איז אַראָפּגעשפּרונגען און געהייסן אַי׳ען זיך אויסקלויבן אַ שטיק ערד, וואו אויפצואַקערן די רוי־ערד.

אַי איז געווען אַביסל געפּלעפּט און אויפן אָרט ניט געוואוסט וואו אויסצוקלויבן דאָס שטיקל ערד. עס איז טאַקע דאָ געווען הונ־דערט מיט זעכציק אַקער ערד, אָבער דער גאַנצער האָומסטעד איז באַשטאַנען פון צוויי סקאָסנע בערג מיט אַ טיפן קעשענע־טאָל, און חוץ דעם זיינעןביידע בערג געווען פאַרוואַקסן מיט גרויסע שטיינער און מיט אַן אַ שיער קלענערע שטיינער. און דאָס ווילדע פרעירי־גראָז איז דאָ ניט געשניטן געוואָרן פון ששת ימי בראשית אָן . . . .

— וואו, דענקט איר, הער הילדנבבערג, וואָלט געווען גוט צו שטעלן אַ הויז? — האָט זיך אַי צו אים געווענדט.

— געוויינלעך, שטעלט מען אַ הויז הינטער אַ באַרג, — האָט הילדנבערג געזאָגט מיט אַ פֿאַרכמורעט פּנים.

— איך האָב דאָ צוויי בערג, — האָט אַי געלאַכט.

— ווערסטו שטעלן צוויי הייזער . . . — האָט הילדנבערג געמאַכט שפּאַס. שוין לאַנג, אַז אַי האָט אים ניט געזען אין אַזאַ גוט־מוטיקן צושטאַנד, ווי ער איז איצט.

— וואָלט ניט געווען בעסער, ווען איך שטעל אַ הויז לעבן דער ריטשקע? — פֿרעגט אַי. עס פֿילט זיך עפּעס קיין שום חשק ניט אין אַי'ס ווערטער, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט ניט גערעדט וועגן זיינס אַ זאַך, נאָר וועגן עפּעס פֿרעמדס.

— זאָל זיין ביים טייך, ווערסטו האָבן נאָענט דאָס וואַסער, — האָט הילדנבערג צוגעשטימט.

אַי האָט אַראָפּגענומען דעם אַקער פֿונעם וואָגן און אויסגעשפּאַנט די פֿערד פֿון וואָגן און זיי צוגעשפּאַנט צום אַקער.

— מאַך אַ ליניע באַרג־אַראָפּ, — האָט הילדנבערג געזאָגט.

אַי האָט קוים אויסגעקליבן אַ פּאַס ערד אָן שטיינער און אָנגעהויבן אַ ליניע. דער אַקער האָט גאָר ניט געוואָלט אַריינקריכן אין אָט דער אוראַלטער, פֿאַרהאַרטעוועטער ערד. אַי האָט דעם אַקער אויפֿגעשטעלט ווערטיקאַל און געהייסן די פֿערד רירן זיך פֿון אָרט. ערשט דאַן איז דער שפּיץ פֿון אַקער אַריינגעקראָכן אַביסל אין דער ערד און באַלד זיינען די טיפֿע גראָזן געפֿאַלן ווי אונטערגעשאָסענע. פֿון אָנפֿאַנג האָבן די צוויי ווייסע לייבן זיך צוגעכאַפּט, אָבער באַלד האָבן זיי דערפֿילט ווי שווער עס איז אויפֿצועפֿענען אָט די פֿאַרשטיינערטע ערד. איבערהויפּט איז געווען שווער צו צעשניידן די איינגעוואַקסענע וואָרצלען פֿון די טויזנט־יעריקע גראָזן.

הילדנבערג האָט דערווייל אַראָפּגענומען אַן אייזערנעם לאָם און אים פֿאַרוואָרפֿן אויף די אַקסל און איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ צו דער ריטשקע.

ער איז געקומען גיכער צו דער ריטשקע אײדער אַי האָט דערגרייכט מיטן אַקער. אין דער דאָזיקער ערד זיינען געלעגן אַן אַ שיער פֿלאַכע, שאַרפֿע שטיינער פֿון אַלערליי גרייסן. אָט די שטיינער האָבן געשטערט דעם אַקער אין וועג און אַלע מאָל האָט זיך דער אַקער אַרויסגעהויבן פֿון דער ערד, אַזוי אַז ניט נאָר האָט אַי געאַרבעט שווער דעם אַקער צוריק אַריינצוגראָבן אין דער ערד, נאָר

די ליניע האָט דערפֿון זייער שטאַרק געליטן. עס איז אַרויסגעקומען אַ ליניע אַ צעדרייטע, אַ קרומע.

אָבער ווי שווער עס איז ניט געווען פֿאַר אי׳ען באַרג־אַראָפּ, איז עס טויזנט מאָל שווערער אויסגעקומען צו גיין באַרג־אַרויף.

הילדנבערג האָט זיך גענומען מיטן לאָם צו דער אַרבעט.

— וואָס גייט איר מאַכן? — האָט אים אי געפֿרעגט.

— האָ, איך דענק, אַז דאָ וועט זיין גוט צו שטעלן דאָס הויז, וויל איך אויסגראָבן אַ גרוב פֿאַרן פֿונדאַמענט, — האָט הילדנבערג געענטפֿערט.

— „ווי גוט ער איז היינט! . . .״ — האָט אי געטראַכט. — „נאָך אַלעמען איז ער דאָך צו מיר אַ ווילד־פֿרעמדער, און העלפֿט מיר . . .״ אָבער אי האָט אויך געוואוסט פֿאַר וואָס דאָס אַלץ איז אַזוי . . . ער האָט געוואוסט, אַז הילדנבערג טוט ניט קיין שום זאַך אומזיסט . . . און וואָס דער פּרייז וועט זיין פֿאַר אָט דער אַרבעט, האָט אי ניט געוואוסט.

אַלנפֿאַלס, האָט אי „אויפֿגעריסן״ אַ לאַנגן פּאַס ערד איבער דעם באַרג, וואָס האָט זיך געהויבן צו דער מערב־זייט פֿון הימל. ער איז דורכגעגאַנגען צוואַנציק מאָל אַראָפּ און צוואַנציק מאָל אַרויף און הילדנבערג האָט אָפּגעשאַצט, אַז עס מוז זיין צוויי אַקער אָדער אפֿשר גאַנצע דריי . . .

הילדנבערג האָט דערווייל אַרומגעגראָבן אַ קאַנאַווע פֿון אַ פֿיר־עקעכיק שטיק ערד, וואו עס האָט געדאַרפֿט געשטעלט ווערן דאָס הויז, און געזאָגט:

— וועל, מיר וועלן עס רופֿן אַ טאָג אַרבעט!

— און נאָך וואָס פֿאַר אַ טאָג אַרבעט! — האָט אי צוגעגעבן.

— און איך „טשאַרדזשע״ דיר דערפֿאַר גאָרניט . . . — קוקט אים הילדנבערג גלייך אין די אויגן אַריין, גנביש, סמאַרט . . .

אי האָט זיך דערפֿילט זייער אומגליקלעך: — וואָס זאָגט מען אים?

— איך דאַנק אייך זייער! — האָט ער ענדלעך געפֿונען פֿאַר נויטיק צו זאָגן.

— איך דערוואַרט ניט קיין שום דאַנק. נאָ, סערי! הילדנבערג האָט פֿיינט, אַז מען דאַנקט אים!

— אָבער איר האָט דאָך געטאָן פֿאַר מיר עפּעס . . . — שמייכלט אי אומבאַקוועם.

— איך האָב דיר געוואָלט ווייזן, אַז דאָס איז הילדנבערג, ניט דער וואָס דו האָסט געמיינט . . .

אַי האָט דערפילט, ווי זיין פּנים איז געוואָרן רויט.

— יעדער מענטש האָט זיך זיינע שוואַכקייטן . . . — האָט אַי געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— דאָס איז וואָר . . . אָבער דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ מיינונג דו האָסט וועגן מיר? מיך קאָן קיינער אין דער וועלט ניט אָפּנאַרן . . . איך שמעק מיט דער נאָז . . .

אַ ווײַלע זיינען ביידע געשטאַנען און געשוויגן. הילדנבערג האָט געשטויסן דעם לאָם אין דער ערד אַריין און אַי האָט געקוקט ערגעץ טיף אין דער ערד צו זוכן דאָרטן אירע סודות.

— ווּעסט ערשט זען ווער הילדנבערג איז, וואַרט! איך וועל דיר העלפן בויען דאָס הויז און וועל דיר העלפן פאַרזייען ווייץ . . . נאָך אַלעמען בין איך אַן אמתער אַמעריקאַנער, און איך גלייך צו זען ווי אַ מענטש שטעלט זיך אויף זיינע אייגענע פיס . . .

— דאָס איז זייער שיין פון אייער זייט! — האָט אַי ענדלעך געזאָגט. — איך פאַרזיכער אייך, מיסטער הילדנבערג, אַז איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— אָט דאָס וועלן מיר זען! . . . — האָט הילדנבערג געזאָגט און אויסגעשפּיגן אין דער קרום.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקל צייט פאַר אַי׳ען, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער אין זיין לעבן. ניט נאָר איז דער האַרבסט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס אַי האָט אין זיין לעבן ניט געזען, נאָר די גאַנצע אַטמאָספערע האָט זיך געביטן.

דער האַרבסט איז אַוועק מיט פרימאָרגנס באַשפּריצט מיט וויי־סינקע פרעסטלעך. אין די דאָזיקע פרימאָרגנס האָט שוין אַי גע־טראָגן וואָלענע וועש און אַ שאָפּן־פעלצל מיט הענטשקעס. ער האָט גע־ריטן אויף זיין רייטערל אויף דער פרעריע, נאָך איידער די זון פלעגט אויפגיין.

די קאַיאָטן זיינען געגאַנגען אין סטאַדעס פון צען־צוועלף. אַ „זי״ קאַיאָט גייט פריער און די „ערן״ קאַיאָטן נאָך איר. און ווען זיי טרעפן זיך מיט אַי׳ען אויפן פערד, האָבן זיי פאַר אים ניט אַפילו קיין איין מינוט אויפמערקזאַמקייט. עס גייט זיי ניט אָן דער מענטש . . . צי ער איז זייער שטאַרקסטער שונא, צי ניט — איצט איז ביי זיי ליבעס־צייט . . . איצט שטייט אין וויכטיקע פראַגע ביי זיי:

— ווער וועט זיין דער גליקלעכער קאַוואַליער?!...

די זון גייט אויף. דער ברעג פֿון הימל איז רויט, קאַלעמוטנע רויט, ניט קיין קריסטאַליזירט רויט. זי גייט אויף פּונקט דאָרט, וואו צוויי בערג קומען זיך צונויף אין אַ זיג־זאַג. עס זעט אויס ווי אַ טיפֿער קלין אַריינגעשניטן צווישן צוויי בערג. דער קלין איז גרין און דאָס רויט פֿילט אויס דעם גרינעם דריי־עק. דאָס איז אַ געמעל, אויף וועלכן די נאַטור וועט באַלד אויסמאָלן דאָס גרויסע וואונדער פֿון אַ זון־אויפֿגאַנג.

אָט הויבט זיך עס אָן. עס קריסטאַליזירט זיך אויס אַ דינטשיק, רויט־פֿייערדיק פּאַסיקל. מיטאַמאָל ווערט ליכטיק אַרום און אַרום, ווי מען וואָלט אָנגעצונדן טויזנטער ליכט. עס דאַכט זיך אַי׳ען, אַז די גראָזן שעמען זיך, זיי הויבן אָן צו פֿלאַמען. זייער באַיאַרנטקייט דאָס ווייסע, ליזעוועט אָפּ, בליאַקעוועט און דאָרט אין גרינעם שניט קריכט אַ גרויס ליכט, אַ האַלב־רונדס, אַרויס ווי אַ ריז מיט הערנער און מיט אַ פֿייערדיקער צונג.

גיט אַי אַ טרייב אָן דאָס רייטערל. ער וויל זייער אָנקומען נאָענט צום אָרט. אָט,דאַכט זיך אים, וועט ער אַרויפֿפֿאָרן אויף דעם באַרג און ער וועט דערגרייכן ... אָבער ווען ער קומט אַרויף אויפֿן באַרג, איז ערשט זיין ציל אַזוי וויט ניט דערגרייכט ווי פֿריער, ווען ער איז געווען אין טאָל.

און נאָך איבערבייסן גראָבט ער קוילן ביי די פֿיס פֿון די בערג. ווי וואונדערלעך עס איז, אַז ווען ער גיט נאָר אַ קראַץ די ערד, איז שוין דאָ קוילן. און ווי די קוילן ליגן אין שיכטן, אַזוי ווי די שיכטן אין אַ בוים.

זאָגט טאָקע הילדנבערג, אַז דאָ איז מיט טויזנטער יאָרן צו־ריק געווען וועלדער און אָן ערד־ציטערניש איז געקומען און איבער־געקערט די ערד מיט די ביימער און פֿון די ביימער איז געוואָרן שטיין־קוילן.

און אָט געפֿינט אַי אַ סימן פֿון ביימער: אין דער פֿאָרם פֿון אַ בלאַט ליגט זיך באַהאַלטן אַ שטיק קויל. אָט זיינען נאָך דאָ די אָדערלעך אַזוי ווי אין יעדער בלאַט.

— „ניין, אַזאַ קויל־בלעטל איז גוט צו פּרעזערווירן״, — טראַכט אַי און ער נעמט עס אָן מיט זיינע הענט און וויל עס מיט גרויס פֿאָרזיכטיקייט אויפֿהויבן, אָבער דאָס בלעטל גיט זיך אַ צעשאָט ווי שטויב און עס בלייבט דערפֿון ניט מער ווי אַביסל קויל־שטויב ...

צענטער קאַפּיטל

אַי האָט אָנגעפּילט הילדנבערגס קוילן־שפּייכלער מיט קוילן און הילדנבערג האָט דערווייל אָנגעפּילט זיינע קעשענעס מיט די צאָלונגען און פּראָצענטן און פּראָצענטן אויף פּראָצענטן, וואָס די פֿאַרמערס האָבן אים געבראַכט אַלע טאָג.

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען קילע טעג מיט ווייסע וואָלקנס אויפֿן הימל און מיט פֿורן אָנגעלאָדענע מיט פֿאַרמערס, זייערע ווייבער און קינדערלעך, און מיט געשרייען און בייזער פֿון הילדנבערגס זייט.

עס האָט געטראָפֿן, אַז אַ פֿאַרמער האָט ניט געקאָנט באַצאָלן אַלץ וואָס הילדנבערג האָט געמאָנט. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַלס עדות זיין ווייב און קינדערלעך: אפֿשר וויל ער, הילדנבערג, וועט דער פֿאַרמער אים אַוועקגעבן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן . . .

הילדנבערג האָט געהאַט איין טענה: — מיר קענען אייך . . . אויב איצט, נאָכדעם ווי דו האָסט פֿאַרקויפֿט דיין ווייץ, האָסטו ניט צו באַצאָלן — ווען־זשע וועסטו קאָנען באַצאָלן? . . . איך וועל נעמען דעם שעריף און קומען צו דיר מיט אַ „פֿריינטלעכן" באַזוך . . .

און דער פֿאַרמער וויינט ממש מיט ביטערע טרערן: — מיסטער הילדנבערג, מיסטער .. . איך האָב ניט געהאַט קיין גערעטעניש . . . און פֿאַר דעם ביסל ווייץ וואָס איך האָב אַוועקגעפֿירט האָט דער „עלעווייטאָר" מיר ניט באַצאָלט, וויפֿיל עס האָט געהאַט די ווערט . . . און איך האָב געמוזט באַצאָלן פֿאַר עסנוואַרג און קעראָסין אין קראָם . . . און . . .

— גענוג! . . . „איט איז עי לאַט אָוו באָלאָני!" — האָט זיך הילדנבערג אויפֿן פֿאַרמער צעשריען.

אַי האָט אָנגעפּילט דעם קוילן־שפּייכלער און געהערט ווי אַזוי הילדנבערג שרייט אינעווייניק אין שטוב. און אים האָט זיך, אין דער פֿאַנטאַזיע, פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי דער פֿאַרמער שטייט מיט זיינע עדות, דאָס ווייב און קינדער, פֿאַר דעם אַכזר הילדנבערג . . . דער פֿאַרמער, וואָס איז, אָדער וואָס דאַרף זיין, דער שפּייזער פֿון דער וועלט, דאָס ערלעכסטע באַשעפֿעניש אויף דער ערד; דער, וואָס אַקערט און זייט און ווערט געוואַשן פֿונעם רעגן ביז צו די ביינער און בענטשט נאָך דעם רעגן, ווייל זיין ערד דאַרף האָבן פֿייכטקייט; דער, וואָס זיין הויט ווערט צעשפּאָלטן פֿונעם ווינט ביז בלוט און ער

בענטשט נאָך דעם ווינט, וואָס העלפֿט אים צו צעטראָגן די זריעה־קערנדלעך איבער אַלע ווינקעלעך פֿון זיין ערד; דער, וואָס שטייט־אויס אַלערליי צרות פֿון די אינזעקטן, ווערים און ווילדע חיות, וועל־כע פֿלאָדיען זיך אויף דער פּרעירי; דער, וואָס גיט דער גאַנצער וועלט ברויט, פֿלייש און פּרוכטן און האָט אַליין ניט קיין זאַט שטיקל ברויט און פֿאַרגינט זיך ניט צו שעכטן אַן עוף אָדער אַ קאַלב פֿאַר אייגענעם געברויך; וועלכער קאָן פֿאַר זיך אַליין ניט אָנגרייטן גענוג קאַרטאָפֿל, ציבעלעס, עפּל און ווייַנטרויבן, ווייל איידער ער קוקט זיך אַרום גייט אַריבער דער זומער און דאָס ביסל קאַרטאָפֿל מיט עפּל דאַרף פֿאַרקויפֿט ווערן, כדי צו האָבן אַ שוך און אַ קלייד פֿאַר ווייב און קינדער. און אַמאָל, זייער אָפֿט, קומען די ווערים און די חיות מיט די אינזעקטן און פֿרעסן אויף און פֿאַרווערימען די עפּל מיט די קאַרטאָפֿל, און דעמאָלט איז שוין נישטאָ ניט קיין שיך און ניט קיין קליידער און אויך ניט אויפֿן ווינטער אַ הייסע בולבע און אַ זויער עפּעלע צו דעם פּיסנע שטיקל ברויט . . . שטייט ער איצט, אָט דער דאָזיקער ערלעכער האָרעפּאַשניק, און וויינט מיט ביטערע טרערן, אַז הילדנבערג זאָל אויף אים זיך דערבאַרעמען און וואַרטן נאָך אַ יאָר — אפֿשר . . .

— „מעי־בי, וואַט?!" — שרייט הילדנבערג. — איבעראַיאָר ווּעסטו מיר שולדיק זיין צוויי מאָל אַזויפֿיל! . . .

— גאָט וועט געבן . . . — פּרוּווט דעם פֿאַרמערס ווייב.

— סאָ?! — לאַכט הילדנבערג ציניש. — ווילסט מיך נאַרן און שיקן אויפֿן הימל אַרויף קאָלעקטן דאָס, וואָס דו ביסט מיר שולדיק? . . . אָ, ניין, איך וועל זיך דורכפֿאָרן מיטן שעריף צו אייך . . .

און דעמאָלט קניען דער פֿאַרמער מיט זיין ווייב פֿאַר הילדנבערגן און זיין האַרץ ווערט ווייכער און ער נעמט צו ביי זיי אַלץ וואָס זיי האָבן געבראַכט, און פֿאַר זייערע אויגן, כדי צו ווייזן אַז ער איז ניט קיין פֿייקער, שטעלט ער אַרויף אויפֿן פֿאַרמערס קאָנטע נאָכאַמאָל אַזויפֿיל חוב . . . און דערמיט ענדיקט זיך איין טראַגעדיע . . .

דער פֿאַרמער פֿאָרט אַהיים אויף זיין האָומסטעד, וואו ער האָט אַ שטיבל, צען ביי אַכט פֿוס די גרויס, און אַ דאַך מיט לעכער און אַ שטעלכל מיט פֿאַרוויאַנעט פּרעירי־גראָז, איז דאָס אויך ניט גענוג פֿאַר די צוויי פֿערד אויפֿן ווינטער. און עס איז נישטאָ קיין קאַר־טאָפֿליעס און עס איז נישטאָ קיין שום ביסל פּרוכטן, כאָטש פֿאַר

די קינדערלעך. און עס איז נישטאָ קיין ווינטער־קליידער, און עס איז גאָרנישט ניטאָ. און הילדנבערג זאַמלט אָן גאַנצע אוצרות און פירט אַוועק קיין טיילאָר, אין דער באַנק אַריין.

ער האָט מורא צו געטרויען דעם קליינעם שטעטל טיילאָר אַזוי־פיל געלט. פירט ער אויך געלט אין גלאַדסטאָון. ער האָט אָבער אויך מורא צו געטרויען אַזויפיל געלט דעם קליינעם שטעטל גלאַד־סטאָן, פירט ער אויך געלט קיין דיקינסאָן.

און ער איז פריילעך. אים איז גוט. די פרעירי גיט אים אַ סך ווייץ און קאַרטאָפל, און אויב ער דאַרף פלייש, קויפט ער אַ גאַנצע זייט פון אַן אָקס און הענגט עס אויף אויף אַ טשוואָק אין דעם קוילך־שפייכלער און ווען מען דאַרף, שניידט מען אָפּ אַ שטיק ריפּ.

הילדנבערגן איז אַזוי פריילעך, אַז ער ברענגט צופירן פלעשער „מונשיין" און טרינקט זיך אָן, ביז ער ווערט שיכור. און אַז ער ווערט שיכור, נעמט ער זיך קריגן מיט מאַדזשין.

דאַסמאָל האָט הילדנבערג געבראַכט אויך אַ בריוו פאַר אי׳ען פון זיינע עלטערן.

אַי האָט איבערגעלייענט דעם בריוו. דער פאָטער שרייבט, אַז ער האָט געקויפט אַ פאַרם אין קאָנעטיקוט, פון צוויי הונדערט אַקער לאַנד. און דער פאָטער דערוואַרט אים צו קומען וואָס גיכער אַהיים.

אַי איז געבליבן שטיין אַ פריטשמעליעטער פון דער נייעס, אַז זיין פאָטער האָט געקויפט אַ פאַרם.

וואָס וועט ער איצט טאָן?

זאָל ער איבערלאָזן דעם האָומסטעד און פאָרן אַהיים?

און וואָס זאָל ער זאָגן הילדנבערגן? עפּעס איז אים ניט געווען אנגענעם צו זאָגן הילדנבערגן, אַז ער וויל פאָרן אַהיים. כאָטש, צוריק־גערעדט, וואָלט ער עס געדאַרפט טאָן; זיך כאָטש אָפּרעכע־נען מיט אָט דעם אַכזר, ווי ער פאַרדינט . . .

אָבער איצט איז הילדנבערג גראַד שיכור און מאַדזשי ווײנט מיט בלוטיקע טרערן . . . און ער גייט אַרום מיט אַ בלויער נאָז פונעם „מונשיין" און טשעפּעט זיך צו יעדער קלייניקייט און פאַלט פון די פיס, און אַז מען הויבט אים אויף, שרייט ער דערנאָך, אַז די ערד איז אַ „גאָדעם־גוד־פאַרנאַטינג!" . . . זי איז קיילעכיק און עס איז אוממעגלעך אויף איר צו שטיין גלייך . . .

עס איז שוין די לעצטע טעג אין סעפּטעמבער. עס טראָגן זיך

ווינטן און ברענגען אויף זייערע פֿליגלען די ערשטע פֿליטערלעך פֿון שניי. עס קאָן שיינען די זון אין איין אָרט און באַלד אויפֿן צווייטן אָרט זאָל פֿלאַטערן אַ שנייעלע אַ פֿאַרבלאָנדזשעטס און זיך ניט ווילן לייגן אויף דער ערד, נאָר אַזוי פֿלאַטערן אין דער לופֿטן און כאַפּן אַ ברי פֿון דער זון און ניט־ווערן . . .

הילדנבערג איז ניכטער געוואָרן. ער איז איצט גוט ווי אַ שטיקל צוקער־לעקעך, וואָס אַן אָרעמאַן כאַפּט אויף אַן אָרעם־מאַלצייט אין אַ גביריש הויז . . . ער שטשירעט מיט זיינע פֿאַר־פֿוילטע ציין און רעדט מיט אַי'ען וועגן די ווינטערדיקע פּלענער.

— מיר האָבן צופֿיל אומזיסטיקע פֿרעסער דאָ אין שטאַל, — זאָגט הילדנבערג. — לאָז איבער פֿיר־פֿינף פֿערד דאָ אין שטאַל און די איבעריקע פֿיר אַרויס אויף דער פּרעירי . . . זיי עסן מיר אָפּ דעם קאָפּ . . .

אַי קלויבט אויס פֿינף פֿערד און די איבעריקע פֿירט ער אַרויס אויף דער פּרעירי. ער פֿירט אויך אַוועק דאָס רייטערל אויף דער פּרעירי.

הילדנבערג זעט, אַז אַי פֿירט אַוועק „דזשעקן", דאָס רייט־פֿערדל, אויף דער פּרעירי, און ער זאָגט:

— אים ווילסטו דאַרפֿן דאָ אין שטאַל.

— איך וועל אים ניט דאַרפֿן! — ענטפֿערט אַי.

— וואָס מיינסטו?!

— ווייל איך פֿאָר אַהיים, — זאָגט אַי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— אַהיים? וואו? — פֿרעגט הילדנבערג.

— אין דער איסט, — זאָגט אַי.

— און וואָס וועט זיין מיט דיין האָומסטעד? — מאַכט זיך הילדנבערג אַ געלעכטער, ווי עס וואָלט אים גאָר ניט געאַרט; אַי־נעוויניק האָט עס אים, אָבער, געטאָן אַ ריס אין דער זיבעטער ריפּ. — וואָס וועט זיין מיט דיין האָומסטעד?

— מיין פֿאָטער האָט געקויפֿט אַ פֿאַרם פֿון צוויי הונדערט אַקער.

— „סאָ וואָט?"

— פֿאָר איך אַהיים צו באַאַרבעטן די ערד.

— ווילסט מיך איבערלאָזן?

— איך וועל מוזן . . .

— דאָס איז זייער נאַריש, — שטשירעט הילדנבערג מיט זיינע פאַרפוילטע ציין.

— עס קאָן זיין, אַז עס איז נאַריש, אָבער איך מוז אַהיים פאָרן.

— ניט עס קאָן זיין, נאָר עס איז זיכער נאַריש, — זאָגט הילדנבערג מיט גרימעניש. — אָט, האָט מיך מיין אייגענער זון איבערגעלאָזט מיט אַזויפיל טויזנטער אַקער לאַנד און דו פאָרסט אַהיים צו דיין פאָטער, ווייל ער האָט געקויפט צוויי הונדערט אַקערלעך . . . הער אויס, זיי ניט, ווי די אינדיאַנער זאָגן, אַ מענטש מיט ווייבע פיסעלעך, לאָז דאָס רייטערל שטיין אין שטאָל . . . מיר וועלן זיך נאָך איבערדענקען . . . ניט געאיילט . . .

האָט אַי צוריק אַריינגעבראַכט דאָס רייטערל, „דזשעקן", אין שטאָל אַריין, אָבער דאָס פּראָבלעם מיט זיין אַהיימפאָרן איז ניט אַזוי גרינג געלייזט געוואָרן.

ווערליק דער פאָטער שרייבט, וואָלט ער זיך באַלד געדאַרפט אויפזעצן אויף דער באַן און פאָרן אַהיים. אָבער אַי קאָן ניט ביי זיך באַשליסן איבערצולאָזן הילדנבערגן אָן אַ מענטשן. ער וועט וואַרטן ביז הילדנבערג וועט קריגן אַ מענטשן און דאַן וועט ער פאָרן.

דערווייל איז הילדנבערג אַריין צו מאַדזשין און דערציילט איר די נייעס, אַז אַי פאָרט אַוועק אַהיים.

— וואָס דענקסטו וויל מיר אָט דער „שיני" אָפּטאָן? ער וויל מיך איצט, אַקעגן ווינטער, איבערלאָזן אָן אַ מענטשן . . .

— איז דאָס אמת?! — האָט זיך מאַדזשי ניט געקאָנט גלויבן.

— יאָ. ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט . . . גיי פאַרלאָז זיך אויף זיי . . . — האָט זיך הילדנבערג געקראַצט אין קאָפּ און זיך געדרייט אין אַ ראָד אַרום זיך. — וואָס וועל איך איצט טאָן? הער אויס, מאַדזשי, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט אים רעדן. דו ביסט אַ פרוי און דו קאָנסט אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל דאָ בלייבן.

— איך וועל טאָן דאָס בעסטע, — האָט מאַדזשי געזאָגט.

עלען האָט אונטערגעהערט, אַז אַי וויל פאָרן אַהיים, און עס האָט איר געטאָן אַ טיאַכקע אין האַרצן. צי פאָרט ער ניט אַוועק דערפאַר, וואָס עס האָט פּאַסירט דער צופאַל מיט יאַנגען? . . . זי האָט אים אָפּט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אָט דעם בחור אַי'ען, אַז זי האָט געפילט, אַז זי וועט אים קיינמאָל ניט פאַרלירן . . . עס איז אָבער אויך געווען מאָמענטן, ווען זי האָט צו אים געפילט אַ גלייכ־

גילטיקייט און זי האָט דאַן געוואָלט, אַז ער זאָל זיין ווייט, ווייט פֿון איר . . .

— „אפֿשר איז בעסער, אַז ער זאָל אַוועקפֿאָרן?״ — האָט עלען געטראַכט. — סיי ווי סיי איז זי שוין ניט געווען קיין רואיקע. זי האָט אין יענעם טאָג געבראָכן טעלער און שיער ניט רואינירט די זופּ, ווייל זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס זי טוט — אַזוי צעטראָגן איז זי געווען.

מאַדזשי איז געווען אַ סך עלטער פֿון עלענען, און דאָך האָט זי זיך ניט געקאָנט קאָנטראָלירן. ביי איר איז דער פּאַי היינט פֿאַר־ברענט געוואָרן. ווי האָט זי געקאָנט ניט פֿאַרברענען דעם פּאַי, ווען זי האָט אַ גאַנצן אינדערפֿרי גערעדט צו זיך אַליין?

— איך וועל פֿאָרן מיט אים . . .

— ווי אַזוי וועל איך זיך אַנוואַרפֿן אויף אַ יונגנמאַן? . . .

— איך וועל אים שענקען מיין האָומסטעד . . .

— „גאָד־אָות!״ . . . ווי קאָן עס זיין? ער איז יונג און איך בין אַלט! . . .

— כאַ . . . כאַ . . די וועלט וועט לאַכן פֿון דער דאָזיקער אידייע . . .

— „אַי שוד וואָרי!״ . . .

— „פּור״ הילדנבערג! . . . ווער וועט דיך קראַצן אין די פּיאַטעס? . . .

— ניין! . . . איך קאָן ניט זיין אַזוי שלעכט! . . . איך וועל עס ניט קאָנען טאָן . . מ׳דאַרף האָבן מוט אַזאַ זאַך צו טאָן . .

— און אַז הילדנבערג וועט אין איין שיינעם טאָג זיך אָנטריני־קען און מיך דערשיסן?

— זאָל ער נאָר פּרוּוון דאָס טאָן! . . .

— עס וועט ניט גיין! אַי מוז דאָ בלייבן! . . . זי וועט ניט קאָנען מער אַריבערטראָגן די איינזאַמקייט אָן אַי׳ען . . . ווען ער איז דאָ, איז כאָטש גוט, ווען זי גיט אַ קוק אויף אים . . . די פּרעירי איז גרויס און ליידיק און אַפֿילו פֿויגלען פֿליען פֿונדאַנען אַוועק ווען דער ווינטער קומט . . .

— זי וועט אויך אַוועק! . . .

אָט אַזוי האָט זיך מאַדזשי אויסגעטענהט מיט זיך אַליין.

און ערשט אין אָוונט, נאָך וועטשערע, האָט זי געזאָגט צו אַי׳ען, אַז זי וויל זיך מיט אים דורכגיין. זי האָט שוין איצט זיך ניט געהיט

פֿאַר איר מאַן. הילדנבערג האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מאַדזשי וויל מיט אַ״ען רעדן וועגן זיין באַשלוס.

מאַדזשי מיט אַ״ען זיינען אַוועק ביז צום וועג. עס איז שוין געווען גוט קיל און זי האָט אויף זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן איר דיקן שאַל. אַי האָט געטראָגן אַ שאָפֿן פּעלצל. דאָס גראָז איז געווען טרוקן און זיך געבראָכן אונטער די פֿיס. דער הימל איז געווען טיף־בלוי און אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן.

זיי זיינען אַרויס פֿון טויער און געגאַנגען אויפֿן אַלגעמיינעם וועג. דער דאָזיקער וועג איז געווען דער איינציקער באַלייכטער אין דער פֿינצטערניש . . . ער האָט גערופֿן און געצויגן צו גיין ווייטער און ווייטער . . .

מאַדזשי האָט גענומען אַ״ען אונטערן אָרעם און אים צוגעצויגן צו זיך און געזאָגט:

— איז דאָ איצט ניט וואונדערבאַר?

— עס איז אַלעמאָל שיין אויף דער פּרעירי, — ענטפֿערט אַי.

— איר מיינט עס אויף אַן אמת?

— דאָס איז מיין אויפֿריכטיקע וואָרהייט.

— ווי באַלד אַזוי — פֿאַרוואָס־זשע ווילט איר פֿון דאַנען אַוועקגיין?

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך וויל? איך מוז . . . איך מוז — חזרט אַי איבער צוויי מאָל זיינע ווערטער. — מיינע עלטערן פֿאָדערן מיך . . .

— איר גיט זיך אַוועק איינגאַנצן פֿאַר זיי . . . — האָט מאַדזשי געזאָגט.

— איך וויל זיי באַוואָרענען אַקעגן דער עלטער.

— דאָס איז זייער פֿיין . . . אָבער איר פֿאַרגעסט דערווייל אין זיך אַליין. און האָט איר געטאָן אַ טראַכט, אַז דאָס לעבן האָט אָנגעגרייט פֿאַר אייך אַ מאַסע פֿרייד . . .

— איך האָב קיין צייט ניט געהאַט דערפֿון צו טראַכטן.

— דאָס איז אַ פֿאַרברעכן . . . ווען דאָס לעבן שטייט הינטער אייערע פּלייצעס און שמייכלט צו אייך און איר אַנטלויפֿט און ווילט זיך אַפֿילו ניט אומקוקן, איז, נאָך מיין מיינונג, פֿון אייך אַ פֿאַרברעכן.

— איך גיב־צו . . . איך קאָן אָבער ניט אַנדערש.

זיי זיינען געגאַנגען אַ ווײַלע שווייגנדיק. דער וועג איז וואָס

אַמאָל ליכטיקער געוואָרן. אַ ווינט האָט געבלאָזן פֿון נאָרט־וועסט און עס האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פֿון אַן איינזאַמען קאָיאָט פֿון ערגעץ ווייט.

מאַדזשי האָט זיך געשלאָגן מיט אַלע אירע קרעפֿטן, זיך ניט אַרויסצוגעבן . . .

— מיר זיינען שוין פֿאַרגאַנגען צו־ווייט, — זאָגט אַי און וועקט־אויף דעם גאַנצן אַרום מיט זיין געזונטער טענאָר־שטים.

— וואָס האָט איר מורא? . . . איר גייט דאָך מיט מיר . . .

— זאָגט מאַדזשי מיט אַ שטים, וואָס קומט צו פּרויען, ווען זיי דער־פֿילן, אַז דער מאָמענט איז געקומען צו זיין מוטערלעך. — און ווייסט איר, אַז איך בין ניט גלייכגילטיק צו אייך?

— איר — צו מיר?! — גיט זיך אַי אַ כאַפּ . . .

— יעס! איך צו אייך . . .

— דאָס איז . . . — האָט אַי ניט געקאָנט געפֿינען קיין ווער־טער. — ווי אַזוי קאָן איך עס דערקלערן?

— גאַנץ פּראָסט: אַן אומגליקלעכע זעל ווי איך בין, האָב איך געפֿונען אין אייך אַ גרויסן אינטערעס . . . — איז מאַדזשין אויך שווער צו געפֿינען ווערטער.

— דאָס איז אינטערעסאַנט! — זינגט אויס אַי און דער ווינט כאַפּט אויף זיין שטים און צעטראָגט עס איבער דער פּרעירי און שטיקלעך פֿון די קלאַנגען ווערן פֿאַרזייט און באַהאַלטן אין דער ערד.

— איצט ווייסט איר שוין, פֿאַרוואָס איך וויל, אַז איר זאָלט ניט אַוועקפֿאָרן? — טריאומפֿירט מאַדזשי.

— אָבער, „מאַי דיער, דיער ליידי״, איך וועל מוזן פֿאָרן.

— איצט, נאָכדעם ווי איר ווייסט אַלץ, מעגט איר פֿאָרן. אַן אַלטער נאַר קאָן אַמאָל מאַכן אַ טעות. וועל איך וויסן, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות . . .

באַלד נאָכדעם האָט מאַדזשי פֿאַרקערעוועט אויף צוריק־וועג. זיי זיינען געגאַנגען אַהיים שווייגנדיקע. און ווען זיי זיינען געקו־מען אַהיים, האָט שוין אין קיך ניט געברענט דער לאָמפּ. דאָס האָט געמיינט, אַז עלען שלאָפֿט שוין.

אָבער עלען איז נאָך ניט געשלאָפֿן. זי איז געלעגן אויף דעם האַרטן טאַפּטשאַן מיט אָפֿענע אויגן. און אַזוי איז זי געלעגן, כמעט, די גאַנצע נאַכט אַ וואַכע און געטראַכט פֿון איר לעבן. עס איז גע־

ווען כמעט דאָס אייגענע, וואָס זי האָט אַלעמאָל געטראַכט: פּרעי־ רי . . . אָרעמקייט . . . וויפיל יאָר זי וועט נאָך דאַרפן אָפּאַר־ בעטן ביי הילדנבערגן פאַר די צוויי פערד, וואָס איר פאָטער האָט געקויפט . . . וועגן אי׳ען האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צו פאַר־ געסן . .

אַי האָט פאַרשפּאָרט אויפצושטיין אינדערפרי, ווייל ער איז אויך געווען וואַך אַ גאַנצע נאַכט . . . ער איז געשטאַנען ביים פענ־ צטער און געקוקט אויף דער דערשיינונג אין דעם צפונדיקן האָריזאָנט — דאָס נאָרטערלעכע ליכט . . . גרויסע פאַסן ליכט פון דעם קאָליר, וואָס מען קאָן זען אין רעגנבויגן, זיינען געלאָפן פּאַראַלעל פון הימל ביז צו דער ערד. עס האָט אויסגעזען פונקט ווי עס וואָלט זיך דאָרטן אָנגעצונדן די פּרעירי, אָדער סטויגן שטרוי וואָלטן גע־ ברענט. דער הימל איז געווען רויט, גרין, אַלבאַסטער־בלוי, געל און גרין געמישט און אָראַנזש־גרין געמישט, און אויף אַ שטרעקע, ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט קוקן, האָט זיך געהויבן אַ פייער, אַ וואונדערלעך ליכט, און עס איז געווען קאַלט און עס איז געווען וואָרעם און עס האָט גערופן און אויך געטריבן. און אַי איז גע־ שטאַנען אין פענצטער און באַוואונדערט דאָס דאָזיקע ליכט און אַריינגענומען דאָס שיינקייט אין זיין זכרון, און דאָרט, אין זכרון, פאַרקריצט צום געדענקען, דאָס קאַלט־וואַרעמע ליכט, דאָס וואָיען פון קאָיאָטן, און דאָס איינזאַמקייט פון זיין נשמה . . .

ער איז אַראָפּ גאַנץ פרי, כדי צו טאָן זיינע „טשאָרס״ אין שטאַל.

הילדנבערג האָט שוין געוואוסט, אַז מאַדזשי האָט ביי אַי׳ען ניט געפועלט, און באַלד נאָכן איבערבייסן האָט ער געהייסן אַי׳ען איינשפּאַנען פערד־און־וואָגן און אַרויפלייגן סלופּקעלעך און כלים מיט עטלעכע בינט שטעכיק דראָט.

— אַלט דראָט? — האָט אַי געפרעגט.

— ניין, ניי דראָט . . . ווער וועט זיך באַדערן מיט אַלט דראָט? . . .

אַי האָט אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן סלופּקעלעך און עטלעכע קלעצלעך מיט אָנגעוויקלט דראָט. און הילדנבערג מיט אים זיינען אַרויסגעפאָרן אויף דער פּרעירי, כדי צו באַוואָרענען די פּלויטן אויפן ווינטער.

— איך האָף, אַז דו וועסט נאָך בייטן דיין מיינונג, — האָט

הילדנבערג צו אים געזאָגט. — גיב אַ קוק, וואָס דו ווערסט אָן. ערשטנס, האָסטו אַ גוטע שטעלע. דו פֿאַרדינסט פֿערציק דאָלאַר אַ חודש. צווייטנס, האָסטו אַ גוטע היים . . . דיר פֿעלט גאָר נישט . . . און דריטנס, אויב דו וועסט דאָ אָפּזיין פֿינף יאָר, וועט דיין האָומסטעד זיין דיינער און דו וועסט ביי מיר קריגן פֿינף טויזנט דאָלאַר קעש פֿאַר דיין לאַנד. אָדער, אויב דו וועסט וועלן, וועל איך זיך מיט דיר בייטן און דו קאָנסט זיך אויסקלויבן דאָס בעסטע שטיקל לאַנד אויף מיין פּרעירי, וואו עס איז נעענטער צום שטעטל . . . טראַכט עס איבער . . .

זיי זיינען צוגעפֿאָרן צו אַ טאָל, וואו הילדנבערג האָט אַ״ען גע־הייסן בלייבן שטיין.

— אָט דאָ וויל איך ציען אַ פּלויט . . . — האָט הילדנבערג געזאָגט. — זיי גייען דאָ־אַרומעט איבער מיין לאַנד, אין סקול אַריין, און איך וויל ניט, אַז מען זאָל גיין איבער מיין לאַנד . . .

די פּראָצעדור פֿון ציען אַ פּלויט איז אַזוי געגאַנגען: מען האָט פֿריער אַריינגעשטעלט סלופּעס און דערנאָך אַרויפֿגעצילעוועט אַ קלעצל מיט דראָט אויף אַן אייזערנעם פּיק און אים צוגעפֿעסטיקט איבער דער ברייט פֿון וואָגן. דערנאָך דעם עק פֿון דראָט צוגעקלאַפּט מיט אַ שטאָפּל צו דעם ערשטן סלופּ. און דאַן האָט אַ״י געטריבן די פֿערד און דאָס קלעצל מיט דראָט האָט זיך געדרייט אויפֿן פּיק.

הילדנבערג איז נאָכגעגאַנגען און דערווייל צוגעקלאַפּט דאָס דראָט צו די סלופּעקלעך.

אַלץ איז געגאַנגען ווי געשמירט ביז עס האָט געטראָפֿן, אַז עס האָט זיך געענדיקט דאָס דראָט אויפֿן קלעצל. און אַ״י האָט עס ניט באַמערקט אין צייט און געטריבן די פֿערד, און דער עק פֿונעם דראָט האָט געטאָן אַ שפּרונג פֿונעם קלעצל און האָט מיט אַ סווישטש געטאָן אַ בייטש אַרום הילדנבערגן.

— „אָ, יו דוירטי שיני!״ . . . — האָט הילדנבערג געטאָן אַ געשריי, ווייל דאָס דראָט האָט אים צעדראַפּעט דאָס פּנים.

אַ״י האָט דערפֿילט, ווי הילדנבערגס ווערטער האָבן אים געטאָן אַ גיפֿטיקן ביס. ער האָט אָפּגעשטעלט די פֿערד און איז אַראָפּ פֿונעם וואָגן:

— וואָס האָסטו געזאָגט?!

— איך האָב געזאָגט, אַז דו ביסט אַ „דוירטי שיני!״ . . .

— האָט הילדנבערג געשיפּעט מיט האַס און זיך געווישט דאָס בלוט

פֿון פּנים און זיך ניט געקאָנט אויספּלאָנטערן פֿון דעם שטעכיקן דראָט.

אַי איז צו אים צוגעשפּרונגען און אים אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט אַרום האַלדז און מיט אים געגומען טרייסלען.

—נעם צוריק דיינע שמוציקע רייד, — אַניט וועל איך דיך דערוואַרגן! — האָט אַי געשריען.

— לאָז מיך פֿריי . . . אַניט וועל איך דיך דערשיסן ווי אַ הונט! . . .

אַי האָט מיט אים געטרייסלט און געפֿילט ווי זיין גאַנצער קערפּער קילט זיך פֿון נקמה, ניט נאָר פֿאַר באַליידיקונג, נאָר פֿאַר דער דורות־לאַנגער באַליידיקונג פֿון זיין שטאַם . . .

הילדנבערג האָט שוין ניט געקאָנט מער שרייען. ער האָט גע־כריפּעט. זיין רויט געזיכט איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך. אַי האָט זיך באַדענקט און דערשראָקן: — „אָ, גאָט, איך וויל ניט דער־הרגענען קיין מענטשן! . . .“ — ער האָט אים פֿרייגעלאָזן און אים איבערגעלאָזט און איז אַוועק צו דער ריכטונג פֿון הויז.

הילדנבערג האָט אים נאָכגעשריען:

— איך וועל דיך דערשיסן ווי אַ הונט!

עלפֿטער קאַפּיטל

אַי איז געגאַנגען צוריק אין הויז אַריין אַ באַליידיקטער, אָבער מיט אַ הויכן קאָפּ און מיט אַן אָנגעצויגענער ברוסט. ער האָט גע־שפּאַנט איבער די האַלב־פֿאַרטריקנטע גראָזן מיט שווערע טריט און יעדע ווײַלע זיך אָנגעבויגן און אויסגעריסן אַ זשמוט מיט גראָז און געטאָן אַ וואָרף אין דער לופֿטן.

ער איז אַרייַנגעקומען אין קיך און די מאַדאַם הילדנבערג איז ניט געווען.

— וואו איז מאַדזשי? — האָט ער געפֿרעגט עלענען. אין דעם טאָן פֿון זיין פֿרעגן האָט שוין עלען דערקענט, אַז עס איז עפּעס גע־שען.

— וואָס איז פֿאַרגעקומען? — לויפֿט אים עלען אַנטקעגן.

— איך פֿאַרלאָז אים, דעם אַלטן הונט! — האָט אַי געזאָגט, ניט אויסטוענדיק זיין הוט.

— מאַדזשי איז געגאַנגען אויף יאַגד, — זאָגט עלען מיט אַ

שוואַך קול, ווי זי וואָלט זיך געקליבן באַלד צו פֿאַלן אין אונמאַכט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם ברעג פֿון אויוון. — וואָס איז געשען ? !

— דו ביסט נאָך צו יונג צו פֿאַרשטיין . . . הער אויס, דער אַלטער הונט האָט מיך געוואָרנט, אַז ער וועט מיך דערשיסן . . . ער קאָן ווען דורכפֿירן זיין וואָרענונג . . . גיב מיר אַהער אַ ביקס.

עלען האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַרויס אין דרויסן און אָנגעהויבן צו שרייען :

— מאַ־ד־זשי ! . . .

אַי איז אַרויף צו זיך אין בוידעם־שטיבל און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען זיך אַריינצוּוואַרפֿן אין בעט. ער איז געלעגן אויסגעשטרעקט מיטן פּנים אַרויף צו די קראָוועקעס און ניט געקאָנט איינצוּימען זיין אינערלעכן אויפֿברויז. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז עמיצער זאָל אים אַזוי באַליידיקן, ווי הילדנבערג האָט עס געטאָן. און נאָך וואו ? דאָ אין אַמעריקע ! . . . אין דעם לאַנד, וואו ער האָט געמיינט, אַז דאָ האָבן אַלע יידן געפֿונען אָן אָרט, וואו זיי קאָנען זיך אויסלעבן, ווי פֿרייע מענטשן . . .

ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בעט און אָפּגערוקט זיין וואַליז און אים געעפֿנט. דאָרטן זיינען געלעגן צונויפֿגעלייגט זיינע זאַכן, ווי : נאָז־טיכלעך, העמדער, בריוו, אַ ראַזיר־מעסער און אַ בוך. ער האָט צונויפֿגענומען אַלע איבעריקע קליינקייטן, וואָס זיינען געהאַנגען אויף טשוועקלעך, און אַריינגעלייגט אינעם וואַליז. ער האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ.

ער האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים און דערזען מאַדזשין. זי האָט שווער געאָטעמט און איר פּנים איז געווען רויט.

— וואָס האָט פּאַסירט ? ! — האָט מאַדזשי געפֿרעגט, האַלטנדיק זיך ביי דער ברוסט.

— ער האָט מיך באַליידיקט . . . און ער האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל מער ניט אַריבערטרעטן זיין שוועל, אַניט וועט ער מיך דערשיסן.

— ביי אים איז עס ניט קיין נייעס צו באַליידיקן יענעם. איר וואָלט אים שוין געדאַרפֿט קענען וואָס פֿאַר אַ יוכע ער האָט. — האָט מאַדזשי געזאָגט. — און איך פֿאַרזיכער אייך, אַז וואָס עס קער זיך אָן

מיט שיסן, איז עס נאָר אַזאַ וואָרט, וואָס האָט זיך ביי אים אַרויס־געכאַפּט.

— נאַ, איך האָב דערפֿאַר ניט מורא, איך וועל אים דערשטיקן מיט אַט־די הענט! איך דאַרף ניט קיין ביקס!

—נאָנסענס! . . . וואָס האָט פּאַסירט?

— איך קאָן ניט רעדן. אַ גרויסער ווייטיק ברויזט אינעווייניק. איך האָב זיך ניט נאָר אַנטוישט אין אַ מענטשן — צו דעם בין איך געוואוינט. איך האָב זיך אַנטוישט אין אַ גאַנץ לאַנד! — אַי האָט איר דערציילט, וואָס עס איז מיט אים פֿאָרגעקומען און מאַדזשי האָט געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

— וואָס האָט איר צום גאַנצן לאַנד? אויב עס איז דאָ איין שוואַרצע שאָף, איז נאָך די גאַנצע סטאַדע ניט שוואַרץ . . . באַ־רואיקט אייך און באַדענקט אייך, — וואָס גייט איר טאָן?

— איך פֿאָרלאָז! איך וועל פֿאָרן אַהיים!

— דאָס איז זייער טרויעריק, דאָס איז — —

אָבער זי האָט ניט געענדיקט און איז אַראָפּגעלאָפֿן מיט די טרעפּ. און דאָס ערשטע וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען צו באַ־האַלטן אַלע ביקסן. עס זיינען אויף די ווענט געהאַנגען דריי ביקסן און זיי זיינען געווען געלאָדענע. זי האָט זיי אויסגעלאָדן און די פּאַט־ראָנעס אַוועקגעוואָרפֿן און פֿאַרגראָבן אין דער קופּע מיט פֿערד־מיסט. זי האָט דאָן די ביקסן באַהאַלטן אויפֿן בוידעם פֿון דער שטאַל, טיף אין היי.

פֿאַרנאַכט איז הילדנבערג אָנגעקומען פֿון פֿעלד און אַליין אויס־געשפּאַנט די פֿערד און זיי אַריינגעפֿירט אין שטאַל. ביים אַלטן איז שוין אָפּגעגאַנגען דער כעס. אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, זיך אָנצו־צינדן און גיך אויסגעלאָשן ווערן. עס האָבן אים ניט באַנג געטאָן זיינע שמוציקע ווערטער. און עס איז דאָך געווען אמת,אַז טיף אין זיין בלוט איז געווען אַ שנאה צו יידן. אַי, פֿאַרוואָס האָט ער אויסגעשריבן אַ יידישן יונגעמאַן פֿון אַ יידישן אַגריקולטור־אינסטי־טוט? איז געווען זיין תירוץ, אַז ער האָט עס געטאָן דערפֿאַר, ווייל ערשטנס, וועט דער פֿרעמדער זיין ווייט פֿון זיין היים און פֿון זיינע מענטשן און וועט אַזוי גיך ניט קענען אַנטלויפֿן; צווייטנס, וועט ער קאָנען דעם פֿרעמדן גוט אַרומאַרבעטן, אַזוי אַז ער וועט ניט זען ביי אים קיין איין טענה, און דריטנס, וועט הילדנבערג זיך קאָנען באָדן אין יידיש בלוט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אָנטרעפֿן

אַ יידעלע אַ שרעקנדיקס, און צום סוף איז עס גאָר אַ יונג מיט ביינער, וואָס לאָזט זיך ניט . . .

הילדנבערג איז אַריין אין קיך מיט זיינע שווערע טריט און שווייגנדיק געטאָן אַ וואונק צו מאַדזשין, צי ער איז דאָ . . .

מאַדזשי האָט אים אָנגעקוקט מיט דורכנעמענדיקע אויגן און זי האָט דערקענט אין אים, אַז דער כעס איז שוין פֿון אים אָפּגעגאַנגען. זי האָט אויך שטומערהייט געטאָן אַ וואונק, אַז ער איז דאָ . . .

הילדנבערג האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם שאָקל־שטול און פֿאַררויכערט זיין פּיפּקע.

אַי האָט דאָרט אויבן דערהערט, אַז הילדנבערג איז שוין דאָ. ער איז געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון בעט און געוואַרט, אַז הילדנבערג זאָל אַרויפֿקומען. אָבער אַזוי ווי הילדנבערג איז ניט אַרויפֿגעקו־מען, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

ער האָט געוואָלט וואָס גיכער פֿאַרלאָזן אָט־דאָס אָרט. אָבער ער האָט זיך געדאַרפֿט מיט הילדנבערגן אָפּרעכענען. עס איז אים געקומען פֿאַר עטלעכע חדשים לוין; און חוץ דעם האָט אַי געהאַט אַ שווערן באַגאַזש, צו פֿירן צום באַן.

ערשט איצט זעט ער ווי נאַריש ער איז געווען צו פֿירן מיט זיך אַזוי פֿיל באַגאַזש. ווען ער האָט איצט מיט זיך נאָר אַ וואַליז, וואָלט ער זיך מיט אים צערעכנט און אַוועקגעגאַנגען צו־פֿוס. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער אַראָפּגיין צו אים?

ער איז געזעסן און זיך איינגעהערט צו דעם, וואָס עס טוט זיך אונטן. ער האָט געהערט ווי הילדנבערג איז אַרויס אין דרויסן. עס האָט זיך שוין דאָן געזעצט די זון און הילדנבערג איז מסתם גע־גאַנגען האָדעווען די פֿערד. באַלד האָט זיך טאַקע געהערט ווי ער שרייט דאָרט אויף די פֿערד.

אַי איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון דאַך־שטוב און איז אַוועק צום קע־מערל, וואו זיין טראַנק און נאָך אַ וואַליז איז געשטאַנען. ער האָט זיינע זאַכן אַרויסגענומען אין דרויסן. איצט איז ער שוין פֿאַרטיק מיט זיך. עס בלייבט בלויז איבער זיך אָפּרעכענען מיט הילדנבערגן. דאַן קאָן ער נאָך היינט ; אויפֿדערנאַכט פֿאָרן אַהיים. סיי־ווי וועט ער דאָ אונטער איין דאַך מיט הילדנבערגן ניט שלאָפֿן מערער. פֿון עסן וועטשערע מיט אים ביי איין טיש איז זיכער אָפּגערעדט!

ער איז אַרויף צוריק אין דאַך־שטיבל און געוואַרט אויף אַ

געלעגנהייט. ער האָט געהערט ווי מען גרייט צום טיש. און דאַן האָבן זיך געהערט טריט.

עלען איז געקומען אַי'ען רופן עסן.

— איך וויל ניט גיין! — איז געווען זיין בייזער ענטפער.

דערנאָך איז געקומען מאַדזשי און אים געבעטן און אים אָנ־גענומען ביי דער האַנט, אָבער אַי האָט ניט געוואָלט גיין.

דערנאָך איז אַרויפגעקומען הילדנבערג אַליין.

— פאַרוואָס גייסטו ניט אַראָפּ עסן? איך בעט אַנטשולדיקונג. איך האָב אַ לויזע צונג . . . איך האָף, אַז דו האָסט מיר פאַר־געבן! קום אַראָפּ עסן.

עס איז געווען אַזוי פיל געבעט און אונטערטעניקייט אין זיין שטים, ווי ער וואָלט איצט געווען צו אַי'ען אַ פאָטער און ניט קיין פרעמדער.

— קום אַראָפּ, דאָס עסן ווערט קאַלט . . .

אַי האָט זיך אויפגעהויבן. ווען מען זאָל קאָנען מעסטן אָט־די רגע מיט געוויכט אָדער שטרעקע, וואָלט זי זיכער פאַרנומען יאָרהונדערטער און זיך געהויבן ווי דער העכסטער באַרג. עס האָט ניט מער געדויערט ווי אַ רגע, ווען אַי האָט זיך איבערגעדייוועט און זיך אויפגעהויבן און איז אַראָפּ עסן.

אַלע האָבן געשוויגן, גלייך ווי עס האָט גאָר ניט פּאַסירט.

נאָכן עסן האָט אַי געזאָגט צו הילדנבערגן, אַז ער וויל זיך אָפּ־רעכענען.

— וואָס איז אַזוי די אייליניש?

— איך וויל נאָך היינט אַוועקפאָרן . . .

— עס איז נישטאָ קיין באַן צו דער איסט אין אָוונט. איך וועל דיך נעמען צו דער סטאַנציע מאָרגן אינדערפרי, — האָט הילדנ־בערג געזאָגט.

— לאָמיר זיך אָפּרעכענען.

— דאָס קאָנען מיר אויך טאָן מאָרגן אינדערפרי. עס איז אָוונט און איך זע ניט אַזוי גוט. לאָז עס איבער ביז מאָרגן. איז, הייסט עס, אַז דו ווילסט טאַקע מיך פאַרלאָזן?

— יאָ, איך פאַרלאָז אייך.

— פונקט, פאַרן ווינטער?

— איר וועט קריגן אַן אַנדער מענטשן.

— עס איז לייכט צו זאָגן. די היגע קאָן מען ניט איינהאַלטן. זיי זיינען אַן אומרואיק „פֿאָלק", ווי די ווילדע קאַטשקעס, אַנטקעגן ווינטער פֿליען זיי . . .

— עס טוט מיר לייד. איך מוז פֿאַרלאָזן.

— און אייער האָומסטעד?

— איך שענק אים אייך . . .

— גיט אַ קוק וואָס איר טוט. איר האָט אַזאַ גוטע שטעלע און אייך איז גוט — חוץ דעם וואָס איך האָב אַמאָל אַ משוגעת זיך אָנצוצינדן . . . אָבער עס גייט מיר גיך איבער, און אייך איז דאָך ביי אונז גוט, ווי איר וואָלט געווען אין דער היים.

— איך וועל ניט ענדערן מיין באַשלוס. איך פֿאָר אַהיים.

— עס קאָן זיין, אַז איר וועט זיך איבערלייגן איבער נאַכט, וועט איר ענדערן אייער באַשלוס . . . גייט אַרויף און לייגט זיך שלאָפֿן.

אַי איז אַרויף צו זיך אין דאַך־שטיבל און זיך געלייגט אין זיין אָנטועכץ. ער האָט איצט קיינעם ניט געטרויעט. ער איז געלעגן און זיך געמאַטערט מיט זיין שלאָף. אָט איז ער איינגעשלאָפֿן און זיך באַלד אויפֿגעכאַפּט. די נאַכט איז געווען לאַנג ווי דער יידישער גלות. אָבער זי איז דאָך אַריבער אָן קיין שום שלעכטס.

אינדערפֿרי האָט זיך אַי געוואָלט אָפּגאָלן זיין פֿאַרוואַקסן פּנים, אָבער ער האָט זיך באַרעכנט, אַז ער וועט עס שוין טאָן אין דער היים אין ניו־יאָרק.

און ער האָט זיך אַזש אונטערגעזונגען אין דער שטיל, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער פֿאָרט אַהיים.

ער האָט געהערט ווי אונטן איז מען שוין אויפֿגעשטאַנען. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם דאַך־פֿענצטער אויף דער פּרעירי. — גוד־באַי, פּרעירי! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

עס האָט אים געטאָן אַ ריס, כאָטש נאָך איין מאָל אַריינצוגיין אין שטאַל אַריין און זיך געזעגענען מיט די פֿערד און מיטן אָגער. עס איז געווען עפּעס מאָדנע אַזוי־אַ איבערצולאָזן די פֿערד. ער איז אַראָפּ מיט די טרעפּ און געטראָפֿן מאַדזשין און עלענען אין קיך. זיי זיינען ביידע געווען עפּעס מאָדנע צעקנייטשט, צי דערפֿון וואָס זיי האָבן געטראָגן צעקנייטשטע קליידלעך, צי ווער ווייסט פֿון וואָס.

אַי האָט אויסגעשריען צו זיי: „גוט־מאָרגן!" און איז אַרויס

אין שטאַל. דאָרטן איז שוין הילדנבערג געווען.

— גוט־מאָרגן! — האָט הילדנבערג צו אים געזאָגט. ער האָט זיך דערפרייט מיט אַי׳ען און געמיינט, אַז דער יונג האָט שוין געביטן זיין מיינונג.

אַי האָט געהאָלפן אָנפּיטערן די פערד און איר אַריין צום אָגער אין זיין באַזונדערער שטאַל און אים אַרויסגעפּירט טרינקען און אים געגעבן עסן. דערנאָך האָט ער זיך מיט אים געזעגנט.

— ברודער, איך פאָר אַוועק! איך וועל דיך שוין מערער ניט זען! — האָט ער דעם אָגער אַרומגענומען אַרום האַלדז. דער אָגער האָט אָפנים ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז און ער האָט זיך געריסן פון אַי׳עס הענט צום האָבער.

געגעסן איבערבייסן, האָט מען שטילערהייט. און נאָך דעם עסן האָט אַי געזאָגט:

— וועל, איך וויל זיך אָפּרעכענען.

— דו פאָרסט? — האָט הילדנבערג אויף אים אָנגעשטעלט צוויי אָדלער־אויגן.

— יאָ.

— אָ־קעי!

הילדנבערג איז מיט אים אַריינגעגאַנגען אין דעם באַזונדערן צימערל, וועלכן אַי האָט אַ נאָמען געגעבן „דאָס צימער פון טרערן". דאָרטן האָט ער אים געהייסן זיך זעצן.

הילדנבערג האָט אַרויסגענומען דעם „ספר־הזכרונות" — און אים געעפנט און געקוקט לאַנג אין אים.

— וועל, דיר קומט ביי מיר גאָר ניט.

— איך האָב אָפּגעאַרבעט ביי אייך אַכט חדשים, — האָט אַי געזאָגט און זיך אָנגעשטרענגט צו זיין קאַלטבלוטיק, ווי ווייט עס איז אים נאָר געווען מעגלעך, — האָט איר מיר געגעבן קעש פאַר דריי חדשים. ניט וואָר? און וואו איז דאָס איבעריקע?

— און די הונדערט מיט זעכציק וואָס איך האָב באַצאָלט פאַר פאַפּירן פאַרן האָומסטעד? — פרעגט הילדנבערג מיט אַ געלעכטערל אויף זיין גראָ פּנים.

— אָ־קעי, איר וועט מיר מוזן געבן די „וואָוטשערס" פאַר די הונדערט מיט זעכציק דאָלאַר.

— וואָוטשערס? וואָס־זשע, דו גלויבסט מיר ניט?!

— ניט וואָס איך גלויב אייך ניט. איך וועל אַריינגיין צו זיי,

אפשר וועלן זיי מיר אומקערן מיין געלט. איך פֿאָר דאָך אַוועק.

— אַ טויטן פֿון יענער וועלט קערט מען שוין ניט אום . . .

— לעכלט הילדנבערג.

— הייסט עס נאָך אַלץ, אַז מיר קומט נאָך פֿאַר איין חודש ביי איך.

— עס איז טאַקע שלעכט, וואָס עס קומט דיר נאָר פֿאַר איין חודש. און וואָס מיינסטו, איך וועל דיר גיין אָקערן דיין האָומסטעד אומזיסט? וואָס בין איך עפּעס, אַ לײדיקגייער?

— אָל־רייט, וויפּיל קומט אייך פֿאַר אַ טאָג אַקערן?

— און דאָס וואָס איך בין אַלע מאָל געפֿאָרן אין שטאָט צוליב דיינע געשעפֿטן?

— נאָך אייערע רייד בין איך אייך נאָך שולדיק?

— דאָס וואָס איך זאָג, אַז עס איז שלעכט, וואָס איך קאָן ביי דיר מערער ניט איינמאָנען.

— אָלרייט, פֿירט מיך אָפּ צו דער באַן, — האָט זיך אַי אויפֿגעשטעלט.

— פֿריער, מיין הער, דאַרפֿסטו זיך אונטערשרייבן, אַז צווישן מיר און דיר איז אַלץ „געסעטלט". איך קען אייך גוט. אַז איר שרייבט ניט אונטער, גייט איר דערנאָך אין געריכט . . .

— הער הילדנבערג, איך פֿאָר אַוועק און וועל ניט האָבן קיין צייט זיך מיט אייך צו פֿאַרנעמען.

— אָ, ניין, שרייבט אונטער אָט־דאָ, — שטופּט הילדנבערג דעם בוך פֿאַר אַי'ען.

אַי האָט זיך אונטערגעשריבן, אַז צווישן אים און הילדנבערגן איז אַלץ געענדיקט.

— איצט, אַז אַלץ איז געענדיקט, וואָלסטו ניט אָנגעהויבן ביי מיר אַרבעטן פֿון דאָס ניי? — האָט זיך הילדנבערג צו אים געווענדעט.

— איך פֿאָר אַהיים.

— גוט, פֿאָר. נאָר אויב דו קומסט אַהיים און דיר געפֿעלט ניט דאָרטן דיין פֿאָטערס פֿאַרם, קאָנסטו צו יעדער צייט קומען אַהער, — האָט הילדנבערג געזאָגט.

— דאָס איז זייער שיין פֿון אייך, — ענטפֿערט אַי, כאָטש אינעווייניק ביי זיך האָט ער גאָר געטראַכט וואָס גיכער פֿון דאַנען צו אַנטלויפֿן.

אַי איז אַרויס פֿון דעם „טרערן־צימער" אַ פֿאַרפּלאָמטער און איז אַרויף נאָך זיין וואַליז. ער איז אַראָפּגעקומען און זיך געזעגנט מיט עלענען.

עלען האָט אים אַפֿילו ניט אָנגעקוקט, נאָר אים דערלאַנגט אַ האַלב־נאַס הענטל, אַ קאַלטס און אַ פֿרעמדס. אַי האָט זיך דער־פֿילט זייער דערשלאָגן און צעבראָכן פֿון אָט־דעם הענטל . . .

— זיי געזונט, עלען! פֿאַרגעס ניט, אַז איך בין דיינער אַ פֿריינט . . .

ביי די־אַ ווערטער האָט עלען זיך געקליבן אויפֿצוהויבן איר פּאַרטוך. אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט און איז געבליבן אַזוי אַ פֿאַרשטאַרטע, אַ פֿאַרגליווערטע.

אַי דריקט איר דאָס הענטל און זאָגט:

— איך וועל דיך אייביק געדענקען . . .

ער לאָזט אַרויס דאָס הענטל און לויפֿט פּראָמפּט צו צו מאַ־דזשין:

— גוד־באַי, מאַדזשי! . . .

— גוד־באַי, ביג באַי! . . .

און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין אַי געזעסן אויפֿן זיץ פֿון דעם גרינעם וואָגן און הילדנבערג איז, ווי זיין טבע, געזעסן מיטן פּנים צום הינטן און מיט די פֿיס אַראָפּגעהאָנגען פֿון דעם וואָגן. אַי האָט זיך אַליין געפֿירט צו דער באַן און זיך געזעגנט מיט די וועגן און בערג און טאָלן און ריטשקעס פֿון דער פּרעירי.

צוועלפֿטער קאַפּיטל

און עס איז געווען, ווען אַי האָט זיך אַליין געבראַכט מיט הילדנבערגס פֿערד און וואָגן אין שטעטל טיילאָר און איז צוגעפֿאָרן צו דער באַן־סטאַנציע. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם וואָגן און הילדנבערג איז אויך אַראָפּגעקראָכן פֿון וואָגן. און זייביידע האָבן זיך אָנגעקוקט.

— הייסט עס, דו פֿאַרלאָזט מיך? — פֿרעגט הילדנבערג.

— וואָס דען, איך מאַך שפּאַס? — ענטפֿערט אַי. ער לויפֿט צו צום וואָגן און שלעפּט אַראָפּ זיין באַגאַזש, שטעלט אַוועק דעם טראָנק מיט די וואַליזן לעבן קליינעם סטאַנציע־שטיבל און גייט צו צום קליינעם פֿענצטערל, וואו ער דאַרף קויפֿן אַ בילעט.

— ווּעסט ניט זאָגן גוד־באַי? — פרעגט אים הילדנבערג.

— ניין, ניט צו אַזאַ פערזאָן! . . . — קוקט זיך אַפילו אַי אויף אים ניט אום.

— וועל, איך האָב געמיינט . . . — זאָגט הילדנבערג און קראַצט זיך אין קאָפּ.

אָבער אַי האָט ניט געוואָלט הערן. פון יענער זייט פענצטערל איז געשטאַנען דער סטאַנציע־מייסטער.

— וויפיל קאָסט אַ בילעט קיין ניו־יאָרק? — פרעגט אים אַי.

— איין וועג, צי אַהין און צוריק? — פרעגט דער סטאַנציע־מייסטער.

— איין וועג.

— צוויי און פערציק דאָלאַר.

— און ווען גייט אָפּ די באַן?

— פינקטלעך אין אַ שעה אַרום.

— האָב איך נאָך צייט צוצוגיין צו דער באַנק? — האָט אַי געזאָגט. איך קאָן דאָ איבערלאָזן מיין באַגאַזש?

— קיינער וועט עס ניט רירן פון אָרט. דאָס איז אַן אָרט, וואו יעדער איינער איז ערלעך . . . — זאָגט דער מייסטער און רוקט אַרויס זיין קאָפּ פון פענצטער אַזוי, אַז הילדנבערג זאָל אים הערן.

אַי האָט אַפילו ניט געוואַרט ביז הילדנבערג איז אַוועקגעפאָרן און איז באַלד אַוועק אין באַנק, וואו ער האָט נאָך געהאַט עטלעכע און פופציק דאָלאַר פון זיין האָרעוואַניע.

אין באַנק זאָגט צו אים דער קאַסירער:

— וואָס פלוצים נעמט איר אַרויס אייער געלט?

— איך פאָר אָפּ, — ענטפערט אַי.

— דאַכט זיך, אַז איר האָט געאַרבעט ביי הילדנבערגן?

— יעס.

— נו, פאַרוואָס פאַרלאָזט איר?

— איך פאָר אַהיים.

— אָבער איר וועט נאָך צוריק קומען?

— איך ווייס ניט . . .

— לאָזט איבער איין דאָלאַר אויפן ביכל, טאָמער קומט איר צוריק, וועט איר האָבן אַ באַנק־ביכל.

— צוליב וואָס דאַרף איך עס? — פֿרעגט אַי.

— אַט אַזוי, פּרוּואוט איבערלאָזן עפּעס, וועט איר שוין קומען נאָך דעם . . .

אַי האָט צוגעשטימט. דער קאַסירער, וואָס איז אויך געווען דער אייגנטימער פֿון דער באַנק, האָט זיך גענומען ציילן דאָס געלט און געזאָגט:

— אַ פֿיינער קערל, אַט דער הילדנבערג . . .

— איך האָב אים פֿיינט! — זאָגט אַי.

— אַ, דאָס איז קאָמיש, איך האָב אים אויך אַזוי שטאַרק ניט ליב. — זאָגט דער באַנקיר. ער דערלאַנגט אַי׳ען דאָס געלט. — אַט איז אייער געלט, סער. און געדענקט, אַז איר האָט דאָ אַ קאַ־פּיטאַל פֿון איין דאָלאַר. איך האָב פֿיינט צו זען, אַז מען פֿאַרט פֿונ־דאַנען אַוועק.

— גוד־באַי! — גיט אים אַי די האַנט.

— „בי סיאינ׳ יו!" — זאָגט ער און דריקט אַי׳ען די האַנט.

אַי איז געקומען צולויפֿן אין צייט צו קויפֿן אַ בילעט און נאָך צו האָבן אַ קורצן געשפּרעך מיטן סטאַנציע־מייסטער.

— ער איז דער ערגסטער מענטש, וואָס מיר האָבן דאָ . . . — זאָגט דער מייסטער און שפּייט אויס.

— איך ווייס עס! — ענטפֿערט אַי.

— וואָס האָסטו ביי אים געטאָן?

— איך בין געווען אַ קאָובאַי.

— דער דאָזיקער לויז! ביי אים אַ קאָובאַי! . . . אַך, אַך! . . . עס איז דען דאָס, וואָס אַמאָל? אַמאָל, איז געווען צו זיין אַ קאָו־באַי, עפּעס אויסערגעוויינלעכעס . . . איך אַליין בין געווען אַ קאָו־באַי און דערזען וואָס פֿאַר אַ מענטשן עס רודערן אויף דער פּרעי־רי . . . האָב איך אַוועקגעוואָרפֿן דאָס פֿערד מיטן זאָטל און שטיי דאָ און פֿאַרקויף בילעטן . . . אַט קומט אָן די באַן . . .

עס האָט זיך דערהערט דאָס שווערע סאָפּען פֿונעם לאָקאָמאָטיוו און באַלד האָט זיך געטאָן אַ רוק אָן אַ ריזיקע באַשעפֿעניש מיט צוויי אויגן און מיט אַ לאַנגן עק פֿון שוואַרץ־געקרייזלטן רויך. דער סטאַנציע־מייסטער האָט געהאָלפֿן אַי׳ען באַזאָרגן דעם באַגאַזש און אין אַ פּאָר מינוט איז שוין אַי געזעסן אין אַ וואַגאָן און זיך געטראָגן איבער נאָרט־דאַקאָטער פֿעלדער.

אַי האָט ניט געפֿירט מיט זיך אין וואַגאָן קיין שום באַגאַזש.

ער האָט נאָך געטראָגן זיינע קאָרדוראָי־הויזן מיט די גרויסע שטיוול און מיט אָוועראָלס אויף זיך. זיין פּנים איז געווען שטאַרק פאַרוואַקסן און עס האָט זיך אים געפּילט דער ריח פון פערד.

אין באַן איז געווען האַלב־ליידיק. און וואו אַ האָט זיך אַני־דערגעזעצט לעבן מענטשן, האָט מען זיך אויפגעהויבן און אים אַי־בערגעלאָזט אַליין.

עס איז גראָד געווען זייער אַ שיינער טאָג און די שטרעקעס פעלדער זיינען געווען באַגאָסן מיט אַ ליבער ליכטיקייט. פון צייט צו צייט איז פאַרבייגעלאָפן אַ הויז מיט אַ ווינט־מיל־פּאָמפּע און מיט רויטע, גרויסע שטאַלן. עס האָט אים דאָס אַלץ דערמאָנט אין הילדנבערגס אָרט און זייער ניט קיין שיינע געפילן אין אים אַרויס־גערופן.

ער איז געזעסן און געפּויקט מיט זיינע פינגער אין דער שויב און זיך אַפילו צוגעזונגען. עס איז פאַר אים פאַרגעשטאַנען אַ רייזע אויף דריי־פיר טעג. ער האָט געשמעקט צו זיך אַליין און דער ריח פון פערד האָט אים איצט אויסגעוויזן דערווידער. ווער ווייסט ווי־פיל עס וועט אים נעמען צייט, אָט דעם ריח פון זיך אָפּצואוואַשן? ער האָט געטראַכט, אַז אין סעינט פּאָול זאָל ער זיך אָפּשערן און אָפּגאָלן. ניין! ער וועט זיך שערן אין שיקאַגאָ. אין סעינט פּאָול וועט ער גוט אָפּעסן און זיך איינקויפן עסן אויפן וועג.

וואָס ווייטער די באַן איז אַוועק האָט זיך געביטן דער פּייזאַזש. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן צוביסלעך שניי. עס איז אויך אין וואַגאָן געוואָרן ענגלעך. אויף דער באַנק קעגן אים האָבן זיך גע־זעצט אַ פּאָר־פאָלק. דער מאַן אויך אין אָוועראָלס און די פרוי אַ בלאָנדע און אַן אויסגעהאָרעוועטע. עס האָבן זיך געזען אָדערלעך אונטער איר בלאַסער הויט. אַ איז געווען צופרידן און דאָך איז אים ניט געווען באַקוועם. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שטערט זיי מיט זיין אָנוועזנהייט. אָבער ער שוין ניט געקאָנט קריגן קיין אַנדער זיץ אין וואַגאָן. און פאַרן האָט ער געמוזט נאָר מיט דעם וואַגאָן, אַזוי האָט אים דער קאָנדוקטאָר געהייסן, ווייל ער האָט גע־זאָלט ניט דאַרפן בייטן דעם וואַגאָן ביז ניו־יאָרק . . .

דאָס פּאָרל אַנטקעגן האָט צעעפנט אַ וואַליז און זיך געקליבן גיין עסן. עס איז געוואָרן אָוונט. אין וואַגאָן האָט זיך אָנגעצונדן די עלעקטריק. עס איז געוואָרן טוסקלע און טרויעריק. די זון האָט

זיך געזעצט אַן אַ זייט פֿון דער לויפֿנדיקער באַן. די באַן האָט געפּײַפֿט אַ זיי־געזונט צו דער זון. אַ גראָער וואָלקן האָט זיך אויפֿגעוויקלט פֿונעם האָריזאָנט און געוואָרן גרעסער און גרעסער. די לייכט־פֿאַרשניטע פֿעלדער האָבן אויסגעקוקט אַזוי טרויעריק, גרוי און פֿאַרלאָזן.

— יונגערמאַן, — זאָגט צו אים דער שכן פֿון אַנטקעגן. — אויב איר ווילט, קאָנט איר עסן מיט אונז.

— אַ דאַנק! — זאָגט אײַ, כאָטש אין דער אמתן איז ער הונגעריק און ווען ער דערזעט ווי אַזוי די בלאָנדע פֿאַרעט זיך מיטן וואורשט און פּענעצלעך ברויט, הויבט אַזש ביי אים אָן צו חלשן דאָס האַרץ.

— אָ, עסט מיט אונז! — בעט זיך אויך די בלאָנדע.

— איר וועט ניט האָבן גענוג, — זאָגט אײַ.

— פּלענטי! . . . — שמייכלט די בלאָנדע.

— פֿונוואַנען פֿאָרט איר? — פֿרעגט דער יונגערמאַן.

— פֿון טיף פֿון דאַקאָטאַ, — זאָגט אײַ.

— ביז וואַנען?

— ביז ניו־יאָרק.

— אַזוי ווייט! . . . — דערשרעקט זיך די בלאָנדע און גיט זיך אַ כאַפּ מיט די הענט ביים קאָפּ.

— איך זע, אַז איר האָט דאָ געאַרבעט, — זאָגט דער יונגערמאַן.

— געאַרבעט אַלס קאָובאָי, — זאָגט אײַ מיט אַזאַ שוואַכער שטים, גלייך ער וואָלט אַליין ניט געגלויבט, אַז ער איז געווען אַ קאָובאָי.

— וואָס־זשע וועט איר טאָן אין ניו־יאָרק, אויב איר זיינט אַ קאָובאָי? — פֿרעגט די בלאָנדע און דערלאַנגט אים אַ „סענדוויטש".

— ער וועט „פּאַנטשן" די יענגסטערס, — שפּאַסט דער יונגערמאַן און אַנשטאָט גענגסטערס זאָגט ער „יענגסטערס", וואָס דאָס באַווייזט, אַז ער איז אַ נאָרוועגער.

אײַ האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אויפֿגעגעסן איין סענדוויטש און די בלאָנדע האָט אים דערלאַנגט נאָך איינעם. אײַ האָט זיך פֿאַראינטערעסירט אין דעם פּאָרל און געפֿרעגט:

— און וואו פֿאָרט איר?

— מיר פֿאָרן קיין סעינט־פּאָול, קויפֿן מאַשינעריע, — ענטפֿערט דער יונגערמאַן.

שפּעטער אין אָוונט האָט דער יונגערמאַן זיך געזעצט לעבן אַי׳ען אויף דער באַנק און די בלאָנדע האָט זיך אַנידערגעלייגט שלאָפן, אויסשטרעקנדיק זיך אויף איר זייט באַנק. און אַי מיטן יונגנמאַן זיינען געזעסן און געדרימלט.

די נאַכט איז געווען אַ שרעקלעך־לאַנגע און דורך די פּענצטער האָט אַריינגעבלאָזן אַ קעלט. אין וואַגאָן איז געווען האַלב־טונקל און די באַן האָט אַלע מינוט געפּייפט. די רעדער האָבן צום טאַקט געקלאַפּט, און אין דרויסן איז געווען פינצטער. פון צייט צו צייט האָט פון דער וויטנס געטאָן אַ שוועב פאַרביי אַ ליכטעלע פון ער־געץ אַ וויטן שטיבל.

די בלאָנדע האָט זייער אָפט געעפנט אירע אויגן און אַי האָט פונקט דעמאָלט געכאַפּט איר בליק. זי האָט צו אים געשמייכלט, ווי איינע נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט.

ער איז שוין געוואויר געוואָרן איר גאַנצע ביאָגראַפיע פונעם יונגנמאַן: זיי זיינען ביידע קינדער פון נאָרוועגישע פאַרמער אין דאַקאָטאַ. זייערע עלטערן זיינען געווען שכנים. איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבן חתונה געהאַט, האָבן זיי פאַר זיך אַליין אַ שטיק לאַנד. און זיי גיבן זיך אַפּ מיט ווייץ. זיי אַרבעטן ביידע צוזאַמען אויפן פעלד. זי קאָן אַזוי גוט טרייבן פערד, ווי ער. זיי האָבן ביידע איינגעבראַכן צוויי ווילדע שקאַפּעס. איצט טראָגן ביידע שקאַפּעס און אויף פרילינג וועלן זיי האָבן צוויי לאָשעקלעך. וועט שוין זיין פיר פערד. זי האָט אים געהאָלפן בויען דאָס הויז און אויך גראָבן אַ ברונעם. זיי האָבן דערוויל אַ קליינע שטאַל, אָבער ווען עס וועט אַריבער דער קומענדיקער זומער, וועלן זיי בויען אַ שטאַל.

— „ווי גליקלעך זיי זיינען!... — האָט אַי געטראַכט. — ווי וואָלט ער אויך געווען גליקלעך, ווען ער געפינט אַזאַ פּאָר צו זיך, ווי אַט־די בלאָנדע, וואָס זאָל אים העלפן...״

עס איז געוואָרן טאָג. שיין איז געווען די באַן מיט די קאָלירן, וואָס די פענצטער האָבן געהאַט, יעדע רגע. אָט זיינען זיי געווען טונקל־בלוי און אָט ליכטיק־בלוי און אָט ווי בורשטין, דורכזיכטיק, און אָט ווי דער בלויער הימל. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן ווייטע פעלדער, דאָ און דאָרטן באַשפּרענקלט מיט שניי, ווי מען וואָלט זיי אָפּגעזאַלצן.

— מיר פאָרן שוין אין מינעסאָטאַ, — האָט געזאָגט דער יונ־גערמאַן.

— מינעסאָטאַ? — האָט זיך די בלאָנדע געוואונדערט.

אַי האָט אַרויסגעקוקט, כדי צו זען מינעסאָטאַ. קיין שום אויסערגעוויינלעכן חילוק צווישן מינעסאָטאַ און נאָרט־דאַקאָטאַ האָט ער ניט געקאָנט באַמערקן. סיידן אפשר דאָס, וואָס די פאַרם־שטיבער זיינען דאָ געווען זייער גרויסע און זיינען געשטאַנען הויך אויף דער ערד, ניט אַזוי ווי אין נאָרט־דאַקאָטאַ, וואו דאָס רוב שטיבער זיינען אַריינגעגראָבן האַלב אין דער ערד. חוץ דעם, זיינען דאָ אויך זייער פּראָמינענט געשטאַנען, לעבן יעדער פאַרם, די הויכע ווינט־מילן מיט די שטאָלענע פליגלען.

די בלאָנדע האָט צוגעגרייט „ברעקפעסט". ווידער: ברויט מיט וואורשט. אַי האָט ווידער געמוזט עסן. ער האָט זיך ניט באַזאָרגט מיט קיין שום פּראָוויאַנט און האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז אין סעינט־פּאָול וועט ער שוין קויפן.

ערשט אַרום נאָכמיטאָג איז די באַן אָנגעקומען קיין סעינט־פּאָול. זי האָט דאָ געזאָלט שטיין ביז אָוונט. אַי האָט געהאַט צייט פון דריי ביז פיר שעה. האָט ער פאָרגעשלאָגן גיין מיט די דאָזיקע צוויי שכנים זיינע עפּעס עסן אין אַ רעסטאָראַן. ער האָט זיך געפילט, אַז ער דאַרף זיי מיט עפּעס אָפּדינען פאַר זייער פריינטשאַפט, כאָטש ער האָט אַפילו ניט געוואוסט ווי אַזוי זיי הייסן.

גייענדיק אין דער פרעמדער שטאָט, אַלע דריי אין איין שורה, האָט אַי געפרעגט ביי זיי, ווי זיי הייסן.

— מיר האָבן עס דיר ניט געזאָגט? — האָט זיך געוואונדערט די בלאָנדע. — איך הייס אַריסטיד און מיין מאַן הייסט זיגמונט.

— און מיך רופט מען אַי.

— עס איז אַ גליק, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט; ווען מיר פאָרן אַזוי ווייטער, דאָס גאַנצע לעבן, וואָלטן מיר ניט געוואוסט ווי מיר הייסן . . . — האָט געזאָגט די בלאָנדע.

זיי זיינען אַלע דריי אַריינגעגאַנגען אין ערשטן רעסטאָראַן, זיך געזעצט ביי אַ טישל און אַי האָט געהייסן דערלאַנגען עסן.

דער דאָזיקער רעסטאָראַן איז געווען זייער אַ קליינער, אַ שמאָלער און אַ לענגלעכער און איז געווען פול מיט רויך און דאָס טישל, וואו זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, איז ניט געווען איבעריק ריין, און דער באַלעבאָס, וואָס איז אויך געווען דער באַדינער, איז געווען ווי פאַרשלאָפן און ניט קיין געוואַשענער און עס האָט פון אים געטראָגן געפּרעגלטע ציבעלע און דער ריח פון ביר. נאָר פונדעסט־

וועגן איז די גאַנצע אַטמאָספֿערע געווען אַ גרויס־שטאָטישע. און אַי האָט זיך דערפֿילט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין קאָו־באָי און דאָ לעבן אים זיינען ניט געזעסן קיין ערד־אַרבעטער, נאָר גרויס־שטאָטישע מענטשן.

— מיר וועלן עסן סטייק מיט „פֿרענטש פֿראַיד פּאָטייטאָס״? — האָט זיך אַי געווענדט צו אַריסטידן.

— יעס, עס איז אַזוי גוט! . . . — האָט זי געשמייכלט און אַי האָט ניט געוואוסט וואָס זי מיינט, צי עס איז איר גוט וואָס זי זיצט דאָ מיט אים און איר מאַן, צי זי קוויקט זיך שוין באַצייטנס מיט דעם סטייק, איידער מען האָט אים נאָך דערלאַנגט צום טיש.

דער באַלעבאָס איז ניט געווען אַזוי געשיקט. אים האָט זיך געוואָלט דוקא באַווייזן, אַז ער איז זייער אַ רירעווודיקער און ער האָט געבראַכט אַלע דריי סטייקס מיט איין מאָל. רעזולטאַט: ער האָט איבערגעקערט איין טעלער מיט סטייק אויפֿן טישל און דער ראָסל איז אויסגערונען אויפֿן טיש. ער האָט זיך אַפֿילו ניט גע־געבן קיין קרים און מיט דער הוילער האַנט אויסגעווישט דעם ראָסל און די האַנט אָפּגעווישט אין זיינע הויזן.

אַריסטיד האָט אָנגעקוקט אַי׳ען און דאָס האָט איר געגעבן אַ געלעגנהייט צו אים צו טאָן אַ שמייכל. אַי האָט הנאה געהאַט פֿון אירע שמייכלעך. ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן, כדי אַריסטיד זאָל שמייכלען. ער האָט אָפּגעשניטן שטיקלעך פֿלייש און זיי אויפֿגע־שטאָכן אויפֿן מעסער און געגעסן אַזוי פֿונעם מעסער.

— איר וועט זיך אָפּשניידן די צונג, — האָט אַריסטיד גע־לאַכט.

אַז ער האָט געדאַרפֿט נעמען אַ שטיקל ברויט פֿונעם טעלער, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פֿון טישל, האָט אַי צום ברויט געטאָן אַ וואָרף זיין גאָפּל אַזוי, אַז דער גאָפּל איז אַריין מיט די ציין אין ווייכן ברויט אַריין.

— קענסטו עס טאָן? — האָט זיך אַי געווענדט צו זיג־מונדן. יענער האָט אויך געוואָלט אַזוי טאָן און איז דורכגעפֿאַלן. און ווידער האָט אַריסטיד געטאָן אַ ליבן שמייכעלע.

— קאָם־אָן! — האָט זי זיך געבעטן ביי אַי׳ען. — מאַך נאָך טריקס . . .

— וועל, דו וועסט דאַרפֿן פֿאַרמאַכן דיינע אויגן, — זאָגט אַי צו איר, — וועסטו זען וואָס פֿאַר אַ טריק איך וועל מאַכן.

אויפֿן אָרט האָט זי זיך ווי דערשראָקן. ווער ווייסט, וואָס ער וויל דאָ טאָן, און דער מאַן אירער זיצט דאָ. זי האָט פֿאַרשנדיק אים אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט וועלן זען אין זיינע אויגן, וואָס ער גרייט זיך צו טאָן. זי האָט געטאָן אַ שמייכל און צוגעמאַכט אירע בלויע אויגן מיט די שיטערע וויעס.

אַי האָט אין דער גיך אַראָפּגעשאַרט פֿון איר טעלער דאָס גאַנצע עסן אין זיין טעלער אַריין.

— שוין? — האָט זי געפֿרעגט.

— שוין! — ענטפֿערט אַי. זי עפֿנט אירע אויגן און קוקט זיך אַרום.

— וואו איז דער טריק? — פֿרעגט זי אומשולדיק.

אַי קוקט זיך איבער מיט זיגמונטן. זיי צעלאַכן זיך ביידע האַרציק, ווי צוויי קינדער. אַריסטיד, ניט האָבנדיק קיין פֿאַרדאַכט, אַז דער טריק איז געלעגן אין איר אייגענעם טעלער, נאָר ערגעץ אַנדערש, האָט זי געהיט מיט איר בליק ביידע, אַי איר מאַן אַי אַי׳ען. זי האָט אינסטינקטיוו געשטופּט איר גאָפּל אין איר ליידיקן טעלער, כדי אָנצושטעכן אַ שטיקל פֿלייש. ביידע מאַנסבילן האָבן זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

ערשט דעמאָלט האָט אַריסטיד פּלוצים דערזען, אַז איר טע־לער איז ליידיק. זי האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, וואו דער טריק איז, און זיך אויך צעלאַכט. עס זיינען ביי איר געווען שיטערע, קליינע ציינדלעך. אָבער ווען זי האָט געלאַכט, האָט זי געהאַט טויזנט חנען. איר בלייך פּנים איז געוואָרן ליכטיק, ווי עס וואָלט אויף אים געטאָן אַ שטראַל די זון. אירע בלאָנדע האָר האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע זייטן און זיך צעפֿאַלן אויף איר פּנים.

דערווייל האָט זיך גערוקט די צייט. דער פֿון פֿליגן פֿאַרקויטיק־טער זייגער אויף דער וואַנט, אַנטקעגן זיי, האָט געוויזן פֿינף.

זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן און אַרויס פֿון דעם אָרט. אַי האָט עס גוט אָנגעקוקט, איידער ער האָט עס פֿאַרלאָזן. ער האָט זיך אַריינגענומען אין זיין געדעכעניש אָט־דאָס אָרט, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט אַ פּאָר גליקלעכע שעה. אינדרויסן האָבן זיי זיך צע־זעגנט. זיי האָבן זיך אַלע דריי וואַרעם צעקושט. און אַי איז אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע. לאַנג האָט ער זיך אַלע ווײַלע אַרומ־געקוקט צו זיי און צו זיי געווייעט מיט זיין האַנט. און זיי צו אים אויך.

ער איז דערנאָך געפֿאָרן מיט דער באַן אַן איינזאַמער אַ גאַנצע נאַכט. ער איז געווען טויט־מיד און פֿונדעסטוועגן ניט געשלאָפֿן. ער האָט געציילט דעם טאַקט פֿון די רעדער פֿון דער באַן. און אין דעם דאָזיקן טאַקט אַריינגעוועבט דעם נאָמען: אַריסטיד. אַריס־טיד . . .

אינדערפֿרי האָט זיך די לאַנדשאַפֿט געענדערט. עס איז שוין מערער ניט געווען קיין פּרעירי. וויסקאָנסין און אילינאָי זיינען ביידע שוין מערער באַזעצט, ווי נאָרט־דאַקאָטאַ איז. דאָ זיינען געלאָפֿן פֿאַרמס און קליינע שטעטלעך. דאָ האָט זיך געזען אויף די פֿעלדער אַ סך קוקורוזע. אַזוי ווי סאָלדאַטן אויסגעשטעלט אין גלייכע ליניעס, זיינען די קוקורוזע־גאַרבן געשטאַנען פֿאַרשפּיצטע צום הימל. אויף לאַנקעס איינגעצוימטע מיט שטיינער און מיט קאָ־רעניעס פֿון ריזיקע ביימער, זיינען אַרומגעגאַנגען ווייס־ און רויט־געפֿלעקטע קי. און ווען די באַן איז פֿאַרבייגעלאָפֿן, האָבן די קי אויפֿגעהויבן זייערע קעפּ און געקוקט, מיט שטוינען, גלייך ווי זיי וואָלטן אַזאַ חיה, ווי די באַן, געזען דאָס ערשטע מאָל.

עס איז שוין ניט געווען קיין זכר פֿון דער פּרעירי.